STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07115

DI VERK FUN HAYNRIKH HAYNE

Heinrich Heine

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די ווערק פון היינריך היינע אין אַכט בענד מיט
אַ ביאָגראַפיע פון ע. קאַלישער און אַ פאָרוואָרט
פון דר. נ. סירקין, איבערזעצט פון: אייזלאנד ר.,
ביאליק ה. נ., באָראָכאָוויטש, גראס נ., האלפערן
מ. ל., הערבערט ל. מ., לאנדוי ז. ליליפוט, מאני
לייב, עדעלשטאט ד., פרישמאן ד., פרץ י. ל.,
קיסין י., שוואַרץ י. י., שווייד מ., רייזען א.
און ראָלניק י.

היינריך היינע.

דריטער באנד:

איטאליען.

1828—1829

1918 ניו־יארק, תרע"ח
ארויסגעגעבען פון פערלאג „אידיש"

Copyright, 1918
by
JEWISH BOOK AGENCY, Inc.

Hafis auch und Ulrich Hutten
Mussten ganz bestimt sich rüsten —
Wider braune und blaue Kutten,
Meine gehn wie andre Christen.

GOETHE.

I
די רייזע פון מינכען ביז גענוא

אָן עדעל געמיט דאָס קומט קיינמאָל ניט אויס אויף אייער חשבון; און דערין ווערט היינט צוקלאפט אייער חכמה. (ער עפענט זיין שרייבטיש, נעמט אַרויס צוויי פיסטוי־לען. איינעם לעגט ער ארויף אויפ'ן טיש און דעם צווייטען לאָדענט ער אָן.)

ראָבערט'ס
„מאַכט פון די פארהעלטנישען."

קאַפּיטעל I.

איך בין דער העפליכסטער מענש אויף דער וועלט, און איך קען זיך באריהמען, אז קיינמאָל בין איך ניט געווען גראָב אויף דער וועלט, וואו עס זענען פאראנען אזוי פיעל אונערטרעגליכע נודניקעס, וואָס זעצען זיך אוועק לעבען איינעם און דערצעהלען איהם פון זייערע ליידען, אָדער זיי דעקלאמירען גאָר פאר איהם זייערע פערזען: מיט אן אמת'ער קריסטליכער געדולד, האָב איך זיך שטענדיג צוגעהערט צו אזעלכענע שלעק, און זיך ניט פאראטען אפילו דורך איין איינציגע באוועגונג, ווי שטארק מיין נשמה ווערט געפייניגט. פונקט ווי א בראהמין א בעל תשובה, וואָס איז מפקיר זיין גוף פאר די קריכענדיגע שרצים, כדי די דאָזיגע גאָטס־באַשעפענישען זאָלען זיך אויף אַנזעטיגען, בין איך גאנצע טעג אויסגע־שטאַנען פון אַט די פאַטאַלע חברה לייט און זיך רוהיג צוגעהערט צו זיי, און מיינע אינערליכע זיפצען האָט פארנומען נאָר ע ר. וואָס באלוינט פאר די גוטע מדות.

אָבער אױך די לעבענס־װײזהײט זאָגט אונז אַז מיר זאָלען זײן העפליך, און ניט אַרױסװײזען קײן אומגעדולד דורך שװײגען, אָדער גאָר צו ענטפערען עפּיס אַזױנס, װאָס קען אַרױסרופען פאַרדראָס, װען אַ צושװאָומענער קאָמערציאַנט, אָדער אַ דאַרער קעןקרעמער, זעצט זיך אװעק לעבען אונז און הױבט אָן אַן אַלגעמײנעם אײראָפּעאישען שמועס מיט די װערטער: „מיר האָבען הײנט אַ שען װעטער". װאָרים מען קען ניט װיסען װאָס עס קען זיך טרעפען. מען קען זיך נאָך ערגיץ צוזאַמען טרעפען מיט אַזאַ פּיליסטער, און ער קען דאָס אונז דעמאָלט אָנטון גאָר ביטערע צרות, דערפאַר װאָס מיר האָבען איהם ניט העפליך געענטפערט: „דאָס װעטער איז זעהר שען." עס קען זיך אַפילו טרעפען ליעבער לעזער, אַז דיר זאָל אױסקומען צו זיצען אין קאַסעל בײם „טײבעל ד'אָט", לעבען אָט דעם דערמאָנטען פּיליסטער, און דאָס, בײ זײן לינקער זײט, און ער זאָל דאָס גראַד זײן דער מענש, װאָס האָט פאַר זיך שטעהען די גרױסע שיסעל מיט די ברױנע קאַרפּענס, און ער טײלט זײ אױס; — האָט ער נאָר אַן אױג אױף דיר, יעמאָלט װעט ער בסדר די טעלער נאָר אַרום טײלען פון רעכטס, אַזױ אַז פאַר דיר װעט אַפילו ניט בלײבען קײן שטיקעל פון קײן עק. װאָרים אַך! גראַד דו ביזט בײם טיש דער דרײצעהנטער, אַ זאַך װאָס איז תמיד מאָדנע, װען דו זיצט בײ דער לינקער זײט פון דעם פאַרטײלער, און די טעלער װערען אַרומגעטײלט פון רעכטס. און ניט צו קריגען קײן קאַרפּען איז זעהר ניט גוט. אַ חוץ דעם פאַרלוסט פון דער נאַציאָנאַלער קאָקאַרדע איז דאָס אפשר דער גרעסטער. דער פּיליסטער, װאָס האָט דיר דאָס אַזױ אונטערגעשטעלט אַ פּיסעל, װעט נאָך פון דיר חוזק מאַכען, און דיר פאַרשלאָגען, אַז דו קענסט דיר נעמען די לאָרבעערען, װאָס זענען געבליבען ליגען אין דער ברױנער זױס; — אַך, װאָס טױגען עמיצען די לאָרבעערען, װען דערבײ זענען ניטאָ קײן קאַרפּען! און דער פּיליסטער פאַרזשמורעט דאַן די אױגלעך, און כיכיט און שעפּטשעט: „מיר האָבען הײנט אַ שען װעטער."

אַך, נשמה ליעבע, עס קען זיך אַפילו טרעפען, אַז דיר זאָל אױסקומען צו ליגען אױף אַ בית עולם לעבען דעם זעלביגען פּיליס־

טער, און ווען דו דערהערסט אין דעם טאָג פון תחית המתים, ווי די שופרות בלאָזען און דו זאָגסט צו דיין שכן: „גוטער פריינד, זייט אזוי גוט און דערלאַנגט מיר די האנד, כדי איך זאָל קענען אויפשטעהן, ווייל דער לינקער פוס איז מיר איינגעשלאָפען פון דעם פאַרדאַמטען לאַנגען ליגען!“ דעמאָלט ווּעסטו פלוצלונג באמערקען דאָס וואויל־באַקאַנטע פיליסטער שמייכעלע און דו וועסט דער־הערען די חוזק שטים: מיר האָבען היינט אַ שען וועטער.

קאפיטעל .II

„מיר האבען היינט א שען וועטער—“

ווען דו ליעבער לעזער, וואלסט געהערט דעם טאן, דעם אונאיבערטראפענעם פיסטעל־באס, מיט וועלכען די דאזיגע ווערטער זענען ארויסגערעדט געווארען, און וואלסט נאך געזעהן דעם, וואס האט זיי געזאגט, דאס ארכי־פראזאישע פנים, די ביטרע־קלוגע אייגעלעך, די פאריסענע ביטרע אויספארשער נאז; וואלסטו גלייך דערקענט, אז די דאזיגע בלום האט ארויסגעשפראצט ניט פון קיין געוועהנטליכען זאמד, און אז די דאזיגע טענער, זענען דאס די שפראך פון שארלאטענבורג, וואו מען רעדט דעם בערלינערשען דיאלעקט, נאך בעסער, ווי אין בערלין גופא.

איך בין דער העפליכסטער מענש אויף דער וועלט, און האב זעהר האלד ברוינע קארפענס, און טייל מאל גלויב איך אין תחית המתים, און איך האב געענטפערט: אמת, דאס וועטער איז זעהר שען.

ווען דער זוהן פון דער שפרעע איז אריינגעקומען, האט ער זיך צו מיר צוגעטשעפעט, און איך האב שוין ניט געקענט פטור ווערען פון זיינע פראגען און פון זיינע אייגענע ענטפערס, און גאר באזונדערס פון זיינע פאראלעלען צווישען בערלין און מינכען, דעם נייעם אטהען, וועמען ער האט ניט איבערגעלאזט קיין איין גוטע האר.

איך אבער, האב גענומען דאס נייע אטהען אונטער מיין שוץ, ווי עס איז שטענדיג מיין טבע צו לויבען דאס ארט, וואו איך געפין זיך. אז דאס איז גראד היינטיגעס מאל געשעהן אויף די קאסטען פון בערלין, דאס, ליעבער לעזער, ווען סטו מיר לייכט מוחל זיין. אזוינע זאכען געשעהן צו מיינסטענס אויס ריינער פאליטיק; ווארים איך וויים, אז אזוי שנעל ווי איך וועל אנהויבען צו לויבען

מיינע גוטע בערלינער, איז אַ סוף מיט מיין רוחם ביי זיי. און זיי
וועלען קוועטשען מיט די פּלייצעס און זיך סוד׳ען: אַט
דער מענש ווערט זעהר אויבערפלעכליך, אפילו אונז
לויבט ער. קיין שטאָדט האָט אייגענטליך ניט אזוי וויניג לאָקאַל־
פּאַטריאָטיזם ווי בערלין. טויזענד מיזעראבלע שריפטשטעלער, האָ־
בען שוין באזונגען בערלין אין פּראָזא און אין פערזען, און אין
בערלין האָט וועגען דעם קיין האָהן ניט געקרעהט, און קיין הוהן
האָט מען זיי דערפאר ניט אָפּגעקאָכט, און אונטער די לינדען האָט
מען זיי נאָך אלץ געהאלטען פאר מיזעראבלע פּאָעטען, פּונקט אזוי
ווי פריהער. פאַרקעהרט, האָט מען פּונקט אזוי וועניג זיך אָפּגע־
שטעלט, ווען וועלכער ניט איז אפטער־פּאָעט האָט זיך אין זיינע
פּאַראַבאזען ארויפגעוואָרפען אויף בערלין, זאָל אָבער עמיצער
וואגען צו שרייבען עפּיס אַ שלעכט וואָרט אקעגען פּאָלקוויץ, אינס־
ברוק, שילדא, פּאָזען, קרעהווינקעל, און אנדערע הו פּט שטעדט!
אַי, וועט זיך דאָס דאָרט אויפכאַפּען דער צוקאָכטער פּאַטריאָטיזם!
די סבה דערפון איז: בערלין איז גאָר קיין שטאָדט ניט, נאָר בער־
לין גיט בלויז דעם אָרט, וואו עס פארזאמלען זיך אַ מאסע מיט
מענשען, און צווישען זיי אפילו אויך מענשען מיט גייסט, פאר
וועמען דער אָרט איז גאנץ גלייכגילטיג; אָט זיי שטעלען דאָס צו־
זאמען דאָס גייסטיגע בערלין. דער דורכפאָהרענדיגער פרעמדער
זעהט נאָר די לאנג אויסגעשטרעקטע הייזער, וואָס זעהן אלע אויס
גלייך; די לאנגע, ברייטע גאַסען, וואָס זענען צום מיינסטענס
געבויט געוואָרען לויט די שניר און לויט דעם ווילען פון יחידים,
און שטעלען מיט זיך גאָר ניט פאר דעם גייסט פון דעם כלל. נאָר
אויסדערוועהלטע קענען עפּיס דערגעהן פון די פּריוואטע געזינונגען
פון די איינוואוינער, ווען זיי באטראכטען די לאנגע שורות הייזער,
וואָס זוכען זיך צו האלטען ווייט איינס פון ס׳אנדערע, פּונקט ווי
די מענשען אליין, פארביסען און מיט געגענזייטיגער שנאה. נאָר
איינמאָל אין אַ לבנה־נאכט, ווען איך בין שפּעט אהיים געגאנגען
פון לוטער און וועגנער, האָב איך געזעהן ווי יענע הארטע שטי־
מונג האָט זיך אויפגעלעזט אין אַ מילדען אומעט; ווי די הייזער,
וואָס זענען זיך געשטאַנען אזוי פיינדליך איינס געגען ס׳אנדערע,

האבען זיך אנגעקוקט געריהרט בויפעליג־קריסטליך. געוואלט זיך ווארפען אין די ארעמס און איבערבעטען: אזוי, אז איך ארימער מענש, וואס איך בין געגאנגען אין מיטען גאס, האב מורא געהאט איך זאל ניט צוקוועטשט ווערען. עס וועלען זיך געפינען אזוינע, וואס וועלען מיין שרעק באטראכטען פאר לעבערליך, און אויך איך האב געשמייכעלט, ווען איך בין אויף צומארגענס אין דער פריה, מיט א ניכטערן בליק דורכגעגאנגען יענע גאס, און די הייזער האבען זיך ווידער אזוי פראזאאיש אקעגען געגעניצט. עס איז ווירקליך נויטיג דערצו א פאר פלעשער פאעזיע, ווען מען וויל זעהן אין בערלין עפּיס אנדערש ווי טויטע הייזער. דא איז זעהר שווער צו זעהן גייסטער. די שטאדט פארמאגט אזוי ווייניג אלטערטימליכקייט און איז אזוי נייע; און דאך איז דאס נייע שוין אזוי אלט, אזוי פארוועלקט און אפגעשטארבען. ווארים זי איז, ווי געזאגט, צום גרעסטען טייל ענטשטאנען, ניט פון דער געזינונג פון די מאסען, נאר פונ'ם געשמאק פון יחידים. צווישען די דאזיגע יחידים איז דער גרויסער פריץ געווען געוויס דער וויכטיגסטער. נאר דאס, וואס ער האט אויסגעפלאנט איז געווארען דער פעסטער פונדאמענט. ערשט פון איהם האט די שטאדט באקומען איהר אייגענטליכען כאראקטער. און וואלט נאך זיין טויט גאר ניט געווארען צוגעבויט, וואלט זי געווען פארבליבען א היסטאריש דענקמאל נאך דעם גייסט פון יענעם פראזאאישען וואונדערבארען העלד, וועלכער האט די ראפינירטע געשמאקלאזיגקייט און די בליהענדיגע פארשטאנדס־פרייקייט, דאס איבערפלעכליכע און דאס טיכטיגע פון זיין צייט, אויסגעבילדעט אין זיך אויף דעם אמת'דיג דייטשטאפפערן אופן. פאטסדאם למשל, ערשיינט פאר אונז ווי אזא דענקמאל. דורך איהרע וויסטע גאסען וואנדערן מיר, ווי איבער די איבערגעבליבענע שריפטען פון דעם פילאזאף פון סאנסאקי, דאס געהערט צו יענעמס **oeuvres posthumes**, און הגם דאס איז נאר שטיינערנע מאקולאטור, און פארמאגט אין זיך געגוג לעבערליכעס, פון דעסטוועגען באטראכטען מיר עס דאך מיט א ערענסטען אינטערעס, און ווען ניט ווען אונטערדריקען מיר אין אונז א שמייכעל ווי מיר וואלטען מורא געהאט, מיר זאלען ניט

פלוצלונג קריגען א קלאפ איבער דער פלייצע, ווי פון דעם אלטען פריץ'ס שפאנישען שטעקעלע. אין בערלין אבער באפאלט אונז קיינמאל ניט אזא שרעק. דא פיהלען מיר אז דער אלטער פריץ און זיין שפאניש שטעקעלע האבען שוין מעהר קיין מאכט ניט; ווארים ווען ניט, וואלטען דאך פון די אלטע, אויפגעקלעהרטע פענסטער פון דער געזונטער פערנונפט־שטאדט ניט ארויסגעקוקט אזוי פיעל קראנקע פנים'ער פון פינסטערלינגען, און די איינציגע נארישע, אבערגלויביגע געביידען, וואלטען זיך ניט געווען פאר־קליבען צווישען די אלטע סקעפטיש־פילאזאפישע הייזער. איך וויל ניט שלעכט פארשטאנען ווערען, און איך באמערק דערפאר אויסדריקליך, אז איך מיין דא ניט קיין שטאך צו טון דער נייער ווערדערשער קירך, אט יענעם גאטישען דאם, מיט א היינטיגען געשמאק, וואס איז פאר אונז מיט אן איראניע אוועקגעשטעלט געווארען צווישען די מאדערנע געביידען, כדי אלעגאריש צו ווייזען, ווי אפגעשמאקט און נאריש עס וועט אויסזעהן, ווען מען וועט ווי־דער וועלען אויפריכטען אלטע, שוין פון לאנג אונטערגעגאנגענע מיטעלאלטערליכע אינסטיטוציאנען, אין מיטען פון די נייע ביל־דונגען פון דער נייער צייט.

דאס אויבען אנגעוויזענע, גילט בלויז פאר דעם אויסערליכען אויסזעהן פון בערלין, און וואלט מען מיט ד ע ם געוואלט פארגלייכען מינכען, דאן וואלט מען מיט רעכט געקענט באהויפ־טען, אז די לעצטע שטעלט מיט זיך פאר פונקט דעם היפך. ווארים מינכען איז גראד א שטאדט, וואס איז אויפגעבויט געווארען פון פאלק אליין, און דאס, פון גאנצע דורות, וואס זענען געקומען איי־נער נאכ'ן אנדערן, וועמענס גייסט מען קען נאך אלץ זעהן אין זייערע געביידען. אזוי אז מען דערזעהט דארט, ווי אין די שדים־סצענע פון מאקבעטה, א כראנאלאגישע רייה פון גייסטער: פון יענעם טונקעל־רויטען גייסט פון מיטעל־אלטער, וואס באווייזט זיך א געפאנצערטער אין די טויערען פון א גאטישער קירך, ביז אויף דעם געבילדעטען ליכטיגען גייסט פון אונזער אייגענער צייט, וואס האלט פאר אונז א שפיגעל, אין וועלכען יעדער קוקט זיך אן מיט פארגעניגען. טאקי דורך דעם וואס מיר האבען זיי דא אלע ווי זיי

געהען איינער נאכ'ן אנדערן. דאס בארבארישע רעגט אונז מעהר ניט אויף, און דאס אפגעשמאקטע פארוואונדעט אונז שוין ניט מעהר, ווען מיר באטראכטען עס אלס דער אנהויב אין דעם נויטווענדיגען איבערגאנג. מיר ווערען ערענסט אבער ניט אומעטיג, ווען מיר דערזעהען יענעם בארבארישען דאס, וואס הויבט זיך אויף ווי אן אויפגעקומענער קנעכט איבער דער גאנצער שטאדט און באהאלט אין זיין שויס די שאטענס און די געשפענסטער פון מיטעלאלטער. מיט פונקט אזוי ווייניג אומעט, יא, אפילו גאר מיט א שפאסהאפטער ריהרונג, באטראכטען מיר די שטאלצע שלעסער פון דעם שפעטערדיגען פעריאד, די געשמאקלאזע דייטשע נאכקרימענישען נאך די גלאטע פראנצויזישע אוננאטירליכקייטען, די פראכט געביידען מיט געשמאקלאזיקייט, מיט די משוגע'נע פארציערונגען פון דרויסען, און פון אינעווייניג נאך פארפוצטער דעקארירט מיט שרייענדיגע, בונטע אלעגאריען, פארגילטע אראבעסקען, שטוקאטורען און יענע פארשיעדענע שילדען, אויף וועלכע עס זענען אויסגעמאלט די הויכע הערשאפטען: די קאוואלירען מיט די רויטע, שכור־ניכטערנע געזיכטער, איבער וועלכע עס הענגען ארונטער די לאנגע פארוקען ווי געפודערטע לייבען־גריוועס. די דאמען מיט די אויפגעשטעלטע שטייפע פריזורען, שטאלערנע קארסעטען, וואס פארשנירען זיי די הערצער און די ברייטע קליידער מיט די רייפען, וואס גיט זיי די מעגליכקייט נאך מעהר פראזאאיש זיך אויסצושפרייטען. ווי געזאגט, אט דער אנבליק גיט אונז מעהר ניט קיין שלעכטע שטימונג, נאך מעהר, ער העלפט אפילו צו, אז מיר זאלען לעבעדיגער פיהלען די געגענווארט אין איהר ליכטיגען ווערט, און ווען מיר באטראכטען די נייע ווערק, וואס דערהויבען זיך לעבען די אלטע, דערפיהלען מיר, ווי מען וואלט פון אונזער קאפ אראפגענומען א שווערען פארוק, און ווי מען וואלט באפרייט דאס הארץ פון שטאלענע צוואנגען. איך רעד דאס איצטער פון די לוסטיגע קונסט־טעמפלען און ערעלע פאלאצען, וואס בליהען ארויס מיט פולער דרייסטקייט פון דעם גייסט פון קלענצע, דעם גרויסען מייסטער.

קאפיטל III.

דאס וואס מען רופט אבער די גאנצע שטאדט, דאס נייע אטהען, דאס איז, צווישען אונז גערעדט, אביסעל לעכערליך. און עס האט מיך געקאסט פיעל מיה, ווען איך האב זי געוואלט פארשטעלען אלס אזעלכע. צום טיפסטען האב איך דאס דער־פיהלט, ווען איך האב געהאט א וכוח מיט דעם בערלינער פילים־טער, וועלכער, הגם ער האט מיט מיר שוין געהאט גערעדט א היב־שע ווייל, איז ער פון דעסטוועגען געווען אויף אזוי פיעל ניט העפליך, אז ער האט אין דעם נייעם אטהען ניט געפונען אפילו קיין שפור פון דעם אטישען זאלץ.

דאס, האט ער אויסגערופען הויך, איז נאר פאראן אין בער־לין. נאר דארט איז פאראן וויץ און איראניע. דא איז נאר פאראן פוט וויס־ביער, אבער איראניע — ניט אויף א האר.

איראניע האבען מיר ניט — האט אויסגערופען נאנערל, די שלאנקע קעלנעריו, וואס האט אין דער רגע פארביי געשוועבט — אבער יעדען אנדערן סארט ביער קענט איהר דאך קריגען.

דאס וואס נאנערל האט די א י ר א נ י ע געהאלטען פאר א סארט ביער, אפשר פאר דעם בעסטען שטעטינער ביער, דאס האט מיר זעהר לייד געטאן. און כדי עס זאל זיך ניט נאכאמאל ארויסווייזען עפים אן עהנליך נארישקייט, האב איך אנגעהויבען צו דרשה'נען אונגעפעהר אזוי: שען נאנערל, די איראניע איז ניט קיין ביער, נאר אן ערפינדונג פון די בערלינער, די קליגסטע מענ־שען פון דער וועלט, וועלכע האבען זיך זעהר געגומען צום הארצען, דאס וואס זיי זענען געקומען צו שפעט אויף דער וועלט, און דאס פולווער האט שוין געהאט אויסגעקלערט עמיצער אנדערש, און דערפאר האבען זיי געזוכט צו מאכען אן ערפינדונג, וואס זאל זיין

פונקט אזוי ניצליך. און דאס, טאקי פאר די יעניגע, וואס האבען דעם פולווער ניט אויסגעקלעהרט. פארצייטענס, ליעב קינד, ווען עמיצער איז באגאנגען א נארישקייט, וואס האט מען געקענט טאן? דאס וואס איז געשעהן, האט מען דאך שוין ניט געקענט מאכען ניט געשעהן, און די לייט האבען געזאגט: אט דער בחור איז א בהמה. דאס איז געווען זעהר ניט אנגענעהם. אין בערלין, וואו מען איז צום קליגסטען און מען באגעהט די גרעסטע נאריש־קייטען, פיהלט מען צום טיעפסטען אט די אונאנגענעהמליכקייט. דאס מיניסטעריום האט שוין געגען דעם ארויסגעלאזט די שטרענגס־טע גזרות; בלויז די גרעסטע נארישקייטען מעגען נאך געדרוקט ווערען. די קלענערע ערלויבט מען נאר אין געשפרעכען. אזא ער־לויבעניש באציהט זיך אויך נאר אויף פראפעסארען אין הויכע שטאאטס־בעאמטען, געמיינערע מענשען קענען זייער נארישקייט לאזען הערען נאר אין פארבארגענע ערטער; — אבער אט די אלע פארשריפטען האבען גאר ניט געהאלפען. אזוי שנעל ווי עס האט זיך נאר געמאכט א געלעגענהייט, האבען די אונטערדריקסטע נא־רישקייטען, זיך גענומען נאך געוואלטיגער ארויסשפארען, שטי־לערהייד זענען זיי זאגאר פון אויבען אראפ פראטעזשירט געווא־רען, און עפענטליך האבען זיי גענומען זיך אויפהויבען פון אונטען ארויף. די נויט איז געווען זעהר גרויס, ביז סוף כל סוף איז ער־פונדען געווארען א מיטעל וואס זאל ווירקען אויף צוריק. דורך וועלכען מען זאל יעדע נארישקייט מאכען אז מען זאל זי ניט דער־קענען, און נאך מעהר, אז זי זאל קענען גאר פערוואנדעלט ווערען אין א חכמה. אט דאס מיטעל איז גאנץ איינפאך, און באשטעהט דארין, וואס מען ערקלעהרט, אז יעדע נארישקייט איז נאר באגאנ־גען געווארען אדער ארויסגערעדט געווארען בלויז פון איראניע. אזוי, ליעב קינד, אוואנסירט אלץ אויף אט דער וועלט. די נאריש־קייט ווערט איראניע, חניפה וואס העלפט ניט, ווערט סאטירע, נא־טירליכע געשמאקלאזיגקייט ווערט פיינע אפלאכעריי, אמת'ער שגעון ווערט הומאר, אונוויסענהייט ווערט ברילאנטענער וויץ, און דו וועסט סוף כל סוף ווערען די אספאסיא פון דעם נייעם אטהען.

איך וואלט געזאגט נאך מעהר, אבער דאס שענע נאנענערל,

וואָס איך האָב די גאַנצע צייט צוגעהאַלטען ביים פּאַרטוּך, האָט זיך מיט אַלע כּחות אַרויסגעריסען פון מיינע הענד, ווייל פון אַלע זייטען האָט מען גאָר שטורעמדיג פאַרלאַנגט: „אַ ביער! אַ ביער!“ דער בערלינער אָבער האָט אויסגעקוקט ווי די איראָניע אַליין, ווען ער האָט באַמערקט מיט וואָס'ער ענטוזיאַזם מען האָט אויפגענו־מען די הויכע שוימענדיגע גלעזער; און אַנווייזענדיג אויף אַ גרופּע ביער טרינקער, וואָס האָבען מיט הנאה געטרינקען דעם האַפּענ־נעקטאַר, און גערעדט צווישען זיך ווי פיין ער שמעקט, האָט ער שמייכעלדיג אַ זאָג געטאָן: און די ווילען דאָס ווערען אַטהענער!

די באַמערקונגען וואָס דער בערלינער האָט נאָך געמאַכט, האָבען מיר אמת'דיג וועה געטאָן, וואָרים איך האָב ניט קיין קליי־נע ליעבע פאַר אונזער נייעם אַטהען, און איך האָב מיך דאַרום באַמיהט, צו ערקלעהרען דעם דאָזיגען חוזק מאַכער, אַז מיר האָ־בען אייגענטליך ערשט ניט לאַנג אָנגעהויבען צו טראַכטען ווע־גען ווערען אַטהענער, אַז מיר זענען נאָך דערווייל יונגע אָנפענגער, און אונזערע גרויסע גייסטער, יאָ, אונזער גאַנץ געבילדעט פּוב־ליקום, איז נאָך ניט אויף אַזוי פיעל איינגעשטעלט, אַז עס זאָל זיך קענען ווייזען פאַר עמיצען פון דער נאָהענט. אַלץ האַלט נאָך אין ווערען, און מיר זענען נאָך ניט קאָמפּלעט. דערווייל, ליעבער פריינד, זענען נאָר באַזעצט די אונטערשטע פאַכען, — האָב איך צוגעגעבען, — און עס איז אייך אודאי באַקאַנט, אַז סאָוועס, סיקאָפאַנטען, און פרויען פעהלען אונז ניט. אונז פעהלט נאָר דער העכערער פּערזאָנאַל, און אַנדערע קומט אויס צו שפּיעלען צו עט־ליכע ראָלען. למשל אונזער דיכטער, וואָס באַזינגט די צאַרטע גרי־כישע ליבע פון אַ אינגעל, האָט אויך געמוזט איבערנעמען די אַריס־טאָפאַנישע גראָבקייט; אָבער ער קען אַלצדינג. ער האָט אַלץ, וואָס עס דאַרף האָבען אַ גרויסער דיכטער, אַ חוץ אפשר אַביסעל פאַנ־טאַזיע און וויץ, און וואָלט ער געהאַט אַ סך געלד, וואָלט ער גע־ווען אַ רייכער מאַן. וואָס אונז פעהלט אָבער אין קוואַנטיטעט, דערזעצען מיר דורך קוואַליטעט. מיר האָבען נאָר איין גרויסען סקולפּטאָר — אָבער דאָס איז אַ „לייב!“ מיר האָבען נאָר איין גרויסען רעדנער — איך בין אָבער איבערצייגט, אַז דעמאָסטהענעס

האט ניט געקענט אזוי גוט דונערן אקעגען יקרות אויף ביער אין אטיקא, ווי ער. ווען מיר האבען נאך קיין סאקראטעס ניט פארסמ׳ט, איז דאס ניט, ווייל אונז פעהלט חלילה דער גיפט דערצו. און ווען מיר פארמאגען נאך ניט קיין אייגענטליכען דעמאס, דאס הייסט, א גאנץ פאלק פון דעמאגאגען, קען מיר דאך אויפווייזען אויף איין איינציגען פראכט עקזעמפלאר, וואס שטעלט מיט זיך אליין פאר א גאנצען דעמאס, א גאנצען הויפען מיט באריהמערס, מוילמאכערס, לאנגע צונגען און נאך אזעלכענע חברה־לייט — און אט קענט איהר איהם אליין זעהן.

איך קען ניט ביישטעהן דעם נסיון, וואס וויל דוקא גענויער באצייכענען די פיגור, וואס האט זיך פאר אונז איצטער פארגעשטעלט. צי די דאזיגע פיגור האט רעכט ווען זי באהויפטעט, אז ווייל אין איהר קאפ איז פאראן עפּיס מענשליכעס, האט זי שוין א יוריסטיש רעכט זיך צו רופען מענש, דאס וויל איך ניט באריהרען. איך וואלט גיכער דעם קאפ געהאלטען פאר אן אף; נאר פון חעפליכקייט וועגען, וועל איך איהם לאזען געהן פאר א מענשליכען קאפ, צוגעדעקט איז דער דאזיגער קאפ געוועזן, מיט א היטעל פון טוך, וואס איז אין זיין פארם געוועזן עהנליך צו מאמדרינס העלם, און פון הינטען האבען אראפגעהאנגען שטייפע שווארצע האר, וועלכע זענען פון פארענט געוועזן פארקעמט a l'enfant אויף אט דער פאדערשטער זייט פון קאפ, וואס האט זיך אויסגעגעבען פאר א פנים, האט די געטין פון געמיינקייט אפגעדרוקט איהר שטעמפעל, און דאס, אזוי שטארק, אז די נאז וואס געפינט זיך דארט, איז שיער ניט צוקוועטשט געווארען: די ארונטערגעלאזטע אויגען האבען אויסגעזעהן ווי זיי וואלטען אומזיסט געזוכט די נאז, און דערפאר טאקי זענען זיי געוועזן אזוי באטריבט. א שמייכעלע מיט א שלעכטען ריח האט געשפיעלט ארום זיין מויל, וואס איז געוועזן מלא חן, און וואס וואלט צוליעב א געוויסער אויפפאלענדער עהנליכקייט, געקענט באגייסטערן אונזער גריכישען דיכטער, פאר די צארטעסטע גאזעלען. אנגעטאן איז ער געוועזן אין אן אלט־דייטשען ראק, הגם אביסעל מאדערניזירט, לויט די דרינגענדסטע אויפפאדערונגען פון דער אייראפּע־

אישער ציוויליזאַציאָן, אָבער מיט דעם שניט דערמאָנט ער נאָך אַלץ אָן יענעם ראָק, וואָס אַרמיניוס האָט געטראָגן אין טויטאָ־בורגער וואַלד, און וועמענס פּאַרמלאָזיגקייט איז פּונקט אַזוי גע־היימניספּול טראַדיציאָנעל דערהאַלטען געוואָרען, דורך אַ פּאַטריאַ־טישער שניידער געזעלשאַפט, ווי אַמאָל די גאָטישע בוי־קונסט, דורך אַ מיסטישער מויערער גילדע, אַ ווייס געוואַשענער שמאַטע, וואָס האָט מיט זיך פּאַרגעשטעלט פּונקט דעם היפּך פון דעם נאָ־קעטען, אַלט־דייטשען האַלז, האָט באַדעקט דעם קראַגען פון דעם דאָזיגען באַריהמטען ראָק; פון זיינע לאַנגע אַרבעל, האָבען אַרויס־געהאָנגען לאַנגע, שמוציגע הענד, צווישען זיי האָט זיך געזעהן אַ לאַנגווייליגער גוף, פון וועלכען עס האָבען שלאָבעריג אַראָפּגע־האָנגען צוויי חוזק פּיס — די גאַנצע געשטאַלט איז געווען אַ קאָ־צעניאָמערדיגע פּאַראָדיע פון אַפּאָל פון בעלוועדער.

און דאָס איז דער דעמאַגאָג פון דעם נייען אַטהען? — האָט מיט אַ שפּאָטיש שמייכעלע געפרעגט דער בערלינער. דו יומער יאָט! דאָס איז דאָך מיינער אַ לאַנדסמאַן! איך גלויב ניט מיינע אויגען — דאָס איז דאָך דער יעניגער, וואָס — נע, דאָס איז שוין מעגליך!

יאָ, איהר פאַרבלענדטער בערלינער — האָב איך געזאָגט ניט אָהן פייער — איהר ווילט ניט קענען אייערע היימישע גניעס און איהר פאַרשטייניגט אייערע נביאים. מיר אָבער קענען אַלץ פאַרנוצען!

און צו וואָס באַדאַרפט איהר דען אָט די אומגליקליכע פליעג?

מען קען איהם באַנוצען צו אַלץ, צו וואָס מען דאַרף האָבען שפּרינגען, קריזען, געמיט, פּרעסען, פרומקייט, אַ סך אַלט־דייטש, וועניג לאַטיין און גאָר ניט קיין גריכיש. ער קעןווירקליך זעהר גוט שפּרינגען איבער'ן שטעקען; ער מאַכט אויך טאַבעלען פון אַלע מעגליכע שפּרינג, און פאַרצייכענישען פון אַלע מעגליכע לעזאַרטען און אַלט־דייטשע גערדיכטען. דערצו נאָך שטעלט ער מיט זיך פאַר די ליעבע צום פאַטערלאַנד, און איז ניט געפעהרליך אויף אַ האָר. וואָרים מען ווייס גאַנץ גוט, אַז פון די אַלט־דייטשע דעמאַגאָגען, צווישען וועלכע ער האָט זיך צופעליג געפּו־

נען, האט ער זיך צוריק געצויגען אין דער רעכטער צייט, אזוי ישנעל ווי זייער זאך איז נאר געווארען אביסעל געפעהרליך, און האט דערפאר מעהר ניט געקענט איינשטימען מיט די קריסטליכע געפיהלען פון זיין ווייכען הארץ. זינט דעמאלט אבער, וואס די געפאהר איז פארשוואונדען, און די מארטירער וואס האבען גע־ליטען פאר זייערע אידעען, האבען זי כמעט אלע אליין אויפגעגע־בען, און אפילו אונזערע הייסעסטע בארביערען האבען אויסגעטאן זייערע דייטשע רעק — זינט דעמאלט האט זיך ערשט אין דער אמת'ן אנגעהויבען די בליהונגס צייט פון אונזער פארזיכטיגען פאטערלאנדס - רעטער; ער אליין איז דאך פארבליבען ביי דעם דעמאגאגישען קאסטיום און ביי די רעדענס ארטען וואס פאסען זיך דערצו. ער לויבט נאך אלץ ארמיניום דעם כערוסקער און די פרוי טוסנעלדא, גלייך ווי ער וואלט דאס געוועזן זייער בלאנד אייניקעל; ער טראגט זיך נאך אלץ ארום מיט זיין גערמאניש־פאטריאטישער שנאה, אקעגען דעם פראנצויזישען בבל'טום, קעגען דער ערפינדונג פון זייף, אקעגען טהיערש'עם היידנישע גריכישע גראמאטיק, אקעגען קוויטינליוס ווארום, אקעגען הענדשקעס און אקעגען אלע מענשען, וואס האבען אן אנשטענדיגע נאז;—און אזוי שטעהט ער דא ווי א געהענדיגע מצבה, פון א פארגאנגענער צייט, און פונקט ווי דער לעצטער מאהיקאנער, איז ער אויך איבערגע־בליבען איינער אליין, פון דער גאנצער באנדע, ער, דער לעצטער דעמאגאג. איהר זעהט אלזא, אז אין דעם נייעם אטהען, וואו עס פעהלען נאך דעמאגאגען, קענען מיר דעם מענש גאנץ גוט בא־נוצען. אין איהם האבען מיר א זעהר גוטען דעמאגאג, וואס איז אין דער זעלביגער צייט אזא שטילינקער, אז ער לעקט אפ יעדעס ביסעל שפייעכץ, און פרעסט פון דער האנד, האזעלנים, קאשטא־נעס, קעז, וואורשט, קורץ, אלץ וואס מען גיט איהם נאר; און ווייל ער איז איצטער איינציג אין זיין מין, האט ער זיך א באזונ־דער מעלה פאר אונז, דאס וואס שפעטער צו, ווען ער וועט פגר'ן, וועלען מיר איהם קענען אנשטאפען און איהם באהאלטען פאר די קומענדיגע דורות, אלס דעם לעצטען דעמאגאג מיט הויט און ביין. איך בעט אייך, פון דעסטוועגען זאגט דאס ניט, דעם פראפעסאר

ליכטענשטיין אין בערלין, ווארים טאָמיר יאָ, קען ער איהם נאָך אויסשרייבען פאר דעם זאָאָלאָגישען מוזעאום, א זאך וואָס קען ווערען א פּריטששעפּקע פאר א מלחמה צווישען פּרייסען און בייערן, ווייל מיר וועלען איהם בשום אופן ניט ארויסגעבען. די ענגלענדער האָבען אויף איהם שוין אַן אויג געווארפען, און אנגעבאָטען פאר איהם צוויי טויזענד זיבען הונדערט זיבען און זיבעציג גינעען, די עסטרייכער האָבען שוין געוואָלט פארבייטען א זשיראף אויף איהם; אבער אונזער מיניסטעריום האָט זיך געזאָלט האָבען אויס־געדריקט: דער לעצטער דעמאַגאָג קען ביי אונז ניט געקויפט ווע־רען פאר קיין געלד, ער וועט אמאָל זיין דער שטאָלץ פון אונזער נאַטוראַל קאַבינעט, און די ציערונג פון אונזער שטאָדט.

דער בערלינער האָט הפנים ניט זעהר אויפמערקזאם צוגעה־הערט זיך. שענערע זאכען האָבען פארנומען זיין אויפמערקזאמקייט און ער איז מיר ענדליך אריינגעפאלען אין די רייד מיט די ווערטער:

— ערלויבט מיר, איך בעט אייך, וואָס איך האק אייך איבער, אבער זאָגט מיר דאָך, וואָס איז דאָס פאר א הונד, וואָס לויפט דאָרט?

„דאָס איז אן אַנדערער הונד."

— אָי, איהר פארשטעהט מיך ניט. איך מיין אָט יענעם גרויסען ווייס־צויטיגען הונד, אָהן דעם וויידעל.

„מיין ליעבער הער, דאָס איז דער הונד פון דעם נייעם אלקי־ביאדעס."

— אָבער, האָט באמערקט דער בערלינער, זאָגט זשע מיר, וואו איז דען דער נייער אלקיביאדעס אליין?

„דעם אמת געזאָגט," האָב איך געענטפערט, „די דאָזיגע שטעלע איז נאָך ניט פארנומען. דערווייל האָבען מיר בלויז דעם הונד."

קאפיטעל IV.

דער ארט, וואו דער דאזיגער שמועס איז פארגעקומען, הייסט באגענהויזען, אדער נייבורגהויזען, אדער ווילא האמפעש, אדער מאנטגעלאס גארטען, אדער דאס שלעסעל. יא, ווען מען וויל פון מינכען דארט אהין פאהרען, דארף מען דעם ארט אפילו ניט אנרופען מיט קיין נאמען. דער אנטרייבער פארשטעהט אונז שוין דורך א געווויסען דורשטיגען פארזשמורען מיט די אויגען, אדער דורך א געווויסען שאקעל מיט'ן קאפ און דורך ענליכע סמנים. דער אראבער האט טויזענד אויסדרוקען פאר זיין שווערד, דער פראנצויז פאר די ליעבע, דער ענגלענדער פאר דעם הענגען, דער דייטש פאר דעם טרינקען, און דער נייער אטהענער, אפילו פאר דעם ארט וואו ער טרינקט. דאס ביער אויף דעם דערמאנטען ארט איז ווירקליך זעהר גוט. אפילו אין פריטהאנעאום, דאס הייסט אין באק־קעלער, איז עס אויך ניט בעסער. עס שמעקט אמת'דיג גוט, באזונדערס אויף יענער טעראסע, וואו מען האט פאר די אויגען די טיראלער אלפען. פאר א יאהרען ווינטער פלעג איך דארטען אפטמאל זיצען און באטראכטען די שנעע באדעקטע בערג, וואס זעהען אויס אקעגען דער זון, ווי זיי וואלטען געווען אויסגעגאסען פון לויטער זילבער.

דעמאלט איז אויך געווען ווינטער אין מיין נשמה. געדאנקען און געפיהלען זענען געווען ווי פארדעקט מיט שנעע, און אויפ'ן הארצען איז מיר געווען אזוי טויט און וויסט! צו דעם צו איז נאך צוגעקומען די שלעכטע פאליטיק, דער טרויער נאך א ליעב פארשטארבען קינד, און אן אלטע פארשלעפטע ערגערניש און דער קאטער. א חוץ דעם האב איך געטרונקען א סך ביער, ווייל מען האט מיר געזאגט, אז דערפון קריגט מען לייכט בלוט. דאך דער בעסטער

אַטישער געברייז האָט אויף מיר קיין ווירקונג ניט געהאַט, נאָכדעם ווי איך האָב שוין אין ענגלאַנד זיך געהאַט צוגעוועהנט צו פּאַר־טער.

ענדליך איז געקומען דער טאָג, ווען אַלץ איז געוואָרען אין גאַנצען אַנדערש. די זון האָט זיך אַרויסגעריסען פון הימעל און אָנגעטרונקען די ערד, דאָס אַלטע קינד, מיט איהרע שטראַה־לען־מילך. די בערג האָבען פון הנאה זיך געשמאָלצען, און זייערע שנעע־טרעהרען האָבען זיך געגאָסען אין גאַנצע שטראָמען. עס האָבען געקראַכט און געפּלאַצט די אייז־דעקען אויף די אָזערעס, די ערד האָט צועפּענט די בלויע אויגען, פון איהר בוזים האָבען אַרויס־געבליהט די ליעבענדיגע בלומען און די קלינגענדיגע וועלדער. די גרינע פּאַלאַצען פון די נאַכטיגאַלען, די גאַנצע נאַטור האָט גע־שמייכעלט, און אַט דאָס שמייכעלע האָט געהייסען פריהלינג, און מיט אַמאָל האָט זיך אין מיר אויך אָנגעהויבען אַ נייער פריהלינג. נייע בלומען האָבען אַרויסגעשפּראָצט פון הארצען, פרייהייטס־גע־פיהלען האָבען אַרויסגעוואַקסען, ווי רויזען, אויך באַהאַלטענע בענקענישען האָב אַרויסגעבליהט ווי יונגע פייערלעך, פאַר־שטעהט זיך, אַז צווישען זיי האָט אויך ניט געפעהלט קיין קראַפּאָווע. איבער די קברים פון מיינע וואונשען האָט די האָפנונג ווידער פאַרצווייגען איהר פרעהליך גריז, עס זענען אויך צוריק געקומען די מעלאָדיען פון דער פּאָעזיע, פּונקט אַזוי ווי די וואַנדער פייגעל, וואָס האָבען דעם גאַנצען ווינטער פאַרבראַכט אין וואַרעמען דרום און איצטער קומען זיי צוריק צו זייערע נעסטען אין צפון. און דאָס פאַרלאָזענע צפון׳דיגע הארץ האָט ווידער געקלונגען און געבליהט ווי אַמאָל — נאָר איך ווייס ניט, ווי אַזוי דאָס אַלץ איז געקומען. איז דאָס געווען אַ ברוינע, צו אַ בלאָנדע זון, וואָס האָט אויפסניי אויפגעוועקט דעם פריה־לינג ביי מיר אין הארצען, און מיט אַ קוש אויפגעוועקט אַט די אַלע שלאָפענדיגע בלומען אין דעם דאָזיגען הארץ, און צוריק אַריינגעשמייכעלט די נאַכטיגאַלען? איז עס געווען די נאַטור אַליין, וואָס האָט געזוכט אין מיין ברוסט איהר עכאָ, און האָט גערן געוואָלט זיך דאָרטען אָנצושפּיגלען מיט איהר נייעם פריהלינגס־

גלאנץ? איך ווייס ניט. אבער איך גלויב, אז אויף דער טעראסע אין באַגענהויזען, ביים אַנקוקען די טיראָלער אַלפּען, האָט מיין הארצען געטראָפען עפּיס אזא כשוף. ווען איך פלעג דאָרט זיצען א פארטראַכטער, פלעגט מיר אָפט דאַכטען, ווי איך וואָלט זעהן, ווי פון יענע בערג קוקט אריבער א שען פּנים פון א יונגען בחור. און איך פלעג זיך ווינשען צו האָבען פליגעל, כדי איך זאָל קענען שנעל אריבער צו זיין רעזידענץ־לאַנד איטאַליען. אָפטמאָל האָב איך זיך אויך געפיהלט אַנגעוועהט פון דעם ריח פון ציטראָנען און מאַ־ראַנצען, וואָס האָט זיך געטראָגען פון די בערג, לאַשטשענדיג און עפּעס צוזאָגענדיג, כדי מיך צו פארשלעפּען קיין איטאַליען. איינ־מאָל גאָר אין א גאָלדענעם פארנאַכט, האָב איך געזעהן אויף דעם שפּיץ פון אַן אַלפּ איהם אַליין אין זיין גאַנצער גרויס, דעם יונגען גאָט פון פריהלינג. בלומען און לאָרבעערן האָבען באַקראַנצט זיין פריידיגען קאָפּ און מיט לאַבענדיגע אויגען און מיט א בלי־הענדיגען מויל האָט ער אויסגערופען: איך האָב דיך ליעב. קום צו מיר קיין איטאַליען.

קאפיטעל V.

ווען דער פיליסטער־געשפרעך האט זיך פארצויגען, און איך האב אין מיין פארצווייפלונג אריבערגעקוקט אריבער די שענע, טיראָלער בערג און האָב טיעף געזיפצט, האט מיין בליק געמוזט גלאנצען אביסעל פארבענקט. מיין בערלינער פיליסטער האט אָבער אָט דעם בליק און דעם זיפץ אויפגענומען פאר א נייעם פאַדים, ווי אזוי צו פארציהען א נייעם שמועס, און ער האָט מיט מיר מיטגעזיפצט: „אך, יאָ, וואָלט איך איצטער וועלען זיין אין קאָנסטאנטינאָפּאָל! אך! צו זעהען קאָנסטאנטינאָפּאָל איז תמיד געווען דער ע ע נ צ י ג ע ר וואונש אין מיין לעבען. און איצטער האָבען די רוסען שוין אודאי אהין אריינגעמארשירט. אך אין קאָנסטאנטינאָפּאָל! האט איהר אמאָל געזעהען פּעטערבורג?“ איך האָב געענטפערט אז ניין, און האָב איהם געבעטען, ער זאָל מיר וועגען פּעטערבורג עפּיס דערצעהלען. אבער עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אז ער אליין איז דאָרטען גאָר ניט געווען, נאָר זיינער א שוואָגער, דער קאמער געריכטס־ראט; און דאָס זאָל האָבען געווען שוין איינמאָל א שטאָדט. אן ע ע נ צ י ג ע שטאָדט. — „האָט איהר געזעהען קאָפּענהאגען?“ און ווען איך האָב אויך אויף דעם געענטפערט, ניין, און באַגעהרט, ער זאָל מיר שילדערן ווי אָט די שטאָדט זעהט אויס, האט ער וואוילאינגעריש געשמייכעלט און מיט הנאה געטרייסעלט דאָס קעפּיל אהין און אהער און מיר פארזיכערט, אויף זיין עהרע, אז איך קען מיר דערפון גאָר ניט מאכען קיין פאָרשטעלונג, ווען איך בין דאָרטען אליין ניט געוועזן. — „אָט דאָס, האָב איך געענטפערט, „ווערט דערוויילע ניט געשעהן. איצטער וויל איך אויפנעמען אן אנדערע רייזע, וואס איך האָב נאָך געפּלאַנט אין פריהלינג, איך רייז דאָס אָפּ קיין איטאַליען.“

װען דער מאַן האָט דערהערט דאָס דאָזיגע װאָרט, איז ער אױפֿגעשפּרונגען פֿון שטוהל, האָט זיך דרײַ מאָל אַרומגעדרעהט אױף אײן פֿוס און געטרילערט: טירילי! טירילי! טירילי!

דאָס האָט מיר דערלאַנגט דעם לעצטען שפּאָרן. אױף דער שטעל האָב איך בײַ זיך אָפּגעמאַכט: מאָרגען פֿאָהר איך אָפּ. לענגער פּאַרציהען װעל איך נישט. איך װיל אַזױ שנעל װי מעגליך זעהן דאָס לאַנד, װאָס האָט געקענט ברענגען דעם טרוקענסטען פֿיליסטער צו אַזאַ עקסטאַז, אַז דערהערענדיג דעם נאָמען, האָט ער זיך פֿלור־צים צװונגען װי אַ װאַכטעל

בעת איך האָב אין דער הײם פּאַרפּאַקט מײַן קופֿערט, האָט מיר נאָך אַלץ געקלונגען אין די אױערען יענע טירילי, און מײַן ברודער מאַקסימיליאַן הײנע, װאָס האָט מיך אױף צומאָרגענס באַלײט ביז טיראָל, האָט נישט געקענט באַגרײַפֿען, װאָס אױף דעם גאַנצען װעג האָב איך נישט אַרױסגערעדט קײן אײן פֿאַרנונפֿטיג װאָרט און האָב כּסדר געטרילערט.

קאפיטעל VI.

טירילי! טירילי! איך לעב! איך פיהל דעם זיסען שמערץ פון זיין. איך פיהל אלע פריידען און יסורים פון דער וועלט, איך לייד פאר דעם וואוילזיין פון דער גאנצער מענשהייט, איך קום אפּ פאר איהרע זינד, אבער געניסען געניס איך אויך.

און איך פיהל ניט נאָר מיט די מענשען, נאָר אויך מיט די פלאנצען. זייערע טויזענד גרינע צונגען דערצעהלען מיר די ליעבליכסטע געשיכטען, זיי ווייסען אז איך בין ניט שטאָלץ דערמיט, וואס איך בין א מענש, און איך רעד פּונקט אזוי גערן מיט די קלענסטע לאַנקע בליהמעלעך, ווי מיט די העכסטע טאַנען. אַך, איך וויים אפילו דעם גורל, וואָס איז באשטימט פאר אַט די טאַנענבוימער! פון דער טיפעניש פון טאָל וואקסען זיי ארויס הימעלהויך, וואקסען אפילו איבער די מוטיגסטע פעלזענבערג, — אבער ווי לאנג געדויערט דען אַט די דאַזיגע הערליכקייט? העכסטענס א פּאָר לומפּיגע הונדערט יאהר, און דערנאָך ברעכען זיי צוזאמען פון אלטער שוואכקייט, און ווערען פארפוילט אויף דער ערד. ביי נאַכט קומען נאָך צוגעהן פון זייערע פעלזענשפּאלטען די קליינע בארג־לצים און מאכען חוזק פון זיי: זעהט איהר, איהר שטארקע טאַנענבוימער, איהר האָט געמיינט, אז איהר קענט אייך פּארמעסטען מיט די בערג, איצטער ליגט איהר דאָ צובראָכענע אונטען, און די בערג שטעהען נאָך ווי אַלע מאָל, נים פון אָרט צו ריהרען.

אַז אדלער וואָס זיצט אויף זיין איינזאמען ליעבלינגס־פעלז, דערפיהלט זיך אומעטיג, ווען ער הערט זיך צו צו דעם דאַזיגען שפּאָט. ער טראכט דאן געווים וועגען זיין אייגענעם שיקזאל. אויך ער וויים ניט ווי טיעף ער וועט אמאָל דארפען שלאָפען. אבער די שטערען פינקלען און בארוהיגען אזוי. די וואסערן פון וואלד רוישען

מיט אזוי פיעל טרייסט, און די אייגענע נשמה שרייט איבער אזוי שטאַלץ אַט די אלע קליינמוטיגע געדאנקען, אז ער פארגעסט זיי באלד. געהט נאָר אויף דר זון, דערפיהלט ער זיך ווי אלעמאָל, און פליהט ארויף צו איהר, און ווען ער איז שוין הויך געגוג, זינגט ער איהר אקעגען זיין לוסט און זיין פיין. זיינע מיט־באשעפענישען, באזונדערס די מענשען, גלויבען, אז דער אדלער קען ניט זינגען. און זיי ווייסען ניט, אז ער זינגט נאָר יעמאָלט, ווען ער פליהט ארויס פון זייער סביבה און אז פון שטאָלץ וויל ער, אז נאָר די זון זאָל איהם הערען. און ער איז גערעכט. איינעם פון זיינע באפע־דערטע קרובים דאַ אונטען קען נאָך איינפאַלען זיין געזאנג צו רעצ־צענזירען. איך אליין האָב ערפאהרען, ווי אזוי אזעלכענע קריטי־קען לויטען: דאָס הוהן שטעלט זיך דאָן אוועק אויף איין פוס, און קוואַטשעט: אז דער זינגער האָט ניט קיין געמיט; דער ענדיק קור־לערט: עס פעהלט איהם די אמת׳ע ערענסטקייט; די טויב וואָרקעט: ער וויים ניט וואָס עס איז אמת׳ע ליעבע; די גאַנז גאָנערט: ער איז ניט וויסענשאפטליך; דער קאפהאָן קיקערט: ער איז ניט ליידענשאפטליך; דער דאָמפפאָס צוויטשערט: ער האָט ליידער ניט קיין רעליגיאָן; דער שפערלינג פיפטשעט: ער איז ניט געגוג פראָדוקטיוו; די סאָראָקע, דאָס עלסטערל, דאָס שוהעלע, זיי אלע קרעכצען, אָכצען און שנארכען. — נאָר די נאכטיגאל מישט זיך ניט אין די דאָזיגע קריטיקען; עס אַרט איהר ניט פאר דער גאנצער וועלט. איהר איינציגער געדאנק און איהר איינציג ליעד איז די רויטע רויז. א פארבענקטע פלאטערט זי ארום דער רויז און ווארפט זיך א באגייסטערטע אין די געליעבטע דערנער, און בלו־טיגט און זינגט.

קאפיטעל VII.

אין דייטשלאנד איז פאראן איין אדלער, וועמענס זוניג ליעד קלינגט אפ אזוי שטארק, אז מען הערט עס אפילו דא אונטען, און אפילו די נאכטיגאלען הארכען זיך צו, טראץ אלע זייערע מעלאדישע שמערצען. דאס ביזט דו קארל אימערמאן, און וועגען דיר האב איך גאר אפט געטראכט, אין דעם לאנד, וועלכען דו האסט אזוי שען באזונגען. ווי וואלט איך דען געקענט רייזען דורך טיראל, און ניט טראכטען פון דעם „טרויערשפיעל“ ?

נו, אודאי האב איך געפונען די זאכען, אביסעל אנדערש געפארבט; אבער איך באוואונדער דאך דעם דיכטער, וואס פון דער פולקייט פון זיין געמיט האט ער באשאפען דאס, וואס איז אזוי עהנליך צו דער ווירקליכקייט. צום מייסטען האט מיך פארוואונדערט וואס דאס „טרויערשפיעל אין טיראל“ איז אין טיראל פארבאטען. איך האב זיך דערמאנט אן די ווערטער, וואס מיין פריינד מאזער האט מיר געשריעבען, ווען ער האט מיר מודיע געווען, אז דער צווייטער באנד פון די רייזע בילדער איז פארבאטען געווארען: „די רעגירונג האט אבער גאר ניט באדארפט דאס בוך צו פארבאטען, עס וואלט סאי ווי סאי געלייענט געווארען.“

אין אינסברוק, אין „גאלדענעם אדלער“, וואו עס איז איינגעשטאנען אנדרעאס האפער, און יעדעס ווינקעלע איז נאך פארקלעבט מיט זיינע בילדער און מיט זכרונות וועגען איהם, האב איך געפרעגט דעם באלעבאס, דעם הערן נידערקירכנער, צי ער וואלט מיר נאך עפיס געקענט דערצעהלען פון דעם „זאמדווירט“ ? און דא האט דער אלטער מאן געקראגען ניין מאס רייד, און האט מיר שטילערהייט געגעבען אנצוהערען מיט קלוגע פארזשמורעטע אויגען, אז די מעשה איז איצטער אין גאנצען ארויס א געדרוקטע,

און אז דאָ אין דער היים איז זי פאַרבאָטען; און נאָכדעם ווי ער האָט מיך אַריינגעפיהרט אין אַ פינסטערן צימער, וואו ער האַלט באַהאַלטען זיינע רעליקוויען פון דעם טיראָלער קריעג, האָט ער פאַר מיר אַרויסגענומען פון אַ שמוציג בלויען פּאַפּיער, אַ צוריבענע גרין ביכעל, וואָס איך האָב אין מיין פאַרוואונדערונג דערקענט, אַלס אימערמאַנס „טרויערשפּיעל אין טיראָל“. איך האָב איהם געזאָגט, — און ניט מיט ווייניג שטאָלץ, — אַז דער מאַן, וואָס האָט דאָס געשריעבען איז מיין פריינד. דער נידערקירכנער האָט איצטער געוואָלט וויסען פון דעם מאַן, אַזוי פיעל ווי עס איז נאָר מעגליך. און איך האָב איהם דערצעהלט: אַז דאָס איז אַ שטאַרקער מאַן, פעסט געבויט, זעהר עהרליך, און זעהר געשיקט אין שרייב־זאַכען, אַזוי, אַז ער קען נאָר געפינען ווענינע וואָס זאָלען מיט איהם זיך קענען פאַרגלייכען. נאָר אַז ער איז אַ פּריים, דאָס האָט דער הער נידערקירכנער, בשום אופן ניט געוואָלט גלויבען. און ער האָט אויסגערופען מיט אַ באַדויערונגס־שמייכעל: עס קען ניט זיין! בשום אופן האָט ער זיך ניט געלאָזט איינרעדען, אַז אימערמאַן איז ניט קיין טיראָלער, און ער האָט ניט מיטגעמאַכט דעם טיראָלער קריעג.— „ווען ניט, ווי אַזוי וואָלט ער דאָס אַלץ דען געקענט וויסען?“

אַ מאָדנער קאַפּריז פון פאָלק! זיין געשיכטע וויל עס האָבען אויס דער האַנד פון דעם דיכטער און ניט אויס דער האַנד פון דעם היסטאָריקער. עס פאַרלאַנגט ניט דעם געטרייען באַריכט פון די נאַקעטע געשעהענישען, נאָר יענע געשעהענישען צוריק אויפגעלעזט אין דער אורשפּרינגליכער פּאָעזיע, פון וואַנען זיי זענען אַרויסגעקומען. די דיכטער וויסען דאָס, און מיט אַ באַהאַלטענער הנאה מאָדעלירען זיי ווירקליך די פעלקער־זכרונות, אפשר כדי טאַקי אָפּצולאַכען פון די שטאָלטרוקענע היסטאָריאָגראַפען און פאַרמעטענע שטאַאַטס־אַרכיוואַרען. איך האָב זיך ניט ווייניג געוואונדערט, ווען איך האָב אין אַ בודע אויף'ן לעצטען יאַריד, געזעהן אויסגעשטעלט בעליזאַר'ס געשיכטע, אין שרייענדיג קאָלאָרירטע בילדער, און דאָס, ניט לויט פּראָקאָפּ'ן. נאָר גאַנץ טריי לויט שענק'ס טראַגעדיע. „אַזוי ווערט געפעלשט די געשיכטע“ — האָט אויסגערופען מיין געלעהרנטער פריינד, וואָס איז געגאַנגען מיט

מיר — „זי ווייס ניט פון יענער נקמה פון א באליידיגטער פרוי; פון יענעם געפאנגענעם זוהן, פון יענער ליעבענדיגער טאכטער, און נאך אזעלכענע מאדערנע געבורטען פון הארצען!“ איז דאס דען אבער אין דער אמת׳ן א פעהלער? זאל מען פארפיהרען א פראצעס געגען די דיכטער פאר אט דער פעלשונג? ניין, ווארים איך לייקען די אנקלאגע. ניט די דיכטער פארפעלשען די געשיכטע; דעם זין פון איהר גיבען זיי איבער אין גאנצען געטריי, און מעג עס אפילו זיין דורך אייגענע אויסגעקלעהרטע געשטאלטען און אומשטענדען. עס זענען פאראן פעלקער, וואס זייער געשיכטע איז נאר אין א פאעטישער פארם, איבערגעגאנגען פון דור צו דור, ווי למשל די אינדיאנער. און דאך גיבען אזעלכענע געזאנגען ווי דער מאהאבאראטא, איבער דעם זין פיעל ריכטיגער, ווי וועלכער ניט איז קאמפענדיענשרייבער, מיט אלע זיינע כראנאלאגיען. אויף אן עהנליכען שטייגער וואלט איך אויך באהויפטען, אז וואלטער סקאט׳ס ראמאנען גיבען איבער דעם גייסט פון דער ענגלישער געשיכטע פיעל געטרייער ווי יום; וועניגסטענס האט זעהר רעכט סארטאריוס, ווען ער רעכענט צו, אין זיינע הוספות צו שפּיטלער, יענע ראמאנען צו די קוואלען פון דער ענגלישער געשיכטע.

מיט די דיכטער איז פונקט אזוי ווי מיט די טרוימער, וואס אין שלאף מאסקירען זיי יענעם אינערליכען געפיהל, וואס זייער נשמה האט עמפפונדען דורך אמת׳דיג אויסערליכע אורזאכען, און אויף זיין ארט חלומ׳ען זיי זיך אוים אנדערע אויסערליכע אורזאכען, וועלכע זענען אבער אויף אזוי פיעל אלץ איינס, ווייל זיי ברענגען ארויס דעם זעלביגען געפיהל. אזוי זענען אויך אין אימערמאן׳ס „טרויערשפיעל“ מאנכע אויסערליכע זאכען געשאפען געווארען גאנץ ווירקליך, אבער דער העלד אליין, דער מיטעלפונקט פון געפיהל, איז אידענטיש גע׳חלומ׳ט. און ווען די דאזיגע טרוימגעשטאלט, זעהט אוים א ביסעל צו טרוימעריש, איז דאך אבער דאס אליין נאהענט צו דעם אמת. דער באראן הארמייר, וואס קען דא זיין דער קאמפעטענטעסטער ריכטער, האט מיך, ווען איך האב דא ניט לאנג געהאט דאס פארגעניגען מיט איהם צו רעדען, אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם דאזיגען אומשטאנד. דאס מיסטישע

געמיטס-לעבען, די אבערגלויביגע רעליגיעזיטעט, דאס עפישע פון דעם מאן האט אימערמאן ריכטיג אנגעוויזען. ער האט זעהר פינקט־ליך איבערגעגעבען יענע טויב, וואס האט מיט דער שארפער שווערד ארומגעשוועבט ווי די קריגערישע ליעבע איבער די בערג פון טיראל אזוי העלדענמוטיג, ביז די קוילען פון מאנטיא האבען איהר דורכגעלעכערט דאס געטרייע הארץ.

דעם גרעסטען כבוד אבער פארשאפט דעם דיכטער דאס, וואס דעם געגנער שילדערט ער פונקט אזוי געטריי. דאס, וואס פון דעם געגנער האט ער ניט געמאכט קיין טיראנישען געסלער, כדי דערמיט אויפצוהייבען העכער זיין האפער; פונקט ווי דער איז א טויב מיט א שווערד, איז יענער אן אדלער מיט אן אייזבירנט צווייג.

קאפיטעל VIII.

אין דער שענקשטוב פון דעם הער נידערקירכנער אין אינס־ברוק, העגגען איינס לעבען ס'אנדערע די בילדער פון אנדרעאס האָפער, נאַפּאָלעאָן באָנעפּארטע און לודוויג פון בייערען.

אינסברוק אליין איז א וויסטע שטאָדט, ניט צום וואוינען אין איהר. ווינטער זעהט זי אפשר אוים אביסעל קליגער און באַקוועמער, ווען די הויכע בערג, פון וועלכע זי איז איינגעשלאָסען, זענען באדעקט מיט שנעע, און די לאַווינען לאָזען זיך ארונטער מיט א קראַך און אומעטום קראַכט און בליצט דאָס אייז.

איך האָב געפונען די שפּיצען פון יענע בערג איינגעוויקעלט מיט וואָלקענס, ווי מיט גרויע טורבאנען. דאָרטען זעהט מען די מארטינסוואנד, דעם שוי־פּלאַץ פון דער ליעבליכסטער קינדער לעגענדע, ווי עס בליהען נאָך בכלל אין טיראָל די זכרונות פון דעם ריטערליכען מאקס.

אין דער הויפקירך שטעהען די אזוי אָפט דערמאָנטע מאָנומענטען פון די פירשטען און פירשטינען אוים דעם הויז עסטרייך, און זייערע אבות, וואָס עטליכע, וועלכע זענען צווישען זיי אריינגערעכענט, קענען געווים נאָך עד היום ניט משיג זיין, ווי אזוי זיי זענען געקומען צו אָט דעם כבוד. זיי שטעהען אין זייער גאנצער גרוים געגאָסען פון אייזען, ארום דער מאָנומענט פון מאקסימיליאַן. אזוי ווי אבער די קירך איז קליין און דער דאַך איז נידעריג, דאכט זיך איינעם אוים, אז דאָס זעהט ער שווארצע וואקסענע פיגורען אין א בודע אויפ'ן יאריד. אויף די פעדעסטאלען פון די מיינסטע, לייענט מען אויך די נעמען פון יענע הויכגעשטעלטע פערזאָנען, וואָס זיי שטעלען פאָר. בעת איך האָב באטראכט יענע סטאטוען, זענען אריין אין דער קירך ענגלענדער; א דארער מאן מיט א פּאַ־

ריסען פּנים, די פינגער פערוקט אין די אַרבעל אויסשניט פון דער ווייסער וועסט און אין מויל א לעדערנעם Guide des voyageurs — הינטער איהם זיין הויכע לעבענס באלייטערין שוין ניט מעהר קיין גאַנץ יונגע: אביסעל אָן אָפּגעליעבטע, אָבער נאָך אלץ אַ גאַנץ שענע דאמע: הינטער איהר אַ רויט געזיכט פון אַ פּאַרטער, מיט פּודערווייסע אויפשלאַגען, שטייף אריינגעקראָכען אין פּונקט אַזאַ רויטען ראָק. און די הילצערנע הענד פארנומען מיט מילײדי׳ס הענטשקעס, אַלפּען־בלומען און דעם מאָפּס.

אָט דער הוט המשלש, איז זיך גלייך ווי אַ ווירע צוגעגאַנגען צו דעם אויבען אָן פון דער קירך, וואו אלביאַנ׳ס זוהן האָט פאר זיין פרוי ערקלעהרט די סטאַטוען, און אודאי לויט דעם ווי עס איז געשריבען אין Guide des voyageurs. און וואו עס שטעהט אויספיהרליך: די ערשטע סטאַטוע — קעניג כלאָדעוויג פון פראנקרייך; די צווייטע — דער קעניג אַרטור פון ענגלאנד, די דריטע — רודאָלף פון האבסבורג א. אז. וו., ווייל דער אָרימער ענגלענדער האָט אבער אָנגעהויבען לייענען פון אויבען, אָנשטאַט פון אונטען, ווי עס הייסט דער Guide des voyageurs. איז ער געקומען צו די קאָמישסטע פארבייטונגען, וואָס זענען געוואָרען נאָך קאָמישער, ווען ער פלעגט צוקומען צו א סטאַטוע פון א פרוי, וועלכע ער האָט אָנגענומען פאר אַ מאַן, און פארקעהרט. אזוי אז ער האָט ניט געקענט פארשטעהן פארוואָס מען האָט רודאָלף פאַן האבסבורג פאָרגעשטעלט אין ווייבערשע קליידער, פארקעהרט די קעניגין מאריא מיט אייזערנע הויזען און מיט א צו לאַנגער באָרד. איך, וואָס וואָלט מיט מיין וויסען גערן געוואָלט ארויסהעלפען, האָב אזוי זיך פארביילויפענדיג באמערקט, אז מסתמא איז די מאָדע דעמאָלט געווען אַזאַ. אויך קען דאָס האָבען געוועז דער רצון פון די הויכע פּערזאָנען, אז נאָר אזוי און למען השם ניט אנדערש, זאָלען זיי געגאָסען ווערען. אזוי קען דאָך אויך איינפאלען דעם היינטיגען קייזער, ער זאָל זיך לאָזען גיסען אין אַ קלייד מיט רייפען אדער גאר אין וויגדעלעך; — ווער וועט דען עפּים אקעגען דעם איינווענדען?

דער מאַפּס האָט קריטיש אַ ביל געטאָן, דער לאַקאַי האָט אויס־
געשטעלט די אויגען, דער הער האָט אויסגעשנייצט די נאָז
און מילײדי האָט געזאָגט:

A fine exhibition, very fine indeed.

קאפיטעל IX.

בריקסען איז געווען די צווייטע גרעסערע שטאָדט אין טי־
ראָל, וואו איך האָב זיך אָפּגעשטעלט. זי ליגט אין א טאָל, און ווען
איך בין אָנגעקומען, איז זי געווען איינגעהילט אין נעבעל און אין
אבענדשאטענס. א פארנאכטיגע שטילקייט, מעלאנכאָלישער גלאָ־
קען געקלאנג, די שאָף האָבען אהיים געשפרייזט צו זייערע שטאַ־
לען, די מענשען אין די קירכען. אומעטום דער שווערער גערוך
פון די מיאוסע בילדער, און פון אויסגעטריקענטע היי.

„יע יעזואיטען זענען אין בריקסען," האָב איך ניט לאנג צו־
ריק געלייענט אין דער צייטונג „העספערוס." איך האָב
זיי געזוכט אין אלע גאסען; אבער איך האָב ניט געזעהן קיינעם
וואָס זאָל אויסזעהן ווי א יעזואיט, סיידען דאָס זאָל זיין יענער
דיקער מאן מיט דעם גלח'ישען דריי שפּיציגען הוט, אין גלח'יש
געשניטענעם שווארצען מאנטעל, וואָס איז געווען אלט און אָפּ־
געטראָגען, און האָט זיך מאָדנע געווארפען אין די אויגען, צוליעב
דעם, וואָס ער איז געווען פונקט דער היפּך, פון די גלאנציגע שוואר־
צע נייע הויזען.

דאָס קען אויך ניט זיין קיין יעזואיט, האָב איך ענדליך גע־
זאָגט צו זיך אליין; ווארים איך האָב מיר אלע מאָל פארגעשטעלט
די יעזואיטען מאָגערע. זענען נאָך ווירקליך פאראַן יעזואיטען?
טיילמאָל טראכט איך מיר, אז זייער עקזיסטענץ איז בלויז אן
איינרעדעניש, ווי די מורא פאר זיי וואָלט נאָך געזעסען אין אונ־
זערע קעפּ, נאָכדעם ווי די געפאהר איז שוין לאנג פאראיבער.
אין די גאנצע קנאה שנאה געגען די יעזואיטען קומט מיר דאָן
פאָר ווי מענשען, וואָס געהען ארום מיט זייערע צופּענטע רעגענ־
שירמס, נאָכדעם, ווי עס האָט שוין לאנג אויפגעהערט צו רעגע־

נען. יא, טיילמאל דאכט זיך מיר גאר, אז דער טייוועל, דער אדעל און די יעזואיטען, עקזיסטירען נאר אזוי לאנג, ווי לאנג מען גלויבט נאך אין זיי. ווענען דעם טייוועל קענען מיר דאס גאנץ באשטימט באהויפטען. ווארים ביז היינט האבען נאר די גלויביגע איהם געזעהן. אויך וואס אנבעלאנגט דעם אדעל, וועלען מיר אינ'ם לויף פון א קורצער צייט אויסגעפינען אז די Bonne societe וועט אויפהערען צו זיין די **Bonne societe** אזוי שנעל ווי דער גוטער בירגער וועט מעהר ניט זיין אזוי גוט און זיי האלטען פאר די **Bonne societe** אבער די יעזור־איטען? וועניגסטענס טראגען זיי שוין מעהר ניט די אלטע הויזען! די אלטע יעזואיטען ליגען אין קבר מיט זייערע אלטע הויזען, פארלאנגען, וועלט־פלענער, אינטריגען, פריווילעגיען און גיפטען, און דאס וואס מיר זעהען היינט דורכשפאנען די וועלט אין נייע, גלאנציגע הויזען, איז ניט מעהר זייער גייסט, נאר גיכער זייער געשפענסט, א נאריש פלאכקעפיג געשפענסט, וואס זוכט אונז יעדען טאג צו באווייזען דורך ווארט און טאט, ווי וועניג מען דארף פאר איהם מורא האבען. און ווירקליך, דאס דערמאנט אן דער געשיכטע פון אן ענגליכען געשפענסט אין טהירינגער וואלד, וואס די מענשען פלעגען זיך אמאל פאר איהם אזוי שרעקען, און ער האט זיי פון דעם שרעק באפרייט, נאכדעם ווי ער האט פאר אלעמענס אויגען ארונטערגענומען דעם שארבען פון זיינע פלייצעס און זיי געוויזען, אז ער איז אינוועניג אין גאנצען הויל און ליידיג.

איך קען ניט וויטער געהן, איידער איך וועל ניט דערצעהלען, אז איך האב געפונען א געלעגענהייט, דעם דיקען מאן מיט די נייע, גלאנציגע הויזען גענויער צו באטראכטען, כדי זיך צו איבערצייגען, אז ער איז ניט קיין יעזואיט, נאר א גאנץ געוועהנטליך גאט'ס בהמה'לע. איך האב איהם נעמליך געטראפען אין דער גאסט־שטוב פון מיין אכסניא, וואו ער האט געגעסען זיין אבענדברויט, צוזאמען מיט א לאנגען, מאגערען מאן, וועמען מען האט גערופען עקסצעלענץ, און וועלכער איז געווען אזוי ענליך צו דעם דארפס־יונקער, דעם אלטען בחור, וואס שעקספיער האט געשילדערט, אז מען האט געקענט מיינען, די נאטור איז דא באגאנגען

פלאגיאט. ביידע האבן געווירצט זייער מאלצייט, מיט די קאמפלי־מענטען, וואס זיי האבן געגעבען דער קעלנערין. דעם ליעבען, בילדשענעם מיידעל האבען, ווי עס האט אויסגעזעהן, אט די קאמפלימענטען אפגעעקעלט, אזוי אז זי האט זיך מיט געוואלד אויסגעריסען, ווען איינער האט איהר געפאטשט איבער'ן הינטען, אדער ווען דער צווייטער האט זי גאר געוואלט ארומנעמען. דערביי האבען זיי גערעדט די שמוציגסטע ווערטער, וועלכע דאס מיידעל, האט ניט געקענט אויסמיידען, ווייל זי האט געמוזט פארבלייבען אין צימער צו באדינען די געסט און אויך פאר מיר דעם טיש צו גרייטען. דאך ווען דער ציניזם איז שוין געווארען ניט אריבער־צוטראגען, האט דאס יונגע מיידעל פלוצלינג געלאזט אלצדינג שטעהן, איז שנעל ארויס דורך דער טיר, און איז ערשט צוריק געקומען אין א פאר מינוטען שפעטער מיט א קליין קינד אויפ'ן ארעם. מיט'ן קינד אויף דער האנד, האט זי די גאנצע צייט באַ־דיענט די געסט, הגם די ארבייט איז איהר דורך דעם געווארען שווערער.

די צוויי חברים אבער, דער גלח און דער אדעליגער הער, האבען שוין ניט געוואגט צו באלעסטיגען דאס מיידעל, וואס האט איצטער באדיענט מיט א מאדנעם ערענסט, הגם ניט אונפריינדליך; דער שמועס האט גענומען אן אנדערע ווענדונג. ביידע האבען איצט געפלוידערט דעם געוועהנטליכען פלוידעריי, וועגען דער גרויסער פארשווערונג אויפ'ן טראן און אויפ'ן אלטאר. זיי האבען ביידע איינגעשטימט וועגען דער נויטווענדיגקייט פון שטרענגע מיטלען, און האבען זיך נאכאמאל דערלאנגט די הייליגע אליאנץ־הענד.

קאפיטעל X.

פאר די וואס ווילען שטודירען די געשיכטע פון טיראל, קע־נען ניט אויסגעקומען אהן די ווערק פון יאזעף פאן הארמייר; פאר די נייעסטע געשיכטע, איז ער אליין די בעסטע, און אפטמאל גאר די איינציגע קוואל. ער איז פאר טיראל דאס, וואס יאהאנעס מי־לער איז פאר דער שווייץ: ניט ווילענדיג, רייסט זיך פאר אונז א פארגלייך צווישען אט דיביידע היסטאריקער. זיי זענען ביידע שכנים, וואס נאר א וואנד טיילט זיי אפ, אין דער יוגענד זענען זיי ביידע געווען באגייסטערט פאר די אלפען פון זייער היים; ביידע זענען זיי פלייסיג ביים פארשען, ביידע האבען זיי דעם היסטארישען חוש פון דענקען און די זעלביגע ריכטונג פון געפיהלען; יאהאנעס פאן מיללער איז עפישער געשטימט, וויגט ער זיין גייסט אין די געשיכטען פון דער פארגאנגענהייט, יאזעף פאן הארמייר פיהלט שנעלער, איז ער מעהר ארייננגעטאן אין דער גע־גענווארט, און שטעלט איין דאס לעבען אהן אייגענעם נוץ, פאר דאס, וואס ער האט ליעב.

בארטהאלדי׳ס ווערק: דער קריעג פון די טיראלער פויערים אינ׳ם יאהר 1809״, איז א גייסטרייך און שען געשריעבען בוך, און הגם עס האט חסרונות, זענען זיי אבער נויטווענדיגערוויז ארויסגעקומען פון דעם, וואס דער מחבר, — ווי עס איז אלע מאל מיט די עדעלע געמיטהער, — האט ארויסגעוויזען אן אפענע פאר־ליעבע פאר דער אונטערדריקטער פארטיי, און אויך דערפאר, ווייל דער דאמפף פון פולווער האט נאך איינגעהיעלט די געשעהענישען, ווען ער האט זיי באשריבען.

א סך מערקווירדיגע געשעהענישען פון יענער צייט, זענען נאך גאר ניט פארשריבען, און לעבען נאר אין דעם געדעכעניש פון

פאָלק, וואָס האָט איצטער קיין גרויסען חשק צו רעדען דערפון, וואָרים דערביי שווימען אויף אַרויס אַנדערע זכרונות, וועגען ענ־טוישטע האָפענונגען. די אָרימע טיראָלער, האָבען זעהר א סך אי־בערגעליטען. און ווען מען פרעגט זיי איצטער: צי זיי האָבען כאָטש אלס שכר פאר זייער געטרייקייט, געקראָגען דאָס אלץ, וואָס מען האָט זיי צוגעזאָגט אין דער נויט, ציהען זיי גוטמוטיג מיט די אקסלען און זאָגען נאאיוו: דאָס איז אפשר ניט אזוי ערענסט געמיינט געוואָרען, און דער קייזער האָט גענוג וועגען וואָס צו טראַכטען, אז דאָס זאָל איהם ליגען אין קאָפּ.

טרייסט אייך, איהר אָרימע אָפּגענאַרטע, איהר זענט ניט די איינציגע, וועמען מען האָט עפּיס צוגעזאָגט. דאָס פּאַסירט דאָך אָפט אויף די גרויסע שקלאַווען שיפען. ווען עס ברעכט אויס א גרויסער שטורעם און די שיף איז אין געפאַהר, לויפט מען אַרונ־טער צו די שוואַרצע, וואָס ליגען אונטען צוזאַמענגעפּרעסט אין דעם פינסטערן רוים, מען צוברעכט זייערע אייזערנע קייטען, און מען זאָגט זיי צו הייליג און טייער, אז מען וועט זיי שענקען די פרייהייט, ווען זיי וועלען העלפען ראַטעווען די שיף. די נאַרישע שוואַרצע שרייען אויף פאר פרייד: הוראה! זיי לויפען צו די פּאָמפּען, פּאָמפּען דאָס וואַסער מיט אַלע זייערע כחות, העלפען, וואו מען קען נאָר העלפען, קלעטערן, שפּרינגען, באַפעסטיגען די מאַסטען, פאַרבינדען די זעגלען, קורץ, זיי ארבייטען אזוי לאַנג, ביז די געפאַהר איז פאַראיבער, און דערנאָך, ווערען זיי, ווי עס פארשטעהט זיך אליין, ווידער אַראָפּגעפיהרט אין דעם רוים פון שיף, ווערען ווידער גאַנץ באַקוועם געשלאָסען אין קייטען, און אין זייער פינסטערן עלענד פאַרזינקען זיי אין דעמאַגאָגישע באַטראַכ־טונגען, איבער פאַרשפּרעכונגען פון נשמה פאַרקויפערס, וועמענס גאַנצע דאגה נאָך דער איבערגעקומענער געפאַהר איז, ווי אזוי בייט מען אויס נאָך א פּאָר נפשות.

O, navis, referent in mare te novi
Fluctus — etc.

ווען מיין אַלטער לעהרער האָט ערקלעהרט די דאָזיגע אָדע פון האָראַץ, אין וועלכער ער פאַרגלייכט דעם סענאַט מיט א שיף, האָט

ער געהאט צו מאכען פאַרשיעדענע פּאָליטישע באטראכטונגען, וועלכע ער האָט אבער באלד אָפּגעשטעלט, אזוי שנעל ווי די שלאכט ביי לייפּציג האָט זיך געענדיגט, און דער גאנצער קלאַס איז פארנאנדער געגאנגען.

מיין אלטער לעהרער האָט אַלץ פאָראויס געזעהן. בעת מיר האָבען געקראָגען די ערשטע ידיעה פון דער דאָזיגער שלאכט, האָט ער געשאָקעלט מיט דעם גרויסען קאָפּ. איצטער ווייס איך וואָס ער האָט געמיינט מיט דעם דאָזיגען שאָקלען. באלד זענען געקומען ידיעות מיט מעהר איינצעלהייטען, בעהאלטענערהייט האָט מען געוויזען גאָר אנדערע בילדער, וואו עס איז פיעלפארביג געווען אָפּגעמאָלט ווי אזוי די הויכע פיהרער פונ׳ם חיל, האָבען געקניהט אויף דעם שלאכטפעלד און געדאנקט גאָט.

— יאָ, זיי האָבען געמעגט גאָט דאנקען — האָט געזאָגט מיין לעהרער און געשמייכעלט, פונקט אזוי ווי ער פלעגט שמייכלען, ווען ער פלעגט ערקלעהרען סאָליסט׳ן — דער קייזער נאפּאָלעאָן האָט זיי אזוי אָפט געגעבען אזעלכענע קלעפּ, אז סוף כל סוף האָבען זיי זיך פון איהם געקענט אָפּלערנען.

איצטער זענען געקומען די אַליאירטע און די שלעכטע באַפרייאונגס געדיכטען, הערמאן און טהוסנעלדא, הוראה! און דער פרויען־פעראיין, און די פאָטערלאנדס־אייכעלן, און דאָס אייביגע באריהמען זיך מיט דער שלאכט ביי לייפּציג, און ווידער די שלאכט ביי לייפּציג, און ס׳נעמט גאָר קיין סוף ניט.

— אָט די לייט געהט עס פונקט ווי די טהעבאנער — האָט באמערקט מיין לעהרער, — בעת זיי האָבען ענדליך געשלאָגען ביי לעקטרא די אונבאזיגבארע ספּארטאקער, און האָבען שטענדיג זיך איבערגענומען מיט יענער שלאכט, אזוי אז אנטיסטהענס האָט געזאָגט וועגען זיי: זיי מאכען דאָס, ווי יענע אינגלעך, וואָס ווייסען שוין ניט וואָס צו טוען פאר פרייד, דערפאר וואָס זיי האָבען איינמאָל אָנגעשמיסען זייער לעהרער. טייערע קינדער! עס וואָלט געווען בעסער, ווען מיר וואָלטען אליין אריינגעכאפּט די שמיץ.

באלד נאכדעם איז דער אלטער מאן געשטארבען. אויף זיין קבר וואקסט פרייסיש גראז, און עס פאשען זיך דארט די אדעלי־גע פערד פון אונזערע רענאווירטע ריטער.

קאפיטעל XI.

די טיראָלער זענען שען, פרעהליך, עהרליך, בראוו, און פון אן אויסערגעוועהנליכער גייסטעס־באשרענקטקייט. זיי זענען א געזונדע מענשען ראסע, אפשר דערפאר, ווייל זיי זענען צו נאריש, צו קענען זיין קראנק. איך וואָלט זיי אויך גערופען אן עדעלע ראַסע, ווייל זיי ווייזען זיך ארוים אין זייערע נאהרונגס־מיטלען זעהר אויסקלייבעריש, און אין זייערע געוועהנהייטען זעהר ריינליך; פעהלט זיי אבער אין גאנצען דער געפיהל פון ווירדע און פערזענליכקייט. דער טיראָלער פארמאָגט א סאָרט שמייכעלדיגען, הומאָריסטישען חוש פון א שקלאַף, וואָס זעהט כמעט אוים ווי איראָניע, וואָס איז אבער אין דער אמת'ן געמיינט עהרליך. די פרויען אין טיראָל גריסען דיך אזוי פריינדליך. די מענער דריקען דיר אזוי פעסט די האנד, און ווייזען זיך דערביי ארוים אזוי הארציג, אז דו קענסט באלד גלויבען, זיי באהאנדלען דיך ווי א נאָהענטען קרוב, אדער וועניגסטענס ווי זייערס גלייכען; דאָס איז אבער א טעות. זיי פארלירען קיינמאָל ניט פון זייער געדעכעניש, אז זיי זענען בלויז געמיינע לייט, און אז דו ביזט א חשוב'ר הער, וועמען עס געפעלט געוויס, דאָס וואָס געמיינע לייט, לאָזען זיך ארויף צו איהם אָהן מורא. און דערין האָבען זיי אן אמת נאַטירליכען אינסטינקט; די שטייפסטע אריסטאָקראַטען זענען צופריעדען, ווען זיי קריגען די געלעגענהייט זיך אראפצולאָזען, וואָרים דורך דעם טאָקי פיהלען זיי ווי הויך געשטעלט זיי זענען. ביי זיך אין דער היים ווייזען די טיראָלער ארוים דעם דאָזיגען סערוויליזם פריי. אין דער פרעמד זוכען זיי דורך איהם עפּים צו פאַרדינען. זיי פארהאַנדלען זייער פערזענליכקייט, פארהאנדלען זייער נאַציאָנאַליטעט. אָט די בונטע דעקען־פאַרקויפער, אָט די מונטערע טיראָלער בוא'ס,

וועלכע מיר זעהען אַרומוואַנדערן אין זייערע נאַציאָנאַלע קאָסטיר־
מען, לאָזען זעהר לייכט מיט זיך טרייבען אַ שפּאַסעלע, אבער
דערפאַר מוזטו אויך עפּים קויפען ביי זיי. יענע שוועסטער ראַי־
נער, וואָס זענען געווען אין ענגלאַנד, האָבען דאָס פארשטאַנען נאָך
בעסער, און א חוץ דעם האָבען זיי נאָך געהאט אַ גוטען בעל יועץ,
וואָס האָט גוט געקענט דעם גייסט פון דער ענגלישער נאָבילִיטי.
דארום האָט מען זיי אזוי גוט אויפגענומען ביי די אויבערשטע פון
דער אייראָפּעאישער אַריסטאָקראַטיע, אין **The west end of**
the town בעת איך האָב פאַר אַ יאָהרען זומער, געזעהן אַט די
טירלאָער זינגערינס אויפטרעטען אין זייער היימישער פאָלקס־
טראכט, אויף דער ביהנע, אין די גלענצענדע קאָנצערט־זאַלען פון
דער לאָנדאָנער פעשיאָנאבעלער וועלט, און האָב פון דאָרט ארונ־
טער געהערט אָט יענע ליעדער, וואָס ווערען אזוי נאַאיוו און פרום
געזונגען אין די אַלפּען, און קלינגען אָפּ אזוי ליעבליך אויך אין
דעם נאָרד־דייטשען הארץ — איז אין מיין נשמה געוואָרען שרעק־
ליך אומעטיג. דאָס צופריעדענע שמייכלען אויף די פאָרנעהמע ליי־
פען, האָט מיך געשטאָכען ווי שלאַנגען, און מיר איז געווען, ווי איך
וואָלט געזעהן, די צניעות פון דעם דייטשען וואָרט, באַליידיגט
אויף דעם רויהסטען אופן. און די זיסעסטע מיסטעריען פון דעם
דייטשען געמיטס־לעבען, פּראָפאַנירט פאר דעם פרעמדען המון.
איך האָב ניט געקענט אפּלאָדירען מיט די איבעריגע ביי דער דאַ־
זיגער אונפארשעמטער פארשאכערונג פון דעם פארשעמטעסטען.
און א שווייצער, וואָס האָט אויך אזוי געפיהלט, און האָט מיט מיר
צוזאמען פארלאָזען דעם זאַל, האָט גאַנץ ריכטיג באַמערקט: מיר
שווייצער גיבען דאָך אוועק אַ סך פאַר'ן געלד, אונזער בעסטען קעז
און אונזער בעסט בלוט, אבער דעם „אַלפּהאָרן“ קענען מיר קוים
הערען אין דער פרעמד, ווער רעדט שוין וועגען בלאָזען איהם פאר
געלד.

קאַפּיטעל XII.

טיראָל איז זעהר שעָן. אבער די שענסטע לאַנדשאַפטען קענען אונז ניט ענטציקען, ווען דאָס וועטער איז טריעב און די שטימונג איז אויך אזא. אָט דאָס לעצטע איז ביי מיר תמיד די פאָלגע נאָך דעם ערשטען. און אזוי ווי עס האָט אין דרויסען גערעגענט, אזוי איז אויך אין מיר געוועזן שלעכט וועטער. נאָר ווען ניט ווען האָב איך געקענט ארויסשטעלען דעם קאָפּ פון דעם וואָגען, דאַן האָב איך געזעהן הימעל־הויכע בערג, וואָס האָבען מיך ערענסט אָנגעקוקט און מיט זייערע אונגעהייערע קעפּ און לאַנגע וואָלקען בערד, האָבען זיי מיר צוגעוואונשען אַ גליקליכע רייזע. דאָ און דאָרטען האָב איך אויך באמערקט א ווייט בלוי בערגעלע, וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי עס וואָלט זיך געהאט געשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער, און ניי־גיעריג אריבער געקוקט אריבער די פּלייצעס פון די אַנדערע בערג, וואהרשיינליך כדי מיך צו זעהן. דערביי האָבען זיך אומעטום מיט א גערויש געיאָגט די וואלד טייכלעך, וואָס האָבען זיך ווי משוגע ארונטערגעווארפען פון די בערג און אונטען זיך פארזאמעלט אין די פינסטערע קאָכעדיגע טייכען, וואָס אין טאָל. די מענשען זענען געזעסען אין זייערע קליינע, נעטע הייזלעך, וואָס זענען געווען צו־זעעט איבער די קרומסטע אָבריסען און רוקענס פון די בערג, ביז צו די העכסטע בערג שפּיצען. איינפאכע, נעטע הייזלעך, געוועהנט־ליך פארציערט מיט א לאַנגער גאַלעריע ווי א באַלקאָן, און די גאַ־לעריען זענען ווידער פארציערט מיט וועש, בילדער פון הייליגע בלומענטעפּ, און מיידעל'שע פּנימ'ר. די דאָזיגע הייזער זענען אויך שען באמאָלט. מייסטענטייל ווייס און גרין, ווי זיי וואָלטען אויך גע־טראָגען דעם טיראָלער דאָרפישען טראַכט — גרינע שלייקעס אי־

בער די ווייסע העמדער. ווען איך האב געזעהן אזא הייזעל ליגען אין איינזאמען רעגען, האט זיך מיר געוואלט ארויסשטייגען פון וואגען און אוועק אהין, צו די מענשען וואס זיצען דערין געווים טרוקען און האבען הנאה. דארט אינוועניג, האב איך מיר גע־טראכט, מוז זיין אמת'דיג גוט און שטיל צו לעבען. און די אלטע באבע דערצעהלט דארטען אודאי די היימליכסטע מעשה'לעך. ווען דער וואגען איז שוין געהאט פארביי געפאהרען, האב איך נאך אלץ געקוקט אויף צוריק, כדי צו זעהען ווי די בלויע רויך־זיילען געהען ארוים פון דעם קוימען. און דערנאך האט געדעגנט וואס אמאל שטארקער, אויסער מיר און אין מיר, אזוי אז די טראפענס זענען מיר שיער ארוים דורך די אויגען.

אפטמאל האט זיך אויך געהויבען מיין הארץ. און טראץ דעם שלעכטען וועטער, האט עס זיך ארויפגעדראפעט צו די לייט, וואס וואוינען אויבען אויף די בערג, און קומען אפשר בלויז איינמאל אין לעבען אראפ דא אונטען, און ווייסען ווייניג פון דעם, וואס עס געשעהט דא אונטען מיט אונז. זיי זענען דערפאר ניט ווייניגער פרום און גליקליך. פון דער פאליטיק ווייסען זיי ניט מעהר, נאר אז זיי האבען א קייזער, וואס טראגט רויטע הויזען און א ווייסען ראק, דאס האט זיי דערצעהלט דער אלטער פעטער, וואס האט דאס אליין געהערט אין אינסברוק פון דעם שווארצען סעפפערל, וועל־בער איז אליין געוועזן אין ווין. און ווען די פאטריאטען האבען צו זיי ארויפגעקלעטערט און זיי דערצעהלט, אז איצטער וועלען זיי קריגען א פירשט, וואס טראגט א בלויען ראק און ווייסע הוי־זען, האבען זיי א כאפ געטאן די ביקסען, געקושט ווייב און קינד און זיך א לאז געטאן אראפ פון די בערג, און זיך געלאזט טויט־שלאגען פאר דעם ווייסען ראק און די ליעבע אלטע רויטע הויזען.

אין דער אמת'ן איז דאך אלץ איינס פאר וואס מען שטארבט, אויב מען איז נאר געשטארבען פאר עפים, וואס איז ליעב. און אזא ווארעמער טויט איז בעסער, ווי א קאלט, טריילאז לעבען. שוין די ליעדער אליין פון אזא טויט! די זיסע גראמען און די ליכטיגע ווערטער, דערווארעמען אונזער הארץ, ווען פייכטע נעבעל־לופט און פארשיעדענע דאגות ווילען עס באטריבען.

א סך אזוינע ליעדער, האבען דורכגעקלונגען דורך מיין הארץ, ווען איך בין געפאהרען איבער די בערג פון טיראל. די אינטימע טא־נעגוועלדער, האבען מיר ארייננערווישט אין געדעכעניש ניט איין שוין לאנג פארגעסען ליעב ווארט. באזונדערס ווען די גרויסע בלויע בערג אזערעס, האבען מיך אנגעקוקט אזוי אונערגרינדליך פארבענקט, דאן האב איך ווידער געטראכט וועגען די צוויי קינדער וואס האבען זיך אזוי ליעב געהאט און זענען צוזאמען געשטארבען. דאס איז אן אלטע מעשה, וואס איצטער גלויבט זי שוין קיינער ניט, און וואס איך אליין קען זי אויך נאר בלויז פון עטליכע ליע־דער גראמען.

„עס זענען געוועזען צוויי קעניגס קינדער,
וואס האבען געהאט זיך אזוי ליעב.
האבען זיי ניט געקענט צונויפקומען,
ווייל ס'וואסער איז געווען צו טיעף."

אט די ווערטער האבען פון זיך אליין ווידער אנגעהויבען צו קלינגען אין מיר, ווען איך האב ביי איינעם פון יענע בלויע אזע־רעס, אויף דעם ברעג פון דער אנדערער זייט געזעהן שטעהען א קליין אינגעל, און אויפ'ן צווייטען ברעג א קליין מיידעל, ביידע אנגעטועט אין דער בונטער פאלקסטראכט, מיט באבענדערטע, נריי־נע שפיצען היטעלעך אויף די קעפ, און זיי האבען זיך אריבער גע־גריסט פון איין ברעג צום אנדערן.

האבען זיי ניט געקענט צונויפקומען,
ווייל ס'וואסער געווען איז צו טיעף.

קאפיטעל XIII.

אין דרום טיראָל איז דאָס וועטער געוואָרען אביסעל קלאָה־רער, די זון פון איטאַליען האָט שוין געלאָזט פיהלען איהר נאָהענט־קייט. די בערג זענען געוואָרען ווארימער און גלענצענדער. איך האָב שוין געזעהן וויינרעבען, וואָס האָבען זיך געדראַפּעט בארג ארויף, און איך האָב שוין אָפטער געקענט זיך ארויסבויגען פון וואַגען. ווען איך האָב זיך אבער ארויסגעבויגען, האָט זיך מיין הארץ מיט געבויגען, און מיט'ן הארץ זיין גאַנצע ליעבע, זיין גאַנצער אומעט און זיין גאַנצע נארישקייט! אָפטמאָל ווען מיין הארץ האָט זיך ארויסגעבויגען צו די רויזען־בושען, וואָס האָבען געבליהט ביים וועג, איז מיר פאַרגעקומען, ווי מיין הארץ וואָלט דורך דעם צו־ריסען געוואָרען, און די רויזען פון טיראָל זענען ניט מיאוס. ווען איך בין דורכגעפאָהרען שטיינאָך, און האָב באקוקט דעם מארק, אויף וועלכען אימערמאַן לאָזט אויפטרעטען דעם זאַמדווירטה האָ־פער מיט זיינע לייט, האָב איך אויסגעפונען, אז פאר אן אינסור־געגטען פארזאמלונג, וואָלט דער מארק געווען אביסעל צו קליין, אָבער נאָך תמיד גרויס גענוג, אויף איהם זיך צו פארליעבען. דאָ זענען פאראַן בלויז א פּאָר ווייסע הייזלעך, און פון א קליינעם פענסטער האָט ארויסגעקוקט א קליינע זאַמד ווירטהין און זי האָט זיך געצילעוועט און געשאָסען מיט איהרע גרויסע אויגען; — וואָלט דער וואַגען ניט געווען שנעל פאַרביי געפאָהרען, און וואָלט זי געהאט צייט נאָך אמאָל אָנצולאָדען, דאַן וואָלט איך זיכער געשאָ־סען געוואָרען. איך האָב אויסגערופען: קוטשער, פאָהר שנעלער! מיט אזא שעך־עלזי טאָר מען זיך ניט שפּיעלען; זי קען איינעם אָנ־צינדען דאָס הויז איבער'ן קאָפּ. אלס גרינדליכער רייזענדער מוז איך באמערקען, אז די פרוי ווירטהין פון שטערנציננ איז אפילו

אַליין שוין אַז אַלטע פרוי, דערפאַר אָבער האָט זי צוויי יונגע טעכ־טערלעך, וואָס קענען מיט זייערן אַ קוק איינעם דאָס האַרץ וואויל־טעטיג דערוואַרעמען. אָבער דיך דאַרף איך ניט פאַרגעסען, די שענסטע פון אַלע. דו שענע שפּינערין אויף די מאַרקען פון אי־טאַליען. אַ, וואָלסטו מיר געהאַט געגעבען, ווי אַריאַנדע צו טהע־זעאוס'ען, דעם פאַדים פון דעם געשפּינעכץ, כדי מיך צו פיהרען דורך דעם לאַבירינט פון לעבען, וואָלט איצטער דער מינאָטאַוראָס שוין געוועזען בייגעקומען און איך וואָלט דיך ליעב געהאַט, און גע־קושט און קיינמאָל ניט פאַרלאָזט!

עס איז אַ גוטער סמן, ווען די ווייבער שמייכלען — זאָגט אַ כינעזישער שריפטשטעלער, און אַ דייטשער שריפטשטעלער איז אויך געוועזען מיט דערזעלביגער מיינונג, בעת ער איז, אין דרום טיראָל. וואָס איז שוין ניט ווייט פון איטאַליען, פאַרביי געפאָהרען אַ באַרג, ביי וועמענס פוס עס איז, אויף אַ נידעריגען שטיינער־נעם פונדאַמענט, געשטאַנען איינע פון יענע הייזלעך, וואָס קוקען אונז אַן אַזוי ליעבליך מיט זייער היימישע גאַלעריען און זייערע נאַאיווע מאַלערייען. פון איין זייט איז געשטאַנען אַ גרויסער, היל־צערנער צלם, וואָס האָט געדיענט פאַר אַן אַנלעהן צו אַ יונגען ווייַנשטאָק. אַזוי אַז עס האָט אַזש שוידערליך פרעהליך אויסגע־זעהן, ווי אַזוי דאָס לעבען נעמט אַרום דעם טויט, די זאַפטיגע גרינע רעבען נעמען אַרום דעם בלוטיגען לייב און די געקרייציגטע הענד און פיס פון דעם אויסלייזער. אויף דער אַנדערער זייט פון הייזעל איז געשטאַנען אַ קיילעכיגער טויבענשלאַק, וועמענס באַפעּ־דערטע איינוואוינער זענען זיך אַרומגעפלויגען אַהין און אַהער. און איינע גאַר אַ ליעבליכע ווייסע טויב איז זיך געזעסען אויף דעם ליעבען שפּיץדעכעל, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי די שטיינערנע קרוין אין אַ הייליגער ניש, איבער דעם קאָפּ פון דער שענער שפּי־נערין. אָט די שפּינערין איז זיך געזעסען אויף דער קליינער גאַ־לעריע און געשפּינט, ניט אויף דעם דייטשען שטייגער מיט דעם שפּינראָד, נאָר אויף יענעם פאַרצייטיגען אופן, וואו דאָס רעדעל, וואָס איז אַרומגעוויקעלט מיט פלאַקס ווערט געהאַלטען אונטען אַרום, און דער אָפּגעשפּינענער פאַדים לויפט אַרונטער איבער דעם

פריי אראפהענגענדיגען שפינדעל. אזוי פלעגען שפינען דעם קע־ניגס טעכטער אין גריכענלאנד, אזוי שפינען נאך איצט די פאר־צען און אלע איטאליענערינס, זי האט געשפינט און געשמייכעלט. די טויב איז זיך געזעסען אונבאוועגליך איבער איהר קאפ, און איבער דעם הויז אליין האבען זיך פון הינטען אויפגעהויבען די הויכע בערג, וועמענס שנעע־שפיצען זענען געוועזן באשיינט פון דער זון, אזוי אז זיי האבען אויסגעזעהן ווי אן ערענסטע שוץ־וואך פון ריעזען מיט בלאנקענדיגע העלמען אויף די קעפ.

זי האט געשפינט און געשמייכעלט, און איך גלויב, אז זי האט געפאנגען מיין הארץ, אין דער צייט, וואס מיין וואגען האט אביסעלע פאמעליכער געפאהרען צוליעב דעם ברייטען שטראם פון דער אייזאך, וואס האט זיך געצויגען אויף דער אנדערער זייט וועג. אט דאס ליעבע געזיכט איז דעם גאנצען טאג ניט ארונטער פון מיין געדעכעניש, אומעטום האב איך נאר געזעהן דאס שענע פנים'ל, וואס האט אויסגעזעהן ווי א גריכישער סקולפטאר וואלט זי געוועזן אויסגעקנאטען אויס דעם דופט פון א ווייסער רויז. אזוי אין גאנצען צארט אויסגעהויכט, אזוי נשמה'דיג עדעל, ווי ער האט עס אפשר אמאל גע'חלומ'ט אלס יונגער בחור אין א בליהענדיגער פריהלינגס־נאכט. די אויגען האבען נאטירליך פון קיין גריך ניט גע־קענט חלומ'ן, און ווער רעדט נאך וועגען באגרייפען. איך אבער האב זיי געזעהן און האב זיי באגריפען, די דאזיגע ראמאנטישע שטערן, וואס האבען אזוי באצויבערט באלויכטען די גריכישע הערליכקייט. דעם גאנצען טאג האב איך געזעהן אט די אויגען. און איך האב פון זיי גע'חלומ'ט די קומענדיגע נאכט. דא איז זי ווידער געזעסען און געשמייכעלט, די טויבען האבען ארום איהר ארום געפלאטערט ווי מלאכים פון ליעבע, אויך די ווייסע טויב איבער איהר קאפ האט מיסטיש באוועגט איהרע פליגעל. הינטער איהר האבען זיך אלץ געוואלדיגער געהויבען די באהעלמעטע וועכטער. פאר איהר האט זיך געיאגט א טייכעל, וואס אמאל אלץ שטורעמדיגער און ווילדער, די ווייגרעבען האבען זיך ארומגעשלענ־געלט מיט א מורא'דיגער שנעלקיים ארום דעם געקרייציגטען האלץ־

בילד, וואָס האָט זיך באַוועגט אין יסורים און געעפֿענט זײַנע לײַ־
דענדיקע אויגן און די וואונדן האָבן געבלוטיקט — זי אָבער
האָט געשפּיגן און געשמייכלט, און בײַ דעם רעדל פֿון איהר
פֿאַדים, האָט ווי אַ טאַנצענדיקע שפּינדל געהאַנגען מײַן אייגן
האַרץ.

קאפיטעל XIV.

אין דער צייט וואס די זון האט ארויסגעבליהט פון הימעל וואס אמאל שענער און הערליכער, און איינגעהיעלט די בערג און די שלעסער אין גאלדענע שלייערן, איז אויך אין מיין הארצען געווארען הייסער און ליכטיגער. מיין ברוסט איז שוין ווידער געווען פול מיט בלומען, און אט די בלומען האבען ארויסגעשפראצט און אריבערגעוואקסען ביז איבער דעם קאפ, און פון די אייגענע הארץ־בלומען האט ווידעראמאל הימליש ארויסגעשמייכעלט די שענע שפינעריין. פארזונקען אין אזעלכענע חלומות, אליין זייענדיג א חלום, ביז איך אנגעקומען קיין איטאליען, און וויל אויף דער רייזע, האב איך שוין געהאט פארגעסען אז איך פאהר דאס אהין, האב איך זיך כמעט דערשראקען, ווען עס האבען מיך אנגעקוקט אט די אלע גרויסע איטאליענישע אויגען, און ווען דאס פיעלפארביגע איטאליענישע לעבען האט מיר ווירקליך אקעגען געשטראמט הייס און זשומענדיג.

דאס איז אבער געשעהן אין דער שטאדט טריענט, וואו איך בין אנגעקומען אין א זונטאג נאכמיטאג, אין א צייט ווען די היץ לעגט זיך און די איטאליענער שטעהען אויף און שפאציערען איבער די גאסען אויף און אפ. אט די שטאדט ליגט אלט און צובראכען אין א וויטען קרייז פון בליהענדיגע גרינע בערג, וועלכע קוקען ארונטער אויף די צופוילטע מענשליכע אויפטועכצען, ווי אייביג יונגע געטער. צובראכען און צופוילט ליגט דערנעבען אויך די אלטע פעסטונג, וואס האט אמאל באהערשט די שטאדט, דאס איז א זעלטענע געביידע פון א זעלטענער צייט, מיט שפיצען. פארציערונגען, געזימסען און מיט א ברייט קיילעכיגען טורעם, וואו בלויז סאוועס און עסטרייכישע אינוואלידען וואוינען נאך. די

שטאָדט אליין איז אויך מאָדנע געבויט געוואָרען, און עס ווערט איינעם עפּיס מאָדנע אויפ'ן הארצען, ווען ער דערזעהט צום ערשטען מאָל אָט די אלט־פארצייטיגע הייזער מיט זייערע אָפּגעבליאקירטע פרעסקאָס, מיט זייערע צוברעקעלטע הייליגע בילדער, מיט זייערע טורעמלעך, בויגונגען, פענסטערלעך מיט גראטעס, די שפּיציגע דעכלעך, וואָס ליגען ווי עסטראדען אויף גרויע, אלטער־שוואכע זיילען, וועלכע נויטיגען זיך, מען זאָל זיי אליין אונטערשפּארען. דאָס אלץ וואָלט אויסגעזעהן זעהר אומעטיג, ווען די נאַטור זאָל ניט אָפּפרישען די דאָזיגע אָפּגעשטארבענע שטיינער, מיט נייעם לעבען: ווען די זיסע ווייַנרעבען זאָלען זיך ניט געווען ארומוויקלען הארציג און צערטליך ארום אָט די האַלב־צובראָכענע זיילען, ווי די יוגענד ארום דער עלטער, און ווען נאָך זיסערע מיידעלשע פּנים'ער זאָלען ניט געווען ארויסקוקען פון יענע באטריבטע בויגען־פענסטער, און שמייכלען איבער דעם דייטשען פרעמדלינג, וואָס דרעהט זיך ארום ווי א טרוימער, א נאכטוואנדלער צווישען די בליהענדיגע חורבות.

איך בין ווירקליך געווען ווי אין א חלום. ווי אין א חלום, אין וועלכען מען וויל זיך דערמאָנען אויף עפּיס א זאַך, וואָס מען האָט אויך אמאָל גע'חלומ'ט. איך האָב געקוקט דאָ אויף די הייזער און דאָ אויף די מענשען, און מיר האָט זיך כמעט געדאכט, אז אָט די הייזער האָב איך אמאָל געזעהן אין די בעסערע טעג, אין דער צייט ווען זייערע היבשע מאלערייען האָבען נאָך פארביג געגלאנצט, ווען די גאָלדענע פארציערונגען פון די פענסטער־ראהמען זענען נאָך ניט געווען אזוי פארשווארצט, און ווען די מארמאָרענע מאַדאָנא, וואָס טראָגט אויף די הענד דאָס קינד, האָט נאָך געהאט אויף זיך איהר וואונדערשענעם קאָפּ, וואָס די איצטיגע בילדער־צושטערענדע צייט האָט אזוי בארבאריש אָפּגעהאקט. אויך די פּנים'ער פון די אלטע פרויען האָבען מיר אויסגעוויזען זעהר באקאנט. מיר איז פארגעקומען, ווי מען וואָלט זיי אויסגעשניטען פון די אלט־איטאַליענישע בילדער, וואָס איך האָב אמאָל געזעהן אין דער דיסעלדאָרפער גאלעריע. און פּונקט אזוי האָבען מיר די מענער אויסגע־

וויזען לאנג־פארגעסען וואויל באקאנט, און זיי האבען מיך אנ־געקוקט מיט ערענסטע אויגען, ווי פון דער טיפעניש פון א הונ־דערט יאהר. אפילו די פאריסענע יונגע מיידלאך האבען געהאט אין זיך עפּיס אזוינס, וואס איז געשטארבען נאך מיט טויזענד יאהר צוריק און האט דאך ווידער בליהענדיג אויפגעלעבט. אזוי אז עס האט מיך אזש ארומגענומען א גרויל, אזא זיסער גרויל, ווי איך האב אמאל געהאט געפיהלט, בעת איך האב אין אן איינזאמער נאכט אפגעפרעסט מיינע ליפען אויף מאריא׳ם ליפען. דאס איז געווען א וואונדערשענע פרוי, וואס האט ניט געהאט קיין איין חסרון, א חוץ דאס, וואס זי איז געווען טויט. איך האב אבער באלד געמוזט שמייכלען, און מיר האט זיך געדאכט, אז די גאנצע שטאדט איז ניט מעהר ווי א שענע נאוועלע, וואס איך האב אמאל געלייענט. יא, וואס איך האב אמאל אליין געדיכטעט, און איך בין דאס איצטער אליין אריינגע׳כשופ׳ט געווארען אין מיין אייגע־נעם געדיכט, און שרעק זיך פאר די בילדער פון מיין אייגענער באשאפונג.

אפשר — האב איך אויך געטראכט — איז דאס ווירקליך נאר א חלום, און איך וואלט מיט׳ן גאנצען הארצען אוועק געגעבען א טהאלער פאר א פאטש, בלויז כדי דורך דעם זיך צו איבערציי־גען, צי איך בין וואך אדער איך שלאף.

עס האט וועניג געפעהלט, און איך וואלט אט דעם ארטיקעל זיך געווען איינגעהאנדעלט פאר וואלוועלער. ווארים איך האב זיך שיער איבערגעקוליעט איבער דער זיצעריו, וואס איז געזעסען מיט אויבסטביים עק פון מארק. זי האט זיך אבער באגניגט מיט דעם, וואס זי האט מיר געווארפען א פאר פייגען אין אויער אריין, און — איך האב זיך דורך דעם איבערצייגט, אז איך געפין זיך אין דער ווירקליכסטער ווירקליכקייט, אין מיטען מארק פון טריענט, לעבען דעם גרויסען פאנטאן, פון וועמענס קופערנע טריטאנען און דעל־פינען די זילבער־קלארע וואסערן האבען ליעבליך דערפרעהענדיג ארויסגעשפּרונגען. ביי דער לינקער זייט איז געשטאנען אן אלטער פאלאצא, וועמענס ווענט עס זענען געווען באמאלט מיט בונטע אליגארישע פיגורען, און אויף וועמענס טעראסע, מען האט מוש־

טירט עטליכע גרויע עסטרייכישע סאָלדאַטען. אויף דער רעכטער זייט איז געשטאַנען א גאָטיש־לאָמבאַרדיש הייזעל, וואו עס האָט אינעווייניג לוסטיג און לעבעדיג געטרילערט א זעהר זיסע, פלאַ־טערהאַפטע מיידעלשע שטים, אזוי אז די אָפּגעריבענע מויערען, האָבען פון פאַרגעניגען, צי פון בויפעליקייט אָנגעהויבען צו ציטערן. און אין דערזעלביגער צייט האָט אויבען פון דעם שפּיצען־פענסטער ארויסגעקוקט א לאַבירינטיש געקרייזעלטע, קאָמעדיאַנ־טישע פריזור, אונטער וועלכער עס האָט ארויסגעטראָטען א שאַרף געצייכענט דין געזיכט, וואָס איז געווען געשמינקט בלויז אויף דער לינקער באַק, און האָט דארום אויסגעקוקט ווי א פאַנקוכען, וואָס איז געפּרעגעלט געוואָרען בלויז אויף איין זייט. פאַר מיר אָבער, אין מיטען, איז געשטאַנען דער פאַרצייטיגער דאָם, ניט גרויס, ניט פינסטער, נאָר ווי אן אויפגעהייטערטער זקן, אלט, היימיש און פאַרבעטענדיג.

קאפיטעל XV.

ווען איך האב אויפגעהויבען דעם גרין־זיידענעם פארהאנג, וואס האט געהאנגען ביים ארייגאנג פון דאם, און בין אריין אין גאטס הויז, איז מיר דער לייב און דאס הארץ אנגענעם דערפרישט געווארען פון דער ליעבליכער לופט, וואס האט דארט געוועהט, און פון דעם גלעטענדיגען כשוף־ליכט, וואס האט דורך די בונט באמאלטע פענסטער אריינגעשטראמט אויף דער עדה פון מתפללים. דאס זענען געווען צו מיינסטענס פרויען, וואס זענען געשטאנען אויף די קניה אין לאנגע רייהען לעבען נידעריגע בענק. זיי האבען געבעטען בלויז מיט די ליפען, און האבען זיך כסדר געפאכט מיט גרויסע, גרינע פאכערס, אזוי אז מען האט גאר ניט געהערט א חוץ אן אונאויפהערליך שטיל שעפטשענען, און גאר ניט געזעהן, א חוץ דאס פאכען מיט די פאכערס און וועהענדיגע שלייערס. דער סקריפענדיגער טראט פון מיינע שטיוועל, האט צושטערט ניט איין שען אינטים געבעט, און גרויסע קאטוילישע אויגען האבען מיך אנגעקוקט האלב נייגיעריג און האלב ליעבענסווירדיג. און ס'האט אויסגעזעהן ווי זיי וואלטען מיר וועלען ראטען, איך זאל זיך אויך קניהען און זיך אפגעבען דין וחשבון.

אין דער אמת'ן איז ווירקליך אנגענעהם צו פארברענגען אין אזא דאם, מיט זיין האלב טונקעלעם ליכט און מיט זיין וועהענדיגע קיהלקייט, בעת אין דרויסען איז אזא שרייענדיגע זון און אזא דריקענדיגע היץ. אין אונזער פראטעסטאנטישען צפון־דייטשלאנד, האט מען פון אזוינעם גאר קיין באגריף ניט. ביי אונז, וואו די קירכען זענען געבויט אזוי בהרחבה'דיג, און דאס ליכט דרינגט אריין אזוי העזה'דיג דורך די ניט באמאלטע פענסטער שויבען, און וואו אפילו די קאלטע דרשות קענען אייך אויך ניט באשי־

צען פון דער היץ. מען מעג זיך זאגען, וואס מען וויל. דער קאטוי־ליציזם איז א גוטע זומער רעליגיאן. עס איז גוט אזוי צו קניהען לעבען די בענק אין די דאזיגע אלטע קירכען. מען האט דארטען הנאה פון דעם קיהלען שטילען געבעט. א היילינע **dolce far miente** מען בעט, מען חלומ'ט און מען זינדיגט אין דער מחשבה, די מאַ־דאנען ווינקען פון זייערע נישען מיט אזוי פיעל פארצייהונג. האַ־בענדיג אליין די טבע פון פרויען, זענען זיי מוחל אפילו דאן, ווען מען האט זייערע ליעבע געזיכטסצוגען פארפלאַכטען אין דער זינ־דיגער מחשבה, און פאר א צוגאב שטעהט נאך אין יעדען ווינקעל א ברוינער נויטשטוהל פון געוויסען, וואו מען קען פון זיך די זינד אראפוואַרפען.

אויף איינעם פון אט די שטוהלען איז געזעסען א יונגער מאַ־נאך מיט אן ערענסט פנים; דאס געזיכט פון דער דאמע, וואס האט זיך פאר איהם מתודה געווען אויף איהרע זינד, איז אבער פון מיר געווען פארבאַרגען, א טייל דורך איהר ווייסען שלייער, און א טייל דורך דעם זייטיגען ברעט פון ודוי־שטוהל. דאך האט זיך פון היג־טער דעם ברעט באוויזען א האנד, וואס האט מיך גענומען גע־פאנגען. איך האב ניט געקענט אראפנעהמען די אויגען פון דער דאזיגער האנד; די בלוילינע אַדערלעך און דער אריסטאקראטישער גלאנץ פון די ווייסע פינגער איז מיר פארגעקומען אזוי פרעמד און דאך אזוי וואויל באקאנט, אז אלע חלומות פון מיין נשמה, האבען זיך צוזאמענגענומען, כדי צו באשאפען א בילד, וואס זאל קענען געהערען צו דער דאזיגער האנד. דאס איז געווען א שענע האנד, און ניט ווי מען זעהט זיי ביי יונגע מיידלעך, וואס זענען האלב לעמעלע און האלב רויז, און האבען נאר גערדאנקענלאזע וועג־געטאביל־אנימאלישע הענד — דאס איז געווען א האנד, וואס האט געהאט אין זיך עפים אזוינס גייסטיגעס, עפים אזוינס געשיכטליך רייצענדיגעס, ווי די הענד פון שענע מענשען, וואס זענען זעהר געבילדעט, אדער וואס האבען פיעל געליטען. אט די האנד האט דערצו אויך נאך געהאט עפים אזוינס ריהרענדיג אונשולדיגעס, אז עס האט זיך אויסגעדאכט, זי דארף זיך ניט מתודה זיין, און זי וויל אויך ניט הערען, וואס איהר אייגענטימערין איז זיך

מתורה, און װארט דארום אין דרױסען, ביז יענע װעט פארטיג װערען. דאָס האָט אבער לאנג געדױערט; די דאמע האָט מסתמא געהאט צו דערצעהלען א סך זינד. איך האָב לענגער ניט געקענט װארטען, מײן נשמה האָט אָפּגעדרוקט א ניט געזעהענעם אבשײדס־קוש אויף דער שענער האנד, אין דער רגע האָט די האנד א ציטער געטאָן, און דאָס, אזוי אײגענטימליך, װי עס פלעגט ציטערן די האנד פון דער טױטער מאריא, װען איך פלעג זי באריהרען. אום גאָטעס װילען, האָב איך מיר געטראַכט, װאָס טוט די טױטע מאריא דאָ אין טריענט? — און איך בין שנעל ארױס פון דאָם.

קאפיטעל XVI.

ווען איך בין ווידער געגאנגען איבער'ן מארק, האט מיך ביים עס די שוין דערמאנטע זיצערין געגריסט זעהר פריינדליך און היימיש, גלייך ווי מיר וואלטען געווען אלטע באקאנטע. אלץ איינס. האב איך מיר געטראכט, ווי אזוי מען מאכט א באקאנטשאפט, אבי מען ווערט נאר באקאנט. א פאר פייגען געווארפען אין די אויערען אריין, זענען אפילו ניט תמיד די בעסטע אינטראדוקציאן: אבער איך און די זיצערין האבען מיר זיך דאך איצטער אזוי פריינדליך אנגעקוקט, ווי מיר וואלטען זיך איינס ס'אנדערע דער־לאנגט אונזערע וויזיט קארטען. די פרוי איז אויך גאר ניט געווען קיין מיאוס'ע. אמת, זי איז שוין געווען אין יענעם עלטער, ווען די צייט דריקט אפ מיט איהר פאטאלען סטעמפעל די דיענסט־יאהרען אויף דעם שטערן, דערפאר איז זי שוין אבער געווען אויך לייביגער. און דאס, וואס זי האט געהאט פארלוירען אין יוגענד, האט זי גע־וואונען אין וואג. דערצו נאך האט איהר פנים נאך געהאט סמנים פון גרויס שענקייט. און ווי אויף אלע טעפ איז דארויף געשטאנען: „ליעבען און צו ווערען געליעבט איז דאס גרעסטע גליק אויף דער ערד". וואס עס האט איהר אבער געגעבען דעם שענסטען חן, דאס איז געווען איהר פריזור, די געקרייזעלטע לאקען, געפודערט ווייס ווי קרייד, היבש אנגעשמירט מיט פאמאדע, און אידיליש דורכגע־פלאכטען מיט ווייסע לאנדישען. איך האב באטראכט די דאזיגע פרוי מיט דער זעלביגער אויפמערקזאמקייט, ווי וועלכער ניט איז אנטיקוואר באטראכט זיינע אויסגעגראבענע מארמארענע אנטי־קען. איך האב אין יענער לעבעדיגער מענשליכער חורבה, געקענט נאך פיעל מעהר שטודירען. איך האב אין איהר געקענט אויפווייזען די שפורען פון אלט־איטאליענישע ציוויליזאציאנען, די עטרוסקי־

שע, רױמישע, גאָטהישע, לאָמבאַרדישע, ביז אַראָפּ אױף די גע־פּודערט מאָדערנע; און אמת׳דיג אינטערעסאַנט איז פאַר מיר גע־װען דאָס ציװיליזירטע װאָס אין דער פרוי, אין גאַנצן מיט איהר באַשעפטיגונג און לײדענשאַפטליכע באַװעגונגען. ניט װעניגער אינ־טערעסאַנט זענען פאַר מיר געװען די זאַכען מיט װעלכע זי האָט געהאַנדעלט. די פרישע מאַנדלען, װאָס איך האָב נאָך אין ערגיץ ניט געזעהן אין זײערע אורשפּרינגליכע גרינע שאָלען, און די שמעקענדיגע פרישע פײגען, װאָס זענען געלעגען הױך אױפגע־שאָטען, װי בײ אונז די באַרען. אױך די גרױסע קױשען מיט פרישע ציטראָנען און מאַראַנצען האָבען מיך באַ׳כשופ׳ט; און — װאָס פאַר א װאונדערליך בילד. אין א לײדיגען קאָרב דערנעבען איז געלעגען א בילד שען אינגעל, װאָס האָט געהאַלטען אין האַנד א קלײן גלעקיל, און בשעת דער גרױסער דאָם גלאָק האָט געקלונגען, האָט ער צװישען יעדען קלונג אַרײנגעקלונגען מיט זײן קלײנטשיג גלעקעלע, און דערבײ האָט ער אַזױ גליקליך, װי אין דער װעלט פאַרגעסען, אַרײנגעשמײכעלט אין דעם בלױען הימעל אַרײן, אַז מיר אַלײן איז װידער געקומען אױף דעם געמיטה מײן אײגענע אַמאָליגע קינדערשע לױנע און װי א קינד האָב איך זיך אװעקגע־שטעלט לעבען די לאַכענדיגע קױשען, גענאַשט און דיסקוטירט מיט דער זיצערין.

צוליעב מײן געבראָכענעם איטאַליעניש, האָט זי מיך לכתחילה געהאַלטען פאַר אַן ענגלענדער; אבער איך האָב איהר מודה געװען, אַז איך בין נאָר א דײטש. זי האָט מיך באַלד באַשאָטען מיט געאָ־גראַפישע, עקאָנאָמישע, האָרטאָלאָגישע, קלימאַטישע פראַגען אי־בער דײטשלאַנד, און זי האָט זיך געװאונדערט, װען איך האָב װי־דער אַמאָל מודה געװען, אַז בײ אונז װאַקסען ניט קײן ציטראָנען, און אַז די פאַר ציטראָנען, װאָס מיר קריגען פון איטאַליען, מוזען מיר גוט אױספּרעסען, װען מיר װילען מאַכען פּונש, און אַז פון פאַרצװײפלונג גיסען מיר דערפאַר צו מעהר ראָם. אַך, ליעבע פרוי! האָב איך איהר געזאָגט, אין אונזער לאַנד איז זעהר פראָסטיג און פײכט, אונזער זומער איז נאָר א גרין אָנגעפאַרבטער װינטער. אפילו די זון מוז בײ אונז טראָגען א פלאַנעלען קאַפּטעל, װען זי

טויל זיך ניט פאַרקיהלען: ביי דעם ידאַזיגען געלען פלאַנעלענעם זון־שיין קענען אונזערע פרות ניט געראַטען, זיי זעהען דערפאַר אויס פאַרדראַסיג און גרין. צווישען אונז גערעדט, דאָס איינציגע צייטיגע אויבסט, וואָס מיר האָבען, זענען געבראַטענע עפעל. וואָס אַנבעלאַנגט די פייגען, מוזען מיר זיי אויף פונקט ווי די ציטראָנען און מאַראַנצען, אויסשרייבען פון אַנדערע לענדער, און דורך דעם לאַנגען רייזען, ווערען זיי נאַריש און מעהליג: נאָר די ערגסטע מינים קענען מיר באַקומען פריש פון דער ערשטער האַנד. און די זענען אַזוי ביטער, אַז ווער עס באַקומט זיי אפילו אומזיסט, פאַרקלאָגט דערנאָך פאַר באַשעדיגונג. פון די מאַנדלען האָבען מיר בלויז די געשוואָלענע. קורץ, אונז פעהלט יעדע ערעלע פרי, און מיר האָבען ניט מעהר ווי ווייַנפערלעך, באַרען, האָזעלניס, פלוימען און עהנליכען המון־עם.

קאפיטעל XVII.

איך האב זיך אמת'דיג געפרעהט, וואס שוין גלייך ביי מיין אנקומען אין איטאליען האב איך געשלאסען א גוטע באקאנטשאפט, און וואלטען וויכטיגע געפיהלען מיך ניט געוועז געצויגען צום דרום, אזוי וואלט איך מיר דערוייל פארבליבען אין טריענט ביי דער גוטער זיצערין, ביי די גוטע פייגען און מאנדלען, ביי דעם קליינעם קלינגער, און זאל איך זאגען דעם אמת? ביי די שענע מיידלעך, וואס האבען אהער געשטראמט אין גאנצע מחנות. איך וויים ניט צי אנדערע רייזענדע וועט געפעלען מיין אויסדרוק „שען": מיר אבער זענען די טריענטערינס זעהר געפעלען געוואָרען. זיי זענען געוועז גראד פון יענעם מין, וואס איך האב ליעב — און איך האב ליעב די בלאסע, עלעגישע געזיכטער, וואו די גרויסע, שווארצע אויגען, שטראהלען ארוים אזוי קראנק פון ליעבע: איך האב אויך ליעב דעם טונקעלעם קאָליער פון יענע שטאלצע העלזער, וועלכע פעבום האט שוין ליעב געהאט און זיי געקושט ביז זיי זענען ברוין געוואָרען: איך האב אפילו ליעב אט יענע איבערצייטיגע נאקענס מיט די פורפורנע פינטעלעך, ווי עס וואלטען זיי אויסגעפיקט תאוה'דיגע פייגעל. שטארקער פאר אלץ אבער האב איך ליעב יענעם געניאלען גאנג, יענע שטומע מוזיק פון דעם לייב, יענע גליעדער, וואס באוועגען זיך אין די זיסעסטע ריטמען, תאוה'דיג, בויגיג, געטליך נאכלעסיג, פויל צום שטארבען, דאך עטהעריש ערהאבען, און אלע מאל הויך פאעטיש. איך האב ליעב אזעלכענע, ווי איך האב ליעב די פאעזיע אליין, און אט די מעלאדישע ריהרעוודיגע געשטאלטען, אט דער דאזיגער וואונדערבארער מענשען־קאנצערט, וואס האט פאר מיר פארביגערווישט

האָט געפינען זיין ווידער־קול ביי מיר אין האַרצען, און האָט דאָר־טען אויפגעוועקט עהנליכע טענער.

איצטער איז עס שוין ניט געווען די צויבערמאַכט פון דער ערשטער איבעראַשונג. דאָס לעגענדאַרישע פון דער ווילד־פרעמדער ערשיינונג, איצטער איז עס שוין געווען דער רוהיגער גייסט, וואָס האָט באַטראַכט יענע פרויענגעשטאַלטען מיט אַן ענטציקט באַזור־גענעם אויג, ווי אַ קריטיקער ווען ער לייענט אַ געדיכט. און ביי אַזאַ באַטראַכטונג געפינט מען אויס אַ סך, אַ סך שוואַרצע זייטען, דעם רייכטום פון דער פאַרגאַנגענהייט, די אָרימקייט פון דער גע־גענוואַרט, און דעם איבערגעבליבענעם שטאָלץ.

די טעכטער פון טריענט וואָלטען זיך נאָך גערן געוואָלט ציערן ווי אין די צייטען פון דעם קאָנציליום, ווען די שטאָדט האָט גע־בליהט אין סאַמעט און זייד; אָבער דער קאָנציליום האָט ווייניג געגעבען: דער סאַמעט איז אָפּגעקראַכען, די זייד צופליקט, און פאַר די אָרימע קינדער איז ניט פאַרבליבען מעהר ווי דאָס ביסעל פליטערלעך, וואָס זיי שוינען מורא'דיג אין די וואָכענדיגע טעג, כדי זיי זאָלען האָבען מיט וואָס זיך צו פּוצען זונטאָג. אַנדערע אָבער האָבען אפילו ניט אָט די שיריים פון דעם פאַרגעסענעם לוקסוס, און מוזען זיך ווי ניט איז אַרויסהעלפען מיט אַלערליי אָרדינערע און וואָלוועלע פאַבריקאַטען פון אונזער צייט. און דאָ זענען פאַראַנען מאָדנע ריהרענדע קאָנטראַסטען צווישען לייב און קלייד: דער פיין געשניטענער מויל זעהט אויס, ווי ער וואָלט קענען פירשטליך באַפעהלען, און ער ווערט שפּאָטיש באַשאָטענט פון אַן אָרימען באַטסהוט מיט צוקנייטשטע פּאַפּיער בלומען; דער שטאָל־צעסטער בוזים באַוועגט זיך אין אַ קרוזשע פון פלומפּע פאַלשע שפּיצען אויס פּאָדים, און די גייסטרייכסטע היפטען זענען אַרומ־גענומען פון דעם נאַרישסטען קאַטון. אומעט — דיין נאָמען איז קאַטון, און דאָס, ברוין־געשטרייפטער קאַטון! וואָרים אַך! קיינ־מאָל האָט מיך קיין זאַך ניט געמאַכט אַזוי אומעטיג געשטימט, ווי דער אָנבליק פון אַ טריענטעריז, וואָס מיט איהר געשטאַלט און פאַרב פון געזיכט איז זי גליך צו אַ מאַרמאָרענע געטין און אויף דעם אַנטיקען עדעלען לייב, טראָגט זי אַ קלייד פון ברוינ־

געשטרײפטען קאטון, אזױ אז עס זעהט אױס, װי די שטײנערנע ניאָבע, װאָלט פּלוצלונג געװאָרען לוסטיג, און האָט זיך מאסקירט אין אונזער מאָדערנער קלײנער טראכט, און אזױ דרעהט זי זיך ארום בעטעלשטאָץ און גראנדיאָז אומבאהאָלפען איבער די גאסען פון טריענט.

קאפיטעל XVIII.

אז איך בין צוריק געקומען אין דעם האטעל „דעל' גראנד אייראפא", וואו איך האב מיר באשטעלט א „פראנזא", איז מיר ווירקליך געווען אזוי אומעטיג אויפ'ן הארצען, אז איך האב ניט געקענט עסען. און דאס מיינט צו זאגען א סך. איך האב זיך אוועקגעזעצט פאר דער טיר פון דער שכנ'ישער באטעגא, זיך דערפרישט מיט „סארבעט" און געזאגט צו זיך אליין:

ווערעמדיג הארץ! דו ביזט דאך שוין אין איטאליען, — פארוואס זשע זינגסטו ניט? זענען אפשר די אלטע דייטשע שמערצען, די קליינע שלאנגען, וואס האבען זיך אין דיר טיעף איינגעגראבען, איצטער מיט דיר מיטגעקומען קיין איטאליען און זיי פרעהען זיך איצטער, און טאקי אט די געמיינשאפטליכע פרייד זייערע, וועקט דאס אויף אין דער ברוסט יענעם פיטארעסקען וועהטאג, וואס שטעכט דארט אזוי מאדנע און שפרינגט און פייפט? און פארוואס זאלען זיך טאקי ניט די אלטע שמערצען אמאל פרעהען? דא אין איטאליען איז דאך אזוי שען, דאס ליידען אליין איז דא אזוי שען. און די דאזיגע האלב איינגעפאלענע מארמארענע פאלאצא'ס, קלינגען די זיפצען פיעל ראמאנטישער, ווי אין אונזערע נעטע ציגעלהייזלעך; אונטער יענע לארבער־בוימער, לאזט זיך א סך הנאה'דיגער וויינען, ווי אין אונזערע באנאדעלטע פארכמורעטע טאנענבוימער. און נאך די אידעאלישע װאלקענבילדער פון דעם הימעלבלויען איטאליען, קען דאס הארץ גיכער אויסגעהן, ווי נאך דעם אש־גרויען דייטשען װאכעדיגען הימעל, וואו אפילו די וואלקענס קענען אויך נאר בלויז פיליסטערישע קאריקאטורען אויסמאלען, און הענגען אראפ אזוי לאנגווייליג. — בלייבט ביי מיר אין הארצען איהר שמערצען! איהר וועט אין ערגיץ ניט געפינען

קיין בעסערן פלאץ. איהר זענט מיר ליעב און טייער און קיינער ווייס ניט בעסער ווי אזוי ארום צו געהן ארום אייך ווי איך, און איך בין זיך מודה, איהר פאראשפט מיר פארגעניגען. און בכלל, וואס איז דען פארגעניגען? פארגעניגען איז ניט מעהר ווי דער העכסט אנגענעהמער שמערץ.

איך גלויב, אז די מוזיק וועלכע האט געשפיעלט פאר דער באטעגא, כאטש איך האב זיך ניט צוגעהערט צו איהר, און וועל־כע האט שוין געהאט צוגעצויגען ארום זיך א קרייז פון צוקוקער, האט מעלאדראמאטיש באלייט אט דעם מאנאלאג. דאס איז געווען א וואונדערליך טריא, וואס איז באשטאנען פון צוויי מענער און א יונג מיידעל, וואס האט געשפיעלט אויף דער הארף. איינער פון די צוויי מענער, וואס איז געווען ווינטערדיג אנגעטאן אין א ווייסען וואלענעם מאנטעל, איז געווען א ריעזיגער מאן מיט א דיק רויטען פנים, ווי א גזלן, וואס האט ארויסגעברענט פון די שווארצע האר און דער שווארצער באָרד, ווי א שטראהלענדיגער קאמעט, און צווישען די פיס האט ער געהאלטען אן אויסטערליש גרויסען באס, אויף וועלכען ער האט געריבען מיט אזא כעס, ווי ער וואלט אין די אברוצער בערג אנידערגעווארפען אן ארימען רייזענדען און וויל איהם געשווינד אפפידלען דעם גארגעל; דער צווייטער איז געווען א לאנגער, דארער זקן, וועמענס צופוילטע ביינער האבען זיך שלאבעריג באוועגט אין זיין אפגעלעבט שווארצען אנצוג, און וועמענס שנעע ווייסע האר, זענען געווען א שרעקליכער קאנ־טראסט צו זיין בופא געזאנג און נארישע קאזשעלקעס. און איז שוין גענוג טרויעריג דאס וואס אן אלטער מאן דארף די עהרנפורכט, וואס מען איז איהם שולדיג פאר זיינע יאהרען, אויס נויט פאר־קויפען פאר געלד, און פון זיך אליין חוזק מאכען: מיט וויפיעל איז עס נאך טרויעריגער, ווען אזעלכער טוט דאס ווען זיין קינד איז דערביי. אדער גאר בחברותא מיט זיין קינד! און אט דאס מיידעל איז געווען די טאכטער פון דעם אלטען בופא, און זי האט אקאמפאנירט אויף דער הארף די אומווירדיגסטע שפאסען פון דעם גרייז־גראהען פאטער, אדער האט אויך אוועקגעשטעלט די הארף אין א זייט, און מיט איהם געזונגען א קאמישען דועט, אין וועלכען

ער האט פארגעשטעלט א פארליעבטען אלטען נאר און זי זיין
יונגע, זיך רייצענדיגע ליובאווניצע. א חוץ דעם אלעמען האט דאס
מיידעל אויסגעזעהן, ווי נאר וואס ארויסגעטראטען פון איהרע
קינדער יאהרען. יא, עס האט זיך אויסגעדאכט, ווי מען וואלט
דאס קינד, נאך איידער עס האט דערגרייכט די מיידעלשאפט, שוין
געמאכט פאר א פרוי. און דאס, ניט פאר קיין צנועה'דיגע פרוי.
דערפון נעמט זיך דאס, דאס אויסצעהרענדע וועלקען און דער צו־
קענדיגער אומעט אויף דעם שענעם געזיכט, וועמענס שטאלצע
שטריכען, מאכען חוזק פון יעדען מינדסטען רחמנות געפיהל, וואס
עמיצער פיהלט צו איהר. דערפון נעמט זיך עס אט דער פארבאר־
גענער קומער אין די אויגען, וואס לייכטען ארויס אזוי ארויסרו־
פענדיג פון אונטער די שווארצע ברעמען; דערפון נעמט זיך דער
טיעפער שמערצליכער טאן, וואס איז אזא אונהיימליכער ווידער־
שפרוך צו די לאכענדיגע שענע ליפען, פון וואנען ער רייסט זיך
אפ. דערפון געמט זיך אט יענע קראנקהאפטיקייט פון די איבער־
צארטע גליעדער, וואס שטעקען אין אן ארים וויאלעטען זיידענעם
קליידעל. צו דער צו האבען נאך אויף דעם פארעלטערטען הוט
געפלאטערט ווי פאהנען שרייענדיגע בונטע אטלאס בענדער, און
די ברוסט איז געווען סימבאליש באציערט מיט אן אפענעם רויזענ־
קנאספ, וואס האט אויסגעזעהן, ניט ווי ער וואלט אליין זיך צו־
בלעטערט און ארויסגעבליהט פון זיין גרינער הילע, נאר ווי מען
וואלט איהם אויפגעריסען מיט געוואלד. און דאך איז איבער דעם
אומגליקליכען מיידעל — אט דעם דאזיגען פריהלינג, וועמען דער
טויט האט שוין אנגעהויכט, — געלעגען אן אומבאשרייבליכער חן,
א גראציע וואס האט זיך אנטפלעקט אין יעדער מיענע, יעדע באַ־
וועגונג און אין יעדען טאן, און אפילו אויך יעמאלט ניט אין גאנ־
צען פארלייקענט זיך, ווען זי האט מיט דעם פארגווארפענעם
לייבעלע און מיט אן איראנישער תאוה'דיקייט אקעגען געטענ־
צעלט אקעגען דעם אלטען טאטען, וועלכער האט זיך אויך פונקט
אזוי אונזיטליך אקעגען געוואקעלט מיט דעם ארויסגעשטרעקטען
בויך. וואס פרעכער זי האט זיך באנומען, אלץ א טיעפערן מיט־
לייד האט זי דערוועקט ביי מיר אין הארצען, און ווען איהר גע־

זאנג איז מיט אמאל װײך און װאונדערבאר ארויסגעקומען פון איהר ברוסט, װי עס װאלט געבעטען מען זאל איהר מוחל זײן, דאן האבען פאר פרײד אױפגעשריען אין מיר די קלײנע שלאנגען, און האבען זיך פון תענוג געביסען די עקען. אײנמאל האב איך זי אפילו געזעהן אױפציטערן און בלײך װערען — אבער אין דעם זעלביגען אויגענבליק האט דעם מײדעלס געזאנג זיך א לאז געטאן נאך לאכענדיגער אין דער הויך, דער אלטער האט געמעקעט נאך פארליבטער, און דאס רויטע קאמעט געזיכט האט געמאטערט זײן באס מיט אזא כעס, אז ער האט פון זיך ארויסגעגעבען די שרעק־ליכסטע טענער, און די צוהערער האבען נאך װילדער אױפגעשריען פאר פרײד.

קאפיטעל XIX.

דאס איז געווען אן אמת'דיג איטאליעניש שטיק מוזיק, ארויס־גענומען פון איינער פון די באליעבטע אפערא בופא'ס. יענעם וואונדערבארען מין, וואס לאזט זיין הומאר זיך פריי צושפיעלען. און וועלכער קען זיך ארייגלעבען אין אלע זיינע שפרינגענדיגע פארלאנגען, זיינע ווילדע איינפאלען, זיין לאכענדיגען אומעט, און זיין באגייסטערונג פאר'ן טויט, וואס איז פאראייניגט מיט א שטארקער ליעבע צום לעבען. דאס איז געווען אין גאנצען אויפ'ן ראסינישען שטייגער, ווי ער אנטפלעקט זיך צום ליעבליכסטען אין דעם „בארביער פון סעוויל."

די וואס פאראכטען די איטאליענישע מוזיק, די וואס וועלען אויך פון דעם מין אפלאכען, וועלען אמאל שפעטער אין גיהנום זיך ניט ארויסדרעהען פון זייער פארדיענטער שטראף, און וועלען נאך אפשר פאר'משפ'ט ווערען, די גאנצע אייביגקייט צו מוזען הערען ניט עפּיס אנדערש, ווי די פוגען פון סעבאסטיאן באך. איך האב נאר רחמנות אויף מיינע קאלעגען, ווי למשל רעלשטאב, וועלכער וועט אויך פונקט ווי די אנדערע ניט קענען זיך אויס־קויפען פון דער דאזיגער שטראף, סאידען אז ער וועט פאר'ן טויט זיך באקעהרען צו ראסיני. — ראסיני, Divino maestro, זון פון איטאליען, וואס דו פארשפרייטסט איבער דער וועלט דיי־נע קלינגענדיגע שטראהלען! זיי מוחל מיינע לאנדסלייט, וואס לעסטערן דיך אויף שרייב־פאפיער און אויף מעק־פאפיער! איך אבער האב הנאה פון דיינע גאלדענע טענער, דיינע מעלאדישע ליכט, דיינע פינקעלדיגע שמעטערלינגס־טרוימען, וואס וויגען זיך ארום מיר און קושען מיר דאס הארץ מיט די ליפען פון די גראַ־ציען! Divino maestro! זיי מוחל מיינע ארימע לאנדסלייט,

וואס זעהען ניט דיין טיעפקייט, ווייל זי איז פארדעקט מיט רויזען, און פאר וועמען דו ביזט ניט גענוג גערדאנקען שווער און ניט גענוג גרינדליך, ווייל דו פלאטערסט אזוי לייכט און געטבאפליגעלט! — אודאי כדי צו ליעבען די היינטיגע איטאליענישע מוזיק, מוז מען דאס פאלק אליין האבען פאר די אויגען, זיין הימעל, זיין כאראקטער, זיינע העויות, זיינע ליידען, זיינע פריידען, קורץ זיין גאנצע געשיכטע, פון ראמילוס, דער וואס האט אויפגעבויט די הייליגע רוימישע מלוכה, ביז אויף דער נייעסטער צייט, ווען זי איז צו גרונד געגאנגען אונטער ראמילוס אוגוסטוס II. דער ארימער פארשקלאפטער איטאליען איז דאך אפילו פארבאטען צו רעדען. און אלץ וואס דאס הארץ פיהלט קען נאר אויסגעדריקט ווערען דורך דער מוזיק. איהר גאנצע שנאה אקעגען דער פרעמדער הערשאפט, איהר באגייסטערונג פאר דער פרייהייט, איהר משוגעת צוליעב דעם באוואוסטזיין פון איהר מאכטלאזיגקייט, איהר אומעט ווען זי דערמאנט זיך אן דער פארגאנגענער הערליכקייט, דערצו נאך איהר שטיל האפען, איהר לוישען, איהר לעכצען נאך הילף, אט דאס אלץ שפאט זיך אפ אין יענע מעלאדיען, וואס לאזען זיך אראפ פון גראטעסקער לעבענס פאר׳שכור׳ונג ביז צו דער עלעגישער ווייכקייט, און אין יענע פאנטאמימען וואס געהען איבער פון די חניפה׳דיגע לאשטשערייען, ביז צו די סטראשענדיגע פארביסענקייטען.

דאס איז דער עקזאטערישער זין פון דער אפערא בופא. די עקזאטערישע וועכטער, אין וועמענס געגענווארט, זי ווערט געזונגען און פארגעשטעלט, יענער הויבט אפילו ניט אן צו האבען קיין אהנונג, וואס עס בעטייטען אט די דאזיגע לוסטיגע ליעבעס-געשיכטען, ליעבעסנויטען, און ליעבעס רייצונגען, אונטער וועלכע דער איטאליענער באהאלט די טויטליכסטע באפרייאונגס געדאנקען, פונקט ווי הארמאדיוס און אריסטאגיטאן האבען באהאלטען זייערע קינזשאלען אין א קראנץ פון מירטען. דאס איז דאך בלויז נארישע שטיק, זאגט דער עקזאטערישער וועכטער, און עס איז דאך גוט וואס ער באמערקט גאר ניט. ווארים אז ניט וואלטען דאך באלד דער אימפרעסאריא צוזאמען מיט דער פרימאדאנא, און פרימא

אודאַמע באַטראַכטען יענע ברעטער, וואָס שטעלען פאַר א פעסטונג; עס וואָלט באַלד אוועקגעזעצט געוואָרען אַן אונטערזוכונגס קאָמי־סיאָן, אַלע פאַר דער מלוכה געפעהרליכע זינגער און רעוואָלוציאָ־נערע קאָלאָראַטורען, וואָלטען פאַרשריבען געוואָרען אין פּראָטאָ־קאָל. דאַן וואָלט מען ארעסטירט א גאַנצע מאַסע מיט ארלעקינע׳ס, וואָס זענען אין ווייטערע פאַרצווייגונגען אויך פאַרמישט אין פאַר־ברעכערישע באַנדעס, אויך טאַרטאַגאַליא׳ן, בריגהעלאַ׳ן און אפילו דעם אלטען אויסגערעכענטען פאַנטאַלאָן. דעם דאָטאָרע פון באָלאָ־נא, וואָלט מען פאַר׳חתמ׳ט די פּאַפּיערען, ער אליין וואָלט זיך אריינגערוקט אין נאָך א גרעסערן פאַרדאַכט, און קאָלומבינע, וואָלט צוליעב אָט דעם דאָזיגען פאַמיליען אומגליק זיך נעביך געמוזט די אויגען רויט אויסוויינען. איך מיין אבער, אז אזא אומ־גליק וועט די דאָזיגע גוטע לייט ניט טרעפען, ווארים די איטאַל־יענישע דעמאַגאָגען זענען כיטרער פון די אָרימע דייטשע דעמאַ־גאָגען, וועלכע, האָבענדיג אויך אזוינע געדאַנקען, האָבען זיי זיך פאַרשטעלט פאַר שווארצע נאַראָנים מיט שווארצע נאַראָנים היי־טעלעך, און דערביי האָבען זיי אָבער אויסגעזעהן אזוי אויפאַלענד באַטריבט, און ביי זייערע גרינדליכע נארישע שפּרינג, וואָס זיי האָבען גערופען טורנען, האָבען זיי זיך ארויסגעשטעלט פאַר אזוי געפעהרליך און געמאַכט אזעלכענע ערענסטע געזיכטער, אז די רע־גירונג האָט סוף כל סוף געמוזט ווערען אויפמערקזאַם, און האָט זיי אַלע פאַרפאַקט.

קאפיטעל XX

די קליינע הארפעניסטען האט אודאי געמוזט באמערקען, אז אין דער צייט ווען זי האט געזונגען און געשפּילט, האב איך אפּט געקוקט אויף דער רויז ביי איהר אויפ׳ן בוזים, און ווען איך האב דערנאך ארייגעווארפען אין דעם צינערנעם טעלער אין וועל־כען זי האט צונויפגענומען איהר האנאראר, א גאלדשטיק, וואס איז ניט געווען זעהר קליין, האט זי ביטרע געשמייכעלט און מיך גע־פרעגט שטילערהייט, צי איך וויל ניט האבען די רויז.

נו, בין איך דאך אבער דער העפליכסטער מענש אויף דער וועלט, האב איך ניט געוואלט באליידיגען קיין רויז, און מעג עס אויך זיין א רויז, וואס האט שוין אביסעל פארלוירען איהר ריח, און ווען זי שמעקט ניט מעהר אזוי פריש, און האט ניט מעהר אין זיך דעם ריח פון דער טוגענד, ווי למשל א רויז פון שרון, וואס ארט דאס מיך, אז איך האב סאי ווי סאי דעם קאטער! און נאר די מענשען האבען ליעב אלץ אזוי אויף דער האר. דער שמעטער־לינג פרעגט ניט פריהער די בלום: האט דיך שוין אן אנדערער געקושט? און די בלום פרעגט ניט: האסטו שוין אן אנדערע ארומגעפלאטערט? צו דעם איז נאך צוגעפאלען די נאכט, און ביי נאכט האב איך מיר געטראכט, זענען אלע בלומען גרוי, די זינ־דיגסטע רויז פונקט אזוי גוט ווי די טוגענדהאפטעסטע פעטרישקע. קורץ און גוט, ניט לאנג ווארטענדיג, האב איך געזאגט צו דער קליינער הארפעניסטין:

טראכט נאר ניט קיין שלעכטס, ליעבער לעזער. עס איז גע־ווארען פינסטער, און די שטערן האבען אזוי קלאר און אזוי פרום אראפּגעקוקט צו מיר אין הארץ אריין. אין הארצען אליין אבער האט געציטערט די עראינערונג אן דער טויטער מאריא. איך האב

ווידער געטראַכט פון יענער נאַכט, ווען איך בין געשטאַנען פאַר דעם בעט, אויף וועלכען עס איז געלעגען דער שענער בלאַסער לייב מיט די זאַנפטע, שטילע ליפען — איך האָב ווידער געטראַכט וועגען דעם מאָדנעם בליק, וואָס עס האָט מיר צוגעוואָרפען יענע אַלטע פרוי, וועלכע האָט געזאָלט נעכטיגען ביים בר מינן, און מיך איבערגעלאָזט אויף איהר אָרט אויף עטליכע שעה — איך האָב ווידער געטראַכט וועגען דער נאַכט פיאַלע, וואָס איז געשטאַנען אין גלאָז אויפ'ן טיש און אַזוי זעלטזאַם געשמעקט — אויך האָט מיך ווידער דורכגעשווידערט דער צווייפעל, צו איז דאָס ווירקליך געווען א צוג-ווינד, פון וואָס דער לאָמפּ איז געוואָרען אויסגעלאָשען, צי איז ווירקליך ניט געווען א דריטער אין צימער?

קאפיטעל XXI.

איך האב זיך באלד געלעגט. בין באלד איינגעשלאפען און זיך פארוויקעלט אין נארישע חלומות. איך האב גע'חלומ'ט זיך אליין מיט עטליכע שעה צוריק. איך בין ווידער אנגעקומען קיין טריענט, און בין ווידער נשתומם געווארען ווי פריהער, און איצטער נאך מעהר, ווייל איצטער האבען ניט קיין מענשען נאר לויטער בלומען ארומגעשפאצירט אין די גאסען. דא זענען ארום געגאנגען גליהענדיגע נעלקען, וואס האבען זיך תאוה'דיג געפאכט מיט די פאכערס, קאקעטירענדיגע באלזאמינען, היאצינטען מיט היבשע ליידיגע גלאקען־קעפלעך, הינטער זיי א גאנצע מחנה באוואנצעטע נארציסען און אונבאוועגליכע ריטער שפארען. דורך א פענסטער פון אן אלטען הויז, וואס האט געהאט א קרענקליך אויסזעהן, האט ארויסגעקוקט א געשפרענקעלטע לעפקאיע, וואס איז געוועזען זעהר נאריש בונט באפוצט און הינטער איהר האט זיך צורקלונגען אן ערדעל דופטענדיגע פיילכעל שטים. אויף דעם באלקאן פון דעם גרויסען פאלאצא, וואס אין מארק, איז געוועזען פארזאמעלט דער גאנצער אדעל, די הויכגעבוירענע נאבלעססע, למשל יענע ליליען, וואס ארבייטען ניט און שפינען ניט, און טראכטען וועגען זיך אזוי פראכטיג, ווי שלמה המלך, ווען ער איז געוועזען אין זיין גאנצער הערליכקייט. מיר האט זיך געדאכט, אז איך זעה דארט אויך די דיקע זיצערין: דאך ווען איך האב זיך בעסער איינגעקוקט, איז עס געוועזען א פשוט'ע פארווינטערטע ראנינקעל, וואס האט זיך גלייך א לאז געטאן צו מיר מיט איהר מענה לשון: „וואס ווילט איהר דא, איהר ניט צייטיגע בליהונג, איהר זויערע אוגערקע? איהר ארדינערע בלום, מיט בלויז איין שטויב פאדים? איך וועל אייך שוין באגיסען!“ פאר שרעק בין איך אנטלאפען אין דאם

ארייז, און האב שיער אומגעווארפען אן אלט הינקענדיג שטיפמא־מעלע, וואס האט זיך געלאזט נאכטראגען דאס געבעט ביכעל פון א געגזעגבלימעל. דאס אבער איז שוין ווידער געווען אמת'דיג אנגענעהם; אין לאנגע רייהען זענען דא געזעסען טולפען פון אלער־ליי פארבען און האבען שטיל מיט כונה געשאקעלט די קעפ. אין ודוי־שטוהל איז געזעסען א שווארצער רעטיך, און פאר איהם האט געקניהט א בלום, וועמענס געזיכט מען האט ניט געקענט זעהן. דאך האט זי געשמעקט אזוי גוט באקאנט שוידערליך, אז איך האב, מאדנע, זיך ווידער דערמאנט אן דער נאכט־פיאלע, וואס איז געשטאנען אין צימער, וואו עס איז געלעגען די טויטע מאריא.

אז איך בין צוריק ארוים פון דאס, איז מיר אקעגען געקומען א לויה פון סאמע רויזען מיט שווארצע וואואלען און ווייסע טאַ־שענטיכלעך, און אך! אויף דער מטה איז געלעגען די פריה צורוי־בענע רויז. וואס איך האב בעזעהן אויף דעם בוזים פון דער קליי־נער הארפעניסטין. זי האט איצטער אויסגעזעהן נאך גראציעזער, אבער אין גאנצען בלייך ווי קרייד, א ווייסער רויזען־מת. ביי א קליינער קאפליצע האט מען אוועקגעשטעלט דעם ארון; דא האט מען ניט געהערט מעהר ווי וויינען און שלוכצען, און צום סוף האט זיך באוויזען אן אלט מאן־קעפיל און געהאלטען א לאנגען הספד, אין וועלכען ער האט אזוי פיעל געפלוידערט וועגען די גוטע מדות פון דער פארשטארבענער, פון א ערדישען קאציעניאמער־טאל, פון א בעסערן זיין, פון ליעבע, האפענונג און גלויבען. דאס אלץ האט ער געזאגט אין א שנאפעלדיגען זינגענדיגען טאן — א ברייט פארוואסערטע רעדע, און אזוי לאנג און לאנגווייליג, אז איך האב דערפון זיך אויפגעכאפט.

קאַפּיטעל XXII.

מיין וועטטורין האָט פריהער איינגעשפּאַנט פאר דעם העליאָס זיינע פערד, און ארום מיטאג צייט זענען מיר שוין געווען אין אַלאַ. דאַ פּלעגען זיך די וועטורינען אָפּשטעלען אויף עטליכע שעה, כדי צו בייטען זייערע וועגענער.

אַלאַ איז שוין אַן אמת'דיגע איטאַליענישע שטאָדט. דער פּלאַץ איז א פּיטאָרעסקער. אויף דער קרום פון א בארג. א טייך רוישט פארביי, הייטער־גרינע וויינרעבען, דראפּען זיך דאַ און דאָרטען אויף בלעטער פּאַלאַצען, וואָס זענען אַנגעשטעלט און אַנגעווארפען איינער איבער דעם אנדערן. ביים ראָג פון דעם קרומליכען מארק, וואָס איז אזוי קליין ווי א היהנער־הויף, שטעהט מיט מעכטיגע גיגאנטישע אותיות: **Piazza di San Marco**, אויף דער שטיינערנער חורבה פון א גרויס פּארצייטיגען אדעליגען הערב־שילד, איז זיך דאָרט געזעסען א אינגעל און געטאָן דאָס נויטבאדארפטיגע. די בלאַנקענדיגע זון האָט באשיינט זיין נאַאיווען הינטער חלק, און אין די הענד האָט ער געהאלטען א פּאַפּיערען בילד פון א הייליגען, וואָס ער האָט פריהער זעהר הארציג געקושט. א קליין, שען מיידעלע איז געשטאַנען דערנעבען און זיך גוט צוגעקוקט, און ווען ניט ווען האָט זי איהם אקאָמפּאַנירט אויף אַ הילצערען קינדערש טראָמפּייטעל.

דאָס גאַסט־הויז־וואו איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, און וואו איך האָב געגעסען מיטאָג, איז שוין אויך געווען פון דעם אמת'ן איטאַליענישען סאָרט. אויבען אויף דעם ערשטען גאָרען, איז געווען א פרייע עסטראַדע, וואָס האָט ארויסגעקוקט צום הויף, וואו עס זענען געלעגען עטליכע צובראָכענע וועגענער און פארבענקטע קופּעם מיסט, אינדיקעס מיט נאריש־רויטע לאַפּענס פאר די שנאָבלען, און א בעטעל־שטאַלצע פאוועס, האָבען זיך אומגעשפּאַציערט, אין א

האַלב טויט אָפּגעריסענע און מאָדנע פאַרברענטע יונגען, האָבן זיך געלויזט לויט דעם מעטאָד פון בעלל־און לאַנקעסטער. אויף יענער עסטראַדע, אַקעגן איבער דעם צובראָכענעם אייזערנעם פּאַ־רענטש, איז מען אָנגעקומען אין א גרויס לײדיג צימער. דער דיל פון מאַרמאָר, אין דער מיט א בעט, אויף וועלכן די פּלעה האָ־בען געפּראַוועט א חתונה. אומעטום גרויסאַרטיגער שמוץ. דער באַלעבאָס איז געלאָפן אַהער און אַהין כדי אויסצופּילען מיינע פאַרלאַנגען. ער האָט געטראָגן א גרינעם ראָק און א זעהר ריה־רעוודיג פּנים, אויף וועלכן עס איז געזעסען א לאַנגע, הויקער־דיגע נאָז, מיט א האָריגער רויטער וואַרצעל, וואָס איז געזעסען פּונקט אין דער מיט, ווי א רויטיאַקיגער אָף אויף דעם רוקען פון א קעמעל. ער האָט געהאַלטען אין איין ארומשפּרינגען אַהין און אַהער, און עס האָט דעמאָלט אויסגעזעהן, ווי דאָס קליינע אַפּעלע אויף זיין נאָז, וואָלט אויך אזוי ארומגעשפּרונגען. עס האָט אבער געדויערט א שעה איידער ער האָט וואָס ניט איז געבראַכט, און ווען איך האָב זיך געבייזערט, האָט ער געשוואוירען, אז איך רעד שוין זעהר גוט איטאַליעניש.

א לאַנגע צייט האָב איך זיך געמוזט באַנוגענען מיט דעם ליעבליכען ריח פון געבראָטענס, וואָס האָט מיר אַקעגען געשמעקט פון דער אָפּענער קיך, וואו די מאַמע מיט דער טאָכטער זענען גע־זעסען איינע לעבען דער אַנדערער, געזונגען און געפּליקט היהנער. די ערשטע איז געווען שרעקליך פעט; בריסט, וואָס האָבן זיך היבש אריבערגעבויגען, און דאָך זענען זיי נאָך אַלץ געווען קליין אין פערגלייך מיט דעם קאָלאָסאַלען הינטערגעשטעל, אזוי אז ערשט יענע האָבן אויסגעזעהן צו זיין די אינסטיטוציאָן, דער הינטער־חלק אבער ניט מעהר ווי איהר ווייטערדיגע אויספיהרונג אלס פאַנדעקטען. די טאָכטער, א ניט זעהר גרויסע, אָבער פעסט געבוי־טע מויד, האָט אויך אויסגעוויזען צו האָבען א נייגונג פעסט צו ווערען; אבער איהר בליהענדיג פעטס, האָט מען בשום אופן ניט געקענט פאַרגלייכען מיט איהר מוטערס אלטען חלב. איהרע גע־זיכטס־צוגען זענען ניט געווען זאַנפט, ניט יוגענדליך חנ׳עוודיג, דאָך שוין געמאָסטען, עדעל, אַנטיק; די לאָקען און די אויגען ברע־

נענדיג שווארץ. פארקעהרט, די מוטער האט געהאט פלאכע טעמפּע געזיכטסצוגען, א נאז רויט ווי א רויז, בלויע אויגען, ווי פיילעכלעך געקאכט אין מילך, און ליליענווייסע געפודערטע האר. ווען ניט ווען איז דער באלעבאס געקומען צו שפּרינגען **il signor padre** און זיך געהייסען דערלאנגען עפּיס א כלי אדער אן אנדערע זאך, און אין א רעציטאטיוו, האט ער געקראגען די רוהיגע עצה, אליין עס אויפצוזוכען. דאן האט ער געשמאטשקעט מיט דער צונג, ארומ־גענישטערט אין די שרענק, פארזוכט פון די קאכענדיגע טעפּ, זיך פארברענט דאס מויל און געלאפען ווייטער, און מיט איהם זענען געלאפען זיין נאז קעמעל און זיין אפּעלע. הינטער זיי האבען זיך געלאזט הערען די פרעהליכסטע טרעלען, ווי ליעבליכער שפּאט און פאמיליען־חוזק.

אבער אט די דאזיגע געמיטליכע, כמעט אידילישע ווירט־שאפט, איז פּלוצלינג איבערגעהאקט געווארען, ווי פון א דונער. עס איז אריינגעפאלען א פעסטער חברה מאן מיט א פּנים פון א גזלן, און האט עפּיס א געשריי געטאן, וואס איך האב ניט פאר־שטאנען. און ווען די צוויי פרויען האבען געשאקעלט מיט'ן קאפּ אויף ניין, איז ער אריינגעפאלען אין א ווילדען כעס, און געשאטען מיט פעך און שוועבעל, ווי א קליינער וועזוואו, וואס בייזערט זיך. די ווירטהין, האט א פּנים מורא געקראגען, און זי האט איהם געפּרואווט איינשטילען מיט גוטע, שטילע ווערטער, וועלכע האבען אבער געהאט פונקט די פארקעהרטע ווירקונג, אזוי אז דער ווילדער מענש, האט א כאפּ געטאן אן אייזערנע שאוועל, צוהאקט עטליכע אומשולדיגע טעלער און פלאשען, און וואלט אויך געווען געשלאגען די ארימע פרוי, ווען די טאכטער וואלט ניט א כאפּ גע־טאן א לאנג קיך־מעסער, און איהם ניט געסטראשעט צו דערשטע־כען, אויב ער וועט זיך ניט זאפארט אפּטראגען.

דאס איז געווען א שענע סצענע. דאס מיידעל איז דא גע־שטאנען בלאס־געל און פון כעס פארשטארט, ווי א מארמארען בילד. די ליפּען פונקט אזוי בלייך, די אויגען טיעף און שיינענ־דיג מיט טויט, א בלוי אנגעשוואלענע אדער קרומליך איבער'ן שטערן, די שווארצע לאקען ווי פלאטערדיגע שלאנגען, אין די

הענד — דאָס בלוטיגע מעסער — איך האָב אויפגעשווידערט פאַר לוסט, ווארים איך האָב געזעהן פאַר מיר באשיינפּערליך, דאָס בילד פון דער מעדעא, אַזוי ווי איך פלעג עס חלום׳ן אין מיינע יוגענד־געכט, ווען איך פלעג איינשלאָפען אויף דעם ליעבען האַרץ פון דער מעלפּאָמענע, דער טרויעריג שענער געטין.

בעת עס איז פאָרגעקומען די דאָזיגע סצענע, איז זיך דער **Signor padre** ניט אויף דאָס מינדסטע ארוים פון זיין גאַנג. מיט אַ מאָדנער רוהיגקייט האָט ער זיך צוגויפגעקליבען די שאַר־בעלעך פון דיל, האָט צוזאַמענגעזוכט די טעלער, וואָס זענען נאָך געבליבען ביים לעבען, און אויף זיי האָט ער מיר געבראַכט: זופּפּא מיט פּאַרמעזאַן־קעז, אַ בראַטען הארט און פעסט ווי די דייטשע טרייקייט, ראַקעס רויט ווי ליעבע, גריינעם שפּינאַט ווי האָפענונג מיט אייער, און פאַר אַ דעססערט האָט ער מיך נאָך געבראַכט געפּילטע ציבעלעס, וואָס האָבען ביי מיר ארויסגערופען פון די אויגען טרעהרען פון ריהרונג. און אז איך האָב איהם געוויזען מיט פאַרוואונדערונג אויף דער קיך, האָט ער געזאָגט: „עט, דאָס איז גאָר ניט. דאָס איז שוין אַזוי פיעטראַ׳ס טבע״; און ווירקליך, גלייך דערנאָך, ווי דער פאַראורזאַכער פון קריג, האָט זיך דערוויי־טערט, האָט זיך געדאַכט, ווי קיין זאַך וואָלט ניט געווען פאָרגעקומען, די מאַמע מיט דער טאָכטער זענען זיך ווידער געזעסען רוהיג ווי פריהער, האָבען געזונגען און געפליקט היהנער.

די רעכענונג האָט מיך איבערצייגט, אז אויך דער **Signor padre** פאַרשטעהט זיך אויפ׳ן פליקען. און ווען איך האָב איהם דערנאָך, אַ חוץ דעם חשבון, נאָך געגעבען עפּיס פאַר זיין גוטער האַנד, האָט ער גענאָסען אַזוי שטאַרק און מיט אַזאַ הנאה, אז דאָס אפּעלע איז שיער ארונטערגעפאַלען פון זיין געזעס. דערנאָך האָב איך פריינדליך אַ וואונק געטאָן אין קיך אריין, דער ענטפער איז געווען אַ פריינדליכער; באַלד בין איך שוין געזעסען אין דעם אי־בערגעביטענעם וואָגען, בין ראש אראָפּ געפאָהרען אין דעם לאָמ־באַרדישען טאָל, און ארום פאַרנאַכט בין איך אָנגעקומען אין דער אוראַלטער, וועלט באריהמטער שטאָדט וועראָנאַ.

קאפיטעל XXIII.

די פארשיעדענפארביגקייט פון די נייע ערשיינונגען, האט מיך אין טריענט געמאכט פיהלען, ווי איינער וואס דרעהט זיך ארום אין א פארנעבעלטען חלום און איז פול מיט אהנונג. פונקט ווי מיר פיהלען ווען מיר לייענען א מעשה'לע. אין וועראנא אבער, האט דאס מיך שוין ארומגעכאפט, ווי א מעכטיגער, פיעבערהאפטער חלום, פול מיט הייסע פארבען, מיט שארף באשטימטע פארמען, מיט קלאנגען פון געשפענסטישע טראמפייטען, און מיט א גערויש פון כלי זיין אין דער ווייטענס. דא זענען געווען צווישען די פאלאצען אזעלכענע, וואס האבען מיך אנגעקוקט אזוי מאדנע, ווי זיי וואלטען מיר וועלען פארטרויען עפיס אן אלטען סוד, נאר זיי האלטען זיך אפ דערפון, מחמת עס איז דא א טומעל פון צודרינגליבע וואכענדיגע מענשען. זיי בעטען מיך דערפאר איך זאל ביי נאכט נאכאמאל קומען. און דאך טראץ דעם ליארעם פון פאלק און טראץ דער ווילדער זון, וואס האט געגאסען מיט איהר רויטען ליכט, האט מיר דאך וואו ניט וואו אן אלטער פינסטערער טורעם צוגעווארפען א באדייטענדיג ווארט, וואו ניט וואו, האב איך פארנומען דאס סוד'ן פון צובראכענע בילד־זיילען, און ווען איך בין געגאנגען איבער א קליינער טרעפ, וואס האט געפיהרט צו דעם Piazza de Lignori, האבען מיר דארט די שטיינער דערצעהלט א בלוטיגע געשיכטע, און ביים ראג האב איך איבער־געלייענט : Scala Amazzati

וועראנא, די אוראלטע, וועלט באריהמטע שטאדט, וואס ליגט אויףביידע זייטען פון דעם טייך עטש, איז אלעמאל געווען די ערשטע סטאנציע פאר די גערמאנישע וואנדערפעלקער, וואס האבען פארלאזען זייערע קאלטע צפונ'דיגע וועלדער, געקלעטערט ארי־

בער די אַלפּען, כדי צו קענען הנאה האָבען פון דעם גילדענעם זונ־
שיין, פון דעם ליבליכען איטאַליען. עטליכע האָבען געצויגען ווייטער
אַראָפּ, אַנדערע איז עס שוין געפעלען געוואָרען גענוג גוט אויפ׳ן
אָרט גופא, און זיי האָבען זיך דאָ געמאכט היימיש באקוועם, און
האָבען אויף זיך ארויפגעצויגען זיידענע הויז־קליידער, און האָבען
זיך בשלום ארומגעשפּאצירט צווישען בלומען און ציפּרעסען, ביז
ביי אָנגעקומענע, וואָס האָבען נאָך אויף זיך געהאט זייערע איי־
זערנע קליידער פון צפון, האָבען זיי ארויסגעשטופּט, — דאָס איז אַ
געשיכטע, וואָס האָט זיך געהאלטען אין איין איבער׳חזר׳ן, און
וועלכע די היסטאָריקער רופען אָן די פעלקער־וואנדערונג. וואנדעלט
מען נאָך היינט איבער ארום אין די גאסען פון וועראָנא געפינט מען
נאָך אומעטום די וואונדערבארע שפּורען פון יענע טעג, פּונקט אזוי
גוט ווי שפּורען פון עלטערע און פון שפּעטערדיגע צייטען. אָן די
רוימער דערמאָנט באזונדערס דאָס אמפיטעאטער און דער טריאָ־
אומפ־בויגען; אָן דער צייט פון טהעאָדאָריך, פון דיעטריך פון
בערן, פון וועלכען די דייטשען זינגען נאָך היינט און דערצעה־
לען, דערמאָנען דאָ די פּאבעלהאפטע איבערבלייבענישען, פון עט־
ליכע ביזאנטישע פּאָר־גאָטישע געביידען; ווילדע חורבות דערמאָ־
נען אָן דעם קעניג אלבאָין און זיינע ווילדע לאָנגאָבארדען; מאָנו־
מענטען וואָס זענען רייך אין לעגענדען, דערמאָנען אָן קאראָלוס
מאגנוס, וועמענס פּאלאדינען זענען אויפ׳ן טויער פון דעם דאָם
אויסגעהאקט, פּונקט אזוי פרענקיש־רוי, ווי זיי זענען דאָס זיכער גע־
וועזן ביים לעבען. — מיר ווילען זיך פארשטעלען, ווי די שטאָדט
וואָלט געוועזן אַ גרויסער פעלקער הארבעריג, און פּונקט ווי מען
פלעגט אין קרעטשמעס פאַרשרייבען די נעמען אויף די טירען און
פענסטער, אזוי האָט דאָרט יעדעס פאָלק נאָך זיך איבערגעלאָ־
זען שפּורען פון זייער אנוועזענהייט. אודאי, איז דאָס אָפטמאָל
געוועזן נאָך אין אַ שריפט, וואָס איז אונמעגליך צו לעזען, וואָרים
אַנדערע דייטשע שבטים האָבען דעמאָלט נאָך ניט געקענט שריי־
בען, און האָבען זיך געמוזט ארויסהעלפען מיט דעם, וואָס זיי האָ־
בען צום אַנדענק עפּים חרוב געמאכט. און דאָס איז געוועזן גענוג.
וואָרים אָט די חורבות רעדען אַ סך דייטליכער, ווי ציערליכע

בוכשטאבען. די באַרבאַרען, וואָס האָבען זיך איצטער אָפּגעשטעלט אין דעם אַלטען האַרבעריג, וועלען אויך ניט פאַרפעהלען איבער־צולאָזען פאַר אַן אַנדענק, אַז זיי זענען דאָ געוועזען, פּונקט אַזעלכע־נע מאָנומענטען. וואָרים עס פעהלט זיי אוים סקולפּטאָרען און ריכטער, כדי זיי זאָלען קענען פאַרבלייבען אין׳ם זכרון פון די מענשען דורך מילדערע מיטלען.

אין וועראָנאַ בין איך בלויז געוועזען עטליכע טעג און כ׳בין כסדר נאָר אַרומגעגאַנגען אַ פאַרוואונדערטער און געקוקט אָט אויף די פּאַרצייטיגע געביידען און אָט אויף די מענשען, וואָס האָבען דאָרט אַרומגעשוויבעלט צווישען זיי מיט אַזאַ געהיימניספולער שנעלקייט, און אָט אויף דעם גאָט־בלויען הימעל וואָס האָט דאָס דאָזיגע זעלטזאַמע גאַנצע, ווי איינגעפּאַסט אין אַ טייערען ראַהם און דורך דעם עס דערהויבען צו אַ בילד. עס איז אָבער מאָדנע ווען מען שטעקט אַליין אין דער בילד, וואָס מען האָט נאָר וואָס באַטראַכט. און נאָך מעהר, ווען מען קריגט צוגעוואָרפען שמייכ־לען פון אַ טייל פון דעם בילדס פיגורען און דאָס, גראַד פון דעם ווייבערשען טייל, ווי עס האָט מיר אַזוי ליעבליך געטראָפען אויף דער **Piazza delle Erbe** דאָס איז נעמליך דער מאַרק פאַר גרינס, און דאָ האָבען זיך געפונען וואונדערשענע געשטאַל־טען. פרויען און מיידלעך, מיט שמאַכטענדיג גרויס אויגיגע גע־זיכטער, זיסע לייבער, חנ׳עוודיג גאַל, נאַיוו שמוציג, געשאַפען פיעל מעהר פאַר דער נאַכט, ווי פאַר׳ן טאָג. דער ווייסער אָדער שוואַר־צער שלייער, וואָס די שטאָדט פרויען האָבען געטראָגען אויפ׳ן קאָפּ, זענען געוועזען אַזוי כיטרע פאַרוואָרפען אַרום דעם בוזים, אַז ער האָט גיכער אַרויסגעגעבען די פאָרמען איידער זיי פאַרשטעלט. די דיענסט־מוידען האָבען געטראָגען שיניאָנס, צוגעשפּילעט מיט איינעם אָדער מעהרערע פיילען, אַנדערע אויך מיט אַן אייכעל־קעפּיגען זילבער־שטעקעלע. די פרויערטעס האָבען צו מייסטענס גע־האַט פאַרבונדען אויף איין זייט פון קאָפּ אַזאַ טעלעראַרטיג שטרוי־היטעלע מיט קאָקעטירענדיגע בלומען. די טראַכט פון די מענער, האָט זיך שוין ניט ווייניגער אונטערשיידט פון אונזער טראַכט, זיי האָבען זיך מיר נאָר געוואָרפען אין די אויגען, מיט די אונגעהייערע

שוואַרצע באַקען־בערד, וואָס זענען ווי אַרויסגעוואַקסען פֿון די קראַוואַטען.

באַטראַכט מען אָבער גענויער אַט די מענשען, די מענער אַזוי גוט ווי די פֿרויען, געפֿינט מען אויס אין זייערע געזיכטער און אין זייער גאַנצען וועזען, די שפּורען פֿון אַ ציוויליזאַציאָן, וואָס אונטערשיידט זיך פֿון דער אונזעריגער אויף אַזוי פֿיעל, וואָס זי איז ניט אַרויסגעקומען פֿון דער מיטעלאַלטערליכער באַרבאַריי, נאָר וואָס שטאַמט נאָך פֿון די צייט פֿון די רוימער. אַ ציוויליזאַציאָן, וואָס איז קיינמאָל ניט פֿאַרטיליגט געוואָרען, נאָר וועלכע האָט זיך יעדעס מאָל מאָדיפֿיצירט לויט דעם כאַראַקטער פֿון דעם לאַנד־הערשער. די ציוויליזאַציאָן האָט ביי די דאָזיגע מענשען ניט קיין אַזאַ אויפֿפֿאַלענדיגען נייעם פּאָליטור ווי ביי אונז, וואו די שטאַמען פֿון די דעמבעס זענען ערשט נעכטען געוואָרען אָפּגעהובעלט און אַלץ שמעקט נאָך מיט פּירנים. אונז דאַכט, אַז דער מענשען־שטראָם אויף דער פּיאַצאַ דעללע ערבע, האָט אין דעם לויף פֿון די צייטען, בלויז אַלע מאָל געהאַלטען אין איין בייטען די רעק און די רעדענסאַרטען, און אַז דער גייסט פֿון זייער טראַכטען האָט זיך ניט פֿאַרענדערט. די געביידען אָבער וואָס רינגלען אַרום אַט דעם פּלאַץ, זענען ווי עס ווייזט אויס ניט אַזוי לייכט געווען אים שטאַנד צו געהען מיט דער צייט; און דאָך זעהען זיי דערפֿאַר ניט אויס מינדער אַנגענעהם, און זייער אָנבליק ריהרט וואונדערבאַר אונזער נשמה. דאָ שטעהען הויכע פּאַלאַצען אין ווענעציאַניש־לאָמבאַרדישען סטיל, מיט אָהן אַ שיעור באַלקאָנען און לאַכענדיגע פֿרעסקאָ־בילדער; אין דער מיט דערהויבט זיך איין איינציגע קאָלאָנע, איין פֿאָנטאַן, און איין הייליגע פֿון שטיין; פֿון דאַנען זעהט מען דעם רויט און ווייס געשטרייפֿטען פּאָדעסטאַ, דער וואָס הויבט זיך אַרויף פֿון הינטער אַ מעכטיגען זיילען־טויער; דאָרט ווידער דערזעהט מען אַן אַלטען פֿיערעקיגען קירכענטורם, אויף וועלכען אין דער הויך דער ווייזער און דאָס ציפֿער־בלאַט פֿון דעם זייגער איז ביז אַ העלפֿט צובראָכען, אַזוי אַז עס זעהט אויס, ווי די צייט וואָלט זיך אַליין וועלען פֿאַרניכטען — איבער דעם גאַנצען פּלאַץ ליגט דערזעלביגער ראָמאַנטישער צויבער, וואָס

װעהט אויף אונז אזוי ליעבליך. אויס די פאנטאסטישע דיכטונגען פון לודאוויקא אריאסטא, אדער פון לודאוויקא טיעק.

נאהענט פון דעם דאזיגען פלאץ שטעהט א הויז, װאס צוליעב א הוט, װעלכער איז אויסגעהאקט אין שטײן איבער דעם אינגע־װײניגסטען טויער, האלט מען עס פאר דעם פאלאץ פון קאפולעט. איצטער איז דאס א שמוציגע שענק, פאר בעל עגלות, און שמײ־סערס און אלס א שילד פון א הארבעריג, הענגט אין דרויסען א רויטער, דורכגעלעכערטער בלעכערנער הוט. ניט װײט פון א קירך װײזט מען אויך א קאפליצע, אין װעלכער עס האבען, לויט דער זאגע, חתונה געהאט דאס אומגליקליכע ליעבעס־פאר. א דיכטער באזוכט גערן א זעלכענע ערטער, הגם ער אלײן מאכט חוזק פון זײן הארצענ׳ס גלויביגקײט. אין דער דאזיגער קאפליצע האב איך געפונען אײן אײנזאמע פרוי, אן ארים אפגעבלאקירט נפש, װאס נאך א לאנגען קניען און בעטען איז עס אויפגעשטאנען, האט מיך מאדנע אנגעקוקט מיט קראנקע, שטילע אויגען, און צום סוף זיך געלאזט געהען װי מיט צובראכענע איברים.

אויך די מצבות פון די סקאליגער זענען ניט װײט פון דער פיאזא דעללע ערבע. זײ זענען אזוי װאונדערליך פראכטיג, װי דאס דאזיגע שטאלצע געשלעכט אלײן, און עס איז א שאד, װאס זײ שטעהען אין אן ענגען װינקעל, װאו זײ מוזען זיך צונויפדריקען, כדי צו פארנעמען אזוי װײניג פלאץ װי עס איז נאר מעגליך, און װאו עס בלײבט אויך ניט איבעריג גענוג פלאץ פאר דעם צוקוקער, כדי זײ געהעריג צו באטראכטען. עס איז, װי מיר װאלטען דא געזעהן סימבאליזירט די געשיכטליכע ערשײנונג פון אט דעם געשלעכט; װארים זי פילט אויך נאר אויס א קלײנעם װינקעל אין דער איטאליענישער געשיכטע, אדער דער דאזיגער װינקעל איז דאס אזוי ענג, װײל ער איז פול מיט גלאנץ פון גוטע מעשים, געזוי־נונגס־פראכט און איבערמוטס הערליכקײט. פונקט װי אין דער גע־שיכטע אזוי זעהט מען זײ אויך אויף זײערע מאנומענטען, שטאל־צע, אײזערנע ריטער אויף אײזערנע פערד. הערליכער פאר אלע־מען, סאן גראנדע, דער פעטער, און מאסטינא, דער פלימעניק.

קאפיטעל XXIV.

ווענן דעם אמפיטעאטער אין ווערָאנא, האָבען א סך שוין גערעדט: דאָרט איז פאראן גענוג פּלאץ פאר באטראכטונגען, און עס זענען ניטאָ קיין באטראכטונגען, וואָס זאָלען זיך ניט לאָזען אריינפאנגען אין אָט דער באריהמטער געביידע. זי איז אין גאנ־צען געבויט אין יענעם ערענסטען סטיל, וועמענס שענקייט באַ־שטעהט אין זיין פארענדיגטקייט און מאסיווקייט. און, ווי אַלע עפענטליכע געביידען פון די רוימער, דערצעהלט זי פון א גייסט, וואָס איז ניט אנדערש ווי דער גייסט פון די רוימער גופא. און רוים? ווער איז דען אזוי געזונט אונוויסענד, אז זיין הארץ זאָל ניט שטילערהייט, א ציטער טון, ווען ער דערהערט דעם דאָזיגען נאָמען? אז זיין כח הדמיון זאָל ניט באַטש ווייניגסטענס אויפגע־טרייסעלט ווערען פון א טראדיציאָנעלער מורא? וואָס אנבעלאנגט מיך, בין איך זיך מודה, אז איך פיהל מעהר מורא, ווי פרייד, ווען איך טראכט דערפון, אז באלד וועל איך זיך ארומדרעהען אויף דעם באָדען פון דער אלטער ראָמא. די אלטע ראָמא איז איצטער אפילו טויט, — וויל איך איינשטילען מיין נשמה, — און דו קענסט האָבען דאָס פארגניגען צו באטראכטען אין גאנצען אָהן א גע־פאהר איהר שענע לייכע. אבער באלד בעפאלט מיך ווידער דער פּאלסטאַף׳שער שרעק: און טאָמיר איז זי נאָך ניט אין גאנצען טויט, און האָט זיך נאָר אזוי פארשטעלט, און זי קען גאָר פּלוצלינג צוריק אויפשטעהן — דאָס וואָלט געווען מורא׳דיג.

ווען איך האָב באזוכט דאָס אמפיטעאטער, האָט מען דאָרט גראָד געשפּיעלט א קאָמעדיע. אין מיטען איז געווען אויפגעשטעלט א קליינע הילצערנע בודקע, און דאָרט איז אויפגעפיהרט געוואָרען א קליינער איטאַליענישער פארס, און די צוקוקער זענען געזעסען

אונטער'ן פרייען הימעל, א טייל אויף קליינע בענקלעך, און א טייל אויף די שטיינערנע בענק פון דעם אלטען אמפיטעאטער. איך בין מיר דא אזוי געזעסען און געזעהען בריגהעלא און טארטאגאליא'ס שפיגעל געפעכטען, אויף דעם זעלביגען ארט, וואו פארצייטענס איז זיך געזעסען דער רוימער און זיך צוגעקוקט צו די גלאיאטארען און צום רייצען זיך מיט חיות. דער הימעל איבער מיר, די בלויע קריסטאלענע שאל, איז נאך געווען דער זעלביגער וואס דאמאלט. וואס אמאל איז געווארען פינסטערער, עס האבען זיך באוויזען די שטערען. טרופאלדינא האט געלאכט, סמעראלדינא האט געוויינט, צום סוף איז געקומען פאנטאלאנע און האט צוזאמענגעפיהרט זייערע הענד. דאס פאלק האט געקלאפט בראווא, און האט יובעלדיג זיך געלאזט אוועק געהען. דאס גאנצע שפיעל האט ניט געקאסט אפילו איין טראפען בלוט. עס איז אבער נאר געווען א שפיעל. פארקעהרט אבער די שפיעלען פון די רוימער זענען שוין גאר ניט געווען קיין שפיעלען. יענע מענער האבען ניט געקענט הנאה האבען פון זאכען, וואס זענען גע־טאן געווארען אויף צו פליימענס. דערצו האט זיי געפעהלט די קינדערשע נשמה - הייטערקייט, און, ערענסהאפט ווי זיי זענען געווען, האט זיך אויך אין זיינע שפיעלען געוויזען דער רויהסטער, בלוטיגסטער ערענסט. זיי זענען ניט געווען קיין גרויסע מענשען, אבער דורך זייער שטעלונג זענען זיי געווען גרעסער פון אלע אנדערע ערדקינדער, ווארים זיי זענען געשטאנען א ו י ף רוים. אזוי שנעל ווי זיי זענען נאר ארונטער פון די זיבען בערג, זענען זיי געווארען קליין. דערפון נעמט זיך דאס די קליינליכקייט, וואס מיר ענטדעקען דארט, וואו עס באווייזט זיך זייער פריוואט לעבען; און הערקולאנום און פאמפעי, יענע פאלימפסעסטען פון דער נאטור, וואו עס ווערט איצטער ווידער אויסגעגראבען דער אלטער שטיינערנער טעקסט, באווייזען דעם רייזענדען דאס רוימישע פריוואט לעבען אין קליינע הייזעלאך, מיט נאך קלענערע שטיבעלעך, וואס ווארפען זיך אזוי אין די אויגען אלס היפוך צו יענע קאלאסאלע געביידען, וואס האבען אויסגעדריקט דאס עפענטליכע לעבען, יענע טעאטערס, וואסער־

לייטונגען, ברונימער, שאַסען, בריקען פאַר וועמענס חורבות מיר שטעהען נאָך היינט ווי געפּלעפּטע. אבער דאָס איז עס דאָך טאַקי: פּונקט ווי דער גריך איז גרויס דורך דער אידעע פון דער קונסט, דער העברעער דורך דער אידעע פון איין הייליגסטען גאָט, אזוי זענען די רוימער גרויס דורך דער אידעע פון זייער אייביגער ראָמא. גרויס אומעטום וואו זיי האָבען געשלאָגען זיך אין דער באַגייס־טערונג פאַר אָט דער אידעע. וואָס גרעסער רוים איז געוואָרען, אלץ מעהר האָט זיך פאַרשפּרייט די דאָזיגע אידעע, דער יחיד האָט זיך אין איהר פאַרלוירען, די גרויסע, וואָס האָבען זיך ארויסגעהויבען, זענען נאָר געטראָגען געוואָרען פון אָט דער אידעע, און די אידעע מאַכט די קליינקייט פון די קליינע נאָך מעהר אָנצוזעהן. די רוימער זענען דערפאַר געווען אי די גרעסטע העלדען און אי די גרעסטע סאַטיריקער. העלדען ווען זיי האָבען געהאַנדעלט, סאַ־טיריקער בעת זיי האָבען געטראַכט פון רוים, און האָבען באַאורטיילט די מעשים פון זייערע חברים. מעסט מען מיט אַזאַ אונגעהייערען מאַסשטאַב, ווי די אידעע רוים, מוז דעמאָלט אפילו די גרעסטע פּערזענליכקייט אויסזעהן ווי אַ קאַרליק, און דערפון נעמט זיך דער חוזק טאָן. טאַציטוס איז דער גרויזאַמסטער מייסטער פון אָט דער סאַטירע טאַקי דערפאַר ווייל ער האָט צום טיפסטען געפיהלט די גרויסקייט פון רוים און די קליינקייט פון די מענשען. ער איז אין זיין אמת'ער פּעל יעדעס מאָל, ווען ער קען דערצעהלען וואָס די בייזע צינגער אויף דעם פאָרום האָבען רעזאָנירט איבער עפּיס אַ שאַנד־טאַט פון זייער אימפּעראַטאָר; אמת'דיג פאַרביסען גליקליך איז ער, ווען ער קען נאָר דערצעהלען וועלכע ניט איז בלאַמאַזשע פון אַ סענאַטאָר, ווי למשל אַ חניפה'לע, וואָס האָט ניט געהאָלפען.

איך האָב נאָך לאַנג ארומגעשפּאַציערט איבער די העכערע בענק פון דעם אַמפיטעאַטער און געטראַכט פון דער פאַרגאַנגענ־הייט. פּונקט ווי אלע געביידען ווייזען ארויס אין אַבענדליכט צום שטאַרקסטען דעם גייסט וואָס וואוינט אין זיי, אזוי האָבען אויך די דאָזיגע מויערען מיר דערצעהלט אין זייער פראַגמענטאַרישען לואַפּידאַר סטיל טיעף ערענסטע זאַכען: זיי האָבען מיר דערצעהלט פון מענער אין אלטען רוים. און מיר האָט זיך געדאַכט, איך זעה זיי

אליין ארומשפאציערען, ווי ווייסע שאטענס, אונטער מיר אין פינסטערן צירקוס. מיר איז געווען, ווי איך וואלט געזעהן די גראקכען מיט זייערע באגייסטערטע מארטירער אויגען. — „טי־בעריום סעמפראניוס!" — האב איך ארונטערגערופען — „איך וועל מיט דיר שטימען פאר דעם אגרארישען געזעץ!" איך האב אויך געזעהן צעזאר'ן. ער האט ארומגעשפאציערט געארעמט מיט מארקוס ברוטוס. — זענט איהר שוין ווידער גוט? — האב איך אויסגערופען — מיר האבען געדענקט, אז מיר זענען ביידע געווען גערעכט — האט צעזאר צו מיר ארויף געלאכט — איך האב ניט געוואוסט, אז עס איז נאך פאראן א רוימער, א חוץ מיר, איך האב זיך דארום געהאלטען פאר בארעכטיגט, צו באהאלטען רוים אין די קעשענעס, און ווייל מיין זוהן מארקוס, איז דאס טאקי געווען דער רוימער, האט ער זיך געהאלטען פאר בארעכטיגט מיך אומצוברענ־גען. הינטער זיי האט זיך געשלעפט מיט שלאבעריגע פיס טיבער־יוס גערא. אויך ווייבער האב איך דארט געזעהן ארומגעהן, צווישען זיי אגריפפינא, מיט איהר שענעם, הערשזוכטיגען געזיכט, וואס איז געווען וואונדערבאר ריהרענד אנצוקוקען, ווי אן אלט מארמאר־בילד, אין וועמענס צוגען דער שמערץ איז ווי פארשטיינערט.— וועמען זוכסטו טאכטער פון גערמאניקוס? — שוין האב איך זי געהערט קלאגען — ווי פלוצלונג האט געקלונגען א גלאק, און מען האט געפויקט צום שלאפען געהן, די שטאלצע רוימישע גייסטער זענען פארשוואונדען און איך האב זיך ווידער געפונען אין דער קריסטליך עסטרייכישער געגענוואַרט.

קאַפּיטעל XXV.

אזוי שנעל ווי עס ווערט טונקעל, שפּאַציערט ארום אויף דעם פּלאַץ La Bra די שענע וועלט פון ווערׇאנא, אדער זי זיצט דאָרט אויף קליינע בענקעלעך, פאר די קאַוועביידלעך, און זופּט אריין אין זיך סאָרבערט, אַבענד־קיהלקייט און מוזיק. דאָ איז גוט צו זיצען, דאָס פאר׳חלומ׳טע הארץ וויגט זיך אויף זיסע טענער און קלינגט אָפּ אין ווידערקול. טייל מאָל ווען די טראָמפּייטען שאַ־לען אויף, כאַפּט עס זיך אויף ווי שכור, און מישט זיך אויף צוזאַ־מען מיט דעם גאַנצען אָרקעסטער. דעמאָלט איז דער גייסט ווי־דער זוניג אויפגעמונטערט, עס בליהען ארויס גרויס בלומיגע גע־פיהלען און זכרונות מיט זייערע שווארצע אויגען, און איבער דעם ציהען די געדאנקען, ווי וואנדערנדיגע וואָלקענס, שטאָלץ, פּאַמעליך און אייביג.

איך האָב נאָך ארומגעשפּאַציערט ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט איבער די גאַסען פון ווערׇאנא, וואָס זענען געוואָרען וואָס אַמאָל ליידיגער פון מענשען און האָבען געגעבען א וואונדערבארען ווידער־קול. אין דעם שיין פון דער האַלבער לבנה, האָבען זיך גע־בלייכט די געביידען מיט זייערע בילדער, און ניט איין מאַרמאָרען געזימס האָט מיך אָנגעקוקט בלייך און פול מיט יסורים. איך בין שנעל פארביי געגאַנגען פארביי די מצבות פון די סקאַליגער, וואָ־רים מיר האָט זיך געדאַכט, ווי סאַן גראַנדע, וועלכער איז אַלעמאָל געווען גוט צו דיכטער, וויל אראָפּקריכען פון זיין פערד און מיך באַלייטען ווי א וועג ווייזער. — דו בלייב נאָר זיצען — האָב איך איהם צוגערופען, — איך דאַרף דיך ניט, מיין הארץ איז דער בעס־טער ציצעראָנע און עס דערצעהלט מיר אומעטום די געשיכטען,

וואס האבען פאסירט אין די הייזער, און עס דערצעהלט אזוי פינקטליך, אפילו מיט די דאטען און נעמען.

ווען איך בין צוגעקומען צו דעם רוימישען טריאומף־בויגען, האט געראד פארביי געשוועבט א שווארצער מאנאך, און פון ווייטענס האט זיך דערהערט א דייטשער ברום: ווער איז דא? — גוטער פריינד! האט ווי וויינענדיג געענטפערט א פרעהליכער דיסקאנט.

צו וועלכער פרוי אבער האט געהערט די שטים, וואס איז אזוי זיס אונהיימליך אריין אין מיין נשמה, ווען איך בין פארביי געגאנגען, פארביי די "Scala Amozzati?" דאס איז געווען א געזאנג ווי פון דער ברוסט פון א שטארבענדיגער נאכטיגאל. צארט ווי דער טויט, און ווי רופענדיג נאך הילף, האט זי אפגעקלונגען מיט א ווידערקול איבער די שטיינערנע הייזער; אויף דעם דאזיגען ארט האט אנטאניא דעללא סקאלא אומגעבראכט זיין ברודער בארטאלאמעא, דעמאלט ווען דער ברודער האט געוואלט געהן צו זיין געליעבטער. מיין הארץ האט מיר געזאגט, אז זי, די געליבטע זיצט נאך אלץ אין איהר קאמער, אוןווארט אויף איהר געליעבטען, און זינגט נאר, כדי איבערצושרייען דאס פארגעפיהל פון מורא. אבער באלד האט זיך מיר געדאכט, אז דאס ליעד און די שטים זענען מיר אזוי גוט באקאנט. איך האב שוין ערגיץ אמאל פריהער געהערט אט די זיידענע, שווידערדיגע פארבלוטיגטע טענער, זיי האבען מיך ארומגעשטריקט ווי וויכע, בעטענדיגע זכרונות, און — אוי, דו נאריש הארץ, — האב איך צו זיך אליין געזאגט, — קענסטו דען שוין ניט מעהר דאס ליעד פון דעם קראנקען מאהרען־קעניג, וואס די טויטע מאריא פלעגט אזוי אפט זינגען? — קענסטו דען ניט מעהר די שטים פון דער טויטער מאריא?

די לאנגע טענער האבען מיך פארפאלגט דורך אלע גאסען, ביז צו דעם גאסט הויז Due Torre, ביז אין מיין שלאף־צימער, ביז אין חלום אריין — און דא האב איך ווידער אמאל געזעהן ווי מיין זיס געשטארבען לעבען, ליגט שען און ריהרט זיך ניט. די אלטע וואש־פרוי האט זיך ווידער דערוויטערט מיט א רעטזועל־

האַפּטען זייטיגען בליק, די נאַכטפּיאַלע האָט געשמעקט, איך האָב ווידער געקושט די ליעבליכע ליפּען, און די שענע לייבע האָט זיך פאַמעליך אויפגעהויבען, כדי אויך מיך צו קושען.

וואָלט איך נאָר געוואוסט, ווער עס האָט אויסגעלאָשען דאָס ליכט!

קאפיטעל XXVI.

„קענסטו דאס לאנד, וואו די ציטראָנען בליהען?“

קענסטו דאָס ליעד? דערין איז געשילדערט גאנץ איטאליען, אבער מיט די זיפצענדיגע פארבען פון דער בענקשאפט. אין דער איטאליענישער רייזע האט עס געטהע באזונגען אביסעל אויספיהר־ליכער, און וואו ער מאָלט, האט ער שטענדיג פאר די אויגען דעם אָריגינאל. און מען קען זיך פארלאזען אויף דער געטרייקייט פון די אומריסען און די פארבען. איך געפין דערפאר באקוועם אנצור־ווייזען איין מאָל פאר אלע מאָל אויף געטהע'ס איטאליענישע ריי־זע, און דאָס נאָך מעהר, ווייל ביז וועראָנא, האָט ער דורכגעמאכט דעם זעלביגען טור, דורך טיראל. איך האָב שוין פריהער אמאָל*) גערעדט וועגען יענעם בוך, איידער איך האָב נאָך געקענט דעם שטאָף, וועלכען דאָס בוך באהאנדעלט, און איך געפין איצט, אז מיין אורטייל, וואָס איך האָב נאָך פאראויס געהאט, איז ריכטיג. מיר זעהען טאקי דערין אומעטום די טאטזעכליכע אויפפאסונג און די רוה פון דער נאטור. געטהע האלט פאר איהר דעם שפיגעל, אדער בעסער געזאָגט, ער איז אליין דער שפיגעל פון דער נאטור. די נאטור האט געוואָלט וויסען ווי זי זעהט אויס, האט זי באשאפען געטהע'ן. אפילו די געדאנקען, וואָס די נאטור האט געהאט אין זינען, ווייס ער ווי אזוי פאר אונז אבצושפיגלען, און מען דארף ניט פאראיבעל האָבען אויף א היציגען געטהע'אנער, ווען ער איז אזוי ערשטוינט איבער דער אידענטיטעט פון די שפיגעל־בילדער,

*) אין „צפון־ים“, זעת צווייטען באנד, אין די „רייזע־בילדער“.
דער איבערזעצער.

מיט די געגענשטאַנדען גופא, ווען ער גלויבט אַז דער שפּיגעל אַליין פאַרמאָגט זאָגאר דעם כח היצירה, צו באַשאַפען עהנליכע געגענ־שטאַנדען. אַ געוויסער הער עקערמאַן האָט אמאָל געשריבען אַ בוך איבער געטהע, אין וועלכען ער האָט גאַנץ ערענסטהאַפט פאַרזי־כערט: ווען דער ליעבער גאָט וואָלט ביי דער באַשאַפונג פון דער וועלט געזאָגט צו געטהע'ן: „ליעבער געטהע, איך בין איצטער, גאָט זיי דאַנק פאַרטיג, איך האָב איצטער שוין אַלץ באַשאַפען, אַ חוץ די פייגעל און די בוימער, און דו זיי אַזוי גוט, טו מיר צוליעב און באַשאַף פאַר מיר אָט די אַלע קליינינקייטען.״ — וואָלט געטהע פונקט אַזוי גוט ווי דער ליעבער גאָט, באַשאַפען אָט די חיות און געוואוקסען אין גאַנצען אין גייסט פון דער איבעריגער שאַפונג, דאָס הייסט, די פייגעל מיט פעדער און די בוימער גרין.

עס ליגט אַ געוויסער אמת אין די דאָזיגע ווערטער. און איך בין אפילו מיט דער מיינונג, אַז געטהע וואָלט טיילמאָל זיין זאַך געמאַכט נאָך בעסער ווי דער ליעבער גאָט אַליין, און ער וואָלט למשל דעם הער עקערמאַן פיעל ריכטיגער באַשאַפען. דאָס הייסט, טאָקי מיט פעדערן און גרינס. עס איז ווירקליך אַ פעהלער פון דער שאַפונג, דאָס וואָס אויף דעם קאָפּ פון דעם הער עקערמאַן וואַקסען ניט קיין גרינע פעדערן. און געטהע האָט דעם חסרון אויסגעפילט מיט דעם, וואָס ער האָט פאַר איהם אויסגעשריבען אַ דאָקטאָר הוט פון יענאַ, און איהם אָנגעטאָן מיט זיינע אייגענע הענד.

אַ חוץ געטהעס איטאַליענישע רייזע, קען מען אויך אָנווייזען אויף פרוי פאָן מאָרגאַנ'ס „איטאַליען״, און פרוי פאָן סטאַהל'ס „קאָרינגאַ״. וואָס עס פעהלט די דאָזיגע פרויען אין טאַלענט, כדי ליעבען געטהע ניט צו ערשיינען אומבעדייטענד, דאָס דערגאַנצען זיי דורך דער מענליכער געזינונג, וואָס געטהע'ן פעהלט. וואָרים פרוי פאָן מאָרגאַן האָט גערעדט ווי אַ מאַן, זי האָט גערעדט מיט עקדישען אין די הערצער פון פרעכע זעלנער. און מוטיג און זיס זענען געווען די טרעלען פון דער דאָזיגער פלאַטערדיגער נאַכטיגאַל פון דער פרייהייט. פונקט אַזוי, איז אויך, ווי יעדער וויים עס, פרוי פאָן סטאַהל געווען אַ ליעבענסווירדיגע מאַרקאַטענדערין, אין דער אַרמעע פון די ליבעראַלען, און איז מוטיג דורכגעלאָפען דורך

די רײהען פון די קעמפּפענדיגע, מיט איהר פעסעלע ענטהוזיאזם, און האָט געשטאַרקט די מיערע, און אליין מיטגעקעמפּפט בעסער װי די בעסטע.

װאָס איז בכלל נוגע איטאַליענישע רײזע באַשרײבונגען, האָט װ. מיללער מיט אַ צײט צוריק װעגען זײ געגעבען אַן איבערזיכט אין דעם זשורנאל „קערמעס". זײער צאָל איז אַ לעגיאָן. צװישען די עלטערע דײטשע שריפטשטעלער פון דעם פאַך זענען דורך דעם גײסט אָדער אײגענטימליכקײט די אױסגעצײכענטסטע: מאָריץ, אַרכענהאָלץ, באַרטעלס, דער בראַװער זײמע, אַרנדט, מאַיער, בענקאָװיץ און רהעפּים. די נײערע קען איך װײניגער און נאָר װעניגע פון זײ האָבען מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגען און באַלעהרונג. צװישען זײ רוף איך אָן דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם װי מיללער'ס „רױם, רױמער, און רױמערינס" — אַך, ער איז געװען אַ דײטשער דיכטער! — דאָן די רײזע פון קעפאַלידעס, װאָס איז אַביסעלע טרוקען, װײטער לעסמאַנ'ס: „ציזאַלפּינישע בלעטער", װאָס זענען אַביסעלע צו פּליסיג, און צום סוף „די רײזען אין איטאַליען זינט 1822, פון פריעדריך טהיערש, לוד. שאָרן, עדואַרד גערהאַרד, און לעאָ פאָן קלענצע"; פון דעם דאָזיגען װערק איז דערװײל נאָר ערשיענען אײן טײל, און ער ענטהאַלט צום מײנסטען מיטטײלונגען פון מײן ליעבען, ערעלען טהיערש, װעמענס הומאַנע אױג קוקט אַרױס פון יעדער שורה.

קאפיטעל XXVII.

קענסטו דאָס לאַנד, וואו די ציטראָנען בליהען,
אין טונקעלע בלעטער די מאַראַנצען גליהען,
אַ זאַנפטער ווינד, פון בלויען הימעל וועהט,
וואו שטיל דער מירט און הויך דער לאָרבעער שטעהט.
קענסטו דאָס לאַנד?
אַהין, אַהין
וואָלט איך מיט דיר, אוי, מיין געליבטער ציהען.

אָבער רייז נאָר ניט אין אָנהויב אויגוסט, ווען מען ווערט ביי טאָג אָפּגעבראָטען פון דער זון און ביי נאכט אויפגעפרעסען פון די פליה, אויך ראַט איך דיך, מיין ליעבער לעזער, פון ווערא־נא קיין מאילאנד ניט צו פאָהרען מיט'ן פּאָסט וואָגען.

איך בין געפאָהרען צוזאמען מיט זעקס באנדיטען אין א שווער פאַלינער **Carrzza** וועלכע איז צוליעב דעם גרויסען שטויב, פארשלאָסען געוואָרען פון אלע זייטען אזוי, אז פון דער שענקייט פון דער געגענד האָב איך ווייניג געקענט באַ־מערקען. נאָר צוויי מאָל איידער מיר זענען אָנגעקומען אין ברעשיא, האָט מיין שכן אויפגעהויבען דעם זייטיגען לעדערנעם פאָרהאנג, אום ארויסצוקוקען. ביים ערשטען מאָל האָב איך גאר ניט געזעהן א חוץ עטליכע שוויצענדיגע טאַנענבוימער, וואָס האָבען אויסגע־זעהן, ווי זיי וואָלטען אין זייערע גרינע ווינטער מאנטלען געהאט צו ליידען פון דער דושנער היץ פון דער זון; ביים צווייטען מאָל האָב איך שוין געזעהן א שטיק פון א וואונדערקלאָרען בלויען ים, אין וועלכען עס האָבען זיך אָפּגעשפיגעלט די זון און א מאָגערער גרענאדיר. דער לעצטער, אן עסטרייכישער נארצים, האָט מיט א

קינדערשע פרייד באוואונדערט, ווי זיין שפּיגעלבילד מאכט איהם אלץ נאָך אזוי געטריי, ווען ער האָט פּרעזענטירט זיין געוועהר, אדער ארויפגעלעגט עס אויפ׳ן שולטער, אָדער עס אויסגעלעגט צום שיסען.

פון ברעשיא גופא, ווייס איך אויך ניט פיעל צו דערצעהלען, ווארים די צייט וואָס איך בין דארט געווען, האָב איך באנוצט פאר א גוטען מאָלצייט. מען קען ניט פאַרדאַנקען קיין אָרימען רייזענדען, ווען ער שטילט פריהער דעם הונגער פון לייב, איידער דעם הונגער פון גייסט. דאָך בין איך געווען גענוג געוויסענהאפט, אז איידער איך בין צוריק אריין אין וואָגען, האָב איך מיר אויסגעפרעגט עטליכע נאָטיצען וועגען ברעשיא ביי דעם Cameriere און דאָ בין איך דערגאַנגען צווישען אַנדערע זאכען, אז די שטאָדט פארמאָגט 40,000 איינוואוינער, איין ראָטהויז, 21 קאפעהייזער, 20 קאטוילישע קירכען, איין דולהויז, איין אידישע שוהל, איין מענאזשעריע, איין תפיסה, איין שפּיטאָל, איין פונקט אזא גוטען טעאטער, און איין תליה פאר גנבים, וואָס גנב׳ענען ווייניגער פון 100,000 טהאלער.

ארום האלבע נאכט בין איך אָנגעקומען אין מאילאנד, און בין פארפאָהרען צו דעם הער רייכמאַן, א דייטש, וואָס האָט איינגעריכטעט זיין האָטעל אין גאנצען אויף דעם דייטשען שטייגער. דאָס איז דאָס בעסטע גאסטהויז אין גאַנץ איטאַליען, האָבען מיר געזאָגט עטליכע באקאַנטע, וואָס איך האָב דאָרט באגעגענט, און וואָס האָבען זיך אפּגערופען זעהר שלעכט אויף די איטאַליענישע האָטעל באלעבאטים און פליי. דאָ האָב איך ניט געהערט עפּיס אנדערש ווי פאַרדראָסיגע געשיכטען וועגען איטאַליענישע אָפּנאַרערייען, און באזונדערס האָט געשאָלטען סער וויליאַם, און האָט פאַרזיכערט, אז אויב איירָאָפּא איז דער קאָפּ פון דער וועלט, אזוי איז איטאַליען דאָס גנבה׳שע היטעל פון דעם דאָזיגען קאָפּ. דער אָרימער בארָאנעט האָט אין דעם האָטעל Groce Bianco וואָס אין פּאדוא, געמוזט באצאָהלען פאר אַן אָרים אָנבייסען, ניט ווייניגער ווי צוועלף פראַנק, און אין ביטשענזא, האָט עמיצער פאַרלאַנגט פון איהם א טרינקגעלד, פאר אויפהויבען פאר זיינעט וועגען א הענטש־

קע, וואס ער האָט ארונטערגעלאָזט פאר דעם אויפשטייגען אויפ'ן וואָגען. זיין קרוב טאָם האָט געזאָגט: אַלע איטאַליענער זענען אמת'ע גזלנים, דאָס איינציגע נאָר וואָס זיי גנב'ענען ניט. וואָלט ער געווען אויסגעקוקט אביסעל ליעבענסווירדיגער, וואָלט ער אויך געווען געמאכט די באהויפטונג, אז אַלע איטאַליענערינס זענען גזלנ'טעס. דער דריטער אין בונד איז געווען מיסטער ליוועד, וועמען איך האָב איבערגעלאָזט אין בריטאַן נאָך א יונג קעלבעל, און האָב איצטער געפונען אין מאַילאַנד ווי א boeuf a'la Mode ער איז געווען אַנגעטאָן אין גאנצען ווי א דענדי. און איך האָב קיינמאָל ניט געזעהן א מענשען, וואָס זאָל האָבען בעסער פארשטאַנען, מיט זיין פיגור ארויסצובריינגען לויטער עקען. ווען ער האָט אריינגעשטעקט די גראָבע פינגער אין די ארבעל אויסשניט פון דער וועסט, האָט ער אויך מיט דעם קליינעם פינגער און מיט אַלע איבעריגע פינגער געמאכט עטליכע עקען; יאָ, אפילו זיין מויל איז געווען פיער עקיג פארנאַנדער געעפענט. צו דעם קומט נאָך צו אַן עקיגער קאָפּ, הינטען שמאָל, אויבען שפּיציג מיט א קורצען שטערן און זעהר א לאַנגער געמבע. צווישען די ענגלישע באַקאַנטע, וואָס איך האָב ווידער געטראָפען אין מאַילאַנד, איז אויך געווען ליווער'ס מוהמע; פּונקט ווי א פעטע לאַווינע, איז זי אַראָפּגעקומען פון די אַלפּען, צוזאַמען מיט צוויי שנעע וויסע, שנעע קאַלטע שנעע גענזלעך, מיס פּאַללי און מיס מאַללי.

באשולדיג מיך ניט אין אנלאָמאַניאַ, ליעבער לעזער, ווען איך וועל אין אָט דעם בוך רעדען אזוי פיעל פון די ענגלענדער; זיי זענען איצטער אין איטאַליען אין א גרויסער צאָל, אז מען זאָל זיי קענען פארזעהען, זיי ציהען דורכ'ן לאַנד אין גאַנצע מחנות, שטעהען איין אין אַלע גאַסטהייזער, לויפען אומעטום ארום, כדי אַלץ צו זעהן, און מען קען זיך שוין ניט פאָרשטעלען קיין איטאַליענישען ציטראָנען־בוים, אָהן דעם אז אן ענגלענדערין זאָל זיך ניט האָבען אוועק געשטעלט לעבען איהם און געשמעקט פון איהם. און קיין גאַלעריע, וואו זיי זאָלען ניט האָבען דורכגעשלאָפען מיט זייערע „גיידס", צי עס איז נאָך פאַראַן אַלץ, וואָס איז אין דעם בוך דערמאָנט אלס מערקווירדיג. ווען מען זעהט אָט דאָס בלאָנדע,

רויטבאקיגע פאלק מיט זיינע בלאנקענדיגע קוטשען, זיינע בונטע לאקאיען, הירזשענדיגע לויף־פערד, גרינפארשלייערטע קאמער־מיידלעך און אנדערע טייערע כלים, ווי זיי ציהען נייגעריג און געפוצט איבער די אלפען און וואנדערן דורך איטאליען, גלויבט מען, אז מען זעהט דאס, אן עלעגאנטע פעלקערוואנדערונג. ווירקליך, דער זוהן אלביאנ׳ס, הגם ער טראגט ווייסע וועש און באַצאלט פאר אלץ מיט מזומן, איז דאך א ציוויליזירטער בארבאר, אין פארגלייך מיט דעם איטאליענער. יענער ווייזט אין זיינע זיטען א צוריקגעהאלטענע רויקייט, דער אן אויסגעלאסענע פיינקייט. און אפילו אט די בלאסע איטאליענישע געזיכטער, אין די אויגען דאס ליידענדיגע ווייס, די ליפען קראנקהאפט צערטליך, ווי היימליך אריסטאקראטיש זענען זיי אקעגען די שטייף־בריטישע געזיכטער מיט זייער פעבעלהאפט רויטער געזונדקייט! דאס גאנצע איטאל־יענישע פאלק איז אינערליך קראנק. און קראנקע מענשען זענען תמיד אמת׳ר אריסטאקראטיש ווי געזונדע; ווארים נאר דער קראנקער מענש איז א מענש, זיינע גליעדער האבען א געשיכטע פון ליידען, זיי זענען דורכגענומען מיט גייסט. איך גלויב אפילו, אז דורך ליידען און קעמפען, וואלטען זאגאר חיות געקענט ווערען מענשען; איך האב אמאל געזעהען א שטארבענדיגען הונד, וואס האט אין די יסורים פון טויט מיך אנגעקוקט כמעט ווי א מענש.

דער ליידענדיגער געזיכטס אויסדרוק, זעהט זיך ביי די איטאליענער ארוים אם שטארקסטען, ווען מען רעדט מיט זיי פון דעם אומגליק פון זייער פאטערלאנד, און אין מאילאנד געפינט מען שוין פאר דעם גענוג געלעגענהייטען. דאס איז די שמערצליכסטע וואונד אין דער ברוסט פון די איטאליענער, און זיי ציהען זיך צונויף, אזוי שנעל ווי מען באריהרט זיי נאר. זיי מאכען דעמאלט אזא מארנע באוועגונג מיט די אקסלען, וואס פילט אונז אן מיט א זעלטענעם מיטלייד. איינער פון מיינע בריטען האט געהאלטען די איטאליענער פאר פאליטיש אינדיפערענט, ווייל זיי זעהען אויס, ווי זיי וואלטען זיך גלייכגילטיג צוגעהערט, ווען מיר פאליטיזירען וועגען דער קאטוילישער עמאנציפאציאן און דעם טערקישען קריעג; און ער איז נאך געווען אויף אזוי פיעל אומגערעכט, די דאזיגע מיי־

נונג ארויסצוזאגען פאר א בלאסען איטאליענער מיט א פעך שווארצער בארד. מיט אן אבענד פריהער האבען מיר אין דעם טעאטער „סקאלא“ געזעהן אויפפיהרען א נייע אפער און געהערט דאס ספעקטאקעל פון מארד, וואס קומט געוועהנליך פאר ביי אזעלכענע געלעגענהייטען. — איהר איטאליענער—האט דער בריטאניער געזאגט צום בלאסען איטאליענער — זעהט אויס, ווי איהר וואלט געוועזן אפגעשטארבען פאר אלץ, א חוץ פאר דער מוזיק. און נאר זי קען אייך נאך באגייסטערן. — איהר טוט אונז אן אומרעכט, האט געענטפערט דער בלאסער, און א ציה געטאן די אקסעל. אך! האט ער נאך צוגעזיפצט, איטאליען זיצט עלענד פאר׳חלומ׳ט אויף איהרע חורבות, און ווען עם טרעפט אמאל, אז עם כאפט זיך אויף ביי דער מעלאדיע פון עפים א ליעד און שפרינגט שטורעמדיג אויף, אזוי גילט אט די באגייסטערונג ניט דוקא דעם ליעד אליין, נאר פיעל מעהר די אלטע זכרונות און געפיהלען, וואס דאס ליעד האט דערוועקט, זכרונות און געפיהלען, וואס איטאליען טראגט תמיד אין הארצען און וואס ברויזען איצטער אויף — און דאס איז די באדייטונג פון דעם ווילדען ליארעם, וואס איהר האט געהערט אין דער סקאלא.

אפשר גיט די דאזיגע ודוי אויך א געוויסע ערקלעהרונג, פארוואס מען ווערט אזוי באגייסטערט אויף יענער זייט פון די אלפען פון ראססיני׳ס און מייערבעער׳ס אפערן. אויב איך האב ווען געזעהן ווי מענשען קענען משוגע ווערען, איז דאס געווען ביי דער אויפפיהרונג פון **Crociato in Egitto** ווען די מוזיק איז ערטערווייז פלוצלינג איבערגעשפרונגען פון דעם ווייכען, אומעטיגען טאן אין דעם פון פרייד אויפשרייענדיגען שמערץ. יענער שגעון הייסט אין איטאליען: **Furore**

קאפיטעל XXVIII.

הגם, ליעבער לעזער, איצטער ביים דערמאָנען די ברענאַ און אַמבראַזיאַנאַ, וואָלט איך שוין געקענט האָבען די געלעגענהייט, פאַר אייך אויפצומישען מיינע קונסט אורטיילען, וויל איך דאָך פון דעסטוועגען אָט דעם בעבער דערוויל לאָזען אין אַ זייט, און זיך באַנוגענען מיט דער באַמערקונג, אַז איך האָב אָט די שפּיציגע געמבע, וואָס גיט די בילדער פון דער לאָמבאַרדישער שול, אַ געוויסען שטריך פון סענטימענטאַליטעט, אויך געזעהן אויף די גאַסען פון מאַילאַנד, ביי אַנדערע שענע לאָמבאַרדינס.

פאַר מיר איז תמיד געווען אויסערגעוועהנליך באַלעהרענד, ווען איך האָב די ווערק פון אַ שולע, געקענט אויך פאַרגלייכען מיט די אָריגינאַלען, וואָס האָבען דער שולע געדיענט פאַר די מאָדעלען; דעמאָלט האָב איך דעם כאַראַקטער פון דער שולע בעסער פאַרשטאַנען. אַזוי איז מיר פּלוצלונג געוואָרען פאַרשטענדליך אויף דעם יאַריד פון ראָטערדאַם, יאַן סטין און זיין געטליכסטער הייטערקייט; אַזוי האָב איך אויך שפּעטער צו אין לאַנג־אַרנאָ געלערנט ווי אַזוי צו באַגרייפען די אמת׳דיגקייט פון די פאָרמען אין דעם ענערגישען גייסט פון די פלאָרענטינער, און אויף דעם סאַן מאַרקאָ — די פאַרבענוואַרהייט און די טרוימערישע אויבערפלעכליכקייט פון די וועניציאַנער. גער, קיין רוים, ליעבע נשמה, אפשר וועסטו זיך דאָרט דערהויבען צו דער אַנשויאונג פון דער אידעאַליטעט און צו דעם פאַרשטענדעניש פון ראַפאַעל.

און פון דעסטוועגען איין מערקווירדיגקייט פון מאַילאַנד, וועלכע איז אין יעדער הינזיכט די גרעסטע, זי קען איך ניט לאָזען ניט דערמאָנט — דאָס איז דער דאָם.

פון דער וויטענס זעהט ער אויס, ווי ער וואָלט געווען אויס־

געשניצט פון ווייסען פּאַסטעפּאַפּיער, און פון דער נאָהענט דער־שרעקט מען זיך, ווען מען דערזעהט, אז אַט דאָס שניצווערק באַ־שטעהט פון עכטען מארמאָר. די אָהן א שיער היילינע בילדער, וואָס באַדעקען די גאַנצע געביידע, די וואָס קוקען אומעטום אפיר פון אונטער דעם גאָטישען קרויז־דעכיל, און שטעהן געפּלאַנצט אויבען אויף אלע שפּיצען, אַט דאָס שטיינערנע פּאָלק מאכט איינעם שיער צומישט. באטראכט מען דאָס גאַנצע ווערק אביסעל לענגער, אזוי געפינט מען עס ערשט אמת׳דיג היבש, קאָלאָסאל נעט, א שפּיעל־צייג פאר ריעזיגע קינדער. דעם בעסטען אָנבליק גיט עס דאָך ביים לבנה־שיין אין מיטען נאכט. דעמאָלט קומען אַט די אלע שטיי־נערנע מענשען ארונטער פון דער שווינדעלדיגער הויך, און געהען מיט איינעם איבער דער פּיאַצאַ, און רוימען איהם שטיל איין אין אויער אלטע געשיכטען, שפּאסהאַפטע היילינע, גאַנץ סודות׳דיגע גע־שיכטען פון גאַלעאַצאָ וויסקאָנטי, וואָס האָט אָנגעהויבען צו בוי־ען דעם דאָס און פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּארטע, וואָס האָט איהם שפּעטער צו ווייטער געבויט.

— זעהסטו — האָט מיר געזאָגט א זעהר זעלטזאמער היילינער, וואָס איז ערשט פאַרטיג געוואָרען אין דער נייעסטער צייט פון דעם נייעסטען מארמאָר, — זעהסטו מיינע עלטערע חברים קענען ניט משיג זיין, פאר וואָס דער קייזער נאַפּאָלעאָן האָט מיט אזא התמדה זיך אָפּגעגעבען צו דעם בוי פון דאָס. אבער איך וויים עס זעהר גוט. ער האָט איינגעזעהן, אז אַט דאָס גרויסע שטיינערנע הויז, וועט אויף יעדען פאַל זיין זעהר א נוצליכע געביידע, און מען וועט זי אויך נאָך דעמאָלט קענען באַנוצען, ווען דאָס קריסטענטום וועט שוין מעהר ניט זיין.

ווען דאָס קריסטענטום וועט שוין מעהר ניט זיין—איך בין שיער דערשראָקען געוואָרען, ווען איך האָב געהערט, אז אין איטאַ־ליען זענען פאראַן היילינע, וואָס קענען פיהרען אזא שמועס, און דאָס אויף א פּלאַץ, וואו עסטרייכישע וואַך־סאָלדאטען דרעהען זיך ארום מיט בערען היטלען און מיט טורניסטערן אויף און אָפּ. און פון דעסטוועגען איז דער דאָזיגער שטיינערנער מאָדנער היילינער גערעכט אין א געוויסען זין. איגעווייניג אין דאָם איז אום

זומער זעהר קיהל און הייטער און אנגענעהם, און דער דאָם וואָלט אויך געהאט זיין ווערט, ווען אפילו ער וואָלט געווען באשטימט פאר עפּיס אנדערש.

די פארענדיגונג פון דעם דאָם איז געווען איינער פון נאפּאָ־לעאָנ'ס ליעבלינגס-געדאנקען, און ער האָט שוין ניט געהאַלטען ווייט פון זיין ציעל, ווען זיין הערשאַפט איז געבראָכען געוואָ־רען. די עסטרייכער פארענדיגען איצט דעם בנין. אויך דער באַ־ריהמטער טריאומפטויער, וואָס וועט פארשליסען די סימפּלאָן־גאַס ווערט ווייטער געבויט. אודאי וועט ניט נאפּאָלעאָנס מאנומענט גע־שטעלט ווערען אויף דעם שפּיץ פון אָט דעם בויגען, ווי עס איז פריהער געווען באשטימט. אבער ווי עס זאָל ניט זיין, דער גרויסער קייזער האָט נאָך זיך געלאָזען א מאָנומענט, וואָס איז א סך בע־סער און דויערהאפטער ווי מארמאָר, און וואָס קיין עסטרייכער וועט ניט קענען אוועק נעמען פון אונזערע אויגען, ווען מיר אנדע־רע וועלען שוין לאנג זיין אָפּגעשניטען מיט דער קאָסע פון דער צייט און ווי דער שפּריי פונ'ם פעלד פארוועהט ווערען, וועט יענער מאָנומענט נאָך שטעהען פעסט; נייע דורות וועלען ארויסוואקסען פון דער ערד, וועלען שווינדעלדיג ארויפקוקען צו יענעם בילד און זיך ווידער לעגען אין דער ערד אריין; — און די צייט, ניט פעהיג אזא בילד צו צושטערען, וועט זי זוכען עס איינצוהיעלען אין א נעבעל פון לעגענדען, און זיין אונגעהייערע געשיכטע וועט צום סוף ווערען א מיף.

אפשר וועט אין טויזענדער יאָהרען שפּעטער א שפּיצקעפּיגער שול-לעהרער באווייזען אין א וואוילקענעוודיגער דיססערטאציע, אז דער נאפּאָלעאָן באָנעפּארטע, איז איינס און דאָס זעלביגע וואָס יענער אנדערער טיטאן, וואָס האָט ביי די געטער צוגערויבט דאָס ליכט, און פאר דער דאָזיגער עברה, האָט מען איהם צוגעשמידט צו אן איינזאמען פעלז אין מיטען ים, וואו עס קומט יעדען טאָג אן אָד־לער און פרעסט אויף זיין הארץ.

קאפיטעל XXIX.

איך בעט דיך, ליעבער לעזער, האלט מיך ניט פאר קיין אב־סאלוטען באנאפארטיסט; מיין פארעהרונג גילט ניט פאר די מעשים, נאר פאר דעם געניוס פון דעם מאן, מעג אט דער מאן הייסען אלעקסאנדער, צעזאר אדער נאפאלעאן. אומבעדינגט ליעב איך דעם לעצטען נאר ביז צום אכטצעהנטען ברומעיר — און דע־מאלט האט ער פאראטען די פרייהייט. און געטאן האט ער דאס ניט אויס נויטווענדיקייט, נאר אויס א באהאלטענער פארליעבע פאר דעם אריסטאקראטיזם. נאפאלעאן באנאפארטע איז געווען אן אריסטאקראט, אן אדעליגער שונא פון דער בירגערליכער גלייכ־קייט, און עס איז געווען א קאלאסאל מיספארשטענדניש, דאס, וואס די אייראפעאישע אריסטאקראטיע, רעפרעזענטירט פון ענג־לאנד, האט איהם באקעמפט אזוי טויט פיינדליך; ווארים ווען ער האט אפילו געהאט די כונה צו מאכען עטליכע ענדערונגען אין דעם פערזאנאל פון דער דאזיגער אריסטאקראטיע, וואלט ער דאך פון דעסטוועגען דעם גרעסטען טייל פון איהר און איהר פרינציפ געלאזט ווי עס איז, ער וואלט געווען אט די אריסטאקראטיע רע־גענעריערט, אנשטאט וואס זי שטארבט איצט אפ פון עלטער־שוואכקייט, בלוט פארלוסט, און אויסגעמאטערטקייט פון איהר לעצטען, געוויס פון איהר אמת'דיג לעצטען זיעג.

ליעבער לעזער! מיר ווילען זיך דא איינמאל פאר אלע מאל פארשטענדיגען. איך לויב קיינמאל ניט די טאט, נאר דעם מענש־ליכען גייסט, די טאט איז נאר דאס קלייד פונ'ם גייסט, און די געשיכטע איז ניט מעהר ווי די אלטע גארדעראבע פון דעם מענש־ליכען גייסט. דאך האט די ליעבע טיילמאל ליעב אלטע רעק, און פונקט אזוי האב איך אויך ליעב דעם מאנטעל פון מארענגא.

„מיר זענען אויף דעם שלאכט פעלד פון מארענגא.“ אי, האט געלאכט מיין הארץ, ווען דער פאסטיליאן האט ארויסגעזאגט די דאזיגע ווערטער! איך בין צוזאמען מיט א זעהר פיינעם ליפלענ־דער, וואס האט מעהר געוואלט שפיעלען די ראל פון א רוס, אפגע־פאהרען פון מאילאנד פארנאכט, און צו מארגענס אין דער פריה, האב איך געזעהן די זון אויפגעהן איבער דעם באריהמטען שלאכט־פעלד.

דא האט דער גענעראל באנאפארטע דערלאנגט אזא שטאר־קען ציה אוים דעם בעכער פון רוהם, אז פון שכרות איז ער מיט אמאל געווארען קאנסול, קייזער און וועלט איינשלינגער, און ערשט אויף סט. העלענא האט ער זיך געקענט אויסניכטערן; מיר זענען אויך פאר׳שכור׳ט געווען, מיר האבען אלצדינג מיטגע׳חלומ׳ט, און פונקט אזוי ווי ער האבען מיר זיך אויפגעכאפט, און ווען מיר זענען געווארען ניכטער, האבען מיר געמאכט אלערליי חכמה׳דיגע רעפ־לעקסיאנען. טיילמאל ווילט זיך אונז דא אויסדאכטען, אז דער רוהם פון קריג איז א פארעלטערט פארגעניגען, די מלחמות באקומען אן עדעלערע באדייטונג, און נאפאלעאן איז אפשר געווען דער לעצ־טער עראבערער.

עס זעהט ווירקליך אוים, ווי איצטער וואלט געקעמפט געווא־רען פאר מעהר גייסטיגע אינטערעסען ווי מאטעריעלע, און ווי די וועלט געשיכטע זאל שוין ניט מעהר זיין קיין געשיכטע פון רוי־בערם, נאר א געשיכטע פון גייסטער. די הויפט קראפט, וואס האט אזוי גוט געקענט געבראכט ווערען צו באוועגען לטובה די פריוואטע צוועקען פון די עהרגייציגע און האבזיכטיגע פירשטען, דאס איז, די נאציאנאליטעט מיט איהר פוסטער גאוה און איהר שנאה, איז איצט צוקראכען און אפגעניצט; מיט יעדען טאג פארשווינדען אלץ מעהר און מעהר די נארישע נאציאנאל פאראורטיילען. אלע שאר־פע באזונדערקייטען געהען אונטער אין דער אלגעמיינקייט פון דער אייראפעאישער ציוויליזאציאן. אט זענען איצטער אין אייראפא ניט מעהר פאראנען קיין נאציאנען, נאר בלויז פארטייען, און עס איז וואונדערבאר צוצוקוקען ווי אט די פארטייען, דערקענען זעהר גוט, טראץ די פארשיעדענע פארבען, און ווי זיי פארשטעהן זיך

אזוי גוט, טראָץ די פיעלע שפּראַך־פאַרשיעדענקייטען. פּונקט ווי עס איז פאַראַן אַ מאַטעריעלע מלוכה פּאָליטיק, אזוי איז איצטער אויך פאַראַן אַ גייסטיגע פּאַרטיי פּאָליטיק; און פּונקט ווי די פּאָליטיק פון די מלוכות, ווילען דעם קלענסטען קריג, וואָס וועט אויסברעכען צווישען צוויי אונבעדייטענדע מלוכות, גלייך צובלאָזען צו אַן אַל־געמיינעם אייראָפּעאישען קריג, אין וועלכען אַלע מלוכות וועלען זיך, צי מיט מעהר, צי מיט ווינציגער איבערגעבענהייט, אבער זיכער מיט אינטערעס אריינמישען; אזוי קען אויך איצטער ניט פּאַרקומען אין דער וועלט דער מינדסטער קאַמף, ביי וועלכען די פּאַרטיי פּאָ־ליטיק זאָל ניט גלייך דערקענען די אַלגעמיינע גייסטיגע באדייטונג, און די ווייטעסטע און פרעמדאַרטיגסטע פּאַרטייען, וועלען גע־צוואונגען ווערען זיך צו באַטייליגען פאַר אָדער געגען. אַ דאַנק אַט דער פּאַרטיי פּאָליטיק, וואָס איך רוף גייסטיגע פּאָליטיק, ווייל זייערע אינטערעסען זענען גייסטיגע און ווייל זייער **ultimae rationes** זענען ניט פון מעטאַל, ווערען זיי טאָקי, דורך דעם פיינדליך איינע אקעגען דער צווייטער, און באַקעמפּען זיך מיט הילף פון דער מלוכה־פּאָליטיק, צוויי גרויסע מאַסען, וואָס שטעהען רעדען און בליקען. די לאָזונגען און די רעפּרעזענטאַנטען פון אַט די דאָזיגע צוויי גרויסע פּאַרטיי־מאַסען בייטען זיך יעדען טאָג, עס פעהלען ניט קיין פאַרדרעהענישען, אָפטמאָל ענטשטעהען די גרעסטע מיספאַרשטענדנישען, און די דאָזיגע מיספאַרשטענדני־שען ווערען דורך די דיפּלאָמאַטען. פון אַט דער גייסטער־פּאָלי־טיק, דורך די שריפטשטעלער, נאָך גיכער פאַרמעהרט, איידער פאַר־מינדערט; דאָך ווען אפילו די קעפּ מאַכען טעות'ן, פיהלען אבער די געמיטהער דער פאַר ניט ווענינער, וואָס זיי ווילען, און די צייט שטעהט צו מיט איהר גרויסער אויפגאַבע.

וואָס איז אבער די גרויסע אויפגאַבע פון אונזער צייט?

דאָס איז די עמאַנציפּאַציאָן. ניט בלויז די עמאַנציפּאַציאָן פון די אירלענדער, גריכען, פראַנקפורטער אידען, וועסט אינדישע שווארצע, און נאָך אזעלכע געדריקטע פעלקער, נאָר עס איז די עמאַנציפּאַציאָן פון דער גאַנצער וועלט, נאָר באזונדער פון אייראָ־פּאַ, וואָס איז אויסגעוואַקסען, און רייסט זיך איצטער פון די קינ־

דערשע לייצעס, וואָס ווערען געהאַלטען פון די פּריווילעגירטע, די אַריסטאָקראַטיע. עטליכע פילאָזאָפישע רענעגאַטען פון דער פריי־הייט, מעגען נאָך כסדר האַלטען אין איין אויסשמידען די פיינסטע קייטען פון ראיות, כדי אונז צו איבערצייגען, אַז די מיליאָנען מענשען זענען באַשאַפען געוואָרען אלם חיות, וואָס דאַרפען טראָ־גען די משא פון עטליכע טויזענד פּריווילעגירטע ריטער; זיי ווע־לען אונז אבער דאָס דאָך ניט קענען איבערצייגען, אַזוי לאַנג, — ווי עס זאָגט וואָלטער, — זיי וועלען אונז ניט קענען פריהער אויפ־ווייזען, אַז יענע זענען געקומען אויף דער וועלט מיט זאָטלען אויף די רוקענס און די מיט שפּאָרען אויף די פיס.

יעדע צייט האָט איהרע אויפגאַבען, און דורך זייער לעזונג רוקט זיך די מענשהייט ווייטער. די פריהערדיגע ניט גלייכקייט, וועלכע איז אין אייראָפּאַ געקומען דורך דעם פעאָדאַל־סיסטעם, איז אפשר געווען נויטווענדיג, אָדער א נויטווענדיגע באַדינגונג פאַר דעם פאָרטשריט פון דער ציוויליזאַציאָן; איצטער אבער שטעהט זי איהר נאָר אין וועג, דערפאַר רודערט זי אויף די ציוויליזירטע הער־צער. די פראַנצויזען, אָט דאָס פאָלק פון דער געזעלשאַפט, האָט די דאָזיגע ניט גלייכקייט, וואָס שטויסט זיך אָן צום שאַרפסטען מיט דעם פּרינציפּ פון דער געזעלשאַפט, נויטווענדיגערווייז, דערביטערט צום טיעפסטען. זיי האָבען געזוכט פאַר זיך צו קריגען די גלייכ־קייט דורך דעם, וואָס זיי האָבען לייכט אָפּגעשניטען די קעפּ, פון יענע, וואָס האָבען געוואָלט ניט אַנדערש נאָר זיין העכער פאַר אַלע, און די רעוואָלוציאָן איז געוואָרען דער סיגנאַל פאַר דעם באַ־פרייאונגס־קריעג פון דער מענשהייט.

לאָמיר לויבען די פראַנצויזען! זיי האָבען געזאָרגט פאַר די צוויי גרעסטע באַדערפעניזשען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, פאַר גוט עסען און פאַר בירגערליכער גלייכקייט. אין דער קאָך־קונסט און אין דער פרייהייט האָבען זיי געמאַכט די גרעסטע פאָרטשריט. און ווען עס וועט קומען א צייט און מיר אַלע וועלען זיך געפינען ווי גלייכע געסט ביי דעם גרויסען איבערבעט מאָל־צייט, און מיר וועלען זיך פיהלען גוט — ווארים וואָס איז דען פאַראַן עפּיס בעסערס, ווי צו זיצען אין א געזעלשאַפט פון גלייכע,

ביי אַ געשמאַקען טיש? — יעמאָלט וועלען מיר טרינקען דעם ערשטען טאָאַסט פאַר די פּראָוואַנצען. אודאי וועט נאָך דויערען אַ לאַנגע צייט איידער אָט דער יום טוב וועט קענען געפּייערט ווע־רען, ביז די עמאַנציפּאַציאָן וועט זיין דורכגעפיהרט; אָבער סוף כּל סוף וועט זי דאָך קומען, אָט די צייט, מיר וועלען ווערען גוט איינער מיט'ן אַנדערן, און אַלע גלייך, כּדי צו זיצען ביים זעלביגען טיש; און יעמאָלט וועלען מיר זיין פאַראייניגט, און פאַראייניגט וועלען מיר קעמפען אַקעגען אַנדערע וועלט איבלען, אפשר נאָר אַקעגען דעם טויט — וועמענס ערענסטער סיסטעם פון גלייכ־קייט, באַליידיגט אונז וועניגסטענס ניט אַזוי פיעל ווי די לאַבענ־דיגע תורה פון ניט גלייכקייט פון דעם אַריסטאָקראַטיזם.

שמייכעל נאָר ניט, שפּעטערדיגער לעזער, יעדע צייט גלויבט, אַז איהר קאַמף איז דער וויכטיגסטער. אָט דאָס איז אייגענטליך דער גלויבען פון דער צייט, און אָט דעם גלויבען לעבט זי און שטאַרבט, און אויך מיר ווילען לעבען און שטאַרבען אין דער דאָזיגער פרייהייט־רעליגיאָן, וואָס פאַרדיענט אפשר מעהר דעם נאָמען רעליגיאָן, ווי דער הוילער אָפּגעשטאָרבענער נשמה־גע־שפּענסט, וואָס מיר פּלעגען נאָך רופען מיט דעם נאָמען — אונ־זער היילינער קאַמף, דאַכט זיך אונז, איז דער וויכטיגסטער, פאַר וועלכען עס איז ווען ניט איז געקעמפט געוואָרען אויף דער ערד, הגם אַ היסטאָרישער פאַרגעפיהל זאָגט אונז, אַז אַמאָל וועלען אונ־זערע אייניקלעך אַראָפּקוקען אויף דעם דאָזיגען קאַמף, אפשר מיט דער זעלביגער גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכען מיר קוקען אַראָפּ אויף דעם קאַמף פון די ערשטע מענשען, וואָס האָבען געהאַט צו קעמפען פונקט אַקעגען אַזעלכע אויסטערלישע ברואים, לינדוווערים און רויב־ריעזען.

קאפיטעל XXX.

אויף דעם שלאכט פעלד פון מארענגא, קומען די באטראכטונגען צו פליהען אין אזעלכענע מחנות, אז מען קען גלויבען. דאס זענען דיזעלביגע מחנות, וואס ניט איינער האט זיי פלוצלינג געמוזט אויפגעבען, און איצט דרעהען זיי זיך דארט ארום ווי הינד. וואס האבען ניט קיין באלעבאטים. איך האב ליעב די שלאכטפעלדער. ווארים ווי מורא'דיג די מלחמה זאל ניט זיין, אזוי דריקט זי דאך אוים די גייסטיגע גרויסקייט פון מענשען, וואס וואגט זיך אקעגען צו שטעלען זיין ביטערסטען שונא, דעם טויט. און ווער רעדט נאך פון אט דעם דאזיגען שלאכטפעלד, וואו די פרייהייט האט געטאנצט אויף בלוטיגע רויזען, דעם תאוה'דיגען כלה־טאנץ! פראנקרייך איז דעמאלט געווען דער חתן, האט פארבעטען די גאנצע וועלט צו איהר חתונה, און ווי זינגט דאס ליעד?

הורא! ביי יענעם קנס מאל,
דאן האט מען אנשטאט די טעפּ,
צוקלאפּט אריסטאקראטען־קעפּ.

אבער וועה! יעדער צאל, וואס די מענשהייט געהט פאראויס, קאסט טייכען בלוט; און איז דאס ניט אביסעל צו טייער? איז דאס לעבען פון דעם יחיד ניט אפשר פונקט אזוי פיעל ווערט, ווי דאס לעבען פון דעם גאנצען דור? — ווארים יעדער איינציגער מענש איז דאך שוין א וועלט, וואס איז מיט איהם געבוירען געווארען און מיט איהם שטארבט זי, אונטער יעדער מצבה ליגט א וועלט געשיכטע — לאמיר בעסער ניט רעדען וועגען דעם! דאס פאסט פאר די טויטע, וואס זענען דא געפאלען; מיר אבער לעבען און מיר ווילען

ווייטער קעמפּפען אין דעם הייליגען באַפרייאונגס־קריג פון דער מענשהייט.

— ווער דענקט איצטער נאָך וועגען מאַרענגאָ? האָט גע־זאָגט מיין מיטרייזענדער, דער ליפּלענדישער רוס, ווען מיר זענען געפאָהרען איבער דעם ניט פּאַראַקערטען פעלד, — איצטער זענען אַלע אויגען געווענדעט צום באַלקאַן, וואו מיין לאַנדסמאַן דיעביטש, טוט אַז די טערקען די טורבאַנס, און נאָך היינטיגעם יאָהר וועלען מיר איינעמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זענט איהר פאַר רוסלאַנד?

דאָס איז געווען אַ פראַגע, וואָס איך וואָלט אומעטום ליעבער געענטפערט, ווי דאָ אויף דעם שלאַכטפעלד פון מערענגאָ — אין דעם מאָרגען־נעבעל האָב איך געזעהן דעם מאַן מיט דעם דריי־עקיגען היטעלע און דעם גרויען קריעגסמאַנטעל, ער האָט זיך גע־יאָגט שנעל ווי אַ געדאַנק, פון דער ווייטענס האָט אָפּגעשאַלט ווי אַ שוידערדיג זיסער קלאַנג: **Allons, enfants de La patrie** און דאָך האָב איך געענטפערט: יאָ איך בין פאַר רוסלאַנד.

און אין דער אמת'ן, ביי דעם וואונדערליכען אומבייט פון די לאַזונגען און די רעפּרעזענטאַנטען אין דעם גרויסען קאַמף, האָט זיך איצטער געמאַכט אזוי, אז דער הייסעסטער פריינד פון דער רעוואָלוציאָן זעהט די אויסלייזונג פון דער וועלט נאָר אין רוס־לאַנדס נצחון, און ער מוז באַטראַכטען דעם קייזער ניקאָלאַי פאַר דעם פּאַרקעמפּפער פון פרייהייט. אַ מאָדנער אומבייט! נאָך פאַר צוויי יאָהרען האָבען מיר אָט דעם אמט אוועקגעבען צו אַן ענגלישען מיניסטער, דער געשריי פון דעם הויף טאַרישען האָס געגען דושאָרדזש קעניג האָט אונז געפיהרט דערצו; אין דער אדעלער ניט ערעל קרענקונג וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטעהן, האָבען מיר גע־זעהן די גאַראַנטיע פון זיין געטרייקייט, און ווען ער איז געשטאָרבען מיט דעם טויט פון אַ מאַרטירער, האָבען מיר זיך אָנגעטאָן אין טרויער קליידער, און דער אכטער אויגוסט איז געוואָרען אַ הייליגער טאָג אין דעם קאַלענדאַר פון פרייהייט. די פאָהן אבער האָ־בען מיר צוריק אוועקגענומען פון דאַונינג סטריט, און מיר האָבען זי פאַרפלאַנצט אין פּעטערבורג, און מיר האָבען אויסגעקליבען פאַר

איהר טרעגער, דעם קייזער ניקאָלאַי, דעם ריטער פון איירָאָפּא, דער וואָס האָט באשיצט די גריכישע אלמנות און יתומים פון אזיאטי־שע בארבארען, און האט אין דעם דאָזיגען דעם גאָבעלען קאמף זיכער פארדיענט זיינע שפּאָרען. דאָס־מאָל האָט זיך ווידער באוויזען די גענוועהנליכע ערשיי־נונג, אז אונזערע רעפּרעזענטאַנטען האָבען מיר מעהר צו פארדאנקען די מאַיאָריטעט פון אונזערע שונאים, ווי אונזער איי־גענעם אויסוואהל. וואָרים אזוי שנעל ווי מיר האָבען דערזעהן ווער עס איז דאָס אין יענער וואונדערליך צוזאמענגעשטעלטער געמיינ־דע, וואָס האָבען געבעטען ביי גאָט אז טערקיי זאָל געווינען און רוסלאנד פארלירען, אזוי האָבען מיר באלד באמערקט ווער עס זע־נען דאָס אונזערע פריינד, אָדער בעסער געזאָגט: ווער עס איז דער שרעק פון אונזערע שונאים. אי, האָט דאָס דער ליעבער גאָט אין הימעל געמוזט לאכען, ווען ער האָט אין דערזעלביגער צייט געהערט בעטען פאר דעם, אז די לבנה זאָל זיעגען, סאי פון וועלינג־טאָן, דעם גרויסמופטי, דעם פּויפּסט, פון ראָטשילד דעם ערש־טען, פון מעטערניכען און פון א גאנצע כאָליאָסטרע ריטער, גלחים און טערקען!

דאָס וואָס די אַלאַרמיסטען האָבען ביז אהער דערצעהלט מעשיות וועגען דער געפאהר, וואָס קען קומען דורך דעם איבער'ן גרויסען רוסלאנד, איז נאַריש. וועניגסטענס האָבען מיר דייטשען גאָר ניט צו ריזיקירען. אביסעל מעהר אָדער אביסעל ווינציגער קנעכטישקייט, פאר דעם דארפען מיר זיך ניט שרעקען, דאָרט וואו עס שטעהט צו געווינען דאָס העכסטע, די באפרייאונג פון דעם איבערבלייבעניש פון דעם פעאָדאַליזם און קלעריקאליזם. מען סטראשעט אונז מיט דער הערשאפט פון דער קנוט, אבער איך וואָלט פארליעב גענומען אביסעל קנוט, ווען איך זאָל נאָר ווי־סען, אז אונזערע שונאים וועלען זי אויך באקומען. איך וויל אבער וועטען, אז זיי וועלען, ווי זיי האָבען עס תמיד געטאָן, הינטיש זיך אונטערלעקען אקעגען דער נייער מאכט, און שמייכלען גראציעז, און אזוי ווי געקנוטעט ווערען וועלען זיי דאָך מוזען, וועלען זיי זיך דערפאר אויסבעטען א פּריווילעגיע צו קריגען אן עהרען־קנוט.

פונקט אזוי ווי דער אדעלינער פון סיאַם, וואָס ווען ער דאַרף באַ־שטראָפט ווערען, ווערט ער אריינגעלעגט אין א זיידענעם זאַק, און געשמיסען מיט פאַרפיומירטע שטעקענס, אַנשטאָט וואָס דער ביר־גערליכער פאַרזינדיגטער קריגט נאָר א לייננוואַנדענעם זאַק און ניט קיין שמעקענדיגע שמיץ. נו, אָט אַזאַ פּריווילעגיע, אזוי ווי זי איז נאָר די איינציגע, וועלען מיר זי זיי פאַרגינען, אבי זיי קריגען נאָר, באַזונדערס דער ענגלישער נאָבילִיטי. מעג מען מיך כסדר האַלטען אין איין דערמאָנען אַז אָט די נאָבילִיטי איז עס, וואָס האָט ביי דער דעספּאָטיע צוגענומען די מאַגנאַ טשאַרטאַ און אַז ענגלאַנד, טראָצדעם וואָס ביי איהר עקזיסטירט נאָך די בירגערליכע שטאַנד אונגלייכהייט, האָט זי דאָך פאַרזיכערט די פּערזענליכע פרייהייט, אַז ענגלאַנד איז געווען דער מקום מקלט פאַר פרייע גייסטער, אין דער צייט ווען דער דעספּאָטיזם האָט אונטערדריקט דעם גאַנצען קאָנטינענט: — דאָס זענען **Tempi possati** ענגלאַנד מיט איה־רע אַריסטאָקראַטען קענען שוין איצטער צו גרונד געהן, פרייע גייס־טער האָבען איצטער פאַר א נויט נאָך א בעסערן מקום מקלט, און וואָלט אפילו גאַנץ אייראָפּאַ געוואָרען איין גרויסע תפיסה, וואָלט איצטער נאָך אַלץ זיך געפונען איין איינציג לאַנד, וואו מען קען זיך באַהאַלטען. דאָס איז אַמעריקאַ. און א דאַנק גאָט! דאָס לאַנד איז נאָך גרעסער ווי די תפיסה גופא.

אָבער דאָס אַלץ זענען בלויז לעבערליכע גרילען; פאַרגלייכט מען אין דעם ענין פון פרייהייט ענגלאַנד מיט רוסלאַנד, אזוי בלייבט דאָך ביי קיינעם ניט קיין ספק ניט, פאַר וועמען זיך איינ־צושטעלען. די פרייהייט איז געקומען קיין ענגלאַנד פון היסטאָרישע סבות, אין רוסלאַנד פון פּרינציפּען. ווי די סבות אַליין, אזוי טראָ־גען אויך זייערע רעזולטאַטען דעם שטעמפּעל פון מיטעלאַלטער. גאַנץ ענגלאַנד איז פאַרשטיינערט אין מיטעלאַלטערליכע אינסטי־טוציאָנען, אונטער וועלכע די אַריסטאָקראַטיע האָט זיך באַפעסטיגט און ערוואַרט דעם קאַמף אויף לעבען און טויט. יענע פּרינציפּען אָבער פון וועלכע עס איז ענטשטאַנען די רוסישע פרייהייט, אָדער אפשר בעסער: וואָס האַלט זיך מיט יעדען טאָג אין ענטוויקלען, דאָס זענען די ליבעראַלע אידעען פון אונזער נייעסטער צייט; די

רוסישע רעגירונג איז דורכגעדרונגען פון די דאָזיגע אידעען, איהר אונבאשרענקטער אבסאָלוטיזם איז פיעל מעהר א מין דיקטאטור, כדי צו לאָזען יענע אידעען אונמיטעלבאר אריינטרעטען אין לעבען; די דאָזיגע רעגירונג האָט ניט איהרע וואָרצלען אין פעאָדאליזם און קלעריקאליזם, פארקעהרט, זי שטעהט גאָר אקעגען דער מאכט פונ'ם אדעל און דער קירך; קאטהארינא האָט שוין באשרענקט די מאכט פון דער קירך, און דער רוסישער אדעל ענטשטעהט דורך פארדיענסטען וואָס איינער פארדיענט זיך ביי דער מלוכה; רוסלאנד איז א דעמאָקראַטישע מלוכה, און איך וואָלט זי אפילו אָנגערופען א קריסטליכע מלוכה, ווען איך זאָל וועלען באנוצען אָט דאָס אזוי אָפט מיסברויכטע וואָרט אין זיין זיסעסטען, וועלטבירגערליכסטען זין; וואָרים די רוסען ווערען באפרייט פון דער ענגהארציקייט פון דעם היידנישען נאַציאָנאַליזם, שוין דורך דעם פארנעם פון זייער מלוכה. זיי זענען קאָסמאָפּאָליטען, אָדער וועניגסטענס זעקסטעל־קאָסמאָפּאָליטען, וואָרים רוסלאנד מאכט אוים כמעט א זעקסטעל טייל פון דער באוואוינטער וועלט.

און ווירקליך, ווען עמיצער א דייטשער־רוס, ווי למשל מיין ליפלענדישער מיטרייזענדער, גרויסט זיך פּאַטריאָטיש, און רעדט פון אונזער רוסלאנד און אונזער דיעביטש, קומט עס מיר פּאָר, ווי איך וואָלט הערען א הערינג, וועלכע גיט אָן דעם ים הגדול פאר זיין פּאָטערלאנד, און דעם וואלפיש פאר זיין לאנדסמאן.

קאפיטעל XXXI.

איך בין פאר רוסלאנד — האב איך געזאגט אויף דעם שלאכטפעלד פון מארענגא און בין ארונטער פון וואגען אויף עטליכע מינוטען, כדי אפצוהאלטען מיין שטיל מארגען־געבעט.

ווי פון אונטער א טריאומפבויגען פון קאלאסאלע וואלקענס איז ארויס די זון, זיגרייך, לוסטיג, זיכער, און האט צוגעזאגט א שענעם טאג. מיר אבער איז געווען אויפ'ן הארצען, ווי דער ארימער לבנה, וואס איז נאך געשטאנען א בלאסע אין הימעל. זי האט דורכגעוואנדעלט איהר איינזאמען וועג, אין דער וויסטער נאכט, ווען דאס גליק איז געשלאפען, און נאר געשפענסטער, סאוועס און זינדיגע האבען זיך ארומגעטריבען; און איצטער ווען דער יונגער טאג איז ארוים מיט זיינע יובעלדיגע שטראהלען און זיין פלאטערדיגער מארגען־רויטקייט, איצטער מוז זי אוועק פון דאנען — נאך איין אומעטיגען בליק צו דעם גרויסען וועלט ליכט, און זי איז פארשוואונדען ווי א דופטיגער נעבעל.

— עס וועט זיין א שענער טאג — האט אויסגערופען פונ'ם וואגען מיין מיטרייזענדער — יא, עס וועט זיין א שענער טאג — האט געענטפערט שטיל מיין בעטענדיג הארץ און האט געציטערט פאר אומעט און פרייד. יא, עס וועט זיין א שענער טאג. די פרייהייטס־זון וועט די ערד גליקליכער אנווארימען, ווי אלע אריסטאקראטישע שטערען צוזאמענגענומען; א נייער דור וועט ארויסבליהען, די פרוכט פון א פרייער צוזאמענקונפט, ניט אין דעם צוואנגס־בעט און אונטער דער קאנטראל פון גייסטליכע אקציזניקעם; צוזאמען מיט דער פרייער געבורט, וועלען אין דעם מענשען אויך קומען פרייע געפיהלען און פרייע געדאנקען, פון וועלכע מיר, די געבוירענע קנעכט האבען גאר קיין אהנונג ניט — אוי!

זיי וועלן פונקט אזוי ווייניק זיך קענען פארשטעלן, ווי שרעק־ליך עס איז געווען די נאכט, אין וועמענס פינסטערניש מיר האבן געמוזט לעבן. און ווי גרויליך מיר האבן געהאט צו קעמפן מיט די מיאוסע רוחות, טעמפע סאוועס, און יענע צבועקעס אין דער גע־שטאלט פון הייליגע! אוי, מיר ארימע קעמפערס, וואס מיר האבן זיך דאס געמוזט אין אונזער צייט דורכשלאגן אין אזעלכענע מלחמות. און ווען דער טאג פון נצחון שטראהלט ארויס, זענען מיר מיעד און בלייך! די גלות פון דעם זונענאויפגאנג וועט מעהר ניט רויט מאכען אונזערע באקען, און מעהר ניט קענען דערוואַרעמען אונזערע הערצער, מיר וועלן אפשטארבען, ווי די אוועקגעהענדיגע לבנה — צו קורץ איז דער וועג, אויף וועלכען די מענשען וואנ־דערן. דער סוף — דער קבר פון וועלכען קיינער קען זיך ניט אויס־קויפען.

איך ווייס ווירקליך ניט, צו איך פארדיען מיר, אז מען זאל אמאל מיין ארון באציערען מיט א לארבעער קראנץ. די פאעזיע, ווי שטארק איך האב זי ניט געליעבט, איז פאר מיר תמיד געווען א הייליג שפיעלצייג, אדער א געהייליגט מיטעל פאר הימלישע צוועקען. איך האב קיינמאל ניט געלעגט קיין גרויסען ווערט אויף דיכ־טער־רום, און צי מען לויבט מיינע ליעדער, אדער מען לאכט פון זיי, דאס ארט מיך ווייניג. אבער א שווערד ז א ל מען לייגען אויף מיין ארון: וואַרים איך בין געווען א בראַווער סאלדאט אין דעם באפרייאונגס קריג פון דער מענשהייט.

קאפיטעל XXXII.

מיטאָג־צייט, ווען די זון האָט געברענט, האָבען מיר געזוכט אן אברוה אין א פראנציסקאנער קלויסטער, וואָס איז געשטאַנען אויף א היבש בערגיל, און מיט זיינע טונקעלע צופרעסען און ווייסע מאַנאכען, האָט ער ארונטער געקוקט ווי א יאגד־שלאָס פון דער אמונה אין די הייטערע גרינע טאָלען פון די אפענינען. דאָס איז געווען א שענע געביידע; איך בין בכלל פארביי געפאָהרען זעהר מערקווירדיגע קלויסטערס און קירכען. א חוץ דאָס קארט־הויז אין מאַנץ, וואָס איך האָב נאָר געזעהן פון דרויסען. איך האָב אפט ניט געוואוסט, צי זאָל איך מעהר באוואונדערן די שענקייט פון דער געגענד, אדער די גרויסקייט פון די אלטע קירכען, אדער די פונקט אזוי גרויסע, שטיינפעסטע געזינונג פון זייערע אויפבויער, וואָס האָבען געקענט זעהן פאָראויס, אז א שפעטערדיג אור־אייניקעל וועט ערשט זיין אימשטאַנד, אזא בוי־ווערק צו פארענדיגען, און פון דעסטוועגען האָבען זיי ניט קוקענדיג דארויף, גאנץ רוהיג גע־לעגט דעם גרונד־שטיין, און געטראָגען א שטיין נאָך א שטיין, ביז דער טויט האָט זיי אוועקגערופען פון דער ארבייט, און אנדערע בוי־מייסטערס האָבען ווייטער געארבייט און דערנאָך זיך אויף אוועק־געלעגט אַפּרוהען פונקט ווי זיי — אלע מיט דעם פעסטען גלויבען אין דער אייביקייט פון דער קאטוילישער רעליגיאָן, און מיט א פעסטען צוטרוי, אז די שפעטערדיגע דורות, וועלען בויען ווייטער, דאָרט וואו זייערע אבות האָבען אויפגעהערט.

דאָס איז געווען דער גלויבען פון דער צייט, און די אלטע בוי־מייסטערס האָבען געלעבט און זענען איינגעשלאָפען אין דעם

דאַזיגען גלויבען. דאָ ליגען זיי איצטער פאַר די טירען פון יענע אַלטע קירכען, און מען מעג זיי ווינשען, אַז זיי זאָלען זיך אמת'דיג גוט שלאָפען, און אַז דאָס לאַכען פון דער נייער צייט זאָל זיי ניט אויפוועקען. גאָר באַזונדערס אָט יענע, וואָס ליגען לעבען אַלטע קירכען, וואָס זענען ניט פאַרטיג געוואָרען. פאַר אַזוינע, וואָלט עס געווען זעהר שלעכט, ווען זיי וואָלטען זיך ביינאַכט פלוצים אויפגעכאַפּט, און ביים שמערצליכען שיין פון דער לבנה זיך אַרומגעקוקט אויף זייער ניט פאַרענדיגטע אַרבייט, און באַלד באַמערקט, אַז די צייט פון וויטער בויען האָט אויפגעהערט, און אַז זייער גאַנץ לעבען איז געווען נוצלאָז און נאַריש.

אַזוי רעדט די היינטיגע נייע צייט, וואָס האָט אַן אַנדערע אויפגאַבע, אַן אַנדערן גלויבען.

איך האָב אַמאָל געהערט אין קעלן, ווי אַ קליין אינגעל האָט געפרעגט זיין מאַמען, פאַרוואָס מען פאַרענדיגט ניט די דאָמען, וואָס זענען נאָר האַלב אויפגעבויט. דאָס איז געווען אַ שען אינגעל. און איך האָב איהם געקושט די קלוגע אויגען, און אַזוי ווי זיין מאַמע האָט איהם ניט געקענט געבען קיין ריכטיגען ענטפער, האָב איך איהם געזאָגט, אַז היינט האָבען די מענשען גאָר עפּיס אַנדערש צו טון.

ניט ווייט פון גענוא, אויף דעם שפּיץ פון די אַפּענינען, זעהט מען דעם ים. צווישען די גרינע שפּיצען פון די בערג, באַווייזט זיך דאָס בלויע וואַסער. און שיפען וואָס מען דערזעהט דאָ און דאָרטען, זעהען אויס ווי זיי וואָלטען מיט די פולע זעגלען זיך געטראָגען איבער די בערג. האָט מען אָבער פאַר זיך אָט דאָס בילד אין אַ פאַר־נאַכט, ווען די לעצטע שטראַהלען פון דער זון הויבען אָן זייער וואונדערליכען שפּיעל מיט די ערשטע שאָטענס פון אָבענד, און אַלע פאַרבען און אַלע פאָרמען פאַרוועבען זיך ווי נעבלען, דעמאָלט ווערט איינעם מאָדנע לעגענדאַריש אויף דער נשמה. דער וואָגען קייקעלט זיך באַרג אַראָפּ. די שלעפעריג זיסעסטע בילדער פון דער נשמה, ווערען אויפגעטרייסעלט און דרעמלען ווידער איין, און ענדליך חלומ'ט זיך איינעם ער איז אין גענוא.

קאפיטעל XXXIII.

די דאזיגע שטאדט איז אלט און אהן אלטערטימליכקייט, ענג און אהן היימישקייט, און מיאוס איבער אלע גרעניצען. זי איז געבויט אויף א פעלז צופוסענס פון אמפיטעאטראלישע בערג, וואס נעמען אויף ארום דעם שענסטען ים־בוזים. די געניעזער האבען דארום פון דער נאטור באקומען דעם בעסטען און זיכערסטען האפען. ווייל די שטאדט איז, ווי געזאגט, געבויט אויף איין איינציגען פעלז, דערפאר כדי איינצושפארען פלאץ, האבען די הייזער געמוזט געבויט ווערען זעהר הויך און די גאסען זעהר שמאל. אזוי, אז די גאסען זענען כמעט אלע פינסטער. און נאר אין צוויי פון זיי קען פאהרען א וואגען. אבער די הייזער דיענען דא פאר די איינוואוינער, וואס זענען צומייסטענס סוחרים, כמעט אלע פאר שפייבלערס, סקלאדען פון סחורה, און ביינאכט פאר אן ארט צום שלאפען; דעם גאנצען ליעבען טאג לויפען זיי ארום איבער דער שטאדט, אדער זיצען פאר די טירען פון זייערע הייזער, אדער בעסער געזאגט, אין די טירען. ווארים ווען ניט וואלטען זיי זיך אנגעשלאגען מיט די קניה אן די שכנים פון אקעגען איבער.

פון דער ים־זייט באזונדערס ארום פארנאכט צייט, זעהט די שטאדט אויס שענער. דא ליגט זי ביים ים ווי א בלייכער סקעלעט פון אן ארויסגעווארפענער ריעזיגער חיה, טונקעלע מוראשקעס, וואס רופען זיך געניעזער, קריכען דערין ארום, די בלויע ים־כוואליעס באשפיעלען זי פלאפלענדיג ווי א ליעד פון אן אם, די לבנה דאס בלאסע אויג פון דער נאכט, קוקט אראפ דארויף מיט אומעט.

אינ׳ם גארטען פון דעם פאלאצא דאריא, שטעהט דער אלטער ים־גבור אלס נעפטון אין א גרויסען וואסער באסיין. אבער די סטאטוע איז אפגעטראגען און אפגעלעבט. דאס וואסער איז אויס־

'געטריקענט, און די מעווען וואוינען אין די שווארצע ציפּרעסען. ווי א אינגעל, וואָס האָט תמיד אין זינען זיינע קאָמעדיען, האָב איך ביי דעם נאָמען האָריא גלייך זיך דערמאָנט אָן פרידריך שיללער, דעם עדעלסטען, וועו אויך ניט דעם גרעסטען דיכטער פון די דייטשען.

הגם די מייסטע פון זיי האַלטען ביים איינפאלען, זענען דאָך די פּאַלאַצען פון די אַמאָליגע מאכטהאָבער פון גענוא, פון דער נאָבילי, זעהר שען, און פול מיט פּראכט. זיי שטעהען צו מייסטענס אויף די צוויי גרויסע גאַסען, וועלכע הייסען סטראדא נאָווא און באַלבי. דער פּאַלאַץ דוראַציאַ איז דער מערקווירדיגסטער. דאָ זענען פאראַן שענע בילדער, און צווישען זיי פּאָול ווערָאָנעאַ'ס קרימטוס, וועמען מאַריא מאַגדאַלענא ווישט אָפּ די געוואַשענע פיס. אָט די מאַגדאַלענא איז אזוי שען, אז מען דארף זיך שרעקען, זי זאָל ניט נאָכאַמאָל פארפיהרט ווערען. איך בין לאַנג געשטאַנען פאר איהר — אַי, זי האָט ניט אויפגעהויבען די אויגען! קריסטוס שטעהט דאָ ווי א רעליגיאָנס־האַמלעט: **Go to Nurmery** דאָ האָב איך אויך געפונען עטליכע האָלענדער און פיינע בילדער פון רובענס; דער לעצטער איז אין גאַנצען דורכגעדרונגען מיט דער גאַנצער הייטערקייט פון יענעם נידערלענדישען טיטאַן, וועמענס גייסטיגע פליגעל זענען געווען אזוי שטארק, אז ער איז ארויפגעפלויגען ביז צו דער זון, הגם נאָך זיינע פיס האָבען גאָבגעהאנגען הונדערט צענטער האָלענדישער קעז. איך קען ניט פארביי געהען דאָס קלענסטע בילד פון אָט דעם גרויסען מאהלער, אז איך זאָל ניט באַצאָהלען דעם מס פון מיין באוואונדערונג. און דאָס, נאָך מעהר, ווייל עס איז איצטער די מאָדע איהם צו באַטראכטען און א ציה טאָן מיט די אַקסלען. די היסטאָרישע שולע אין מינכען וויזט זיך באַזונדערס גרויס אין אזוינע באטראכטונגען. מען דארף נאָר א קוק טאָן מיט וואָס פאר א גרינגשעצונג דער לאנגהאָריגער קאָרנעליאנער געהט דורך דעם רובענס־זאאַל! און אפשר אָבער לאָזט זיך דער טעות פון די יונגע ערקלעהרען, ווען מען באטראכט דעם גרויסען היפּך צווישען פּעטער קאָרנעליוס און פּעטער פּאָול רובענס. קיין גרעסערער היפּך לאָזט זיך שוין כמעט

ניט אויסקלערהרען — און פון דעסטוועגן פאלט מיר אַפטמאָל
איין, אזביידע האָבען דאָך עהנליכקייטען, וואָס איך קען מיר מעהר
פאָרשטעלען ווי זעהן בחוש. אפשר איז אין זיי פאַרבאָרגען לאנד־
מאנשאפטליכע אייגענארטיגקייטען, וואָס רעדען צום דריטען
לאנדסמאן, דאָס הייסט, צו מיר, ווי מיט שטילע, היימישע קלאנ־
גען. אָט די געהיימע קרובה'שאפט באשטעהט אבער קיינמאָל ניט
אין דער נידערלענדישער הייטערקייט און פאַרבענלוסט, וואָס
לאכט אונז אקעגען פון אלע רובענס בילדער, אזוי אז מען קען מיי־
נען, ער האָט זיי געמאָלט ווען ער איז געווען שכור פון דעם פרעה־
ליכסטען רהיין־וויין, אין דער צייט, וואָס ארום איהם האָט געיור־
בעלט טאַנצענדיגע קרימעס־מוזיק. ווירקליך, די בילדער פון קאַר־
נעליוס, זעהען ניכער אויס, ווי זיי וואָלטען געמאָלט געוואָרען אין
„גוטען פרייטאג", אין דער צייט וואָס די שווערמוטיגע ליידענס־לי־
דער פון דער פראָצעסיאָן, האָבען זיך געצויגען איבער די גאסען און
געפונען א ווידער־קלאנג אין דעם אטעליער און אינ'ם הארצען פון
מאהלער. אין דער פראָדוקטיוויטעט, אין דער געוואגטקייט פון
שאפען, אין דער געניאלער אורשפרינגליכקייט זענען זיי מעהר
עהנליך איינער צום אנדערן. ביידע זענען זיי געבוירענע מאהלער,
און געהערען צו דעם ציקלוס פון גרויסע מייסטערס, וואָס האָבען
צום גרעסטען טייל געבליהט אין דער צייט פון ראפאעל. א צייט
וואָס האָט אויף רובענס נאָך געקענט אויסאיבען איהר איינפלוס
אונמיטעלבאר, וועלכע איז אבער פון אונזער צייט אזוי ווייט אפגע־
שיידט, אז פאר דער ערשיינונג פון א פעטער קאָרנעליוס דערשרע־
קען מיר זיך שיער; טיילמאָל קומט ער אונז פאָר, ווי דער גייסט
פון איינעם פון יענע גרויסע מאהלער פון דער ראפאעלשער צייט,
וואָס איז אויפגעשטאַנען פון קבר כדי צו מאָהלען נאָך עטליכע
בילדער. א טויטער באשעפער, וואָס האָט זיך אליין צוריק לע־
בעדיג געמאכט, דורך דעם מיטבאגראָבענעם, אינוועניג־וואוינענדי־
גען לעבענס־וואָרט. באטראכטען מיר זיינע בילדער, אזוי זעהען
מיר זיי, ווי מיט די אויגען פון דעם פופצעהנטען יאהרהונדערט.
געשפענסטיש זענען די קליידער, פונקט ווי זיי וואָלטען פאר אונז
פארבייגערוישט אין מיטען נאכט, די לייבער זענען קרעפטיג, ווי

דורך א כשוף געצייכענט ריכטיג ווי א טרוים, געוואַלדיג אמת, נאָר וואָס עס פעהלט זיי בלוט. דאָס פולסירענדיגע לעבען, די פאַרב. א קאַרנעליוס איז א באַשעפער. דאָך ווען מיר באַטראַכטען זיינע שאַפונגען, דאַכט זיך אונז אוים, אַז קיינע פון זיי קענען ניט לאַנג לעבען, ווי זיי וואָלטען אַלע געמאָלט געוואָרען א שעה פאַר'ן טויט, ווי זיי וואָלטען געטראָגען דעם אומעטיגען פאַרגעפיהל פון שטאַרבען. רובענס געשטאַלטען, טראָץ זייער הייטערקייט, דערוועקען אויך אין אונזער נשמה אַן עהנליך געפיהל, זיי זעהען אויך אוים פונקט אַזוי ווי זיי וואָלטען אין זיך געטראָגען דעם זאָמען פון טויט, און אונז דאַכט, אַז אַט, אַט וועלען זיי טאַקי דורך זייער איבערפלוס פון לעבען, דורך זייער רויטער פולבלוטיקייט פלוצלינג קריגען דעם שלאַק. אַט דאָס איז זי אפשר די געהיימע קרובה־שאַפט, וואָס מיר אַהנען אַזוי וואונדערליך, ווען מיר פאַרגלייכען מייסטערס. די העכסטע לוסט אין עטליכע בילדער פון רובענס און דער טיעפער אומעט און די בילדער פון קאַרנעליוס, דערוועקען אין אונז אפשר דעם זעלביגען געפיהל. פון וואַנען נעמט זיך אבער אַט דער אומעט צו א נידערלענדער? דאָס האָט אפשר צו טאָן מיט דעם שוידערליכען באַוואוסטזיין, אַז ער געהערט צו א לאַנג שוין פאַרקלונגענער צייט. און אַז זיין לעבען איז א מיסטישע נאָכ־שיקונג. — וואָרים וועה! ער איז ניט נאָר דער איינציגער גרויסער מאַהלער, וואָס לעבט איצטער, נאָר אפשר אויך דער לעצטער, וואָס וועט מאָלען אויף דער דאָזיגער ערד; פאַר איהם ביז צו דער צייט פון די קאַראַטשי'ס, איז איין לאַנגע פינסטערניש, און הינטער איהם שליסען זיך ווידער צונויף די שאָטענס. זיין האַנד איז א ליכטיגע, איינזאַמע גייסטער האַנד אין דער נאַכט פון דער קונסט, און די בילדער, וואָס זי מאָלט, טראָגען דעם אונהיימליכען טרויער, פון אַזא ערענסטער, אַפּשטויסענדיגער צוריקגעצויגענקייט. איך האָב קיינמאָל ניט געקענט באַטראַכטען אַט די לעצטע מאָלער'שע האַנד, אַהן א געהיימען שוידער, ווען איך האָב געזעהן דעם מאַן אַליין, דעם קליינעם, ביסטערן מענש מיט די הייסע אויגען. און דאָך האָט די דאָזיגע האַנד ווידער דערוועקט אין מיר דעם געפיהל

פון פיעטעט, ווארים איך האב זיך דערמאנט, אז זי איז מיט ליעבע געלעגען אויף מיינע קליינע פינגער און מיר געהאלפען ציהען עט־ליכע געזיכטסקאנטורען, ווען איך האב, זייענדיג א קליין אינגעל, זיך געלערנט צייכענען אין דער דיסעלדארפער אקאדעמיע.

קאפיטעל XXXIV.

די זאמלונג פון פארטרעטען פון שענע געגנועזעריגם. וואס ווערען געוויזען אין פאלאץ דוראצא, טאר איך ניט לאזען ניט דערמאנט. קיין זאך אויף דער וועלט קען אונז ניט מאכען אזוי טרויעריג געשטימט, ווי דאס ווען מיר באטראכטען די פארטרעטען פון שענע פרויען, וואס זענען שוין טויט עטליכע הונדערט יאהר. מעלאנכאליש קריכט איבער אונז דער געדאנק, אז די אריגינאלען פון יענע בילדער, פון אט יענע אלע שענהייטען, וואס זענען געווען אזוי ליעבליך, אזוי קאקעט, אזוי וויציג, אזוי שאלקהאפטיג און אזוי שווערמעריש; פון יענע אלע מאי־קעפלעך מיט די אפריל קאפריזען, פון יענעם גאנצען פרויען פריהלינג איז ניט געבליבען מעהר ווי אט די דאזיגע בונטע שאטענס, וועלכע, א מאלער, וואס איז שוין אויך פון לאנג פארפוילט, האט געמאלט אויף א שטיקעל ליינוואנד, וואס מיט דער צייט וועט עס אויך ווערען שטויב און פארוועהען. אזוי גנעהט יעדעס לעבען, דאס שענע ווי דאס מיאוס'ע, פאראיבער אהן שפור. דער טויט, אט דער דארער פעדאנט, פארשוינט ניט די רויז פונקט ווי ער שוינט ניט דעם דארן. ער פארגעסט אויך ניט דאס איינזאמסטע זאנגעלע אין דער ווייטעסטער ווילדערניש. ער צושטערט גרינדליך און אהן אן אויפהער. און אומעטום זעהען מיר ווי די פלאנצען און חיות, די מענשען און זייערע ווערק, ווערען צוריבען אויף שטויב. און אפילו יענע עגיפטישע פיראמידען, וואס זעהען אויס, ווי זיי וואלטען זיך איהם אקעגען געשטעלט, זענען נאר טראפעען פון זיין מאכט, מצבות פון דער פארגאנגענהייט, פון אוראלטע קעניגליכע קברים.

אבער נאך ערגער, ווי דאס דאזיגע געפיהל פון אייביגען שטארבען. פון א וויסטער, גענעצדיגער פארניכטונג, כאפט אונז ארום

דער געדאַנק, אַז מיר שטאַרבען ניט אָפּ ווי אָריגינאַלען, נאָר ווי קאָפּיעס פון לאַנג שוין פאַרגעסענע מענשען, וואָס זענען געווען גלייך צו אונז גייסטיג און קערפּערליך, און נאָך אונז וועלען גע־בוירען ווערען מענשען, וואָס וועלען ווידער אין גאַנצען פּיהלען און דענקען ווי מיר, און אַז אויך זיי וועט דער טויט פּונקט אַזוי פאַר־ניכטען — דאָס איז אַ טרויעריגער אייביגער שפּיעל, וואָס האַלט זיך אין איין איבער׳חזר׳ן, ביי וועלכען די ערד מוז אַלץ מעהר און מעהר ארויסברענגען וויפיעל דער טויט קען צושטערען, אַזוי, אַז זי מוז אין אַזאַ נויט, מעהר זאָרגען פאַר דער אויפהאַלטונג פון מין, איידער פאַר דער אָריגינאַליטעט פון די יחידים.

וואונדערבאַר האָט מיך פאַרכאַפּט דער מיסטישער שוידער פון אָט דעם געדאַנק, בעת איך האָב אין פּאַלאַץ דוראַצאָ געזעהן די פּאָרטרעטען פון די שעהנע געװעזענע, און צווישען זיי איין בילד, וואָס האָט אין מיין נשמה ארויסגערופען אַ זיסען שטורעם, פון וועלכען אַז איך טראַכט דערפון נאָך איצטער, ציטערן מיר די אויגען־דעקלעך — דאָס איז געווען אַ בילד פון דער טויטער מאַריאַ.

דער איופזעהער פון דער גאַלעריע האָט אפילו געוואָלט האָ־בען, אַז דאָס בילד שטעלט פאָר אַ הערצאָגין פון גענואַ און האָט צוגעגעבען אין זיין ציצעראָנישען טאָן: עס איז געמאָלט געוואָ־רען פון דזשואַרדזשיאָ באַרבאַרעל׳דעל קאַסטעלפראַנקאָ דע טרע־ווידזשוארע, וועמען מען האָט גערופען סתם דזשאָרדזשיאָנע. דאָס איז געווען איינער פון די גרעסטע מאַלערס פון דער וועגעציישער שולע, איז געבוירען געוואָרען אינ׳ם יאָהר 1477 און איז געשטאָר־בען אינ׳ם יאָהר 1511.

זאָל זיין, סיניאָר קוסטאָד. דאָס בילד איז גוט געטראָפען, מעג עס אפילו האָבען געווען געמאָלט מיט עטליכע הונדערט יאָהר פריהער, דאָס איז ניט קיין חסרון. די צייכענונג איז ריכטיג. די פאַרב אויסגעצייכענט, דער קנייטש פון די פאַלבען אויף דעם ברוסט־געוואַנד פאַרטרעפליך. זייט זשע אַזוי גוט און נעמט דאָס בילד אראָפּ פון דער וואַנד אויף עטליכע אויגענבליק, איך וויל נאָר אראָפּ בלאָזען דעם שטויב פון די ליפּען, און אויך אוועקשאַרען

די שפּין, וואָס זיצט אין עק פון ראָהם — מאַריאַ האָט אַלעמאָל געהאַט אַן עקעל פאַר שפּינען.

„עקסצעלענצאַ זעהט אויס צו זיין אַ גוטער מבין."

— דאָס האָב איך ניט געוואוסט, סיניאָר קוסטאַד. איך האָב נאָר דאָס טאַלענט צו ווערען גערירט ביי מאַנכע בילדער, און דאַן ווערט מיר אביסעל פייכט אין די אויגען. אבער וואָס זעה איך! פון וועמען איז דאָס פּאָרטרעט פון דעם מאַן אין שוואַרצען מאַנטעל, וואָס הענגט דאָרטען?

„דאָס איז אויך פון דזשאַרדזשיאָנע. אַ מייסטערשטיק."

— איך בעט אייך, סיניאָר, זייט אַזוי גוט און נעמט אויך דאָס אַראָפּ פון דער וואַנד און האַלט עס דאָ אַיין אויגענבליק פאַר'ן שפּיגעל, כדי איך זאָל קענען פאַרגלייכען צי איך זעה ניט אויס ענליך צו אָט דעם בילד.

„עקסצעלענצאַ איז ניט אַזוי בלאַס. דאָס בילד איז אַ מייס־טערשטיק פון דזשיאָרדזשיאָנע; ער איז געווען דער קאָנקורענט פון טיציאַנאָ. איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1477 און געשטאָרבען אין יאָהר 1511.

ליעבער לעזער, דער דזשיאָרדזשאָנע איז מיר פיעל ליעבער ווי דער טיציאַנאָ, און איך בין איהם שולדיג אַ באַזונדערן דאַנק, וואָס ער האָט מיר געמאָלט מאַריאַ'ן. דו וועסט מסתמא פונקט אַזוי ווי איך איינזעהן, אַז דזשיאָרדזשאָנע האָט דאָס בילד געמאָלט פאַר מיר און ניט דאָרט פאַר וועלכען אַלטען געגנועזער. און געטראָפען איז עס זעהר גוט, טויטשווייגענדיג געטראָפען. עס פעהלט ניט אפילו דער צער אין די אויגען, אַצער וואָס האָט מעהר פאַרגעשטעלט געֿחלום'טע ליידען ווי דורכגעלעבטע, און איז זעהר שווער צו מאָ־לען. דאָס גאַנצע בילד איז ווי ארויסגעזיפצט אויפ'ן ליינוואַנד. אויך דער מאַן אין שוואַרצען מאַנטעל איז גוט געמאָלט. און די ביידע סענטימענטאַלע ליפּען זענען גוט געטראָפען, אבער זעהר גוט געטראָפען, אַזוי ווי זיי וואָלטען נאָר וואָס וועלען דערצעה־לען עפּיס אַ מעשה — דאָס איז אַ מעשה פון דעם ריטער, וואָס האָט געוואָלט זיין געליבטע אויפוועקען פון טויט דורך אַ קוש, און דאָס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשען. — —

II
די בעדער פון לוקא

איך בין ווי א ווייב צום מאן. —
גראף אויגוסט פאן פלאטען האלערמינדע.

וויל דער הער גראף א טענצעל געהן?
בו לאמיר עס זעהן.
איך שפיעל איהם אויף.
פיגארא.

קארל אימערמאן

דעם דיכטער

וױדמעט אַט די בלעטער אַלס צײכען פון דער

פרײדיגסטער פארעהרונג

דער פערפאסער.

קאפיטעל I.

ווען איך בין אריין צו מאטילדע'ן אין צימער, האט זי געהאלטען אין פארקנעפלען דעם לעצטען קנאפ פון דעם גרינעם רייט־קלייד, און האט געהאט בדעה אנצוטאן א הוט מיט ווייסע פעדערן. אזוי שנעל אבער ווי זי האט מיך דערזעהן, האט זי דעם הוט גלייך אוועקגעווארפען פון זיך, און מיט איהרע כוואלענדיגע גאלדענע לאקען איז זי מיר אקעגען געלאפען — דאקטאר פון הימעל און ערד! — האט זי אויסגערופען, און ווי איהר טבע איז, האט זי מיך אנגענומען בייביידע אויערלאפען און מיך געקושט מיט דער שפאסיגסטער הארציקייט.

— ווי געהט עס, משוגע'נסטער פון די שטערבליכע! ווי גליקליך בין איך, וואס איך זעה אייך ווידער! ווארים אויף דער גאנצער וועלט וועל איך אין ערגיץ ניט געפינען קיין פארוקטערען מענשען ווי דו. נאראנים און טפשים זענען פאראן גענוג, און מען ווייזט זיי אפט ארוים די עהרע, זיי צו האלטען פאר משוגע; אבער דער אמת'דיגער שגעון איז פונקט אזוי זעלטען ווי די אמת־דיגע חכמה. ער איז אפשר גאר ניט עפּים אנדערש ווי חכמה, ווע־מען עס האט פארדראסען, פארוואס זי וויים אלץ, אלע שענד־ליבקייטען פון דער וועלט, און דערפאר האט זי ביי זיך אפגעמאכט דעם קלוגען אפמאך, צו ווערען משוגע. די אריענטאלען זענען א קלוג פאלק. זיי גיבען אפ כבוד א משוגע'נעם פונקט ווי צו א נביא. מיר אבער האלטען יעדען נביא פאר משוגע.

אבער מילידי, פאר וואס האט איהר מיר ניט געשריעבען?

אודאי, דאקטאר, האב איך אייך געשריעבען, און האב באמערקט אויף דער אדרעס: אפצוגעבען אין ניי־בעדלאם. אזוי ווי איהר זענט אבער, — ווער האט זיך דען דאס געקענט ריכטען?—

ניט געוועז דארט, האט מעז דעם בריעף געשיקט קייז סט. לוזע. און אזוי ווי דארטען זענט איהר אויך ניט געוועז, איז ער געגאנ־גען ווייטער צו אן עהנליכען אנשטאלט, און אזוי האט ער ארומ־געבלאנדזשעט איבער אלע דול־הייזער פון ענגלאנד, שאטלאנד און אירלאנד, ביז מען האט איהם מיר צוריק געשיקט מיט דער באמער־קונג, אז דער דזשענטעלמאן, וועמען די אדרעס גיט אן, איז נאך ניט אנגעקומען. און איז דער אמת'ן, ווי אזוי האט איהר עס גע־מאכט, אז איהר זענט נאך אלץ אויף דער פריי?

איך האב דאס געמאכט זעהר כיטרע, מילײדי, אומעטום וואו איך בין נאר געקומען, האב איך פארשטאנען ווי אזוי זיך ארויס־צודרעהען פון די דולהייזער, און איך דענק, אז אין איטאליען וועט עס מיר אויך געלינגען.

א, פריינד, דא זענט איהר גאנץ זיכער; ווארים ערשטענס איז אין דער געגענד גאר ניט פאראן קיין דול־הויז, צווייטענס, הא־בען מיר דא אן אויבערהאנד.

מיר? מײלײדי! הייסט עס, אז איהר צעהלט זיך אויך צווי־שען די אונזעריגע? ערלויבט זשע מיר, אז איך זאל אייך אפדרוקען דעם ברודער־קוש אויפ'ן שטערן.

אך! איך מיין: מיר באד־געסט, צווישען וועלכע איך בין גע־ווים נאך די קליגסטע — און איצטער מאכט אייך אליין א באַ־גריעף פון דער משוגע'נסטער, און דאס מיין איך דזשוליע מעקס־פיעלד, וואס האלט אין איין באהויפטען, אז גרינע אויגען באטיי־טען דעם פריהלינג פון דער נשמה; דאן האבען מיר דא נאך צווי שענהייטען —

— אוראי, ענגלישע שענהייטען, מילײדי —

— דאקטאר, וואס באטייט אט דער שפאטישער טאן? די געל פעטע מאקאראני־געזיכטער אין איטאליען מוזען אייך שמע־קען אזוי גוט, אז איהר האט שוין מעהר ניט קיין חוש פאר די ענגלישע —

— פלאמפונדינג מיט ראזשינקע אויגען, ראסט־ביעף בוזים פעסטאנירט מיט ווייסע כריין־פאסען שטאלצע פאשטשעטען — עס איז געוועז א צייט, דאקטאר, ווען איהר זענט שיער גע־

וואַרען אויסער זיך, ווען א שענע ענגלענדערין —

— יא, דאָס איז געווען דעמאָלט! איך זאָג זיך איצטער אויך נאָך ניט אָפּ פון צו הוילדיגען אייערע לאַנדספרויען; זיי זענען שען ווי זונען, אבער זונען פון אייז. זיי זענען ווייס ווי מאַרמאָר, אָבער אויך קאַלט ווי מאַרמאָר. — אויף זייערע קאַלטע הערצער ווערען די אָרימע פאַרפרוירען —

אַהאַ! איך קען איינעם וואָס איז דאָרט ניט פאַרפרוירען גע־וואַרען, און איז זיך פריש און געזונד אריבער געשפּרונגען אי־בער'ן ים. און דאָס איז געווען א גרויסער דייטש, א גראַבער —

— ער האָט זיך וועניגסטענס אויף די בריטישע פּראָסטיגע הערצער צוגעקיהלט אזוי שטאַרק, אז ער האָט נאָך איצטער דעם קאַטער.

מילײדי האָט אויסגעזעהן זעהר געטראָפען פון דעם דאַזיגען ענטפער. זי האָט א נעם געטאָן די רייט־בייטש, וואָס איז געלעגען צווישען די בלעטער פון א ראָמאַן, אלס א צייכען צו וויסען וואו זי האַלט, האָט מיט איהר געפּאַכט איבער די אויערן פון איהר ווייסען יאַגד־הונד, וועלכער האָט שטיל געבורטשעט, האָט שנעל א נעם געטאָן דעם הוט, איהם גיך ארויפגעזעצט אויף דעם לאָקיגען קאָפּ, האָט עטליכע מאָל מיט הנאה זיך באַקוקט אין שפּיגעל און געזאָגט שטאָלץ: — איך בין נאָך שען! — אבער פּלוצלינג ווי דורכגעשווידערט פון א שמערצליכען געפיהל, איז זי געבליבען שטעהן פאַרטראַכט. האָט פּאַמעליך אראָפּגעצויגען די ווייסע הענדשקע פון איהר האַנד, זי מיר דערלאַנגט, און דערטאַפּענדיג מיין געדאַנק שנעל ווי א פייל, האָט זי געזאָגט: — ניט אמת, אַט די האַנד איז שוין ניט מעהר אזוי שען, ווי אין ראָמסגייט? מאַ־טילדע האָט פאַר דער צייט א סך געליטען.

ליעבער לעזער, אויף די גלאָקען קען מען קיינמאָל ניט דער־קענען, וואו זיי האָבען א שפּאַלט. מען באַמערקט איהם נאָר אין זייער טאָן. וואָלסטו נאָר געווען געהערט דעם קלאַנג פון דער שטים, מיט וועלכער די אויבינע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען, וואָלסטו גלייך געוואוסט, אז מילײדי'ס הארץ, איז א גלאָק פון דעם בעס־טען מעטאָל, אבער א פאַרבאָרגענער ריס האָט וואונדערבאַר טעמפּ

געמאכט איהרע הײטערסטע מענער, און האט זי גלײכצײטיג אײנגעהילט אין א באהאלטענעם טרויער. דאך, איך האב ליעב אזעלכענע גלאקען, זײ געפינען אלע מאל א גוטען אפקלאנג אין מײן אײגענער ברוסט; און איך האב געקושט מילײדי׳ס האנד כמעט הארציגער װי אמאל. הגם, זי האט װעניגער געבליהט, און עטליכע אדערן װאס האבען ארויסגעטראטען אביסעל צו בלוי, האבען אויסגעזעהן, װי זײ װאלטען מיר זאגען: מאטילדע האט פאר דער צײט א סך געליטען.

איהר אויג האט מיך אנגעקוקט װי אן אומעטיג אײנזאמער שטערן אין א הערבסטיגען הימעל, און װײך און הארציג האט זי געזאגט: — װי עס זעהט אויס האט איהר מיך װעניג ליעב, דאקטאר! װארים בלויז פון רחמנות איז אײער טרעהר נאר װאס געפאלען אויף מײן האנד, כמעט װי א נדבה.

װער הײסט אײך דען אזוי פארטײטשען די שטומע שפראך פון מײנע טרעהרען? איך װעט, אז דער װײסער יאגד־הונד, װאס טוליעט זיך איצט צו אײך, פארשטעהט מיך בעסער; ער קוקט מיך אן, און דאן װידער אײך. און עס זעהט אויס װי ער װאלט זיך װאונדערן, װאס די מענשען, אט די שטאלצע הערן פון דעם בעשאף, זענען אינערליך אזוי עלענד. אי, מילײדי, נאר דער עהנליכער שמערץ ברענגט אונז צו טרעהרען. און יעדערער װײנט אײגענטליך נאר פאר זיך אלײן.

— גענוג, גענוג דאקטאר. עס איז באטש גוט װאס מיר לעבען אין אײן צײט, און װאס מיר האבען זיך געפונען אין דעם זעלביגען ערד װינקעל מיט אונזערע נארישע טרעהרען. אך, װאס פאר אן אונגליק װאלט געװען, װען איהר װאלט געװען געלעבט מיט צװײ הונדערט יאהר פריהער, װי דאס איז געשעהן מיט מײן פרײנד מיגועל דע צערװאנטעס סאװעדרא, אדער װען איהר װאלט געקומען אויף דער װעלט מיט הונדערט יאהר שפּעטער פון מיר, װי מײנער אן אנדערער אינטימער פרײנד, װעמענס נאמען איך הויב ניט אן צו װיסען, װײל ער װעט איהם ערשט קריגען בײ זײן געבורט ארום 1900! — אבער דערצעהלט דאך, װי אזוי האט זיך אײך געלעבט זינט מיר האבען זיך ניט געזעהן?

איך האָב מיר געהאַט מיינע געוועהנטליכע געשעפטען. מי־לײדי; איך האָב ווידער געקייקעלט דעם גרויסען שטיין. ווען איך האָב איהם שוין געהאַט געבראַכט ביז צו דער העלפט פון באַרג, דאַן האָט ער זיך פלוצלונג צוריק אַראָפּגעקייקעלט און איך האָב ווידער געמוזט אָנהויבען אויפס ניי — און אַט דאָס דאָזיגע קייקלען באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, וועט דויערן אזוי לאַנג, ביז איך וועל אליין בלייבען ליגען אונטער'ן שטיין. און מייסטער שטיינ־האַקער, וועט דאַרויף אָנשרייבען מיט גרויסע אותיות: — דאָ ליגט — —

— ביי גאָט, דאָקטאָר, איך לאָז אייך ניט צורוה — זייט נאָר ניט מעלאַנכאָליש. לאַכט בעסער, אָדער איך —

ניין, קיצעלט מיך ניט. איך וועל ליבערשט אליין לאַכען.

— אזוי איז גוט. איהר געפעלט מיר נאָך, פּונקט אזוי גוט ווי אין ראַמסגייט, וואו מיר זענען צו ערשטען מאָל, געקומען נאָ־הענט איינס צו ס'אַנדערע.

און צום סוף נאָך נעהענטער ווי נאָהענט. יאָ, איך וועל זיין לוסטיג, עס איז גוט, וואָס מיר האָבען זיך ווידער געפונען, און דער גרויסער דייטש — וועט ווידער געפינען אַ פאַרגעניגען דער־רין, וואָס ער וועט זיין לעבען איינשטעלען ביי אייך.

מילײדי'ס אויגען האָבען געלאַכט ווי דער זונשיין נאָך אַ שטילען רעגען. און איהר גוטע שטימונג האָט ווידער אויסגעבראַכען אַ לייכטענדיגע, ווען דזשאַהן איז אַריינגעקומען, און געמאָלדען מיט אַ שטייפען פּאַטאָס פון אַ לאַקעי, זיין עקסצעלענץ דעם מאַר־קיז קריסטאָפּאָראָ די גומפּעלינאַ.

— ער איז ווילקאָמען! און איהר דאָקטאָר, וועט זיך באַקע־נען מיט אַ פּאָר פון אונזער נאַראָנים־מלוכה. שטעלט זיך נאָר ניט אָפּ אויף זיין אויסערליכען אויסזעהן. באַזונדערם אויף זיין נאָז. דער מאַן פאַרמאָגט אויסגעצייכענטע מעלות, למשל אַ סך געלד, אַ געזונטען פאַרשטאַנד, און די קראַנקהייט אַריינצונעמען אין זיך אַלע נארישקייטען פון דער צייט; דערצו נאָך איז ער פאַרליעבט אין מיין גרין־אויגיגע פריינדין דזשוליע מעקספּיעלד און רופט זי זיין יוליאַ, און זיך אליין ראָמעאָ. און ער דעקלאַמירט און זיפצט —

און לאָרד מעקספיעלד, דער שוואָגער, צו וועמען די געטרייע יוליאַ איז פאַרטרויט געוואָרען פון איהר מאַן, איז אַן אָרגוס —

איך האָב נאָר וואָס געהאַט בדעה צו באַמערקען, אַז אָרגוס האָט געהיט אַ קוה, — ווען די טיר האָט זיך געעפענט, און צו מיין העכסטער פאַרוואונדערונג, האָט זיך אַריינגעוואַקעלט מיין אַלטער פריינד, דער באַנקיער קריסטיאַן גומפּעל, מיט זיין נגידישען שמייכעלע און גאַט געבענשטען בויך. נאָכדעם ווי זיינע גלאַנ־צענדיגע ליפּען האָבען זיך אָן מיליידי׳ס האַנד גענוג אָפּגעשייערט, און אַרויסגעבראַכט עטליכע געוועהנטליכע פראַגען וועגען געזונד, האָט ער אויך מיך דערקענט — און די פריינד זענען זיך געפאַלען אויף די העלזער.

קאפיטעל II.

מאטילדע'ס ווארנונג, אז איך זאל זיך ניט אנשטויסען אן דעם מאנ'ס נאז, איז געווען גוט באגרינדעט, און עס האט ווייניג געפעהלט און ער וואלט מיר ווירקליך געווען דערמיט אויסגעשטאכען אן אויג. איך וויל ניט רעדען קיין שלעכטס אויף דער דאזיגער נאז: אדרבא, זי איז געווען פון דער עדעלסטער פארם, און זי איז דאס טאקי, וואס בארעכטיגט מיין פריינד זיך צו רופען מיט'ן טיטעל מארקיז. מען קען איהם ווירקליך דערקענען אן דער נאז, אז ער קומט פון גוטען אדעל, אז ער שטאמט ארוים פון אן אוראלטער וועלט פאמיליע, מיט וועלכער עס האט זיך אמאל אפילו דער ליעבער גאט משדך געווען, ניט מורא האבענדיג פאר א פסול אין דער משפחה. אודאי איז זינט דעמאלט די דאזיגע פאמיליע אביסעל ארונטער פון איהר גדולה, אזוי אז זינט די צייט פון קארל דעם גרויסען, מוזען זיי ציהען זייער חיונה פון דעם האנדעל מיט אלטע הויזען און האמבורגער לאטעריע־צעטלען, און דאך פארלירען זיי ניט אויף דאס מינדסטע דעם שטאלץ אויף זייערע אבות, אדער גיבען ניט אויף איין מינוט די האפענונג, אז ס'וועט קומען די צייט און זיי וועלען צוריק קריגען זייערע גיטער, אדער ווענינגסטענס א גענינענדע עמיגראנטען־ענטשעדיגונג, ווען זייער אלטער לעגיטימער סואווערען וועט האלטען זיין רעסטאראציאנסצוזאג. א צוזאג, מיט וועלכען ער פיהרט זיי שוין ארום ביי דער נאז צוויי טויזענד יאהר. זענען אפשר זייערע נעזער טאקי דורך אט דעם לאנגען ביים נאז ארומגעפיהרט ווערען, אזוי לאנג געווארען? אדער זענען אפשר די דאזיגע לאנגע נעזער א מין אוניפארם, דורך וועלכע דער גאט קעניג יעהאווא, דערקענט זיינע גווארדיסטען, אפילו דעמאלט, ווען זיי דעזערטירען? דער מארקיז גומפילינא איז

געווען אזא דעזערטיר ,אבער ער האט נאך אלץ געטראגען זיין אור־ניפארם און זי איז געווען זעהר בריליאנט, באזעעט מיט צלם׳לעך און שטערענדלעך פון רובינען, א רויטען אדלער ארדען און מיניא־טור, און אנדערע דעקאראציאנען.

— זעהט איהר, — האט געזאגט מיליידי, — אט דאס איז מיין ליעבלינגס נאז, און איך ווייס ניט פון קיין שענערער בלום אויף דער גאנצער ערד.

— אט די בלום, — האט זיס געשמייכעלט גומפעלינא, קען איך אייך ניט לעגען אויף דעם שענעם בוזים, אהן דעם אז איך זאל אויך ניט מוזע צולייגען מיין בליהענדיג פנים, און אט די ביילאגע וואלט אייך אפשר זשענירט אין דער היינטיגער היץ. איך ברענג אייך אבער דערפאר א ניט מינדער טייערע בלום, וואס מען זעהט זי דא זעלטען —

ביי די דאזיגע ווערטער האט דער מארקיז געעפענט א שקאר־מיץ פון פלים פאפיער, וואס ער האט מיטגעבראכט, און לאנג־זאם האט ער ארויסגעצויגען א וואונדערשענע טולפע.

און ווי מילײדי האט דערזעהן די דאזיגע בלום, אז זי האט זיך דאס צושריען: — געוואלד! געוואלד! איהר ווילט מיך דער־הרג׳ענען? אוועק, אוועק מיט אט דער שרעקליכער זאך! דער־ביי האט זי זיך אויפגעפיהרט ווי מען וואלט זי וועלען אומברענגען, האט זיך פארשטעלט די אויגען מיט די הענד, איז ארומגעלאפען ווי משוגע איבער׳ן צימער, האט פארשאלטען גומפעלינא׳ס נאז און זיין טולפע, האט געקלונגען, געטופעט מיט די פיס, געשלאגען דעם הונד מיט דער בייטש, אזוי אז ער האט זיך צובילט הויך אויפ׳ן קול. און אז דזשאהן איז אריינגעקומען, האט זי אויסגערופען פונקט ווי קיען אין דער ראל פון קעניג ריטשארד:

„א פערד! א פערד!
א קעניגרייך פאר א פערד!“

און ווי א ווירבעלווינד האט זי זיך א לאז געטאן ארויס פון צימער.

— א קוריאזע פרוי! — האט געזאגט גומפעלינא, וואס איז געבליבען שטעהן באוועגלאז פון פארוואונדערונג און נאך אלץ גע־

האלטען אין האנד די טולפּע, אזוי, אז ער האָט אויסגעקוקט ווי איי־ נער פון יענע געצעצנבילדער, וואָס מען קען זעהן אויף אלט אינדי־ שע מצבות, מיט לאָטאָס בלומען אין די הענד. איך אבער האָב בעסער געקענט די דאמע מיט איהר משוגע׳נע איינפאלען. מיר איז אָט דאָס שטיק זעהר געפעלען געוואָרען. איך האָב געעפענט דאָס פענסטער און אויסגערופען: — מילײדי, וואָס זאָל איך דענקען וועגען אייך? איז דאָס פארנונפט זיטליכקייט? אָדער אפשר איז דאָס ליעבע?

דאָ האָט ארויפגעלאכט דער ווילדער ענטפער:
„ווען איך בין אויפ׳ן פערד, אזוי וויל איך דיר שווערען:
איך האָב דיך שרעקליך ליעב!“

קאַפּיטעל III

— אַ קוריאָזע פרוי! — האָט איבערגע׳חזר׳ט גומפּעלינאַ, בעת מיר האָבען זיך געקליבען געהן צו זיינע צוויי פריינדינס סיניאָרא לעטיצאַ און סיניאָרא פּראַנצעסקאַ, מיט וועלכע ער האָט מיך געוואָלט באַקענען. און אַזוי ווי די וואוינונגען פון אָט די דאַמען זענען געווען אויף אַ בערגיל אַביסעל ווייטער פון דאַנען, האָב איך ערשט מיט אַ געפיהל פון דאַנקבאַרקייט דערקענט ווי גרויס עס איז די גוטסקייט פון מיין שווער לייביגען פריינד, פאַר וועמען דאָס קלעטערן איז אַנגעקומען שווערליך, און אויף יעדען בערגיל האָט ער זיך געמוזט אָפּשטעלען און זיפצען: אוי, יעזוס!

די וואוינונגען אין די בערדער פון לוקאַ זענען אָדער אונטען אין אַ דאָרף, וואָס איז איינגעשלאָסען פון הויכע בערג, אָדער זיי ליגען אויף איינעם פון די דאָזיגע בערג גופא, ניט ווייט פון דער הויפּט קוואַל, פון וואַנען עס קוקט אַרונטער אין טאָל אַריין אַ פּיטאָרעסקע גרופּע פון געביידען. עטליכע אָבער ליגען אויך איינציגווייז צוואָרפען אויף די רוקענס פון די בערג. און עס קומט אָן שווער זיך אַרויפצודראַפּען דורך וויינרעבען, מירטען־קוסטען, לאָרבער־קוסטען, אַלעאַנדערס, געראַניום און אַנדערע חשוב׳ע בלומען און פלאַנצען. אַ ווילדער גן עדן. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהן קיין שענערען טאָל, באַזונדערס ווען מען קוקט אַרונטער אויפ׳ן דאָרף, פון דער טעראַסע פון דעם אויבערשטען באָד, וואו עס שטעהען די ערענסטע ציפּרעסען. דאָרט זעהט מען די בריק, וואָס פיהרט איבער אַ טייכעל, וואָס הייסט די „לימאַ“. אַ טייכעל וואָס דורכשניידענדיג דאָס דאָרף, לאָזט עס זיך אַראָפּ פון ביידע זייטען איבער פעלזען אין היבשע וואַסער פאַלען, און ברענגט אַרויס אַ גערויש, ווי עס וואָלט וועלען דערצעהלען די שענסטע זאַ־

בען. נאָר עס קען ניט קומען צום וואָרט, דורך דעם עכאָ וואָס פּלוי־דערט פון אַלע זייטען.

דער הויפּט כשוף אָבער פון דעם דאָזיגען טאַל, ליגט געווים אין דעם, וואָס ער איז ניט צו גרויס, און ניט צו קליין; אין דעם, וואָס די נשמה פון דעם צוקוקער ווערט ניט מיט געוואַלט אוועק צעריסען ערגיץ ווייט, נאָר פילט זיך גיכער אין האַרמאָניש מיט דעם הערליכען בילד; אין דעם, וואָס די שפּיצען פון די בערג גופא, ווי ס'איז בכלל דער פאַל מיט די אַפּענינען אומעטום, זענען ניט פאָרמ־לאָז, אוואַנטוריסטיש גאָטיש ערהאָבען, — ווי למשל די בערג־קאַריקאַטורען, וועלכע מיר זעהען אין די גערמאַנישע לענדער, פּונקט אַזוי ווי די מענשען קאַריקאַטורען,—נאָר וואָס זייערע עדעל אָפּגע־רונדעטע, הייטער גרינע פאָרמען, שטעלען מיט זיך כמעט פאַר אַ מין קונסט־ציוויליזאַציאָן, און קלינגען זיך מעלאָדיש צונויף מיט דעם בלאָס־בלויען הימעל.

— אַ, יעזו! — האָט געאָכצט גומפּעלינאַ, בעת מיר זענען מיט שווערער מיה און גוט דורכגעוואָרימט פון דער פריה־מאָרגען־זון אָנגעקומען צו דער אויבען דערמאָנטען ציפּרעסען הויף, און אַראָפּקוקענדיג אין דאָרף אַריין, געזעהן ווי אונזער ענגלישע פריינ־דין יאָגט זיך הויך אויף'ן פערד איבער דער בריק, ווי אַ ראָמאַנ־טיש בילד פון אַ מעשה'לע, און פּונקט אַזוי טרוימעריש־שנעל ווערט זי פאַרלוירען. — אַ, יעזו! וואָס פאַר אַ קוריאָזע פרוי! — האָט איבערגע'חזר'ט עטליכע מאָל דער מאַרקיז. אין מיין לעבען האָב איך נאָך אַזאַ פרוי ניט געזעהן. נאָר אין קאָמעדיען קען מען אמאָל געפינען איהר'ס גלייכען. און איך גלויב למשל, אַז די האָלצבערע־בער, וואָלט אַזאַ ראָל געשפּיעלט גוט. זי האָט אין זיך עפּיס, וואָס דערמאָנט אָן אַ ניקסע. וואָס דענקט איהר?

— איך דענק, איהר האָט רעכט, גומפּעלינאַ. ווען איך בין מיט איהר געפאָהרען פון לאָנדאָן קיין ראָטערדאַם, האָט מיר געזאָגט דער שיפס־קאַפּיטאַן: זי זעהט אויס ווי אַ רויז, וואָס איז באַשאָטען מיט פעפער. אַלס דאַנק פאַר דעם דאָזיגען פּיקאַנטען פאַרגלייך, האָט זי אויסגעשאָסען אַ גאַנץ ביקסעל מיט פעפער אויף זיין קאָפּ, ווען זי האָט איהם געטראָפען אין דער קאַיוטע אַ דרעמעלדיגען, און

מען האט שוין צו דעם מאן מעהר ניט געקענט צוגעהן, מען זאל זיך ניט צוניסען.

—א קוריאזע פרוי!—האט ווידער געזאגט גומפעלינא, — אזוי צארט ווי ווייסע זייד און פונקט אזוי שטארק. און זיצט אויפ'ן פערד פונקט אזוי גוט ווי איך. זי זאל נאר ניט קראנק ווערען פון דעם רייטען! האט איהר ניט נאר וואס געזעהן דעם לאַגגען, מאַגערען ענגלענדער, וואס האט זיך געיאגט הינטער איהר אויף זיין מאגערן הענגסט, ווי א גאלאפירענדיגע שווינדזוכט? דאס דאזיגע פאלק רייט צו לײדענשאפטליך, גיט אוים דאס גאנצע געלד פון דער וועלט אויף פערד. לײדי מעקספיעלד'ס שימעל קאסט דריי הונדערט גאלדענע לואיסדארם — אי! און די לואיסדארס שטעהען אזוי הויך אויף דער בערזע, און שטייגען נאך מיט יעדען טאג.

— יא, די לואיסדארם וועלען נאך ארויפשטייגען אזוי הויך, אז אן ארימער געלערנטער ווי אונזערם איינער, וועט זיי שוין גאר ניט קענען דערגרייכען.

— איהר האט גאר קיין השגה ניט, הער דאקטאר, וויפיעל געלד איך מוז אויסגעבען. און דערביי מוז איך זיך באגנוגען מיט איין באדינער. און נאר ווען איך בין אין רוים, האלט איך מיר א גלח פאר מיין הויז־קאפליצע. איהר זעהט: אט קומט מיין היאצינט!

די קליינע געשטאלט, וואס האט זיך אין דעם אויגענבליק באוויזען ביי דעם בויג פון א בערגיל, האט גיכער פארדיענט דעם נאמען פייער־ליליע. דאס איז געוועזן א ברייטער כיואליענדיגער שארלאך רויטער מאנטעל, באזעצט מיט גילדענע טראלדען, וואס האבען געשטראהלט אקעגען דעם גלאנץ פון דער זון. און פון דער דאזיגער רויטער פראכט — האט ארויסגעשוויצט א קעפיל, וואס האט זיך פארנייגט צו מיר זעהר באקאנט. און ווירקליך, ווען איך האב אט דאס בלאסע פאר'דאגה'טע פנים'ל און די בסדר זיך פארזשמורענדיגע אויגעלעך באטראכט נעהענטער, האב איך דערקענט עמיצען, וועמען איך וואלט גיכער ערווארטעט אויף דעם בארג סיני, איידער אויף די אפענינען. און דאס איז ניט געווען קיין

אנדערער ווי דער הער הירש, א שויד־בירגער פון האמבורג, א מאַן, וואָס איז ניט נאָר בלויז אַלע מאָל געווען א זעהר עהר־ליבער לאָ־טעריע קאָלעקטאָר, נאָר וואָס פארשטעהט זיך אויך אויף היהנער־אויגען און עדעלשטיינער, אזוי אז ניט נאָר ווייס ער דעם חילוק צווישען זיי, נאָר ער קען אויך די היהנער־אויגען גאַנץ גע־שיקט אויסשניידען און די עדעלשטייענר גאַנץ גענוי אָפּשאַצען.

— מיר ווילט זיך האָפען, — האָט ער געזאָגט, ווען ער איז געקומען נעהענטער — אז איהר קענט מיך נאָך, הגם איך היים מעהר ניט הירש, איך היים איצט היאצינט און בין דער קאַמער־דיענער פון דעם הער גומפּעל.

— היאצינט! — האָט גומפּעל אויסגערופען מיט פארדראָס, איבער דעם דיענערס דיסקרעציאָן.

— זייט נאָר רוהיג, הער גומפּעל, אָדער הער גומפּעלינאָ, אדער הער מארקיז, אָדער אייער עקסצעלענצא, מיר דארפען זיך גאָר ניט זשענירען פאר אָט דעם האר. ער קען מיך, האָט ניט איין לאָטעריע צעטעל געשפּיעלט ביי מיר. און איך וואָלט אפילו געקענט שווערען, אז פון דער לעצטער רענאָווירונג איז ער מיר נאָך שולדיג זיעבען מארק מיט ניין שילינג — איך פרעה מיך ווירקליך, הער דאָק־טאָר, אייך דאָ צו טרעפען. האָט איהר דאָ אויך פארגעניגענס־גע־שעפטען? אז ניט, וואָס האָט מען דאָ צו טאָן, אין דער דאָזיגער היץ, וואו מען מוז נאָך דערצו קלעטערן בארג ארויף און בארג אראָפּ? אין אָבענד בין איך דאָ אזוי מיעד, ווי איך וואָלט געלאָפען צוואנציג מאָל פון דעם אַלטאָנאר טויער ביז צו דעם שטיינטויער, און דערביי ערשט גאר ניט פארדיענט.

— אָ, יעזו! — האָט אויסגערופען דער מארקיז — שווייג! שווייג! איך וועל זיך אויפזוכען אַן אנדערן באדינער.

— פארוואָס שווייגען? — האָט געענטפערט הירש ה־א־צינטאָס — מיר איז דאָך ליעב, ווען איך קען ווידער ר־עד־ען א גו־טען דייטש, מיט א פּנים וואָס איך האָב שוין געזעהן אין האמ־בורג, און דערמאָן איך זיך אָן האמבורג —

דאָ, ביי דער עראינערונג אַן זיין קליינעם פאטערלאַנד־על זע־נען דעם מאנס אייגעלעך געוואָרען פינקעלדיג פייכט און זיפצענדיג

האט ער געזאגט: — וואס איז דער מענש! מען געהט זיך מיט הנאה שפאציערען פאר דעם אלטאנא'ר טויער אויף דעם האמבורגער בארג, און מען באקוקט זיך דארטען די מערקווירדיגקייטען, די לייבען, די פארשידענע פייגעל, די פאפוגאיען, די אפען, די אויסגעצייכענטע מענשען, און מען לאזט זיך פאהרען אויף א קארוסעל, אדער מען לאזט זיך עלעקטריזירען. און מען טראכט זיך: וואס פאר א תענוג וועט מען דאס ערשט האבען אויף אן ארט, וואס איז צוויי הונדערט מייל ווייט פון האמבורג, אין דעם לאנד, וואו עס וואקסען די ציטראנען און פאמעראנצען — אין איטאליען! וואס איז דער מענש! איז ער פאר דעם אלטאנא'ר טויער, וואלט ער וועלען זיין אין איטאליען. און איז ער אין איטאליען, וואלט ער ווידער וועלען זיין אין האמבורג פאר דעם אלטאנא'ר טויער! אך, ווי בין איך שוין דארט צוריק און זעה ווידער דעם מיכאעל'ס-טורעם און דארויף אויבען דעם זייגער מיט די גרויסע גאלדענע ציפערן אויף דעם ציפער-בלאט, יענע גרויסע, גאלדענע ציפערן, וואס איך פלעג אפט אין די נאכמיטאגען באטראכטען, ווען זיי פלעגען פריינדליך גלאנצען אקעגען דער זון — אפטמאל וואלט איך זיי געקענט קושען. אך, איצטער בין איך אין איטאליען, וואו עס וואקסען די ציטראנען מיט די מאראנצען; ווען איך זעה אבער ווי עס וואקסען די ציטראנען מיט די מאראנצען, אזוי דערמאנט דאס מיך אן דעם שטיינוועג, וואס אין האמבורג, וואו זיי ליגען אויפגעהויפט גאנצע וועגעלעך פול, און וואו מען קען זיי געניסען גאנץ רוהיג, און ס'איז גאר ניט נויטיג צו קלעטערן אויף אזוי פיעל געפעהרליכע בערג, און אויסצושטעהן אזוי פיעל היץ. זאל מיר אזוי גאט העלפען, הער מארקיז, ווען ניט צוליעב דעם כבוד און צוליעב דער בילדונג, וואלט איך מיט אייך ניט געפאהרען אהער. אבער דאס מוז מען אייך צוגעבען: כבוד קריגט מען ביי אייך און מען בילדעט זיך אוים.

— היאצינט! — האט איצטער געזאגט גומפעלינא, וואס איז דורך דער חניפה'לע געווארען אביסעל ווייכער — היאצינט, געה איצטער צו —

— איך ווייס שוין —

— דו ווייסט ניט, זאָג איך דיר, היאַצינט.

— איך זאָג אייך, הער גומפּעל איך ווייס. אייער עקסצעלענץ שיקט מיך איצטער צו דער לײדי מעקספּיעלד — מיר דאַרף מען גאָר ניט דערצעהלען, איך ווייס אייערע געדאַנקען, וואָס איהר האָט נאָך אפילו ניט אָנגעהויבען צו טראַכטען, און אפשר וואָס איהר וועט קיינמאָל אין לעבען ניט טראַכטען, אַ באַדינער ווי מיך וועט איהר ניט אזוי לייכט קריגען — און איך טו עס צוליעב דעם כבוד און צוליעב דער בילדונג, און ווירקליך, כבוד קריגט מען ביי אייך און מען בילדעט זיך אויס — ביי די דאָזיגע ווערטער האָט ער זיך אויסגערייניגט די נאָז מיט אַ זעהר ווייסען טאַשענטוך.

— היאַצינט! — האָט געזאָגט דער מאַרקיז, דו געה איצטער צו דער לײדי דזשוליע מעקספּיעלד, און ברענג איהר אָט די טולפּע — גיב אַכטונג, ווייל זי קאָסט פינף פּאָאָלי — און זאָג איהר —

— איך ווייס שוין...

— דו ווייסט ניט. זאָג איהר: די טולפּע איז אונטער דער בלום.

— איך ווייס שוין. איהר ווילט איהר עפּיס זאָגען דורך דער בלום. איך אליין האָב ביים איינקאַלעקטירען פאַר מאַנכע לאָטעריע צעטלען, אויך געמאַכט עפּיס אַ דעוויז. —

— איך זאָג דיר, היאַצינט, איך וויל פון דיר ניט האָבען קיין דעוויז. טראָג אוועק די דאָזיגע בלום צו לײדי מעקספּיעלד, און זאָג איהר:

די טולפּע איז אונטער דער בלום,\
וואָס אונטער דעם קעז איז דער סטראַכינאָ:\
דאָך מעהר נאָך ווי בלומען און קעז,\
פאַרעהרט דיך גומפּעלינאָ!

— זאָל מיר אזוי גאָט געבען גוטס, ווי דאָס איז גוט! — האָט אויסגערופען היאַצינט — ווינקט מיר ניט, הער מאַרקיז, דאָס וואָס איהר ווייסט, דאָס ווייס איך. און דאָס וואָס איך ווייס, דאָס ווייסט איהר. און איהר, הער דאָקטאָר, זייט מיר געזונד! וועגען דער קליניקייט, מאַהן איך אייך ניט — ביי די דאָזיגע ווערטער

איז ער צוריק אראפ פון בארג, און פאר זיך כסדר געמורמעלט:
גומפעלינא, סטראכינא, — סטראכינא, גומפעלינא. —

דאס איז א טייערער מענש—האט געזאגט דער מארקיז—ווען ניט דאס וואלט איך איהם שוין לאנג אפגעשאפט. ווייל עס פעהלט איהם עטיקעטע. פאר אייך איז דאס גאר ניט. איהר פארשטעהט מיך. ווי געפעלט אייך זיין ליוורעע? דארין איז פאראן נאך פאר פערציג טאלער מעהר טראלדען, ווי אויף דעם ליוורעע פון ראט־שילד'ס באדיענטען. מיר טוט אמת'דיג הנאה, וואס ער מענ־שעלט זיך אוים ביי מיר. ווען ניט ווען גיב איך איהם אליין א לעקציע אין בילדונג. איך זאג איהם אפטמאל: וואס איז געלד? געלד איז קיילעכדיג און קייקעלט זיך אוועק, אבער בילדונג בלייבט. יא, הער דאקטאר, ווען איך זאל, גאט באהיט, פארלירען מיין געלד, אזוי בין איך נאך אלץ א גרויסער מבין אויף קונסט. א מבין אויף מאלעריי, מוזיק און פאעזיע. איהר קענט מיר אפילו צובינדען די אויגען, און אזוי מיך ארום פיהרען איבער דער גא־לעריע פון פלארענץ, און ביי יעדען בילד, וואס איהר וועט מיך אפשטעלען, וועל איך אייך אנרופען דעם מאלער וואס האט עס גע־מאלט. אדער ווענינגסטענס די שולע צו וועלכער אט דער מאלער האט געהערט. מוזיק? פרואווט פארשטאפט מיר די אויערען, און איך וועל דאך הערען יעדען פאלשען טאן. פאעזיע? איך קען אלע שוישפילערינס פון דייטשלאנד, און די דיכטער ווייס איך פון אויסענווייניג. ווער רעדט די נאטור! איך האב געררייזט צוויי הונ־דערט מייל, דורך טאג און נאכט, כדי צו זעהן אין שאטלאנד איין איינציגען בארג. איטאליען אבער איז איבער אלץ. ווי געפעלט אייך אט די נאטור געגענד? וואס פאר א שאפונג! קוקט אן די בוימער, די בערג, דעם הימעל, דא אונטען דאס וואסער — איז ניט אלץ ווי געמאלט? האט איהר עס אמאל געזעהן שענער אין א טעאטער? מען ווערט, אזוי צו זאגען, א דיכטער! עס פאלען איי־נעם איין פערזען, און מען ווייס גאר ניט פון וואנען זיי נעמען זיך: —

שוויינגענדיג אין שלייער פון דער אבענד דעמערונג,
רוהט דאס פעלד. דאס ליעד פון וואלד געהט אוים.

נאָר וואָס דאָ אין אַט די אַלטע מויערען
מעלאַנכאָליש גרילצט די גריל פון הויז.

די דאָזיגע ערהאַבענע ווערטער האָט דער מארקיז דעקלאַמירט גענוואַלדיג געריהרט, און ער האָט א פארקלעהרטער אראָפּגעקוקט אין דעם לאַבענדיגען מאָרגענהעלען טאָג.

קאפיטעל IV.

בעת איך בין אמאל אין א פריהלינגס־טאג געגאנגען שפאצי־רען אונטער די בערלינער לינדען, זענען פאר מיר געגאנגען צוויי פרויען, וואס האבען א לאנגע צייט געשוויגען, ביז ענדליך האט איינע שמאכטענדיג אפגעזיפצט: — „אך, די ירינע בעעמער!“ אויף וואס די אנדערע, א יונג צוציקעל, האט געפרעגט מיט א נאאיווער פארוואונדערונג: — מאמע, וואס געהען אייך אן די ירינע בעעמער?

איך מוז דא באמערקען, אז אמת יענעביידע פארשוינען זע־נען ניט געווען אנגעטאן אין זייד, דאך האבען זיי בשום אופן ניט באלאנגט צו דעם המון, ווי עס איז בכלל ניט פאראן אין בערלין קיין המון, סיידען אפשר אין די העכסטע שטאנדען. וואס אנבע־לאנגט יענער נאאיווער פראגע, געהט זי קיינמאל ניט ארויס פון מיין געדעכעניש. אומעטום וואו איך דערטאפ נאר די ניט אמת'דיגע נאטור־עמפפינדונג און ענליכע גרינע ליגענס, לאכט יענע פראגע וואונדערבאר רייך אין מיין זכרון. אויך ביי דער דעק־לאמאציאן פון דעם מארקיז, האב איך זי דערהערט אין מיר, און דערקענענדיג דעם שפאט אויף מיינע ליפען, האט דער מארקיז אויס־גערופען מיט פארדראס: — שטערט מיך ניט — איהר האט ניט קיין חוש פאר נאטירליכקייט — איהר זענט א צוריסענער מענש, א צוריסען געמיט, אזוי צו זאגען: א בייראן.

ליבער לעזער, געהערסטו אפשר אויך צו יענע פרומע פיי־געל, וואס באטייליגען זיך אין דעם ליעד פון דער בייראנישער צו־ריסענקייט, וואס שוין זינט צעהן יאהר ווערט עס פאר מיר אויף אלע אופנים פארגעפייפט און פארגעטשוויטשערט, און האט גע־פונען זיין ווידערקול אפילו אין דעם שארבען פון דעם מארקיז?

אַי, טייערער לעזער, ווען דו ווילסט קלאָגען איבער דער צוריסענקייט, אזוי באַקלאָג ליעבער דאָס, וואָס די וועלט אליין איז אין מיטען צוריסען אין צווייען. וואָרים אזוי ווי דאָס הארץ פונ'ם דיכטער איז דער מיטעלפונקט פון דער וועלט, אזוי מוז עס דאָך אין דער היינטיגער צייט יאָמערליך צוריסען ווערען. ווער עס קען ריחמען זיין הארץ, אז ס'איז געבליבען גאנץ, דער איז זיך מודה, אז ער האָט א פּראָזאַיש, ווייט פארוואָרפען ווינקעלדיג הארץ. דורך דעם מייניגען אבער איז דורכגעגאנגען דער וועלט־ריס, און טאקע דערפאר ווייס איך, אז די גרויסע געטער האָבען מיך הויכבאגנאַדיגט איבער א סך אנדערע, און מיך געהאלטען פאר ווירדיג צום דיכטער־מארטירערטום.

אמאָל איז די וועלט געווען גאנץ. אין אלטערטום און אין מיטעלאלטער; טראָץ די אלע אויסערליכע מלחמות, איז דאָך געווען א וועלט־איינהייט, און עס זענען געווען גאנצע דיכטער. מיר ווילען יענע דיכטער אָפּגעבען כבוד און פון זיי הנאה האָבען; אבער יעדע נאָכמאכונג פון זייער גאנצקייט איז א ליגען. א ליגען, וואָס יעדעס געזונדע אויג קען דערזעהן, און קען פאר דאָס ניט אנטלויפען פון שפּאָט. דאָ ניט לאנג האָב איך מיר אין בערלין פערשאפט די גערדיכטען פון איינעם פון יענע גאנצקייט־דיכטער, וואָס קלאָגט אזוי איבער מיין בייראָנישע צוריסענקייט, און ביי דער פאלשער גרינגליכקייט ,די צארטע נאטור געפילען, וואָס האָבען מיר אקעגען געשמעקט ווי פריש היי, האָט מיין אָרים הארץ, וואָס איז שוין פון לאנג צוריסען, שיער געפּלאצט פאר לאכען, און ניט ווילענדיג האָב איך אויסגערופען: מיין ליעבער הער אינטענדאנטורראט ווילהעלם ניימאן, וואָס געהען אייך אָן „די ירינע בעעמער“?

— איהר זענט א צוריסענער מענש, אזוי צו זאָגען: א בייראָן — האָט איבערגע'חזר'ט דער מארקיז, האָט נאָך אלץ פארקלערט אראָפּגעקוקט אין טאָל אריין און פון צייט צו צייט געשמינצעלט מיט דער צונג פאר באוואונדערונג: גאָט! גאָט! אלץ ווי געמאָלט!

אָרימער בייראָן! אזוי רוהיג געניסען האָסטו ניט געקענט! איז דיין הארץ געווען אזוי פארדאָרבען, אז דו האָסט די נאטור

נאָר געקענט זעהן, יאָ אפילו שילדערן אָבער קיינמאָל ניט פון איהר באַזעלט ווערען? אָדער האָט אפשר רעכט שעללי ווען ער זאָגט: דו האָסט באַרוישט די נאַטור אין איהר צנועה'דיגער נאַקעטקייט, און דו ביזט דאַרום, ווי אַקטעאָן צוריסען געוואָרען פון איהרע הינד!

געַנוג דערפון. מיר קומען צו א בעסערן געגענשטאַנד. נעמ־ליך, צו סיניאָרא לעטיצאַ'ס און פראַנצעסקאַ'ס וואוינונג. א קליי־נע, ווייסע געביידע, וואָס זעהט נאָך אויס צו זיין אין נעגליזשעע און האָט פון פאָרענט צוויי גרויסע, קיילעכדיגע פענסטער, פאַר וועלכע די הויך אַרויפגעצויגענע וויינשטאָקען, לאָזען אַראָפהענגען זייערע לאַנגע דינע צווייגען. אַזוי, אַז עס זעהט אויס, ווי פולע לאָקיגע גרינע האָר וואָלטען געפאַלען איבער די אויגען פון הויז. שוין ביי דער טיר האָבען אונז אקעגען געקלונגען, ווירבעלדיגע, טרילער, טענער פון א גיטאַרע, און געלעכטער.

קאפיטעל V.

סיניארא לעטיציא, א פופציג־יאהריגע יונגע רויז, איז זיך געלעגען אין איהר בעט און געטרילערט און געפלוידערט מיט איהר ביידע גאלאנס, פון וועלכע איינער איז געזעסען פאר איהר אויף א נידעריגען פוס־בענקעלע, און דער אנדערער איז געזעסען אנגעלענטערהייד אויף א גרויסען שטוהל און געשפיעלט גיטארע. אין דעם דערבייאיגען צימער האבען צייטענווייז אויך ארומגעפלאטערט אפגעריסענע שטיקער פון א זיסען ליעד אדער א נאך מעהר וואונדערליך זים לאכען. דער מארקיז האט מיך פארגעשטעלט פאר דער סיניארע און די ביידע הערען, מיט א געוויסער לייכטער אידאניע, און ער האט דערביי באמערקט, אז איך בין דער זעלביגער יאהאן הייגריך הייגע, דאקטאר יוריס, וואס איז איצטער באריהמט אין דער דייטשער, יוריסטישער ליטעראטור. צום אונגליק איז איינער פון די הערן געוועזן א פראפעסאר פון באלאנא, און דאס, א יוריסט, הגם זיין גוט געבויטער קיילעכדיגער בויך, האט איהם גיכער געמאכט אויסזעהן, ווי איינער וואס האט צו טון מיט דער ספערישער טריגאנאמעטריע. קומענדיג אביסעל אין א פארלעגענהייט, האב איך באמערקט, אז איך שרייב ניט אונטער מיין איינגענעם נאמען, נאר אונטער דעם נאמען יארקע; און דאס האב איך געזאגט אוים באשיידענקייט, נאכדעם ווי מיר איז צופעליג איינגעפאלען דער נאמען פון א ווערימעל אין אונזער יוריסטישער ליטעראטור. דער באלאנעזער האט זיך אפילו באקלאגט, אז ער האט נאך קיינמאל ניט געהערט דעם דאזיגען באריהמטען נאמען — א זאך, וואס איז מסתמא אויך דער פאל מיט דיר, ליעבער לעזער. — דאך האט ער ניט געצווייפעלט, אז אט דער נאמען וועט באלד פארשפרייטען זיין גלאנץ איבער דער גאנצער וועלט. דערביי האט

ער זיך צוריק געלענט אין שטוהל, האט אויפגעכאפט עטליכע אקארדען אויף דער גיטארע, און געזונגען פון אקסור:

א, מעכטיגער בראהאמא!
א, לאז דיר דאס פלאפלען
פון אונשולד געפאלען.
דאס פלאפלען, דאס פלאפלען —

ווי א ליעבליך רייצענדיג עכא פון א נאכטיגאל, האט פון דעם דערבייאיגען צימער געענטפערט אן עהנליכע מעלאדיע. סיניארא לעטיצא אבער, האט דערצווישען געטרילערט אויף דעם פיינסטען דיסקאנט:

דיר אליין נאר גליה'ן די באקען
פאר דיר קלאפט דער פולס אין מיר:
פול מיט זיסע ליעבעס־קלאנגען
ציהט מיין הארץ זיך נאר צו דיר!

און מיט דער פעסטער פראזא שטים האט זי צוגעגעבען:
בארטאלא, דערלאנג מיר דאס שפיי־קעסטיל!

בארטאלא האט זיך אויפגעהויבען פון זיין נידעריגען בענקעלע, מיט זיינע דארע הילצערנע פיס און האט דערלאנגט מיט דרך ארץ ניט זעהר קיין ריין שפיי־קעסטעל פון בלויען פארצעלאן.

— אט דער צווייטער גאלאן, — האט מיר שטילערהייד איינגערוימט אויף דייטש גומפעליגא — איז געווען א זעהר באריהמטער דיכטער. און זיינע ליעדער, הגם זיי זענען געדיכטעט געווארען נאך מיט צוואנציג יאהר צוריק, קלינגען זיי נאך ביז אויפ'ן היינטיגען טאג אין גאנץ איטאליען, און מיט דעם זיסען פייער פון ליעבע, וואס פלאמט אין זיי, פאר'שכור'ן זיי יונג און אלט, — ער אליין איז אבער איצטער אן ארימער, פארעלטערטער מענש, מיט בלאסע אויגען, אין דעם פארוועלקטען געזיכט, דינע, ווייסע הערעלעך אויף דעם שלאבעריגען קאפ און מיט א קאלטער ארימקייט אין דעם בא־

טריבטען הארץ, אזא אָרימער, אַלטער דיכטער, מיט זיין היל־
צערנקייט, איז געגליכען צו די וויינשטאָקען, וואָס מיר זעהען אים
ווינטער שטעהן אויף די קאַלטע בערג, דאָר און אָהן אַ בלעטעל, צי־
טערדיג פון ווינד און באַדעקט מיט שנעע, אין דער צייט וואָס דער
זיסער מאָסט, וואָס איז אַמאָל געוואַקסען פון איהם, דערוואַרימט אין
די ווייטעסטע לענדער ניט איין הארץ פון אַ טרינקער, ווער ווייס,
אפשר אַמאָל, ווען דער קעלטער פון גערדאַנקען, די דרוק פּרעס,
וועט אויך מיך האָבען אָפּגעצאַפּט, און דער אַלטער, אָפּגעצאַפּטער
גייסט, וועט זיין צו קריגען נאָר אין דעם פּערלאַגס־קעלער פון
האַפּמאַן און קאַמפּע, וועל איך אפשר דעמאָלט אויך אזוי זיצען
דין און באַטריבט, ווי דער אָרימער באַרטאָלאָ, אויף דעם פּיסענ־
בענקעלע לעבען דעם בעט פון אַן אַלטער אינאַמאָראַטאַ, און אויף
איהר פערלאַנג, איהר דערלאַנגען דאָס שפּיי קעסטעל.

סיניאָראַ לעטיציאַ האָט זיך פאַר מיר ענטשולדיגט, וואָס זי
ליגט אין בעט, און דאָס אויפ'ן בויך, וואָרים פון צופיעל פּייגען
עסען האָט זי געקראַגען אַ געשוויר אויף אַ געוויסען אָרט, און
דאָס הינדערט זי איצטער צו ליגען, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אָרענט־
ליכע פרוי, אויפ'ן רוקען. זי איז ווירקליך געלעגען אונגעפעהר ווי
אַ ספינקס; איהר הויכגעקעמטע פּריזור האָט זי אָנגעלעהנט אויף
ביידע אָרעמס, און צווישען זיי האָט זיך געבוואַליעט איהר בוזים
ווי אַ רויטער ים.

— איהר זענט אַ דייטש? — האָט זי מיך געפרעגט.

— איך בין עהרליך, כדי עס צו קענען פאַרלייקענען — האָט
געענטפערט מיין ווינציקייט.

— אַך, עהרליך זענען שוין גענוג די דייטשען! — האָט זי
געזיפצט — נאָר וואָס העלפט דאָס, וואָס די לייט, וועלכע באַרוי־
בען אונז, זענען עהרליך! זיי מאַכען אַ תל פון איטאַליען. מיינע
בעסטע פריינד זיצען איינגעשפּאַרט אין מילאַנאָ; נאָר שקלאַ־
פעריי —

— ניין, ניין! — האָט אויסגערופען דער מאַרקיז — באַ־
קלאָגט אייך ניט אויף די דייטשען. אזוי שנעל ווי מיר קומען קיין
איטאַליען, זענען מיר די געהאַרכזאַמסטע, באַזיגטע באַזיגערס; און

איך זעהען סיניאָרא, איך זעהן און איך פאַלען צו די פיס איז דאָס זעלביגע — און נאָכדעם ווי ער האָט אויסגע־שפּריײט זײַן געל־זײַדען טאַשענטיכעל, און דאַרויף אַנידערגע־קניהט, האָט ער צוגעגעבען: — דאָ קניה איך און הולדיג אײַך אין נאָמען פון גאַנץ דײַטשלאַנד. —

— קריסטאָפּאָרא די גומפּעלינאָ! — האָט די סיניאָרא גע־זיפצט טיעפגעריהרט און שמאַכטענדיג — שטעהט אויף און נעמט מיך אָרום!

כדי אָבער דער ליעבער שעפער זאָל ניט פאַרדאַרבען די פריי־זור און די שמינקע פון זײַן געליבטער, האָט זי איהם ניט געקושט אויף די גליהענדיגע ליפען, נאָר אויף דעם גליהענדיגען שטערן. אַזוי אַז זײַן געזיכט האָט זיך טיעפער אײַנגעהויבען און זײַן רודער, די נאָז, האָט אַרומגערודערט אין דעם רויטען ים.

— סיניאָר באַרטאָלאָ! — האָב איך אויסגערופען — ער־לויבט מיר, אַז איך זאָל זיך באַנוצען מיט דעם שפּײ קעסטעל.

סיניאָר באַרטאָלאָ האָט אומעטיג געשמייכעלט, האָט אָבער ניט געזאָגט קיין אײַנציג וואָרט, הגם ער ווערט פאַרעכענט אין באָ־לאָנאַ, נאָך מעצאָפאַנטי פאַר דעם בעסטען שפּראַך־לעהרער. מיר האָבען ניט ליעב צו רעדען, ווען רעדען איז אונזער פּראָפעסיאָן. ער האָט געדיענט דער סיניאָרא ווי אַ שטומער ריטער, און ווען ניט ווען האָט ער איהר געמוזט רעציטירען דאָס ליעד, וואָס ער האָט איהר פאַר פינף און צוואַנציג יאָהר צוגעוואָרפען אין טעאַטער, בעת זי איז צום ערשטען מאָל אויפגעטראָטען אין באָלאָנאַ אין דער ראָל פון אַריאַדנע. ער אַליין האָט דעמאָלט נאָך מסתמא געמוזט זײַן גוט באַבלעטערט און גליהענדיג, אפשר עהנליך צו דעם הייליגען דיאָניזאָס גופא, און זײַן לעטיציא־אַריאַדנע האָט זיך איהם געוויס געוואָרפען באַקכאַניש אין די גליהענדיגע אָרעמס עוואָע באַקכע! דעמאָלט האָט ער נאָך געדיכטעט אַ סך ליעבעס־געדיכטען, וועלכע, ווי שוין דערמאָנט, זענען פאַרבליבען אין דער איטאַליעינישער לי־טעראַטור, נאָכדעם ווי דער דיכטער און זײַן געליבטע זענען שוין לאַנג געוואָרען מעק־פּאַפּיר.

פינף און צוואַנציג יאָהר געדויערט שוין זײַן געטרייקייט,

און איך דענק, אז ער וועט אזוי זיצען אויף דעם פּיסענבענקעלע ביז צו דעם סוף פון זיינע טעג, און אויף איהר פערלאנג וועט ער רעציטירען זיינע געדיכטען אָדער דערלאנגען דאָס שפּייקעסטעל. דער פּראָפעסאָר פון יוריספּרודענץ שלעפּט זיך שוין כמעט אויך אזוי לאנג נאָך די בענדער פון דער סיניאָרא׳ס ליעבע. ער קומט נאָך אלץ צו איהר אזוי פלייסיג, ווי אין אָנהויב פון יאהרהונדערט, ער מוז נאָך אלץ אזוי אונבארמהארציג זיך אפּזאָגען פון זיינע אקאדעמישע פּאָרלעזונגען, ווען נאָר זי פערלאנגט, אז ער זאָל זי באַלייטען וואו ניט איז און ער איז נאָך אלץ בעלאס־טעט מיט דער געצוואונגענער פליכט פון אן אמת׳ן פּאַטיטאָ.

די געטרייע אויסדויער פון אַט דיביידע געליעבטע פּאָר א שענקייט, וואָס איז שוין לאנג רואינירט, איז אפשר שוין ניט מעהר ווי צוגעוועהנטקייט, אפשר איז עס פּיעטעט אקעגען אמאָליגע געפיהלען, און אפשר נאָר דער געפיהל גופא, וואָס טיילט אין גאנ־צען אָפּ דעם איצטיגען צושטאַנד פון דעם אמאָליגען געגענשטאַנד, און באטראכט איהם נאָר נאָך מיט די אויגען פון זיין עראינערונג. אזוי זעהען מיר אָפטמאָל אין קאטוילישע שטעדט, ווי אויף אן עק־גאַס, קומען אלטע לייט צו א בילד פון א מאדאָנא, וואָס איז שוין אָפּגעבלאַקירט און אָפּגעריבען, פון וועלכען עס זענען מעהר ניט פארבליבען ווי עטליכע שפּורען און אומריסען, אזוי, אז מען זעהט דאָרט אפשר ניט מעהר ווי די ניש אין וועלכען דאָס בילד איז געווען אויסגעמאָלט און דאָס לעמפּעל, וואָס הענגט איבער איהם; די אלטע לייט אבער, וואָס קניהען דאָרטען אזוי פרום מיט דעם רויזענקראַנץ אין האנד, האָבען שוין דאָרטען געקניהט פון קליינערהייד אָן. די געוועהנהייט טרייבט זיי בסדר אין דערזעל־ביגער שעה צו דעם זעלביגען אָרט און זיי באמערקען גאָר ניט ווי דאָס געליעבטע הייליגע בילד ווערט אָפּגעריבען. און צום סוף מאכט דאָך די עלטער סאַי ווי שוואַך אויף דער ראיה און בלינד, אזוי, אז עס קען זיך זיין גאַנץ גלייכ־גילטיג, צי די זאַך צו וועלכער מיר בעטען, זעהט זיך בכלל נאָך אָן, אָדער ניט. די וואָס גלויבען אזוי ניט זעהענדיג, זענען אויף יעדען פאַל גליקליכער, ווי די שאַרף־אויגיגע,

וואס באמערקען גלייך יעדען שארפען קנייטש, וואס באווייזט זיך אויפ'ן פנים פון זייער מאדאנא. קיין זאך איז ניט שרעקליכער ווי אט אזא באמערקען! אודאי, האב איך אמאל געגלויבט, אז די געטריילאזיגקייט פון די פרויען איז דאס שרעקליכסטע, און, כדי דעמאלט צו זאגען דאס שרעקליכסטע, האב איך זיי אנגערופען שלאנגען. אבער אך! וועה! איצטער וויים איך, אז זיי זענען ניט אין גאנצען שלאנגען: ווארים די שלאנגען קענען פון זיך יעדעם יאהר אראפ ווארפען די אלטע הויט, און דורך א נייע הויט ווערען איגנער.

צי איינער פון דיביידע אנטיקע סעלאדאנס איז געווען אייפערזיכטיג דארויף, וואס דער מארקיז, אדער בעסער געזאגט, זיין נאז, האט זיך אויף דעם דערמאנטען אופן געבאדען אין גליק, — דאס האב איך ניט געקענט באמערקען. בארטאלא איז זיך געזעסען מיט א רוהיג געמיט אויף זיין בענקעלע, די פיס־שטעקעלעך פארווארפען איינעם איבער'ן אנדערן, און זיך געשפיעלט מיט דער סיניארא'ס שוים־הינטעלע, א זעהר שען חיה'לע, וואס באלאנא איז זיין היים, און וואס מען קען איהם אויך ביי אונז אונטער דעם נאמען באלאנעזער. דער פראפעסאר האט זיך בשום אופן ניט געלאזט שטערען אין זיין געזאנג, וועלכער איז צייטענווייז פארדירט געווארען דורך די זיסע טענער, וואס האבען זיך געטראגען פון דעם דערבייאיגען צימער. ווען ניט ווען האט ער זיך אליין איבערגעהאקט אין מיטען זינגען. כדי מיך צו באשיטען מיט יוריסטישע פראגען. ווען מיר האבען ניט געקענט איינשטימען אין א געוויסען אורטייל, האט ער א נעם געטאן האסטיגע אקארדען און אנגעצימבעלט עטליכע ציטאטען. איך אבער האב אלע מאל אונטערשטיצט מיין מיינונג דורך דער אויטאריטעט פון מיין לעהרער, דעם גרויסען הוגא, וועלכער איז אין באלאנא זעהר באריהמט אונטער דעם נאמען אוגאנא, אויך אוגאלינא.

— א גרויסער מענש! — האט געזאגט דער פראפעסאר, און דערביי האט ער געצימבעלט און געזונגען:

פון זיין שטים דער זאנפטער רוף
קלינגט נאך טיעף ביי דיר אין ברוסט,

די יסורים וואָס זי האָט
באַשאַפֿען דיר, איז זיסע לוסט.

אויך טהיבאום, וועמען די איטאַליענער רופֿען טיבאַלדראַ, איז זעהר חשוב אין באָלאָגנאַ; דאָך קען מען דאָרט ניט אַזוי די שריפֿ־טען פֿון יענע מענער, ווי מען קען דאָרט זייערע הויפּט־אַנזיכטען און דעם היפּך. גאַנז און סאַוויני, האָב איך אויסגעפֿונען, קען מען אויך נאָר מיט די נעמען. אויף דעם לעצטען האָט דער פּראָ־פֿעסאָר געמיינט, אַז דאָס איז אַ געלעהרנטע פֿרוי.

— אַזוי! אַזוי! — האָט ער געזאָגט, בעת איך האָב איהם פֿאַריכט אָט דעם טעות — ווירקליך ניט קיין פֿרוי. האָט מען מיך, הייסט עס, אָפּגענאַרט. מען האָט מיר אפילו געזאָגט, אַז סיניאָר גאַנז האָט אַמאָל די דאָזיגע פֿרוי אַרויסגערופֿען צו אַ טאַנץ אויף אַ באַל, און מען האָט איהם אָפּגעזאָגט, און דערפֿון איז אַרויס געקו־מען אַ ליטעראַרישע שנאה.

— מען האָט אייך ווירקליך פֿאַלש באַנאַכריכטעט, דער סי־ניאָר גאַנז טאַנצט גאָר ניט. שוין אוים דעם מענשענפֿריינדליכען גרונד, כדי עס זאָל ניט ענטשטעהן קיין ערד־ציטערניש. יענע אַרויסרופֿונג צום טאַנץ, איז וואהרשיינליך אַ שלעכט פֿאַרשטאַ־נענע אַלעגאָריע. די היסטאָרישע שולע און די פֿילאָזאָפֿישע, ווערען באַטראַכט אַלס טענצערס, און אין דעם זינען מיינט מען דאָס אפשר אַ קאַדריל פֿון אונגענע, טיבאַלדראַ, גאַנז און סאַוויני. און אפשר אין דעם זין האָט מען דאָס געזאָגט, אַז סיניאָר אונגענע, הגם ער איז דער „דיאבעל באַאַטע" פֿון דער יוריספּרודענץ, טאַנצט ער דאָך אַזוי צימליך פֿאַס ווי לעמיער, און אַז סיניאָר גאַנז, האָט זיך אין דער לעצטער צייט פֿאַרמאָסטען צו עטליכע גרויסע שפּרינג, וואָס האָבען איהם געמאַכט פֿאַר דעם טענצער האָגע, פֿון דער פֿילאָזאָפֿי־שע שולע.

—הייסט עס, — האָט זיך דער פּראָפֿעסאָר אויסגעבעסערט— דער סיניאָר גאַנז טאַנצט בלויז אַלעגאָריש — דאָך פּלוצלינג האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו די סטרונעס פֿון דער גיטאַרע און ביי דעם ווילדעסטען געצימבעל האָט ער געזונגען ווי ווילד:

אמת איז, זיין טיי׳רער נאָמען
איז די פרייד פון אַלע הערצער.
כוואַליעס פון דעם ים, זיי שטורמען,
שוואַרץ פאַרוואָלקענט זיך דער הימעל,
תמיד הערט מען טאַראַר רופען,
גלייך ווי ס׳וואָלטען ערד און הימעל
בויגען זיך פאַר אָט דעם נאָמען.

פון דעם הער געשען האָט דער פּראָפעסאָר ניט געוואוסט אפילו, אז ער עקזיסטירט. און דאָס האָט זיך זיינע נאַטירליכע סבות. וואָרים דער רוהם פון דעם גרויסען געשען האָט נאָך ניט דערגרייכט ביז באָלאָנא, נאָר ערשט ביז פּאָזושיא, וואָס איז פיער מייל פון דאנען, און וואו ער וועט זיך נאָך אויפהאַלטען א לאנגע צייט — פאַר הנאה וועגען. — געטינגען אליין איז אויך אין באָ־לאָנאָ ניט אויף אזוי פיעל באקאנט, ווי מען וואָלט געמעגט ער־וואַרטען, שוין אוים דאנקבארקייט דעפראַר, ווייל געטינגען פלעגט זיך ליעב האָבען צו רופען דאָס דייטשע באָלאָנאָ. צי דער דאָזיגער נאָמען פּאַסט זיך פאַר געטינגען? וועגען דעם וויל איך זיך ניט אריינלאָזען אין קיינע חקירות. על כל פנים אבער אונטערשיידען זיךביידע אוניווערזיטעטען, דורך דעם איינפאַכען אומשטאַנד, וואָס אין באָלאָנא געפינען זיך די קלענסטע הינט און די גרעסטע געלערנטע, און אין געטינגען, פאַרקעהרט, די קלענסטע געלעהרנטע און די גרעסטע הינד.

קאפיטעל VI.

ווען דער מארקיז קריסטאפארא די גומפעלינא האט ארויס־געצויגען זיין נאז פון דעם רויטען ים, ווי פארצייטענס דער קעניג פרעה, האט זיין פנים געגלאנצט פון א שוויצענדיגער זעלבסט־צופרידענקייט. א טיעף־געריהרטער האט ער צוגעזאגט דער סיניארא, אז אזוי שנעל ווי זי וועט ווידער קענען זיצען, וועט ער זי מיט זיין אייגענעם וואגען ברענגען קיין באלאנא. איצטער איז געוואָרען אפגערעדט, אז דער פראפעסאר זאל אפפאהרען פריהער, פאר־קעהרט, בארטאלא זאל מיטפאהרען אינ׳ם מארקיז׳ם וואגען, וואו ער וועט קענען זיצען זעהר גוט אויף דער קעלנע און האלטען דאס הינטעל אויף דער שויס, און אז ענדליך וועט מען אין פער־צעהן טעג אנקומען קיין פלארענץ, וואו סיניארא פראנצעסקא, וואס וועט רייזען מיט מילידי קיין פיזא, וועלען פאר דער צייט שוין אויך דארט זיין. בעת דער מארקיז האט אויף די פינגער אויסגערע־כענט ווי פיעל דאס וועט קאסטען, האט ער פאר זיך געמורמעלט: Di Tanti palpiti סיניארא האט זיך דערוויייל גע־לאזט הערען אויף די העכסטע טענער, און דער פראפעסאר האט געשטורעמט אין די סטרונעס פון דער גיטארע און האט דערביי געזונגען מיט אזעלכענע גליהענדיגע ווערטער, אז טראפענס שוויים האבען זיך געקייקעלט פון זיין שטערען און טרעהרען זענען איהם גערונען פון די אויגען און די טראפענס שוויים און די טרעהרען האבען זיך אויף זיין רויטען פנים פאראייניגט און זענען געוואָרען איין איינציגער טייך. בשעת דעם דאזיגען זינגען און קלינגען האט זיך פלוצלינג אויפגעפראלט די טיר פון דערבייאיגען צימער און עס האט אריינגעשפרונגען א ווענזן.

—אייך, איהר מוזען פון דער אלטער און דער נייער וועלט,

אײך אפילו, איהר נאָך ניט ענטדעקטע מוזען, װעמען עס װעלען ערשט פאַרעהרען די קומענדיגע דורות, און װעמען איך האָב גע־אהנט שוין פון לאנג אין װאלד און אויפ'ן ים, אײך באשװער איך: גיט מיר פאַרבען, מיט װעלכע איך זאָל קענען מאָלען דאָס װעזען, װאָס נאָך דער טוגענד, איז עס דאָס הערליכסטע אויף דער דאָזיגער װעלט. די טוגענד דאָס פאַרשטעהט זיך אליין, איז די ערשטע פון אלע הערליכקײטען. דער באשאפער פון דער װעלט האָט זי באַציערט מיט אזוי פיעל חן, אזוי, אז עס האָט זיך אויס־געדראַכט, אז נאָך אזא הערליכע זאַך, װעט ער שוין ניט קענען ארויסברענגען. ערשט מיט אמאָל האָט ער נאָכאַמאָל צוזאַמען גע־נומען אלע זײנע כחות, און אין א גוטער שעה האָט ער באשאַפען די סיניאָרא פראַנציסקא, די שענע טענצערין, דאָס גרעסטע מײס־טערשטיק, װאָס ער האָט באַשאַפען נאָך דער טוגענד, און דערבײ האָט ער זיך ניט איבערגע'חזר'ט אויף דאָס מינדסטע, װי דאָס איז דער פאַל בײ די ערדישע מײסטערס, בײ װעלכע אין די שפּעטערע װערק באַװײזט זיך אלע מאָל דער אנטליהענער חן פון די פריהער־דיגע — נײן, סיניאָרא פראַנציסקא, איז אין גאַנצען אָריגינעל. זי האָט ניט די מינדסטע עהנליכקײט צו דער טוגענד. און עס זענען פאַראַן מבינים, װאָס האַלטען זי פאַר פונקט אזוי הערליך, און גי־בען נאָר דעם פאַרצוג צו דער טוגענד, װאָס איז פריהער באשא־פען געװאָרען, פאַר איהר ענשיענימעט. אבער איז דען דאָס א גרוי־סער חסרון, װען א טענצערין איז מיט װעלכע זעקס טויזענד יאָהר צו יונג?

אך, איך זעה זי װידער, װי זי איז אזוי ארײנגעשפּרונגען דורך דער אויפגעפּראַלטער טיר ביז אין מיטען צימער ארײן, אין דער־זעלביגער רגע, האָט זי זיך אהן א שיער מאָל געדרעהט אויף אײן פוס, דערנאָך זיך א װאַרף געטאָן אין דער גאַנצער לענג אויף דער זאָפא. זיך צוגעהאלטען די אויגען מיט בײדע הענד און אויסגע־רופען אהן אז אָטעם: — אך, איך בין אזוי מיעד פון שלאָפען! דאָ איז צוגעקומען דער מאַרקיז און געהאַלטען א לאנגע רעדע, אויף זײן געװעהנטליכען איראַנישען ברײטען, כבוד־אָפּגעבענדען שטײגער, װאָס איז געװען א מאָדנער היפּך צו זײן קאַרגקײט, װען

ער האָט זיך דערמאָנט אַן געשעפטען, און צו זיין צופלאַסענקייט ביי א סענטעמענטאַלער אנרעגונג. און דאָך איז אָט די מאַניער ניט געווען קיין אונאַטירליכע. זי איז אפשר אין איהם דאָדורך געוואָרען נאַטירליך, ווייל איהם האָט געפעהלט געוואַגטקייט. יענע מאַכט־לאָזיגקייט, וואָס ער האָט געגלויבט, אַז ער איז באַרעכטיגט דורך זיין געלד און גייסט, זי אָפּען אַרויסצואווייזען. און דערפאַר האָט ער זי אויף א פייגען שטייגער געזוכט צו פאַרדעקען דורך דער איבערטריבענסטער הכנעה. זיין ברייט שמייכלען ביי אַזעלכענע געלעגענהייטען, האָט געהאַט אין זיך עפּיס אונאַנגענעהם אַנגע־נעהמעס, און מען האָט ניט געוואוסט, צי ווילט זיך איהם שמיי־כען צו באַלוינען מיט בייפאַל. אויף אַזא שטייגער האָט ער גע־האַלטען זיין מאַרגען־רעדע פאַר סינאָרא פראַנצעסקאַ, וועלכע, האָט, נאָך האַלב שלעפעריג איהם קוים צוגעהערט; און ווען ער האָט צום שלוס געבעטען די ערלויבעניש צו קושען איהרע פיס, ווע־ניגסטענס דעם לינקען פוס, און האָט צוליעב דעם אויסגעשפּרייט זיין געל־זיידענע פאַטשיילע אויפ'ן דיל און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער קניה, האָט זי איהם גלייכגילטיג אַקעגען געשטרעקט איהר לינקען פוס, וואָס האָט געשטעקט אין א זעהר ליעבליכען רויטען שוך, אי געגענזאַץ צו דעם רעכטען פוס, וועלכער האָט געטראָגען א בלויען שוך. א פּאָסירליכע קאָקעטישקייט, דורך וועלכער די צאַרטע, נעטע פאָרם פון די פיס, זאָל זיך נאָך מעהר אַנזעהען. נאָכ־דעם ווי דער מאַרקיז האָט געקושט דעם קליינעם פוס מיט יראת הכבוד, האָט ער זיך אויפגעהויבען מיט אַן אַכצענדיגען: אַ יעזו ! און געבעטען די ערלויבעניש פאַרצושטעלען מיך, זיין פריינד. די ערלוי־בעניש איז גענעצענדיג געגעבען געוואָרען, און דערביי האָט ניט געפעהלט קיין לויב וועגען איבער מיינע מעלות, און ער האָט געשוואָרען ביי זיין קאַוואַלירישע עהרע, אַז איך האָב די אומגליק־ליכע ליעבע גאַנץ פיין באַזונגען.

איך האָב אויך געבעטען דער דאַמע, אַז זי זאָל מיר ערלויבען דאָס פאַרגעניגען איהר צו קושען דעם לינקען פוס. און אין דער רגע, ווען איך האָב די עהרע געגאָסען, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון א פאַרנעבעלטען חלום, האָט זיך שמייכעלדיג צו מיר

אראפּגעבויגענ. האָט מיך באטראכט מיט גרויסע, פארוואונדערטע אויגענ, האָט מיט פרייד א שפּרונג געטאָנ אינ מיטענ צימער אונ האָט זיך ווידער געדרעהט אָהנ א שיעור מאָל אויף איינ פוס. איך האָב געפּיהלט מאָדנע, ווי מײנ הארץ דרעהט זיך כסדר מיט, עס האָט איהם כמעט אָנגעהויבענ צו שווינדלענ. דער פּראָפעסאָר אָבער האָט זיך לוסטיג א נעם געטאָנ צו די סטרונעס פונ דער גיטארע אונ ער האָט געזונגענ:

אָנ אָפּער־סיניאָרא, זי האָט מיך דערזעהנ
איך בינ איהר געפעלענ אונ ס׳איז באלד געשעהנ,
מיר זענענ געוואָרענ א פּאָר.
אוי, וועה צו מײנ אָרימע יאָהר!

באלד האָבענ באפרייט מיך פונ איהר די קאָרסאָרענ,
איך האָב זי פארקויפט צו זיי די בארבארענ,
נאָך אײדער זי האָט זיך פארזעהנ —
בראוואָ, ביסקראָמאָ, ס׳איז שענ!

סיניאָרא פראנצעסקא האָט מיך נאָך אמאָל באטראכט שארף אונ מיך אָפּגעמאָסטענ פונ קאָפּ ביז צו די פיס. אונ מיט א צופריע־דענע מיענע האָט זי באדאנקט דעם מארקיז, אזוי ווי איך וואָלט גע־ווענ א געשענק, וואָס ער האָט איהר געבראכט אויס פײנקײט. אינ דעם געשענק האָט זי געהאט גאָר ווײניג אויסצוזעצענ: נאָר וואָס מײנע האָר זענענ פאר איהר געווענ צו העל־ברוינ, אונ איהר וואָלט בעסער געפעלענ, ווענ זיי זאָלענ געווענ זײנ טונקעלער, ווי די האָר פונ אבאט טשעקא. אויך זענענ פאר איהר מײנע אויגענ גע־ווענ צו קלײנ, אונ מעהר גרינ ווי בלוי. אלס א באצאָהלונג, ליע־בער לעזער, וואָלט איך איצטער דער סיניאָרא פראנצעסקא אויך בא־דארפט שילדערנ מיט איהרע חסרונות; אָבער איך האָב ווירקליך גאָר ניט אויסצוזעצענ אקעגענ אָט דעם ליעבליכענ, כמעט לײכט־זיניג געפאָרעמטער גראציענ־געשטאלט. אויך דאָס פּנים איז גע־ווענ אינ גאנצענ ווי מענ געפינט עס ביי די גריכישע סטאטוענ. דער

שטערן און די נאז, האבן פארגעשטעלט איין איינציגע געראדע ליניע, א זיסען רעכטען ווינקעל, האט זיך דערמיט אויסגעפארמירט די אונטערשטע נאז־ליניע, וואס איז געווען אזוי זאנדערבאר קורץ. פונקט אזוי שמאל איז אויך געווען דער ארט צווישען דער נאז און דעם מויל, ווען מען ליפען האבען קוים דערגרייכט ביידע עקען און ס'איז דערגאנצט געווארען דורך א פאר'חלומ'טען שמייכעלע: אונטער'ן מויל האט זיך אויסגעבויגען א ליעבער, פולער קין. און דער האלז — אך! פרומער לעזער, איך קום צו ווייט. און א חוץ דעם האב איך ביי דער דאזיגער אינאוגוראל־שילדערונג נאך ניט קיין רעכט צו ריידען פון די צוויי שווייגענדיגע בלומען, וואס האבען ארויסגעלויכטען ווי צוויי ווייסע פאעזיען, ווען סיניארא האט אויפגעקנעפעלט די זילבערנע האלז־קנעפ פון איהר שווארץ־זיידענעם קלייד — ליעבער לעזער! לאמיר בעסער ארויפגעהן צו דער שילדערונג פון געזיכט, פון וועלכען איך האב נאך צו דערצרעהלען, אז עס איז געווען קלאר און בלאס־געל ווי בורשטין. אז פון די שווארצע האר, וואס האבען באדעקט די שלייפען, ווי גלאנצענדיג־גלאטע אוואלען, האט דאס געזיכט באקומען א קיילעכדיגקייט, און פון צוויי שווארצע פלוצימדיגע אויגען, איז עס געווארען באלויכטען ווי פון א כשוף־ליכט.

דו זעהסט, ליעבער לעזער, אז איך וואלט וועלען דיר צושטעלען א גרינדליכע לאקאלע באשרייבונג פון מיין גליק, און פונקט אזוי ווי אנדערע רייזענדע, לייגען צו צו זייערע ווערק באזונדערע קארטען פון היסטאריש־וויכטיגע, אדער אזוי מערקווירדיגע באצירקען, אזוי וואלט איך נאך וועלען פראנצעסקא'ן פארשטעלען דורך געדרוקטע בילדער, אבער אך! צו וואס טויג א טויטע קאפיע פון די דרויסענדיגע אומריסען ביי פארמען, ווען מען געטליכער רייץ באשטעהט אין די לעבעדיגע באוועגונגען. אפילו דער בעסטער מאלער קען אונז אט די פארמען ניט ארויס ברענגען ווי עס דארף צו זיין; ווייל די מאלעריי איז דאך נאר א אויבערפלעכליכע, גיכער וואלט דאס שוין געקענט דער סקולפטאר. דורך א ביי־טענדיגער באלייכטונג, קענען מיר ביי סטאטועען אין א געוויסער מאס ארויסברענגען א באוועגונג. און דער פאקעל, וואסווארפט

איהר צו א אויסערליך ליכט, זעהט אויס, ווי זי וואָלט זי אויך פון אינעווייניג באלעבט. יאָ, עס איז פאראן א סטאַטוע, וואָס וואָלט דיר, ליעבער לעזער, געגעבען א באגריף פון פראנצעסקאָ'ס הערליכקייט. דאָס איז די ווענוס פון דעם גרויסען קאנאָווא, וועלכע דו קענסט געפינען אין איינעם פון די לעצטע זאלען פון דעם פאַלאַצאָ פיטטי אין פלאָרענץ. איך דענק איצטער אָפט פון יענער סטאַטוע. טיילמאָל חלומ'ט זיך מיר, זי ליגט אין מיינע אָרעמס, און זי ווערט וואָס אמאָל אלץ לעבעדיגער און צום סוף שעפּטשעט זי צו מיר מיט פראנצעסקאָ'ס שטים. דער טאָן פון דער דאָזיגער שטים אָבער איז דאָס געווען, וואָס האָט צוגעגעבען צו איהר יעדען וואָרט די ליעבליכסטע, אונענדליכסטע באדייטונג. און ווען איך זאָל דיר ווילען דערצעהלען איהרע ווערטער, וואָלט דאָס געווען א טרוקענער הויפען בלומען, וואָס באזיצען דעם גרעסטען ווערט, נאָר דורך זייער ריח. אויך פלעגט זי אָפטמאָל אויסשפּרינגען אין דער הויך און טאנצען, בעת זי האָט גערעדט, און אפשר איז דאָס דער טאנץ געווען איהר אייגענטליכע שפּראַך. מיין הארץ אבער האָט כסדר מיטגעטאנצט און האָט עקזעקוטירט דעם שווערסטען פאס, און האָט דערביי ארויסגעוויזען אזוי פיעל טאנץ־טאָלענט, ווי איך וואָלט מיר פון איהם קיינמאָל ניט געווען פאָרגעשטעלט. אויף אזא אופן האָט פראנצעסקאָ אויך דערצעהלט די געשיכטע פון דעם אַבאַט טשעקאָ, א יונגען בחור'ל, וואָס איז אין איהר געווען פארליעבט, ווען זי פלעגט נאָך שטריקען שטרוי־היט אין ארנאָ־טאָל. און זי האָט פארזיכערט אז איך האָב דאָס גליק צו זיין עהנליך צו יענעם. דערביי האָט זי געמאכט די צערטליכסטע פאנטאָמימען, האָט צוגעדריקט די שפּיץ־פינגער צום הארצען איינמאָל און א צווייטען מאָל, האָט אויסגעזעהן ווי זי וואָלט מיט דער הוילער האנד ארויסגעבראכט די צערטליכסטע געפיהלען, און צום סוף האָט זיך א שוועבענדיגע, מיט א פולער ברוסט געוואָרפען אויפ'ן זאָפא, האָט באהאלטען דאָס פנים אין קישען און האָט הינטער זיך אויסגעשטרעקט די פיס אין דער הויך, און האָט געדריגעט מיט זיי ווי מיט הילצערנע ליאלקעס. דער בלויער פוס האָט געזאָלט פארשטעלען דעם אבאַ טשעקאָ, און דער רויטער פראנצעסקאָ. און

אין דעם ווי זי האָט פּאַראַדירערט איהר אייגענע געשיכטע, האָט זי געלאָזטביידע פאַרליעבטע פּיס זיך געזעגנען. און עס איז געווען אַ ריהרענד־נאַריש שוישפּיעל, ווי זיי האָבען זיך ביידע געקושט מיט די שפּיצען און זיך געזאָגט די צערטליכסטע ווערטער — און דערביי האָט דאָס ווילדע מיידעל געוויינט מיט חנ׳עוודיגע טרעהרען, וועלכע זענען אבער ווען ניט ווען ארויס געקומען טיעפער פון דער נשמה ווי עס האָט עס פאַרלאַנגט די ראָל. זי האָט אויך איבערדערצעהלט אויף אַ פּאַסירליך איבערגעטריבענעם שמערצליכען שטייגער, אַ רעדע וואָס דער אבאַט טשעקאַ האָט געזאָלט האָבען געהאַלטען, אין וועלכער ער האָט געריהמט די שענהייט פון פראַנצעסקאַ מיט פּעדאַנטישע מעטאַפאָרען. און דער אופן אויף וועלכען זי האָט געענטפערט אלס אָרימע פראַנצעסקאַ, און אליין קאָפּירענדיג איהר אייגען קול אין דער סענטימענטאַליטעט פון אמאָליגע יאָהרען, האָט געהאַט אין זיך עפּיס ליאַלקעדיגס, אומעטיגס, אזוי אז עס האָט מיך מאָדנע געריהרט. אָדע, טשעקאַ! אָדע פראַנצעסקאַ, איז געווען דער באַשטענדיגער רעפרעין. די פאַרליבטע פּיס האָבען זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזען — און איך האָב מיך שוין ענדליך געפרעהט, ווען אַ בייזער מזל האָט זיי צושיידט, נאָכדעם ווי זי האָט מיר איינגערוימט, אז עס וואָלט פאַר מיר געווען אן אומגליק ווען די ביידע ליעבענדע, וואָלטען באַשטענדיג געבליבען צוזאַמען.

דער פּראָפעסאָר האָט אפּלאָדירט מיט שפּאַסהאַפטע ציטערדיגע קלאַנגען פון דער גיטאַרע, סיניאָראַ האָט געזונגען, דאָס הינטעל האָט געבילט, דער מאַרקיז און איך האָבען געפּאַטשט מיט די הענד, ווי משוגעים, און סיניאָראַ פראַנצעסקאַ איז אויפגעשטאַנען און זיך דאַנקבאַר פאַרנייגט. — עס איז ווירקליך אַ שענע קאָמעדיע, — האָט זי געזאָגט צו מיר, אבער עס איז שוין לאַנג, ווי זי איז צום ערשטען מאָל אויפגעפיהרט געוואָרען! און איך אליין בין שוין אזוי אלט! — קענט איהר טרעפען ווי אלט איך בין?

און דאָך האָט זי בשום אופן ניט ערוואַרט מיין ענטפער, און אליין שנעל געזאָגט: — אכצעהן יאָהר. — און האָט זיך דערביי

ארום געדרעהט אודאי אכצעהן מאָל אויף איין פוס. — און ווי אַלט זענט איהר, ? Dottore

— איך סיניאָרא, בין געבוירען געוואָרען אין דער נאכט פון גיי יאָהר אכצעהן הונדערט.

— איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט — האָט באמערקט דער מאַרקיז — דאָס איז איינער פון די ערשטע מענער פון אונזער יאָהרהונדערט.

— און ווי אַלט מיינט איהר בין איך? — האָט פּלוצלונג אויסגערופען סיניאָרא לעטיצא, און ניט קוקענדיג אויף איהר חוה־קאָסטיום, וואָס איז ביז איצט געווען פאַרבאָרגען אונטער דער דעק פון בעט, האָט זי זיך ביי דער דאָזיגער פראגע, א הויב געטאָן אזוי ליידעשנאַפּטליך אין דער הויך, אז מען האָט באקומען צו זעהן ניט נאָר דעם רויטען ים, נאָר אויך גאנץ אראביען, סיריען און מעסאָפּאָטאמיען.

נאָר צוריק שפּרינגענדיג א דערשראָקענער פאַר דעם דאָזיגען מורא'דיגען אנבליק, האָב איך עפּיס דאָרטען געשטאמעלט, וועגען די שוועריגקייט, אזא פראגע צו פאַרענטפערן, אין דער צייט, ווען איך האָב דער סיניאָרא ערשט געזעהן ביז א העלפט; דאָך ווען זי איז צו מיר שטאַרקער צוגעשטאַנען, האָב איך איהר צוגעגעבען דעם אמת, אז איך קען נאָך ניט בארעכענען דעם חילוק צווישען די איטאַליענישע יאָהרען און די דייטשע יאָהרען.

— איז דער חילוק א גרויסער? — האָט געפרעגט סיניאָרא לעטיצא.

— אודאי, — האָב איך איהר געענטפערט — וואָרים אזוי ווי די היץ שפּרייט אויס יעדען קערפּער, דערפאַר זענען די יאָהרען אין ווארימען איטאַליען א סך לענגער ווי אין דעם קאַלטען דייטשלאַנד.

דער מאַרקיז האָט מיך בעסער ארויסגעצויגען פון דער פאַרלעגנהייט, דערמיט וואָס ער האָט גאַלאַנט באַהויפּטעט, אז איהר שענקייט האָט זיך ערשט איצט צוואויקעלט אין איהר פולסטער צייטיגקייט. — און סיניאָרא! — האָט ער צוגעגעבען — אזוי ווי

די פאַמעראַנצן וואָס עלטער זי ווערט, אַלץ געלער ווערט זי, אַזוי ווערט אויך אייער שענקייט מיט יעדען יאָהר אַלץ צייטיגער.

די דאַמע האָט אויסגעזעהן צו זיין צופרידען מיט אָט דעם פאַרגלייך, און האָט אויך מודה געווען, אַז זי פיהלט זיך ווירקליך צייטיגער, ווי אַלעמאָל, באַזונדערס אקעגען דעמאָלט, ווען זי איז נאָך געווען אַ דינער גאָר נישט, און איז צום ערשטען מאָל אויפגע־טראָטען אין באָלאָנאַ. און אַז זי קען נאָך איצט ניט משיג זיין, ווי זי האָט דאָס געקענט מאַכען אַזא פוראָר אין אַזא געשטאַלט. און איצטער האָט זי דערצעהלט וועגען איהר דעביו אַלס אריאַדנע, אַ זאַך וועגען וועלכער זי האָט אַלעמאָל גערעדט, ווי איך האָב שפּע־טער ענטדעקט — און ביי געלעגענהייט האָט שוין אַלע מאָל סי־ניאָר באַרטאָלאָ געמוזט דעקלאַמירען דאָס געדיכט, וואָס ער האָט דעמאָלט צוגעוואָרפען אין טעאַטער. דאָס איז געווען אַ גוט געדיכט, פול מיט ריהרענדען טרויער איבער טהעזעאוס׳עס טריילאָזיגקייט, פול מיט בלינדער באַגייסטערונג פאַר באַקכוס און מיט בליהענדיגער פאַרהערליכונג פון אריאַדנע. — Bella Cosa ! האָט אויסגערופען סיניאָרא לעטיציאַ ביי יעדען סטראָף, און איך האָב אויך געלויבט די בילדער דעם פערז־בוי און די גאַנצע באַ־האַנדלונג פון יענעם מיף.

— יאָ, זי איז זעהר שעָן, האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר.— און הינטער איהר ליגט געוויס אַ היסטאָרישער אמת, איבעריגענס דערצעהלען אונז עטליכע אויטאָרען אויסדריקליך, אַז ענעאַס, אַ פּריסטער פון באַקכוס, האָט חתונה געהאַט מיט דער טרויערענדער אריאַדנע, נאָכדעם ווי ער האָט זי געטראָפען אַ פאַרלאָזענע אויף נאַקסאָס; און ווי עס געשעהט אָפט, איז אין דער זאַגע פון דעם גאָטס פּריעסטער געוואָרען גאָט אַליין.

איך האָב ניט געקענט איינשטימען מיט דער דאָזיגער מיי־נונג, וואָרים אין דער מיטהאָלאָגיע נייג איך זיך גיכער צו דער היסטאָרישער פאַרטייטשונג, און איך האָב געענטפערט: אין דער גאַנצער מעשה, אַז אריאַדנע, נאָכדעם ווי טהעזעאוס האָט זי גע־לאָזט זיצען אויף נאַקסאָס, האָט זי זיך געוואָרפען באַקכוס׳ן אין די אָרעמס, זעה איך ניט עפּיס אַנדערש, ווי די אַלעגאָריע, אַז זי

האָט זיך איבערגעגעבען צום טרונק. א השערה, וואָס עס טיילען מיט מיר נאָך אנדערע געלעהרנטע פון מיין פאָטערלאנד. איהר, הער מארקיז, מוזט אפשר וויסען, אז דער פארשטאָרבענער באַנ־קיער בעטהמאַן, האָט אין דעם זין פון דער דאָזיגער השערה, גע־וואוסט אזוי צו באלייכטען זיין אריאדנע, אז עס האָט אויסגעזעהן, זי האָט א רויטע נאָז.

— יאָ, יאָ, בעטהמאַן אין פראנקפורט איז געווען א גרויסער מאַן! — האָט אויסגערופען דער מארקיז; דאָך אין דעם זעלביגען אויגענבליק, איז איהם הפנים עפּיס וויכטיגעס דורכגעלאָפען אין קאָפּ, וואָרים זיפצענדיג האָט ער געדערט פאר זיך: — גאָט, גאָט, איך האָב פארגעסען קיין פראנקפורט צו שרייבען צו ראָטשילד'ן! און מיט אן ערענסטען פּנים פון א סוחר, פון וועלכען עס איז פאר־שוואונדען יעדער שפּאס האָט ער זיך גלייך צוזעגענט, אהן לאַנגע צערעמאָניען, און האָט צוגעזאָגט ווידער צו קומען אַרום פאר־נאַכט.

ווען ער איז שוין געהאט אוועק געגאנגען, און איך האָב נאָר וואָס געוואָלט, ווי עס פיהרט זיך אויף דער וועלט, מאכען מיינע נאָכבאמערקונגען וועגען דעם מאַן, דורך וועמענס גוטסקייט, איך האָב געוואונען די אנגענעהמסטע באקאנטשאפט, האָב איך צו מיין פארוואונדערונג אויסגעפונען, אז אלע קענען זיך איהם ניט גענוג אָפּלויבען, און אז אלע האָבען איהם באזונדערס געלויבט מיט די איבערטריבענסטע אויסדרוקען פאר זיין ענטהוזיאזמוס פאר דאָס שענע, זיין אדעליג פיין באנעמען זיך, און זיין אונאייגענניציקייט. אויך סיניאָרא פראנצעסקא, האָט איינגעשטימט אין דעם דאָזיגען לויבגעזאַנג, און דאָך האָט זי צוגעגעבען, אז זיין נאָז איז אביסעל מורא'דיג, און דערמאָנט זי תמיד אן דעם טורעם פון פּיזא.

ביים געזעגענען האָב איך זי ווידער געבעטען זי זאָל מיר טוען די טובה, איך זאָל איהר מעגען קושען דעם לינקען פוס; אויף וועלכען זי האָט מיט א שמייכעלדיגער ערענסטקייט אויסגעטאָן דעם רויטען שוך און אויך דעם זאָק; און נאָכדעם ווי איך האָב זיך אראָפּגעלאָזט אויף די קניה, האָט זי מיר דערלאַנגט דעם ווייַסען, בליהענדיגען ליליענפוס, וועלכען איך האָב אפשר פרומער

געדריקט צו די ליפּען, ווי איך וואָלט עס געווען געטאָן מיט דעם פּוס פון פּאַפּסט. ווי דאָס פאַרשטעהט זיך שוין פון זיך אַליין, בין איך אויך שוין געווען דאָס קאַמער מיידעל, און האָב צוגעהאָלפען דעם זאָק מיט דעם שוך צוריק אָנצוטאָן.

— איך בין מיט אייך צופרידען — האָט געזאָגט סיניאָרא פראַנצעסקאַ, נאָכדעם ווי איך בין פאַרטיג געווען מיט דעם עסק, ביי וועלכען איך האָב זיך ניט זעהר געאיילט, הגם אַלע צעהן פינגער זענען געווען ביי דער ארבייט — איך בין מיט אייך צופרידען. און איהר זאָלט מיר נאָך אַפּטער אָנטאָן די זאָקען. היינט האָט איהר מיר געקושט דעם לינקען פּוס, מאָרגען וועט פאַר אייך פריי זיין דער רעכטער. איבערמאָרגען וועט איהר מיר שוין מעגען קושען די לינקע האַנד, און א טאָג נאָכדעם אויך די רעכטע. פיהרט אייך נאָר גוט אויף, וועל איך אייך שפּעטער צו דערלאַנגען דאָס מויל א. אַז. וו.; איהר זעהט, איך וועל אייך גערן לאָזען אַוואַנסירען, און אַזוי ווי איהר זענט יונג, קענט איהר עס אין דער וועלט נאָך ווייט ברענגען...

און איך האָב עס ווייט געבראַכט אין דער דאָזיגער וועלט! וועגען דעם זענט איהר מיינע עדות, איהר טאָסקאַנישע נעכט, דו העל־בלויער הימעל מיט די גרויסע זילבערנע שטערן, איהר ווילדע לאָרבערער־קוסטען און באַהאַלטענע מירטען, און איהר, אָ, זומפּען פון דעם אַפּעניז, וואָס איהר האָט געשוועבט ארום אונז מיט כלה־טענץ, און צוריק גע'חלומ'ט אין יענע בעסערע געטער־צייטען. ווען עס איז נאָך ניט געווען קיין גאָטישער ליגען, וואָס ערלויבט נאָר בלינדע באַפּרידיגונגען אין דער פינסטער פאַרבאַהאַלטענער הייט און פאַרקלעפּט יעדען פרייען געפיהל מיט צבועצ'קע פייגענבלעטער.

עס איז ניט נויטיג געווען קיין באַזונדערע פייגענבלעטער: וואָרים א גאַנצער פייגענבוים, מיט פילע פאַרנאַנדער געשפּרייטע צווייגען, האָט גערוישט איבער די קעפּ פון די גליקליכע.

קאַפּיטעל VII

וואָס שמיץ זענען, דאָס ווייס מען שוין: וואָס עס איז אָבער די ליעבע, דאָס האָט נאָך קיינער ניט אַרויסגעבראַכט. עטליכע נאַטור פילאָזאָפען האָבען באַהויפּטעט, אַז דאָס איז נאָר אַ מין עלעקטריציטעט. דאָס איז מעגליך: וואָרים אין׳ם מאָמענט ווען מען פאַרליעבט זיך, פיהלען מיר, ווי אַן עלעקטרישער שטראַהל אויס דעם אויג פון דער געליעבטער, וואָלט פּלוצלונג געטראָפען אין אונזער האַרץ אַריין. אַי, די דאָזיגע בליצען טוען אָן די גרעסטע שאָדענס, און ווער עס וועט געגען זיי אויסגעפינען אַן אָפּלייטער, דעם וועל איך מעהר אַכטען ווי פראַנקלינען. וואָלטען נאָר געווען אַזעלכענע קליינע בליץ־אָפּלייטערס, וואָס מען זאָל זיי קענען טראָגען אויפ׳ן האַרץ, און ביי וועלכע עס זאָלען אויך הענגען אַזאַ וועטער־שטאַנג, וואָס זאָל קענען אָפּווענדען דאָס שרעקליכע פייער ערגיץ אַנדערש! איך האָב אָבער מורא, אַז ביי דעם קליינעם אַמאָר, קען מען ניט אַזוי לייכט אַוועק רויבען זיינע פיילען, ווי מען האָט געקענט ביי יופּיטער׳ן צורויבען זיין בליץ און ביי די טיראַנען דעם סצעפּטער. אַ חוץ דעם ווירקט ניט יעדע ליעבע ווי אַ בליץ: טייל מאָל לויערט זי ווי אַ שלאַנג אונטער רויזען, און שפּיאָנירט אויס דעם ערשטען שפּאַלט אין הערצען, כדי זיך אַהין אַריין צו כאַפּען. טייל מאָל איז עס נאָר אַ וואָרט, אַ בליק, די דערצעהלונג פון עפּיס, וואָס פאַלט אַריין אין אונזער האַרץ ווי אַ ליכטיג זאָמען־קערענדיל, ליגט דאָרטען אַ גאַנצען ווינטער, ביז עס קומט דער פריהלינג, און דאָס קליינע זאָמען־קערענדיל וואַקסט זיך פונאַנדער צו אַ פלאַמענדיגער בלום, וועמענס ריח עס פאַר׳שכור׳ט דעם קאָפּ. דיזעלביגע זון, וואָס האָט אין דעם עגיפּטישען נילוס־טאָל אויסגעבריהט די אייער פון קראָקאָדילען, קען אויך אין פּאָטסדאַם, וואָס ליגט ביי דער האַוועל, צייטיג מאַכען אין אַ יונגען הארצען די

זאַמען פון ליעבע — א חוץ דעם זענען פּאַראַן טרעהרען אין מצרים און אין פּאַטסדאַם. אבער טרעהרען זענען נאָך לאַנג ניט קיין ערקלעהרונגען — וואָס איז די ליעבע? האָט נאָך קיינער ניט דערגרונטעוועט איהר וועזען? האָט קיינער נאָך ניט אויפגעלעזט דאָס רעטעניש? אפשר וואָלט דאָס אויפלעזען געבראַכט גרעסערע יסורים ווי דאָס רעטעניש גופא, און דאָס הארץ ווערט דערפון דערשראָקען און פארשטאַרט ווי ביים אַנבליק פון דער מעדוזא. שלאַנגען דרעהען זיך ארום, ארום דעם שרעקליכען וואָרט, וואָס לעזט אויף דאָס דאָזיגע רעטעניש — אוי, איך וויל קיינמאָל ניט וויסען אָט דאָס אויפלעזונגס-וואָרט. דאָס ברענענדיגע אומגליק אין מיין הארצען איז מיר נאָך תמיד ליעבער, ווי דאָס קאַלטע פארשטארט ווערען. אוי, רעדט עס ניט ארויס, איהר געשטאָרבענע געשטאַלטען, וואָס איהר וואנדעלט דורך די רויזענגערטנער פון דער וועלט, אַהן יסורים ווי א שטיין, אבער אויך אַהן געפיהלען, ווי א שטיין. און מיט בלייכע ליפּען שמייכעלט איהר אראָפּ אויף דעם נארישען בחור, וואָס לויבט דעם דופט פון די רויזען און באַקלאָגט זיך אויף די דערנער.

ווען איך בין אבער, ליבער לעזער, ניט אימשטאַנד צו זאָגען, וואָס אייגענטליך עס איז אזוינס די ליעבע, אזוי וואָלט איך דאָך אָבער מיט אלע פּרטים געקענט דערצעהלען, ווי אזוי מען האלט זיך, און ווי אזוי איינעם איז אויפ'ן הארצען, ווען מען פארליעבט זיך אויף די אפּענינען. מען האלט זיך נעמליך ווי א נאַר. מען טאַנצט איבער בערגלעך און פעלזען און מען רעדט זיך איין, די גאַנצע וועלט טאַנצט מיט, אויפ'ן הארצען איז יענעם דערביי, ווי די וועלט וואָלט דאָס ערשט היינט באשאַפען געוואָרען. און אליין איז מען דאָס דער ערשטער מענש. אך, ווי שען איז דאָס אלץ! — האָב איך מיט פרייד אויסגערופען, ווען איך האָב פארלאָזט פראַנצעסקאַ'ס וואוינונג. ווי שען און טייער איז די דאָזיגע נייע וועלט! מיר איז געווען, ווי איך וואָלט דאָס באדאַרפט געבען נעמען צו אלע פלאַנצען און חיות. און איך האָב אלץ אָנגערופען לויט זיין אינעווייניגסטע נאַטור, און לויט מיין אייגענעם געפיהל, וואָס האָט זיך אזוי וואונדערבאר צונויפגעגאָסען מיט דער אויסערליכער

וועלט. מיין ברוסט איז געווען א קוואל פון אנטפלעקונגען, און איך האב פארשטאנען אלע פארמען און אלע געשטאלטען. דעם דופט פון די פלאנצען, דעם געזאנג פון די פייגעל, דאס פייפען פון ווינד און דאס רוישען פון די וואסערפאלען. טיילמאל האב איך אויך געהערט דאס קול פון גאט: — אדם וואו ביזטו? „דא בין איך פראנצעסקא.“ האב איך דאן אויסגערופען, „איך בעט צו דיר, ווארים איך וויים, אז דו האסט באשאפען די זון מיט דער לבנה און די שטערן און די ערד מיט אלע איהרע באשעפענישען! דאן האט עס שטיל געלאכט פון די מירטען־קוסטען, און שטילערהייד האב איך אין מיר ארייגעזיפצט: אוי, זיסע נארישקייט, פארלאז מיך ניט!

שפעטערצו, ווען עס האט זיך אנגערוקט דער פארנאכט, האט זיך ערשט אנגעהויבען אויף אן אמת דאס גליק פון דער ליעבע. די בוימער פון די בערג האבען געטאנצט מיט שווערע קעפ, וואס זענען פון דער אונטערגעהענדיגער זון געווען באשטראהלט אזוי רויט, ווי זיי וואלטען שכור געווארען פון זייערע אייגענע וויינטרויבען. אונטען האט דער טייך זיך האסטיגער א לאז געטאן, און גערוישט פול מיט מורא, גלייך ווי ער וואלט זיך נעשראקען, אז די ענטציקט בארוישטע בערג זאלען ניט אומפאלען. דערביי האבען זיך פון ווייטענס געזעהן אזוינע ליעבליכע בליצען. ווי ליכטיגע קושען. — יא, האב איך אויסגערופען, — דער לאכענדיגער הימעל קושט די געליעבטע ערד... א, פראנצעסקא, שענער הימעל, לאז מיך זיין דיין ערד! איך בין אזוי אין גאנצען ערדיש, און איך געה אזוי אוים נאך דיר, מיין הימעל! — אזוי האב איך אויסגערופען און בעטענדיג אויסגעשטרעקט מיינע הענד, און בין מיט'ן קאפ ארייגעפאהרען ניט אין איין בוים, וועלכען איך האב דערנאך ארומגענומען, אנשטאט וואס איך האב איהם געזאלט שעלטען. און מיין נשמה האט אויסגעשריען פול מיט פרייד, שכור פון ליעבע, — און פלוצלינג האב איך דערזעהן א גלאנצענדיגע שארלאך־געשטאלט, וואס האט מיך מיט געוואלד ארויסגעריסען פון אלע מיינע חלומות, און מיך צוריק געבראכט צו דער קיהלסטער ווירקליכקייט.

קאפיטעל VIII.

אויף א גראז בערגיל אונטער א ברייטען לארבעער־בוים איז זיך געזעסען היאצינטהאס, דער דיענער פון מארקיז, און לעבען איהם אפאלא, זיין הונד. דער הונד איז גיכער געשטאנען, וואר־רים זיינע פאדערשטע לאפקעס האט ער געהאט ארויפגעלעגט אויף דער שארלאך־קניה פון דעם קליינעם מענשעלע, און זיך נייגעריג צוגעקוקט, ווי אט דאס מענשעלע האלט אין האנד א טאבליצע, אלע ווייֿלע שרייבט ער עפּיס דארויף, שמייכעלט פאר זיך אר־מעטיג, שאקעלט מיט'ן קעפּיל, זיפצט אפ טיעף און פערטאן ריי־ניגט ער זיך מיט הנאה די נאז.

— הירש היאצינט! — וואס, צו אלדי גוטע יאהר — האב איך איהם אקעגען גערופען — מאכסט אזעלכענע גרימאסען? נו, די סמנים זענען אלע גינסטיגע. אפאלא שטעהט דיר ביי דער זייט און דער לארבער הענגט שוין איבער דיין קאפּ.

אבער איך האב דעם ארימען מענשען געטאן אן אומרעכט. פול מיט ליעבע האט ער געענטפערט: — גערדיכטען? ניין, איך בין א פריינד פון גערדיכטען, אבער שרייבען שרייב איך זיי ניט. וואס זאל איך שרייבען? אז איך האב דא גאר ניט געהאט וואס צו טון. האב איך מיך פון הנאה וועגען געמאכט א ליסט פון אלע יענע נעמען פון פריינד, וואס האבען אמאל גע־שפּיעלט אויף מיינע לאטעריע צעטלען. עטליכע פון זיי זענען מיר נאך אפילו עפּיס שולדיג — מיינט אבער ניט, הער דאקטאר, אז איך וויל אייך מאהנען — ס'איז נאך דא צייט, איהר זענט מיר גוט. וואלט איהר נאר דאס לעצטע מאל געוועזן געשפּיעלט 1365 אנשטאט 1364, אזוי וואלט איהר איצטער געוועזן א מאן מיט הונדערט טויזענד מארק מזומנים, און איהר וואלט ניט באדארפט

דאַ ארום צו לויפען. איהר וואָלט אייך געקענט רוהיג זיצען אין האמבורג, רוהיג און בהרחבה, און איהר וואָלט געקענט ליגען אויף דער זאָפאַ און זיך לאָזען דערצעהלען, ווי עס זעהט אויס אין אי־טאַליען. זאָל מיר שוין אזוי גאָט העלפען! איך וואָלט אָהער ניט געפאָהרען, ווען ניט צוליעב דעם הער גומפעל. אוי, ווי פיעל היץ און געפאהר און מיעדקייט מוז איך דאָ אויסשטעהן, און וואו עס איז נאָר ערגיץ אן איבערשפּאַנונג אָדער אַ שווערמע־ריי, איז אויך דער הער גומפּעל דערביי און איך מוז אַלץ מיטמאַ־כען. איך וואָלט שוין געווען לאַנג פון איהם אוועק געגאַנגען, ווען ער זאָל זיך נאָר קענען באַגעהען אָהן מיר. וואָרים ווער וועט דער־נאָך דערצעהלען אין דער היים וויפיעל כבוד און בילדונג ער האָט געגאָסען אין דער פרעמד? און זאָל איך זאָגען דעם אמת, איך אַליין הויב אויך אַן אַ סך צו לייגען אויף בילדונג. אין האמבורג דאַרף איך זי, אַ דאנק גאָט, ניט האָבען; אָבער מען קען ניט ווי־סען. עס טרעפט, מען קומט אמאָל אין אַנ׳אַנדער אָרט. היינט איז אַ גאַנץ אַנדערע וועלט. און מען האָט רעכט: אזוי זיך אַביסעל בילדונג ציערט דעם גאַנצען מענשען. היינט דער כבוד וואָס מען האָט דערפון! ליידי מעקספיעלד למשל, ווי פיין זי האָט מיך היינט אין דערפריה אויפגענומען און האָנאָרירט! אקוראט ווי איהרס גלייכען, און זי האָט מיר געגעבען טרינק־געלד אַ פראַנצעסקאַני, כאָטש די בלום האָט אין גאַנצען געקאָסט פינף פּאַאָלי. אַ חוץ דעם איז דאָך גלאַט אַ פאַרגעניגען, ווען מען האָט אין דער האַנד דעם קליינעם, ווייסען פוס פון אַ דאַמע.

איך בין ניט ווייניג געווען געטראָפען פון דער לעצטער באַ־מערקונג, און האָב גלייך אַ טראַכט געטאָן: איז דאָס אַ שטאָכ־וואָרט? ווי אזוי האָט זיך אָבער דער לומפּ שוין דערוואוסט פון דעם גליק, וואָס מיך האָט באַגעגענט אָט ערשט. אין דעם טאָג, און אין דער זעלביגער צייט, ווען ער איז געווען פונקט אויף דער אַנדערער זייט פון בארג? איז אפשר דאָרטען געווען עפּיס אַן עהנ־ליכע סצענע? און האָט זיך ניט דערביי אַנטפּלעקט די איראָניע פון דעם גרויסען דיכטער פון דער וועלט־ביהנע דאָרט אויבען. וואָס האָט אפשר געלאָזט אויפפיהרען צום פאַרגעניגען פון די הימלישע

הערשאַפטען, נאָכטוויזענדער אַזעלכענע סצענעס, וואָס האָבען זיך גלייכצייטיג איינע דער אַנדערער פּאַראַדירט? און דאָך זענען ביידע השערות געוועזן ניט באַגרינדעט, וואָרים נאָך אַ סך איבערגעחזר'טע פראַגען, און נאָכדעם ווי איך האָב איהם צוגעזאָגט, איך וועל דעם מאַרקיז גאָר ניט דערצעהלען, האָט ער זיך פאַר מיר מודה געווען, אַז לוידי מעקספיעלד איז נאָך געלעגען אין בעט, ווען ער האָט איהר איבערגעגעבען די טולפּע;* אין דעם זעלבינען אויגענבליק וואָס ער האָט געוואָלט האַלטען די שענע רעדע, האָט זיך איינער פון איהרע פיס באַוויזען אַ נאַקעטער, און אַזוי ווי ער האָט באַמערקט אויף איהם היהנער אויגען, האָט ער גלייך געבעטען די ערלויבניש, זיי אויסצושניידען. אַ זאַך וואָס איז ערלויבט געוואָרען און איז דערנאָך באַלוינט געוואָרען, מען האָט איהם דאָס ערלויבט און באַלוינט מיט אַ פראַנצעסקאַני און אין איין וועג שוין אויך פאַר דעם איבערגעבען די טולפּע.

— עס געהט מיר אָבער אַלץ נאָר אין דעם כבוד — האָט היאַצינט צוגעגעבען — און דאָס האָב איך אויך געזאָגט דעם באַראָן ראָטשילד, ווען איך האָב געהאַט די עהרע איהם די היהנער־אויגען אויסצושניידען. דאָס איז געשעהן אין זיין קאַבינעט; ער איז דערביי געזעסען אויף זיין גרינעם שטוהל, ווי אויף אַ טראָן, האָט גערעדט ווי אַ קעניג, און אַרום איהם זענען געשטאַנען זיינע קאָרטיערס און ער האָט געגעבען אָרדערס, און געשיקט שטאַפעטען צו אַלע קעניגע, און ווי איך האָב איהם פאַר דער צייט, אַזוי גענ־שניטען די היהנער־אויגען, האָב איך מיר געטראַכט אין האַרצען: דו האָסט איצטער אין דער האַנד דעם פוס פון דעם מאַן, וואָס ער אַליין האַלט איצטער אין זיינע הענד די גאַנצע וועלט, דו ביזט איצטער אויך אַ וויכטיגער מענש; ווען דו זאָלסט איהם דאָ אונטען אביסעל צו שאַרף אריינשניידען, ווערט ער אין כעס און שניידט אויבען די גרעסטע קעניגע, נאָך ערגער — דאָס איז געווען דער גליקליכסטער מאָמענט פון מיין לעבען!

— איך קען מיר פאָרשטעלען דעם דאָזיגען שענעם געפיהל, הער היאַצינט, וועלכען אָבער פון דער ראָטשילד'שער דינאַסטיע, האָסטו אויף אַזאַ שטייגער אַמפּוטירט? איז עס אפשר געווען דער

הויכהארציגער ענגלענדער, דער מאן אין לאמבארד סטריט, וואס האט געעפענט א לייה־קאסע פאר קיסרים און מלכים?

— פארשטעהט זיך, הער דאקטאר, איך מיין דעם גרויסען ראטשילד, דעם גרויסען נתן ראטשילד, נתן דעם חכם, ביי וועמען דער קייזער פון בראזיליען האט פארזעצט זיין קרוין. אבער איך האב אויך געהאט דעם כבוד צו קענען דעם באראן סאלאמאן ראטשילד פון פראנקפורט, און הגם איך האב זיך ניט געקענט דערפרעהען מיט זיין אינטימען פוס, האט ער דאך געוואוסט ווי אזוי מיך צו שעצען. ווען דער הער מארקיז האט איהם געזאגט, אז איך בין אמאל געווען א לאטאריע קאלעקטאר, האט דער באראן געזאגט זעהר וויציג: איך בין דאך אליין עפּים עהנליכעס, איך בין דאך דער אויבערקאלעקטאר פון דער ראטשילדישער הויז, און מיין קאלעגע דארף בשום אופן ניט עסען מיט דעם באדיענטען, ער זאל זיצען ביים טיש לעבען מיר, — און זאל מיר אזוי גאט געבען אלדאס גוטס, הער דאקטאר, איך בין געזעסען לעבען סאלאמאן ראטשילד און ער האט מיך באהאנדעלט אין גאנצען ווי זיינס גלייכען, גאנץ פאמיליאנאר. איך בין אויך געווען ביי איהם אויף דעם באריהמטען קינדערבאל, וועלכער איז געווען באשריעבען אין די צייטונגען. אזוי פיעל פראכט, וועל איך שוין אין מיין גאנצען לעבען ניט קריגען צו זעהן. איך בין דאך אין האמבורג אויך געווען אויף א באל, וואס האט געקאסט 1500 מארק און אכט שילינג. אבער דאס איז דאך נאר געווען ווי א היהנער דרעקעלע אקעגען א מיסטהויפען. וויפיעל גאלד און זילבער און דימענטען איך האב דאס דארט געזעהן! וויפיעל שטערן און ארדענס! דעם „פאלקען־ארדען“, דאס „גאלדענע פליעס“, דעם „לייבען ארדען“, דעם „אדלער־ארדען“ — אפילו א גאנץ קליין קינד, איך זאג אייך, א גאנץ קליין קינד — האט געטראגען אן עלעפאנטען ארדען. די קינדער זענען געווען זעהר שען מאסקירט און האבען געשפיעלט אין הלואות. און זענען געגאנגען אנגעטאן ווי די מלכים, מיט קרוינען אויף די קעפּ. א גרויסער יונג אבער איז געגאנגען אנגעטאן אקוראט ווי דער אלטער נתן ראטשילד. ער האט דאס געמאכט זעהר גוט. האט געהאלטען ביידע

הענד אין די הויזען קעשענעס, האָט געקלונגען מיט געלד, האָט פאַרדראָסיג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, ווען איינער פון די קליינע קעניגע האָט זיך געוואָלט באָרגען געלד, און נאָר דעם קליינעם מיט דעם ווייסען מאַנטעל און די רויטע הויזען האָט ער פריינדליך גע־גלעט איבער די באַקען און איהם געגלויבט: דו ביזט מיין פּלעזיר, מיין ליעבלינג, מיין בּראַכט, אבער דיין פעטער מיכעל זאָל צו מיר ניט צוטרעטען. אַט דעם נאָר וועל איך גאָר ניט אנטלייהען. וואָרים ער גיט אויס מעהר מענשען יעדען טאָג, וויפיעל ער האָט צו פאַר־צעהרען אין א יאָהר. דורך איהם וועט נאָך קומען אן אומגליק אויף דער וועלט, און מיין געשעפט וועט דאַרונטער ליידען. אזוי זאָל מיר גאָט געבען אַלדאָס גוטס, דער יונג האָט זיין זאַך געמאַכט גוט, באַזונדערס ווען ער האָט אונטערגעהאָלפען ביים געהען דעם די־קען קינד, אין ווייסען אטלאָס, וואָס איז געוועזען איינגעוויקעלט מיט אמת'דיג זילבערנע ליליען און צו איהם געזאָגט: נאַ, נאַ, דו, דו, פיהר דיך נאָר גוט אויף. דערנעהר דיך ווי עס דאַרף צו זיין. זעה, אז דו זאָלסט ניט ווידער אַמאָל אוועקגעיאָגט ווערען, וועל איך ניט פאַרלירען מיין געלד. איך זאָג דאָך אייך, הער דאָקטאָר, עס איז געווען א פאַרגעניגען דעם יונג צו הערען. און אויב די אַנדערע קינדער, לויטער ליעבע קינדער, האָבען זייער זאַך זעהר גוט גע־שפּיעלט — ביז מען האָט זיי געבראַכט קוכען, און זיי האָבען זיך גענומען אַרומרייסען פאַר דעם בעסטען שטיק, און זיך געריסען די קרוינען פון די קעפּ, און געשריען און געוויינט, און אַנדערע האָ־בען זיך אפילו — — —

קאפיטעל IX.

עס איז ניט פאראן קיין לאנגווייליגערע זאך אויף דער וועלט, ווי דאס לעזען אן איטאליענישע רייזע־באשרייבונג — סאידען אפשר דאס שרייבען פון איהר — און נאר דורך דעם קען עס דער מחבר ווי ניט איז מאכען אביסעל ערטרעגליך, ווען ער רעדט אין איהר פון איטאליען אזוי וויניג ווי עס איז נאר מעגליך. טראצדעם וואס איך באנוץ זיך מיט דעם דאזיגען קונצשטיק זעהר גוט, קען איך דיר, ליעבער לעזער, ניט צוזאגען קיין סך אונטערהאלטונג אין די קומענדיגע קאפיטלען. און טאמער וועסטו זיך לאנגווייליגען ביי די לאנגווייליגע זאכען. וואס וועט אין זיי פארקומען, טרייסט זשע דיך מיט דעם, אז איך מוז גאר אט די לאנגווייליקייטען שרייבען. איך ראט דיר, דא און דארטען היפ איבער עטליכע זייטלעך, וועסטו דעמאלט מיט'ן בוך שנעלער פארטיג ווערען—אך, איך וואלט מיר געוואונשען, אז איך זאל דאס אויך האבען געקענט! מיין נאר ניט, אז איך שפאס; ווען איך זאל דיר גאנץ ערענסט צוגעבען מיין אמת'ע מיינונג וועגען אט דעם בוך, וואלט איך דיר ראטען, שוין איצטער עס צוצומאכען, און גאר ניט ווייטער צו לייענען דעריין. אן אנדער מאל וועל איך פאר דיר שרייבען עפיס בעסערס, און ווען מיר וועלען אין דעם קומענדען בוך, אין דער שטאדט לוקא, זיך ווידער צוזאמענטרעפען מיט מאטהילדע און פראנצעסקא, וועלען דיר די ליעבע בילדער הארציגער געפעלען, ווי דאס איצטיגע און אפשר אויך די איבעריגע.

א דאנק גאט! פאר מיין פענסטער צושפיעלט זיך א קאטערינקע מיט לוסטיגע מעלאדיען! מיין טריבער קאפ דארף האבען אזא אויפהייטערונג, באזונדערס ווייל איך באדארף איצטער באשרייבען מיין באזוך ביי זיין עקסצעלענץ, דעם מארקיז קריסטאפארא די גומפעלינא. איך וויל די דאזיגע ריהרענדע געשיכטע אי־

בערגעבען גאַנץ גענוי, ווערטליך געטריי, אין איהר שמוציגסטער ריינקייט.

עס איז שוין געווען שפּעט, ווען איך בין אַנגעקומען צו דער וואוינונג פון מארקיז. ווען איך בין אריין אין צימער, איז היאַ־צינט געשטאַנען אליין און געפּוצט די גאָלדענע שפּאָרען פון זיין באַלעבאָס, ווצלכער, ווי איך האָב עס געקענט זעהן דורך דער האלב געעפענטער טיר פון זיין שלאָפצימער, איז געלעגען אויף די קניה פאר א מאַדאָנא און פאר אַ גרויסען קרוציפיקס.

וואָרים דאָס מוזטו וויסען, ליעבער לעזער, אז דער מארקיז, אַט דער פאַרנעהמער מאַן, איז איצטער א גוטער קאטויליק. אז ער פיהרט שטרענג אוים די צערעמאָניען פון דער אליין באקגליקענדער קירך, און ווען ער איז אין רוים, האלט ער זאָגאר אוים פאר זיך עטליכע אייגענע קאפּליצעס, אוים דער זעלביגער סבה, פאַרוואָס ער האלט אוים אין לאָנדאָן דאָס בעסט רייס־פערד און אין פאריז די שעהנסטע טענצערין.

— הער גומפּעל טוט איצט תפילה — האָט מיר שטיל אַ זאָג געטאָן היאצינט, מיט א וויכטיגען שמייכעלע. און נאָכדעם ווי ער האָט מיר אָנגעוויזען אויף דעם קאבינעט פון זיין באַלעבאָס, האָט ער נאָך צוגעגעבען — אזוי ליגט ער אלע אָבענד צוויי שעה אויף די קניה פאר דער פּרימאַ־דאָנאַ מיט דעם יעזוס קינד. דאָס איז אַ פּראַכטיג בילד און עס האָט איהם געקאָסט זעקס הונדערט פראנצעסקאַנים.

— און איהר, הער היאצינט, פאַרוואָס קניהט איהר ניט הינ־טער איהם? אָדער זענט איהר אפשר ניט קיין פריינד פון דער קאַטוילישער רעליגיאָן?

— איך בין יאָ אַ פריינד פון איהר, און ניט קיין פריינד— האָט יענער געענטפערט שאָקלענדיג פאַרטראַכט מיט'ן קאָפּ. דאָס איז א גוטע רעליגיאָן פאר אַ חשוב'ען באַראָן, וואָס קען דעם גאַנ־צען טאָג ארום געהן ליידיג, און פאר א קונסט־קענער; עס איז אָבער ניט קיין רעליגיאָן פאר א האמבורגער, פאר א מאַן וואָס האָט זיך זיין געשעפט. ווער רעדט פאר א לאָטעריע קאָלעקטאר איז. דאָס אודאי ניט קיין רעליגיאָן. איך מוז יעדע נומער, וואָס ווערט גע־

צוויגען פארשרייבען אקוראט, און פארטראכט איך זיך דעמאָלט צו־פעליג וועגען בום! בום! בום! וועגען א קאטוילישען גלאָק, אָדער שוויבעלט עס מיר פאר די אויגען ווי קאטוילישער ווייהרויך, פאר־שרייב איך מיך. און שרייב איך א ניט ריכטיגע צאָהל, קען חלילה דערפון ארויסקומען דאָס גרעסטע אומגליק. איך פלעג אָפט זאָגען צו הער גומפעל: אייער עקסצעלענץ איז רייך, און קען זיך פאר־גינען צו זיין קאטוליש, וויפיל איהר ווילט, און איהר קענט אייך דעם שכל לאָזען איינרייכערן קאטויליש און קענט ווערען דום ווי א קאטוילישער גלאָק, און איהר וועט דאָך האָבען וואָס צו עסען; איך אָבער בין א געשעפטסמענש, און מוז מיינע זיבען חושים צוזאַ־מענהאלטען, כדי עפּיס צו קענען פארדיענען. הער גומפעל וויל אפילו זאָגען, אז דאָס איז נויטיג פאר דער בילדונג. איך וועל ניט פארשטעהן ניט יאהאן פאָן פיהעזיל, ניט דעם קאָרעטשיאָ, דעם קארעטשיאָ, דעם קאראוואטשיאָ — אָבער איך האָב מיר אלע מאָל געטראכט דער קאָרעטשיאָ און קאָרעטשוא, און קאָ־ראוואטשיאָ, וועלען מיר אלע גאָר ניט קענען העלפען, ווען קיינער וועט ביי מיר מעהר ניט שפּיעלען און דעמאָלט וועל איך אריינפאַ־לען אין דער פאטשיאָ. דערביי מוז איך זיך מודה זיין פאר אייך, הער דאָקטאָר, אז די קאטוילישע רעליגיאָן פארשאפט מיר צומאָל ניט קיין פארגעניגען, און אלס א פארשטענדיגער מענש מוזט איהר מיר געבען גערעכט. איך זעה ניט איין דעם שכל. דאָס איז א רעליגיאָן, גלייך ווי דער ליעבער גאָט, זאָל גאָט היטען, וואָלט נאָר וואָס געהאט געשטאָרבען. און עס שמעקט דערביי פון ווייה־רויך, ווי ביי א לויה, און דערביי ברומט אזא טרויעריגע באגרעבע־ניש־מוזיק, אז מען באקומט די מעלאנכאָליק — איך זאָג אייך, דאָס איז ניט קיין רעליגיאָן פאר קיין האמבורגער.

— אָבער הער היאצינט, ווי זשע געפעלט אייך די פּראָטעס־טאנטישע רעליגיאָן?

— די איז מיר שוין ווידער צו שכל׳דיג, הער דאָקטאָר. און וואָלט אין דער פּראָטעסטאנטישער קירך ניט געווען קיין אָרגעל, וואָלט זי גאָר ניט געווען קיין רעליגיאָן. צווישען אונז גערעדט: אָט די רעליגיאָן שאדט גאָר ניט, און איז אזוי ריין ווי א גלאָז וואסער,

אבער זי העלפט אויך גאר ניט. איך האב זי אויסגעפּרואווט, און דער־פּרואוו קאסט מיך פיער מארק מיט פערצעהן שילינג —

— זוי אזוי, מיין ליעבער הער היאַצינט?

— זעהט איהר, הער דאָקטאָר, איך האב מיר געטראַכט: דאָס איז אמת׳דיג א זעהר אויפגעקלעהרטע רעליגיאָן און עס פעהלט איהר שווערמעריי און מופתים; און דאך אביסעל שווער־מעריי מוז זי דאך האבען, א גאנץ קליין מופת׳ל דארף זי דאך קענען באוויייזען, ווען זי וויל זיך אויסגעבען פאר אן אנשטענדיגע רעליגיאָן. אבער ווער זאל דא באוויייזען מופתים? האב איך גע־טראַכט, ווען איך האב אמאל אין האמבורג באקוקט א פּראָטעס־טאנטישע קירך, וואס האט געהערט צו דעם גאנץ הוילען מין, וואו ס׳איז ניטא מעהר ווי ברוינע בענק און ווייסע ווענט, און אויף דער וואנד הענגט ניט מעהר ווי א שווארץ טעוועלע, אויף וועלכען עס שטעהען א האלב טוץ ווייסע ציפערן. דו טוסט אפשר דער דאזיגער רעליגיאָן אן אומרעכט, האב איך מיר ווידער געטראַכט, אפשר קע־נען די דאזיגע ציפערן באווייזען פונקט אזעלכע וואונדער ווי א בילד פון גאטס מאמע, אדער ווי א ביין פון איהר מאן, דעם היי־ליגען יוסף. און כדי די זאך אויסצוגעפינען, בין איך מיר גלייך געגאנגען קיין אלטאָנא, און האב טאקי די דאזיגע נומערן בא־זעצט אויף דער לאָטעריע. די אמבע האב איך באזעצט מיט אכט שילינג. די טערנע מיט זעקס, די קוואטערנע מיט פיער, און די קווינטערנע מיט צוויי שילינג — אבער איך פארזיכער אייך ביי מיין עהרע, אז קיין איינציגער פון די פּראָטעסטאנטישע נומערן איז ניט ארויסגעקומען. איצטער האב איך געוואוסט, וואס איך האב צו טראַכטען. איצטער האב איך מיר געטראַכט: בלייבט מיר וועניגער איין רעליגיאָן, וואס קען גאר ניט, און ביי וועלכער עס קומט ניט ארוים אפילו קיין אמבע — וועל איך זיין אזא נאר, און אויף דער רעליגיאָן וואס איך האב איינגעשטעלט פיער מארק מיט פערצעהן שילינג און פארלוירען, צו געהען איינשטעלען מיין גאנצע עולם־הבא?

— הפנים, אז די אלטע אידישע רעליגיאָן זעהט אייך געווים אוים פיעל צוועקמעסיגער?

— הער דאָקטאָר, הערט מיר אויף מיט דער אַלט־אידישער רעליגיאָן. זי ווינש איך ניט מיין ערגסטען שונא. פון איהר האָט מען ניט מעהר ווי שאנד און שפּאָט. איך זאָג אייך, אַז זי איז גאָר קיין רעליגיאָן ניט, נאָר אַן אומגליק. איך מייד אויס אלץ וואָס קען מיך אָן איהר דערמאָנען. און ווייל „הירש" איז א אידיש וואָרט און אויף דייטש הייסט עס היאַצינט, האָב איך מיר אפילו דעם אלטען הירש געלאָזט לויפען און איצטער שרייב איך זיך אונטער: היאַצינט, קאָלעקטאָר, אפּעראַטאָר און טאַקסטאַטאָר. דערצו האָב איך נאָך די מעלה, וואָס אויף מיין שטעמפּעל שטעהט שוין א „ה". און איך דאַרף מיר ניט לאָזען אויסקריצען קיין נייעם. איך זאָג אייך, עס האָט א סך צו זאָגען אויף דער וועלט ווי מען הייסט; דער נאָמען טוט אויף א סך. ווען איך שרייב זיך אונטער: „היאַ־צינט, קאָלעקטאָר אַפּעראַטאָר און טאַקסטאַטאָר," קלינגט דאָך דאָס גאַנץ אנדערש, ווי איך וואָלט געשריעבען גלאַט הירש, און מען קען מיך דאַן ניט באַהאַנדלען מעהר ווי א געוועהנליכען לומפּ.

— מיין ליעבער הער היאַצינט: ווער וואָלט דען אייך גע־קענט אזוי באַהאַנדלען! עס זעהט אויס, אַז איהר האָט שוין גע־מוזט טון אזוי פיעל פאַר אייער בילדונג, אַז מען דערקענט שוין אָן אייך דעם געבילדעטען מאַן, נאָך איידער איהר עפענט אויף דאָס מויל צו ריידען.

— איהר האָט רעכט, הער דאָקטאָר. איך האָב אין דער ביל־דונג געמאַכט אזוינע פאָרטשריט ווי א ריעזין. איך ווייס ווירקליך ניט, ווען איך וועל זיך צוריקקעהרען קיין האַמבורג, מיט וועמען איך זאָל זיך דאָרט חבר'ן; און וואָס אַנבעלאַנגט די רעליגיאָן, ווייס איך שוין יאָ, וואָס איך וועל טוען. פאַר דער האַנד אבער קען איך מיר נאָך אַרויסהעלפען מיט דעם נייעם איזראַעליטישען טעמ־פּעל; איך מיין דעם ריינעם מאָזאַיק־גאָטעסדינסט מיט אָרטהאָ־גראַפישע געזאַנגען און גערידהרטע דרשות און עטליכע אבערגלויי־בעלעך, וואָס א רעליגיאָן מוז האָבען. זאָל מיר אזוי גאָט געבען אַל־דאָס גוטס, פאַר מיר איז איצטער ניטאָ קיין בעסערע רעליגיאָן, און זי פאַרדיענט, אַז מען זאָל זי אונטערשטיצען. איך וועל טון דאָס מיי־

ניגע און בין איך נאָר ווידער אין האמבורג, אזוי געה איך מיר יערען שבת, ווען ס'וועט נאָר ניט זיין קיין ציהונג, אין דעם נייעם רעליגיאָנס-טעמפעל. עס זענען ליידער פאראנען מענשען, וואָס מאכען אַט דעם נייעם איזראַעליטישען גאָטעס דיענסט א שלעכטען נאָמען, און באהויפּטען, אז זי גיט, מיט רעספּעקט צו זאָגען, א געלעגענהייט צו דער שמד — אבער איך קען אייך פאַרזיכערן, אז דאָס איז א גוטע, ריינליכע רעליגיאָן, נאָך אביסעלע צו גוט פאר דעם אָרימאַן, פאַר וועמען די אַלט-אידישע רעליגיאָן איז נאָך אפשר אַלץ זעהר נוצליך. דער אָרימאַן מוז האָבען א נאַרישקייט אין וועלכער ער פיהלט זיך גליקליך, און ער פיהלט זיך גליקליך אין זיין נארישקייט. אַט אזא אַלטער איד, מיט א לאַנגער באָרד און צוריסענע קאַפּאָטע, און וואָס קען ניט רעדען קיין איין אָרטהאָגראַפיש וואָרט, און איז נאָך אפשר אביסעל פארכעוואטע, פיהלט זיך אפשר אינערליך גליקליכער ווי איך מיט מיין גאַנצער בילדונג. וואוינט זיך דאָרטען אין האמבורג אין א הייזעל אויף דער ברייטער בעקער גאַס, א מאַן, וואָס הייסט משה לומפּ, מען רופט איהם אויך משה לומפּעל, אָדער גלאַט לומפּעל; אַט דער לומפּעל לויפט ארום די גאַנצע וואָך מיט'ן פּאַק אויפ'ן רוקען, כדי צו פאַרדיענען זיינע פּאָר מארק; און פון דעסטוועגען קומט ער אהיים פרייטאָג צו נאַכט, געפינט ער די מנורה מיט די זיבען ליכט אָנגעצונדען, דעם טיש וויים געדעקט, און ער לעגט אוועק זיינע פּעק מיט דאגות, זעצט זיך צום טיש מיט זיין קרומער פרוי און נאָך קרומערער טאָכטער, עסט מיט זיי פיש, וואָס זענען געקאָכט אין דער פיינער, ווייסער קנאָבעל זופּ, זינגט דערביי די פּראַכטיגע זמירות פון דוד המלך, פרעהט זיך מיט'ן גאַנצען הארצען איבער דעם, וואָס די קינדער ישראל זענען ארויס פון מצרים, פרעהט זיך אויך, וואָס די רשעים, וועלכע האָבען די אידען שלעכטס געטאָן, האָבען געהאט א שווארצען סוף, דאָס וואָס פּרעה, נבוכדנצר, המן, אַנטיוכוס, טיטוס און אַלע די לייט זענען טויט, און אז ער אבער לומפּעל לעבט נאָך און עסט זיך פיש מיט זיין ווייב און קינד — און איך זאָג אייך, הער דאָקטאָר, די פיש זענען דעליקאַט, און דער מענש איז גליקליך. ער דאַרף זיך ניט צו פּייניגען מיט קיין

בילדונג, ער זיצט זיך מיט הנאה אין זיין רעליגיאָן און אין זיין גרינעם שלאָף־ראָק, ווי דיאָגענעס אין זיין פאַס. ער באַטראַכט מיט הנאה זיינע ליכט, וואָס ער אַליין שנויצט זיי אַפילו ניט — און איך זאָג אייך, ווען עס זאָל זיך מאַכן די ליכט זאָלן ברענען אַביסעל מאַט, און די שבת־גויה, וואָס האָט זיי צו שנויצן, איז גראָד ניטאָ ביי דער האַנד, און עס מאַכט זיך גראָד, אַז ראָטשילד דער גרויסער קומט אַריין מיט אַלע זיינע מעקלער, דיסקאָנטאָרן, ספּעדיטאָרען און קאָנטאָר שעפס, מיט וועלכע ער נעמט איין די וועלט, און ער זאָגט: — משה לומפּ, בעט דיר עפּיס אויס; וואָס דו ווילסט האָבן, וועט געשעהן — הער דאָקטאָר, איך בין איבערצייגט, משה לומפּ וועט רוהיג ענטפערן: „שנויץ מיר די ליכט!" און ראָטשילד דער גרויסער, וואָלט זאָגן מיט פאַרוואונדערונג: וואָלט איך ניט געווען ראָטשילד, וואָלט איך וועלען זיין אַ לומפּעל!

בשעת היאַצינט האָט אויף אַזאַ אופן, עפּיש־ברייט, לויט זיין טבע, ענטוויקעלט זיינע אַנזיכטען, האָט זיך דער מאַרקיז אויפגעהויבען פון זיין תפלה־קישען און איז צו אונז צוגעקומען, נאָך אַלץ מורמעלדיג אונטער דער נאָז עטליכע תפלות. היאַצינט האָט איצטער מיט אַ וואוּל איבערגעצויגענע דאָס מאַדאָנענבילד וואָס האָט געהאָנגען איבער דעם בעט, האָט אויסגעלאָשעןביידע וואַקסענע ליכט, וואָס האָבען פאַר דעם בילד געברענט, האָט אַרונטערגענומען דעם קופּערנעם קרוציפיקס, איז דערמיט צוריקגעקומען צו אונז, און האָט עס געפּוצט מיט דער זעלביגער שמאַטע און מיט דער זעלביגער שפּייענדיגער געוויסענהאַפטיגקייט, מיט וועלכער ער האָט נאָר וואָס געהאַט געפּוצט די שפּאָרן פון זיין באַלעבאָס. דער באַלעבאָס אַבער איז געווען ווי צושמאָלצען אין היץ און ווייכע שטימונג; אַנשטאָט אַן אויבערקלייד, האָט ער געטראָגען אַ ברייטען, בלוי־זיידענעם דאָמינאָ מיט זילבערנע פראַנזען, און זיין נאָז האָט געשעמערירט אומעטיג, ווי אַ פאַרליבטער לואיס׳דאָר. — אָ, יעזוס! — האָט ער געזיפצט, ווען ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויפ׳ן קישען פון זאָפאַ — דענקט איהר, ניט, הער דאָקטאָר, אַז איך האָב היינט אויסגעזעהן זעהר שווערמעריש? איך בין זעהר גע־

ריהרט. מיין געמיט איז אויפגעלעזט, איך דערשפּיר אַ העכערע וועלט.

דאָס אויג עס זעהט דעם הימעל אָפען,
דאָס האַרץ צוגעהט אין זעליקייט!

— הער גומפּעל, איהר דאַרפט איינעמען — האָט היאַצינט איבערגעהאַקט די פּאַטהעטישע דעקלאַמאַציאָן — דאָס בלוט אין אייערע אינגעווייד איז ווידער שווינדעלדיג, איך וויים, וואָס אייך פעהלט.

— דו ווייסט ניט, — האָט געזיפצט דער באַלעבאָס.

— איך זאָג אייך, איך וויים — האָט געענטפערט דער דיע־נער, און גוטמוטיג געשאָקעלט מיט זיין ריהרעוודיגען פּנים'ל — איך קען אייך אין גאַנצען, דורך און דורך. איך וויים איהר זענט אין גאַנצען דער היפּוך פון מיר; ווען איהר זייט דורשטיג, בין איך הונגעריג, ווען איהר זענט הונגעריג, בין איך דורשטיג; איהר זענט צו פעט און איך בין צו מאָגער. איהר האָט מעהר איינבילדונג, און איך האָב דערפאַר אַ חוש פאַר געשעפטען. איך בין אַ פּראַקטיקוס און איהר זענט אַ דיאַררעטיקום. קורץ און גוט, איהר זענט אין גאַנ־צען מיין אַנטיפּאָדעקס.

— אַך, יוליאַ! — האָט געזיפצט גומפּעלינאָ — הלואי וואָלט געוועזן די געלע לעדערנע הענטשקע אויף דיין האַנד און איך וואָלט געקושט דיין באַק! האָט איהר הער דאָקטאָר אַמאָל געזעהן די ערעלינגער אין ראַמעאָ און יוליאַ?

— אודאי, און מיין גאַנצער נשמה איז דאָך דערפון ענט־ציקט —

— אויב אַזוי — האָט דער מאַרקיז אויסגערופען באַגייסטערט. און פייער האָט געשאָסען פון זיינע אויגען און באַלויכטען זיין נאָז — אויב אַזוי פאַרשטעהט איהר מיך, אויב אַזוי, ווייסט איהר, וואָס עס הייסט, ווען איך וועל אייך זאָגען: איך האָב ליעב! איך וויל מיך פאַר אייך אין גאַנצען אויפדעקען. זיי מוחל היאַצינט און געה אַרויס —

— איך דאַרף גאָר ניט אַרויס געהן — האָט היאַצינט געזאָגט

מיט פארדראָס — איהר דארפט זיך פאר מיר ניט צו זשעניערען, איך קען אויך די ליעבע, און ווייס שוין —

— דו ווייסט ניט! — האָט אויסגערופען גומפעלינאַ.

— א ראיה, הער מארקיז, אז איך ווייס, דארף איך גאָר דער־מאָנען דעם נאָמען זשוליע מעקספיעלד. בארוהיגט אייך. מען האָט אייך אויך ליעב. אבער דאָס אלץ קען אייך גאָר ניט העלפען. דער שוואָגער פון אייער געליעבטער לאָזט זי ניט ארויס פון די אויגען און ער באוואכט זי טאָג און נאכט ווי א דימענט.

— אוי, איך אומגליקליכער — האָט געיאָמערט גומפעלינאַ— איך האָב ליעב און מען האָט מיך ליעב, באהאַלטענערהייד דריקען מיר זיך די הענד, אונטער'ן טיש טרעטען מיר זיך אויף די פיס. מיר ווינקען זיך דורך מיט די אויגען און מיר האָבען ניט קיין געלע־גענהייט! ווי פיעל מאָל שטעה איך מיר אזוי אין לבנה־שיין אויפ'ן באלקאָן און שטעל מיר פאָר, אז איך אליין בין יוליא, און מיין ראָמעאָ צי מיין גומפעלינאַ האָט מיט מיר געמאכט אן אראנדע־וואו, און איך דעקלאמיר, אין גאנצען ווי די ערעלינגער:

קום, נאכט! קום גומפעלינאַ, דו טאָג אין דער נאכט!
ווייל דו וועסט רוהען אויף די פליגלען פון דער נאכט,
ווי פרישער שנעע אויף דעם רוקען פון א ראָב.
קום, מילדע ליעבעפולע נאכט! קום און גיב
מיר מיין ראָמעאָ אָדער גומפעלינאַ —

אָבער וועה! לאָרד מעקספיעלד באוואכט אונז תמיד און מיר שטארבען שיער ביידע פון דעם בענקשאפט־געפיהל! איך וויל דעם טאָג ניט דערלעבען, ווען עס וועט קומען אזא נאכט, וואו יעדעס פון דער ריינער יוגענד בליהונג ווערט איינגעשטעלט, גע־ווינענדיג צו פארליערען! אך! אזא נאכט וואָלט פאר מיר געווען ליעבער, ווי ווען איך וואָלט געוואונען דאָס גרויסע געווינס אויף דער האמבורגער לאָטעריע.

— וואָס פאר א שווערמעריי! — האָט אויסגערופען היאַ־צינט — דאָס גרויסע געווינס, 100,000 מארק!

— יאָ, ליעבער ווי דאָס גרויסע געווינס — האָט גומפּעלינאַ ווייטער גערעדט — וואָלט איך געהאַט אַזאַ נאַכט, און אַך! זי האָט מיר שוין לאַנג צוגעזאָגט אַזאַ נאַכט, ביי דער ערשטער געלע־גענהייט, און איך האָב מיר שוין געטראַכט, אַז זי וועט דערנאָך אויף צו מאָרגענס אין דער פריה דעקלאַמירען, אין גאַנצען ווי די ווי די ערעלינגער:

וווילסטו שוין געהן? עס איז דאָך נאָך ווייט צו טאָג.
דאָס איז געוועזן די נאַכטיגאַל, און ניט די לערך,
וואָס האָט נאָר וואָס דערגרייכט דאָ צו דיין אויער.
זי זינגט ביי נאַכט דאָרט אויף דעם גראַנאַטבוים
גלויב מיר, ליעבער, עס איז געוועזן די נאַכטיגאַל.

דאָס גרויסע געווינס פאַר איין איינציגע נאַכט! האָט אונ־טערדעסען עטליכע מאָל איבערגע׳חזר׳ט היאַצינט, און ניט געקענט צופריעדען ווערען מיט׳ן געדאַנק — הער מארקיז, איך האָב א גרויסע מיינונג פון אייער בילדונג, נאָר אַז איהר זענט אין דער שווערמעריי פאַרקראָכען אַזוי ווייט, דאָס וואָלט איך קיינמאָל ניט געוועזן געגלויבט. די ליעבע זאָל עמיצען זיין ליעבער ווי דאָס גרוי־סע געווינס! אין דער אמת׳ן, הער מארקיז, זינט איך בין מיט אייך, אלס משרת, האָב איך מיך שוין צוגעוועהנט צו א סך בילדונג; נאָר אַזוי פיעל ווייס איך, אַז ניט אפילו אַן אכטעלע פון דעם גרויסען געווינס, וואָלט איך אוועקגעגעבען פאַר די ליעבע! רחמנא לצלן! ווען איך זאָל שוין אפילו רעכענען פינף הונדערט מארק, וואָס עס געהט ארונטער, וואָלטען דאָך אויך נאָך אַלץ געבליעבען צוועלף טויזענד מארק. די ליעבע! ווען איך רעכען צוזאַמען אַלץ,וואָס די ליעבע האָט מיך געקאָסט, קומט נאָר ארויס צוועלף מארק מיט דרייצעהן שילינג. די ליעבע! איך האָב אויך געהאַט א סך בחנם׳דיג גליק אין דער ליעבע, וואָס האָט מיך גאָר ניט געקאָסט; ווען ניט ווען האָב איך מיין געליעבטער, פאַר קאָמ־פּלעסאַנס אויסגעשניטען די היהנער־אויגען. איין אמת׳דיגע, גע־פּיהלפּולע ליידענשאַפטליכע צוגעטאַנקייט, האָב איך נאָר געהאַט

איין איינציג מאָל. און דאָס איז געווען צו דער דיקער גודעל פון דרעקוואָל. די פרוי האָט ביי מיר געשפּיעלט, און ווען איך פלעג קומען, צו באַנייען איהר צעטעל, פלעגט זי מיר תמיד דערלאַנגען אין האַנד אריין א שטיק קוכען, א שטיק זעהר גוטען קוכען; טיילמאָל האָט זי מיר אויך געגעבען איינגעמאַכץ און א ליקערעלע דערצו. און ווען איך האָב זיך איינמאָל געקלאָגט פאַר איהר, אז איך לייד אַפּט פון דעם, וואָס ס'ווערט מיר שווער אויפ'ן הארצען, האָט זי מיר געגעבען דאָס רעצעפּט פון דעם פּולווער, וואָס איהר אייגענער מאַן האָט גענוצט. איך באַנוץ נאָך דעם פּראַשעק עד היום, ער טוט אויף א סך — קיינע ווייטערע פאָלגען האָט אונזער ליעבע ניט געהאַט. איך דענק, הער מארקיז, אז איהר וואָלט אמאָל באדארפט איינעם פון די פּראַשקעס. מיין ערשטע זאַך, ווי נאָר איך בין אָנגעקומען קיין איטאַליען, איז געווען אריינצוגעהן אין אן אפּטייק אין מאַילאַנד, און זיך לאָזען מאַכען די פּראַשקעס. און תמיד טראָג איך זיי מיט מיר. וואַרט נאָר א ווייליַנקע, איך וועל א זוך טון. און ווען איך זוך געפין איך. און אז איך וועל זיי געפינען, וועט אייער עקסצעלענץ איהם מוזען איינעמען.

עס וואָלט פאַרנומען צופיעל צייט, ווען איך זאָל וועלען איבער'חזר'ן דעם פּירוש, וואָס דער פליסיגער זוכער האָט געגעבען צו יעדער זאַך, וואָס ער האָט ארויסגעשלעפּט פון קעשענע. און באַוויזען האָבען זיך: 1) א האַלב וואַקסען ליכט, 2) א זילבערן שניידעל, אין וועלכען עם זענען געלעגען די אינסטרומענטען צום שניידען היהנער אויגען, 3) א לימאָנע, 4) א פּיסטויל, וועלכער, הגם ער איז ניט געווען געלאָדענט, איז ער דאָך געווען ארומגעוויקעלט מיט פּאַפּיער, אפשר כדי דער אָנבליק פון איהם זאָל ניט ארויסרופען קיין בייזע חלומות, 5) א געדרוקטע ליסט פון דער לעצטער ציהונג פון דער גרויסער האַמבורגער לאָטעריע, 6) א שוואַרץ-לעדערן ביכעל, וואָס איז גלייכצייטיג געווען אי א תהלים'ל און אי א ביכעל פאַר חובות, 7) א דאַרע הושענה וואָס איז געווען פאַרבונדען אין א קנופּ, 8) א פּעקעלע, וואָס איז געווען ארומגעבונדען מיט אן אָפּגעבלאַקירטען ראָזאָווע סטענגעלע, און וואָס האָט ענטהאַלטען די קוויטונג פון א צעטעל, וואָס האָט אמאָל געוואונען פופציג טויזענד

מארק, 9) אַ פּלאַטשיג שטיק ברויט ווי ווייס געבאַקענער שיפּס־צוויבאַק, מיט אַ קליין לעכיל אין דער מיט און צום סוף 10) דעם אויבען דערמאַנטען פּראַשעק, וועלכען דער קליינינקער האַט באַטראַכט מיט אַ געוויסער ריהרונג און מיט זיין פּאַרוואונדערט אַרמעטיגען שאַקעל מיט'ן קאָפּ.

— ווען איך גיב אַ טראַכט — האַט ער געזיפצט — אַז פאַר צעהן יאָהרען האַט מיר די דיקע גודעל געגעבען אַט דעם רעצעפּט און אַז איצטער בין איך אין איטאַליען און האַלט דאַס זעלביגע רעצעפּט אין דער האַנד, און לעז ווידער די ווערטער: sal Glauberi mirabile, דאָס הייסט אויף דייטש: עקסטראַ פיינער גלויבענזאַלץ פון דעם בעסטען סאָרט — אַי, דאַן איז מיר אויפ'ן הארצען, ווי איך וואָלט דאַס דאָזיגע גלויבענזאַלץ שוין אליין איינגענומען, און ווי איך וואָלט שוין געפיהלט זיין ווירקונג. וואָס איז דער מענש! איך בין מיר אין איטאַליען און טראַכט וועגען דער דיקער גודעל פון דרעקוואַל! ווער וואָלט דאָס געדאַכט! איך קען מיר פּאָרשטעלען, אַז זי איז איצטער אויפ'ן דאָרף אין איהר גאָרטען, וואו עס שיינט די לבנה און ס'זינגט דאָרט אודאי אויך אַ נאַכטיגאַל צו אַ לערכע —

— עס איז די נאַכטיגאַל און ניט די לערך — האַט אריינגעזיפצט גומפּעלינאַ און האָט פאַר זיך דעקלאַמירט:

> זי זינגט ביי נאַכט דאָרט אויף דעם גאַראַנאַטבוים,
> גלויב מיר, ליעבער, ס'איז געוועזן די נאַכטיגאַל!

— דאָס איז אַלץ איינס — האַט היאַצינט ווייטער גערעדט — פאַר מיינעטוועגען אַ קאַנאַריקעל; די פייגעל וואָס מען האַלט אין גאָרטען קאָסטען צום ווינציגסטען. דער עיקר איז דאָס בלומענהויז און די טאַפּעטען אין פּאַוויליאָן, און די שטאַאטס־פיגורען וואָס שטעהן פאַר איהם. און דאָ שטעהען למשל אַ נאַקעטער גענעראַל פון די געטער און די ווענוס אוריניא, וואָס ביידע קאָסטען זיי דרייהונדערט מארק. אין מירטען גאָרטען האָט זיך גודעל אויך געלאָזט מאַכען אַ פּאַנטאַנעלע — און קען זיין אַז דאָרטען שטעהט

זי דאָס איצטער און שנייצט די נאָז און טוט זיך אפשר אָן די הנאה און טראכט פון מיר — אך!

נאָך דעם דאָזיגען זיפץ, איז געקומען אַ בענקענדיגע שטיל־קייט, וועלכע דער מארקיז האָט סוף כל סוף איבערגעהאקט מיט דער שמאכטענדיגער פראגע: — זאָג מיר אויף דיין עהרענוואָרט, היאצינט, גלויבסטו באמת אז דיין פראָשעק וועט ווירקען?

— אויף מיין עהרען־וואָרט, עס וועט ווירקען — האָט יענער געענטפערט — פארוואָס זאָל עס ניט ווירקען? ווירקט עס דאָך ביי מיר! און בין איך דען ניט אַ לעבעדיגער מענש ווי איהר? גלויבענזאַלץ מאכט אַלע מענשען גלייך; און ווען ראָטשילד נעמט איין גלויבענזאַלץ, פיהלט ער דיזעלביגע ווירקונג ווי דאָס קלענסטע מעקלערעל. איך וועל אייך אַלץ זאָגען פאראויס: איך שיט אריין דעם פראָשיק אין אַ גלאָז, גיס אריין וואסער, גיב עס אַ ריהר, און אזוי ווי איהר האָט דאָס ארונטערגעשלונגען, ציהט צוזאמען אַ זויער פנים און זאָגט פרר! פרר! דערנאָך הערט איהר אַליין, ווי דאָס קייקעלט זיך ארום אין אייך, און עס ווערט אייך מאָדנע אויפ'ן הארצען, און איהר לעגט אייך אין בעט אריין, און איך גיב אייך מיין עהרענוואָרט, איהר שטעהט ווידער אויף, און איהר לעגט זיך ווידער און שטעהט ווידער אויף און אזוי כסדר, און אויף צומאָר־גענס פיהלט איהר זיך לייכט ווי אַ מלאך מיט ווייסע פליגעל, און איהר טאַנצט אזש פאר געזונדקייט. נאָר וואָס איהר זעהט דאָן אוים אביסעל בלאָס; אבער איך וויים איהר האָט האָלד אויסצוקוק־קען אביסעל שמאכטענדיג בלאָס. און ווען איהר קוקט אוים שמאכ־טענדיג בלאָס, האָט מען אייך האָלד —

הגם היאצינט האָט איהם אזוי שטארק צוגערעדט, און האָט שוין אפילו צוגעגרייט דעם פראָשעק, וואָלט דאָס פון דעסטוועגען גאָר ניט גע'פועל'ט, ווען דעם מארקיז זאָל ניט געווען פלוצלונג קומען אויפ'ן זין די שטעל, וואו יוליא נעהמט איין דעם פאטאַלען טרונק. — וואָס האַלט איהר, דאָקטאָר, — האָט ער אויסגערופען — פון דער מילער אין וויען? איך האָב זי געזעהן אַלס יוליא, און גאָט! גאָט! ווי זי שפּיעלט! איך בין דער גרעס־טער ענטהוזיאסט פאר דער ערעלינגער, אבער די מילער, ווען זי

טרינקט אויס דעם בעכער, האָט מיך פאַרכאַפּט — זעהט איהר, — האָט ער געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט מיט א טראַגישע מינע גע־נומען דאָס גלאָז אין וועלכען היאַצינט האָט אריינגעשאָטען דעם פּראַשיק — זעהט איהר, אזוי האָט זי געהאַלטען דעם בעכער און געשווידערט, אזוי אז מען האָט מיטגעפיהלט ווען זי האָט געזאָגט:

קאַלט ציהט א מאַטער שווידער דורך די אדערן,
וואָס מאַכט פאַרשטאַרען שיער די לעבענס וואַרימקייט!

און אזוי איז זי געשטאַנען, ווי איך שטעה איצטער, און האָט געהאַלטען דעם בעכער ביי די ליפּען און ביי די ווערטער:

וואַרט נאָר, טיבאַלד!
איך קום ראָמעא, דאָס טרינק איך אויס פאַר דיר!

האָט זי אויסגעליידיגט דעם בעכער —

— זאָל איך וואויל באַקומען, הער גומפּעל! — האָט געזאָגט היאַצינט מיט א פייערליכען טאָן; וואָרים דער מאַרקיז האָט אין א נאָכאַהמענדער באַגייסטערונג אויסגעטרונקען דאָס גלאָז, און מיעד פון דער דעקלאַמאַציאָן, האָט ער זיך געוואָרפען אויפ'ן זאָפאַ.

דאָך איז ער לאַנג אזוי ניט געלעגען. וואָרים פּלוצלונג האָט עמיצער אַנגעקלאַפּט אין טיר, און ס'איז אריינגעקומען ליידי מעקספּיעלד'ס קליינער זשאָקעי, וואָס האָט איבערגעגעבען דעם מאַרקיז מיט א שמייכעלדיגער פאַרנייגונג א בילעט, און איז גלייך צוריק ארויס געגאַנגען. שנעל האָט יענער אויפגעריסען דאָס בי־לעט: בשעת דעם לייענען האָבען די נאָז און די אויגען אויפגע־לייכט פון ענטציקען. דאָך איז פּלוצלונג זיין פּנים בלייך געוואָרען ווי א מת. יעדער מוסקעל האָט געצוקט מיט פאַרלעגענהייט, פול מיט פאַרצווייפלונג איז ער אויפגעשפּרונגען, האָט געלאַכט מיט צאָרן, איז ארומגעלאָפען און געשריען:

„וועה צו מיר, איך נאָר פון גליק!"

— וואָס איז? וואָס איז? — האָט געפרעגט היאַצינט מיט א ציטערדיגען קול, און האַלטענדיג אין דער ציטערדיגער האַנד דעם קרוציפיקס, וועלכען ער האָט איצטער ווידער געפּוצט! — וועט מען אונז איבערפאַלען היינטיגע נאַכט?

— וואס איז אייך, הער מארקיז? — האב איך געפרעגט ניט ווענינער ערשטוינט.

— לייענט! לייענט! — האט אויסגערופען גומפעלינא, אונז צואווארפענדיג דאס בילעט, און ער איז פול מיט פארצווייפלונג בסדר ארומגעלאפען אין צימער, און דערביי האט זיין בלויער דא־מינא ארומגעפלאטערט ווי א שטורם־וואלקען — וועה איז מיר, איך נאר פון גליק!

אין דעם בילעט אבער האבען מיר געלייענט אט וואס:

זיסער גומפעלינא! אזוי שנעל ווי עס וועט אנהויבען צו טאגען, מוז איך אפפאהרען קיין ענגלאנד. מיין שוואגער איז שוין אוועק געפאהרען און ער וועט אויף מירווארטען אין פלארענץ. איך בין איצטער ניט באוואכט, אבער לייד[ער] נאר אט די איינציגע נאכט — לאמיר זשע זי באנוצען לאמיר דעם בעכער מיט נעקטער, וואס די ליעבע גיסט אן פאר אונז, אויס־ליידיגען ביז צום לעצטען טראפען. איך ווארט, איך ציטער —
דזשוליא מעקספיעלד.

— וועה איז מיר, איך נאר פון גליק! — האט געיאמערט גומפעלינא — די ליעבע וויל מיר דערלאנגען איהר בעכער מיט נעקטאר און איך. אוי, איך הויז־נאר פון גליק, איך האב שוין אויס־געליידיגט דעם בעכער פון גלויבענ־זאלץ! ווער נעמט צוריק ארויס דעם שרעקליכען געטראנק פון מיין מאגען! הילף! הילף!

— צו דעם קען שוין קיין שום בן־אדם מעהר ניט העלפען— האט געזיפצט היאצינט.

— איך באדויער אייך פונ׳ם גאנצען הארצען — האב איך אויך אויסגעדריקט מיין מיטלייד — אנשטאט דעם בעכער מיט נעקטאר, צו געניסען א גלאז מיט גלויבענס־זאלץ, דאס איז ביי־טער! אנשטאט דער טראן פון ליעבע, ווארט אויף אייך איצטער דער שטוהל פון דער נאכט!

— א יעזו! א יעזו! — האט דער מארקיז נאך אלץ גע־שריען — איך פיהל ווי עס רינט דורך אלע מיינע אדערן — א, בראוועטר אפטייקער! דיין געטראנק ווירקט שנעל — אבער איך

וועל זיך דורך דעם־דאָך ניט לאָזען אַפּהאַלטען, איך וועל לויפען צו איהר, פאַלען צו איהרע פיס און אויסגעהן פון בלוט!

— פון בלוט איז דאָ גאָר קיין רייד ניט — האָט אויסגעבעסערט היאַצינט — איהר האָט דאָך ניט קיין מערידען. זייט גאָר ניט ליי־דענשאַפטליך.

— ניין, ניין! איך וועל געהן צו איהר, אין איהרע אָרעמס — אוי נאַכט! אוי נאַכט —

— איך זאָג אייך — האָט היאַצינט גערעדט ווייטער מיט אַ פילאָזאָפישער געלאַסענקייט — איהר וועט אין איהרע אָרעמס ניט האָבען קיין מנוחה, צוואַנציג מאָל וועט איהר מוזען אויפשטעהן. זייט גאָר ניט ליידענשאַפטליך, וואָס מעהר איהר וועט אין צימער אַרומשפּרינגען אויף און אָפּ און וואָס מעהר איהר וועט זיך ערגערן, אַלץ שנעלער וועט ווירקען דאָס גלויבענזאַלץ. איהר מוזט טראָגען ווי אַ מאַן, דאָס וואָס דער שיקזאַל האָט איבער אייך באַשלאָסען, אַז עס איז אַזוי אַרויס געקומען איז אפשר גוט. און עס איז אפשר גוט, וואָס עס איז אַזוי אַרויסגעקומען. דער מענש איז אַן ערדיש וועזען און איז ניט משיג די וועגען פון גאָט. דעם מענשען דאַכט זיך אָפטמאָל אַט געהט ער אָקעגען זיין גליק, און אויפ'ן וועג שטעהט אפשר דאָס אומגליק מיט אַ שטעקען, און ווען אַ בירגערליכער שטעקען פאַלט אויף אַן אַדעליגען רוקען, אַזוי דערפיהלט עס דער מענש, הער מאַרקיז.

— וועה איז מיר. איך נאָר פון גליק! — איז נאָך אַלץ ווי אַ ווילדער אַרומגעלאָפען גומפּעלינאָ. זיין דיענער האָט אָבער רוהיג ווייטער גערעדט:

— דער מענש ערוואַרטעט אָפט אַ בעבער מיט נעקטאַר און ער קריגט אַ זופּ פון שמיץ, און איז נעקטאַר זיס, אַזוי זענען דאָך די שמיץ דערפאַר נאָך ביטערער; און עס איז נאָך אַ גליק דאָס, וואָס דער מענש וועלכער שמייסט, ווערט סוף כל סוף מיעד, ווען ניט וואָלט עס דער אַנדערער זיכער ניט געקענט אויסהאַלטען. גע־פעהרליכער אָבער איז עס נאָך, ווען דאָס אומגליק לויערט אויף דעם מענשען אויפ'ן וועג פון ליעבע מיט אַ קינזשאַל און מיט גיפט, וואָרים דעמאָלט איז ער ניט זיכער מיט'ן לעבען. אפשר, הער

מאַרקיז, איז עס ווירקליך גוט, וואָס עס איז אַזוי אַרויסגעקומען? וואָרים אפשר וואָלט איהר, אין דער היץ פון ליעבע אַהין געלאָפען צו דער געליעבטער און אויפ׳ן וועג וואָלט אַ קליינער איטאַליענער זיך אַ לאָז געטאָן אויף אייך מיט אַ קינזשאַל וואָס איז לאַנג זעקס בראַבאַנטער איילען און וואָלט אייך — איך וויל ניט עפענען דאָס מויל פאַר׳ן שטן — בלויז אַריינגעשטאָכען אין לידקע אַריין, וואָרים דאָ קען מען ניט, ווי אין האַמבורג גלייך רופען דעם וועכטער. און אין די אַפּעניניען זענען גאָר ניט פאַראַנען קיין נאַכט וועכטער. אבער אפשר גאָר — האָט דער טרויסטער גערעדט ווייטער, און זיך ניט געלאָזט שטערען אויף דאָס מינדסטע פון דעם מאַרקיז׳ס פאַרצווייפלונג — אפשר גאָר, ווען איהר וואָלט זיך אַזוי וואויל און וואָרים געוועזען געזעסען ביי דער לידי מעקספּיעלד, וואָלט פּלוצים דער שוואָגער צוריק געקומען פון דער רייזע און אייך צוגעשטעלט אַ פּיסטויל צו דער ברוסט, און אייך געלאָזט אונטערשרייבען אַ וועקסעל אויף הונדערט טויזענד מאַרק? איך וויל מיין מויל ניט עפענען פאַר׳ן שטן, אבער איך שטעל מיר פאָר, ווי וואָלט געוועזען ווען איהר זענט אַ שענער מענש און לידי מעקספּיעלד וואָלט געוועזען אין פאַרצווייפלונג, טאָמיר פאַרלירט זי אָט דעם שענעם מענשען, און אייפערזיכטיג, ווי די ווייבער זענען, וואָלט זי ניט וועלען, אַז אַנדערע זאָלען דורך איהר שפּעטער גליקליך ווערען. וואָס טוט זי? זי נעמט אַ ציטראָן, צי אַ פּאָמעראַנץ און שיט אַריין אַ קליין פּראָשעקעל און זאָגט: קיהל דיך אָפּ געליעבטער, דו ביזט זיך אָנגעלאָפען און דיר איז היים — און אויף צו־מאָרגענס אין דער פריה זענט איהר ווירקליך אַ קיהלער מענש. ווייס איך פון אַ מאַן. ער האָט געהייסען פּיעפער, און ער האָט געהאַט אַ ליידענשאַפטס ליעבע מיט אַ מיידעל, וואָס האָט געהייסען פּאַזאַונענגעל־העהנדעל, און זי האָט געוואוינט אויף דער קאַוועמאַכעריי, און ער האָט געוואוינט אין דער פוהלענטוויעטע —

— איך ווינש, הירש — האָט אויסגעשריען מיט כעס דער מאַרקיז, וועמענס אומרוהיגקייט עס האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה — איך ווינש אַז דיין פּיעפּער פון דער פוהלענטוויעטע,

און זיין פּאַזאונענגעל פון דער קאווע־מאַכעריי און דו און דיין נודעל, זאָלט אַלע האָבען אין בויך מיין גלויבענזאַלץ!

— וואָס ווילט איהר פון מיר, הער גומפּעל? — האָט געענט־פערט היאַצינט, שוין אויך מיט היץ — וואָס בין איך שולדיג, אז לײדי מעקספּיעלד פאָהרט אָפּ גראָד היינט ביי נאַכט און גראָד היינט פאַרבעט זי אייך? האָב איך דאָס געקענט וויסען פאַראויס? בין איך אריסטאָטעלעס? בין איך אָנגעשטעלט ביי דער השגחה? איך האָב בלויז צוגעזאָגט אז דער פּראָשעק וועט ווירקען, און ער ווירקט אזוי זיכער ווי איך בין אמאָל געוואָרען געהאָלפען. און וועט איהר וועט אזוי אויפגעטראָגען און ליידענשאַפטליך ארומלויפען, וועט עס ווירקען נאָך שנעלער.

— אויב אזוי, וועל איך זיך רוהיג אנידער זעצען! — האָט געזיפצט גומפּעלינא, געטופּעט מיט די פיס, געוואָרפען זיך מיט כעס אויף דער זאָפאַ. אונטערדריקט מיט א כח זיין כעס און דער האָר מיט'ן דיענער האָבען זיך לאַנג אָנגעקוקט, ביז יענער האָט ענדליך נאָך א טיפען זיפץ און כמעט קוים וואָס מען האָט גע־הערט ארויסגערעדט:

— אָבער, הירש, וואָס וועט די פרוי דענקען פון מיר, ווען איך וועל ניט קומען. זי וואַרט איצט אויף מיר, מיט אומגעדולד וואַרט זי, זי ציטערט, זי גליהט פון ליעבע —

— זי האָט א שענעם פוס — האָט היאַצינט גערעדט צו זיך אליין און אומעטיג געשאָקעלט דאָס קעפּעלע, אין זיין ברוסט אבער האָט עס הפּנים געקאָכט. אונטער זיין רויטען מאַנטעל האָט מען געקענט זעהן ווי עס ארבייט א געוואַנטער געדאַנק —

— הער גומפּעל — האָט עס פון איהם ענדליך ארויסגע־רעדט — שיקט מיך!

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט זיך א שטאַרקע רויטקייט צוגאָ־סען איבער דעם בלאַסליכען סוחר'שען פּנים.

קאפיטעל X.

ווען קאנדיצע איז אנגעקומען קיין עלדאראדא, האט ער גע־זעהן ווי מעהרערע אינגלעך שפיעלען זיך ארום מיט גרויסע קלומ־פענס גאלד אנשטאט מיט שטיינער. דער דאזיגער לוקסוס האט איהם געמאכט צו גלויבען, אז דאס זענען די קינדער פון קעניג, און ער האט זיך ניט ווייניג פארוואונדערט, ווען ער האט פארנומען, אז אין עלדאראדא האבען די גאלדקלומפּענס פונקט אזוי קיין ווערט ניט, ווי ביי אונז די קיזעל שטיינער, און אז די שול־אינגלעך שפּיעלען זיך דערמיט. מיט איינעם פון מיינע פריינד, אן אויסלענ־דער, האט געטראפען עפּיס עהנליכעס, ווען ער איז געקומען קיין דייטשלאנד און צוערשט געלייענט דייטשע ביכער און איז געווארען זעהר נשתומם איבער דעם רייכטום פון געדאנקען, וואס ער האט אין זיי געפונען; באלד אבער האט ער באמערקט, אז געדאנקען אין דייטשלאנד זענען פאראן אזוי פיעל ווי גאלד־קלומפּענס אין עלדא־ראדא, און אז יענע שריפטשטעלער וואס ער האט געהאלטען פאר פּרינצען פון גייסט, זענען געווען געוועהנליכע שול־אינגלעך.

די דאזיגע געשיכטע קומט מיר אלע מאל אויפ'ן זין, ווען איך האב בדעה צו שרייבען די שענסטע רעפלעקסיאנען איבער קונסט און לעבען. און דאן לאך איך און באהאלט ליעבער מיינע געדאנ־קען און מיין פעדער, און אנשטאט דעם קריצעל איך מיר אויס אויפ'ן פּאפּיער א בילד צי א פיגורעל, און זאג צו זיך אליין, אז אזעלכענע טאפּעטען דארף מען אין דייטשלאנד, אין דעם גייסטי־גען עלצאראדא, פיעל נויטיגער ווי גילדערנעסטע געדאנקען.

אויף דער טאפּעט, וואס איך ווייז דיר איצטער, ליעבער לעזער, זעהסטו ווידער די וואוילבאקאנטע פּנים'ער פון גומפּעלינא און פון זיין דיענער הירש־היאצינטאס. און ווען אפילו יענער

איז פאַרגעשטעלט מיט ווייניגער באַשטימטע שטריכען. האָב איך דאָך, אַז דו וועסט זיין געגוג שאַרפזיניג צו באַגרייפען אַ נעגאַטאַציאָנס־קאַראַקטער, כאָטש אָהן אַ שטאַרקער פּאָזיטיווער באַצייכענונג. דאָס לעצטע וואָלט מיך געווען געקענט ברענגען צו אַ באַשעדיגונגס־פּראָצעס, אָדער אפשר נאָך צו עפּיס ערגערעס. וואָרים דער מארקיז איז מעכטיג דורך זיין געלד און דורך זיינע פאַרבינדונגען. צו דער צו איז ער נאָטירליך נאָך דער פאַרביגדעטער פון מיינע שונאים. ער אונטערשטיצט זיי מיט סובסידיען, ער איז אַריסטאָקראַט, אולטראַ־פּאַפּיסט, נאָר עפּיס פעהלט איהם נאָך — יאָ, ער וועט זיך שוין אויך דאָס לאָזען אויסלערנען — דאָס לערנביכעל דערצו האָט ער אין די הענד, ווי דו וועסט עס זעהן אויף דער טאָפּעט.

עס איז ווידער אבענד, אויף דעם טיש שטעהען צוויי אָרעמלייכטערס מיט ברענענדיגע וואַקסענע ליכט, זייער שימער שפּיעלט איבער די גאָלדענע ראַהמען פון די הייליגע בילדער, וואָס הענגען אויף דער וואַנד, און זעהען אויס, דורך דעם פלאַקערדיגען ליכט אין דעם באַוועגליכען שאָטען, ווי זיי וואָלטען געלעבט. דרויסען פאַר דעם פענסטער, שטעהען אין זילבערנעם לבנה־שיין די שוואַרצע ציפּרעסען, און אין דער ווייט קלינגט אָפּ אַ טריעב מאַריען־ליעדעל, אין אָפּגעבראָכענע קלאַנגען און ווי פון אַ קראַנקער קינדער־שטים. אין צימער איז שטיקענדיג. דער מאַרקיז קריסמאַפּאָראַ די גומפּעליגאַ זיצט, אָדער בעסער געזאָגט, ליגט ווידער אמאָל נאָכלעסיג אויף דעם קישען פון זאַפאַ. דער עדעלער, שוויצענדיגער לייב, איז ווידער באַקליידט מיט דעם דינעם בלוי־זיידענעם דאָמינאָ. אין די הענד האַלט ער אַ בוך, וואָס איז געבונדען אין רויטען סאַפּיאַן פּאַפּיער מיט אַ גאָלדשניט, און ער דעקלאַמירט פון בוך אַרויס הויך און שמאַכטענדיג. זיין אויג האָט דערביי אַ מין קלעפּעבצדיגען גלאַנץ, עפּיס עהנליך ווי ביי פאַרליעבטע קאַטערס. און זיינע באַקען און ביידע זייטען־פליגעל פון דער נאָז זענען איבעל בלייך פון ליידען. אָט די בלאַסקייט וואָלט זיך גוט געלאָזט ערקלעהרען פילאָזאָפיש אנטראָפּאָלאָגיש, ווען מען זאָל נאָר באַרעכענען, אַז

דער מארקיז האָט מיט אַן אָבענד פריהער איינגעשלונגען אַ גאַנץ גלאָז מיט גלויבענזאַלץ.

הירש־היאצינטאָס אָבער איז געלעגען אויסגעצויגען אויפ'ן דיל, און מיט אַ גרויס שטיק ווייסען קרייד האָט ער אויפ'ן ברוינעם דיל אויסגעריסעוועט אונגעפעהר די דאָזיגע צייכענונג:



ווערליג עס איז געווען צו זעהן, האָט דעם קליינעם מאַן ניט זעהר געשמעקט די דאָזיגע אַרבייט. ביי יעדען מאָל, וואָס ער האָט זיך אָנגעבויגען, האָט ער געזיפצט און מיט ווידערווילען געמור־מעלט: ספּאָנדעאוס, טראָעכאוס, יאַמבוס, אַנטיספּאַס, אַניפּעסט און די פּעסט! און כדי עס זאָל איהם זיין באַקוועמער, האָט ער דערצו נאָך געהאַט אויסגעטאָן זיין רויטען מאַנטעל און עס האָ־בען זיך באַוויזען צוויי קורצע הכנעה'דיגע פּיסעלעך — אין ענגע שאַרלאַך־רויטע הויזען, און צוויי אַביסעל לענגליכע אָפּגעמאָגערטע אָרעמס אין ווייסע, ברייטע העמד־אַרבעל.

— וואָס זענען דאָס פאַר מאָדנע פיגורען? — האָב איך איהם געפרעגט, נאָכדעם ווי איך האָב אַ ווייל זיך צוגעקוקט צו זיין אַרבייט.

— דאָס זענען פיס אין לעבענס גרויס — האָט ער אַרויסגע־אָכצט אַן ענטפער — און איך געפּלאָגטער מענש, מוז אָט די פיס אַרומטראָגען אין קאָפּ, און מיינע הענד טוען מיר שוין וועה פון אָט די אַלע פיס, וואָס איך מוז איצטער אויסשרייבען. דאָס זענען די אמת'דיג עכטע פיס פון דער פּאָעזיע. ווען ניט צוליעב מיין ביל־דונג, וואָלט איך געלאָזט לויפען די פּאָעזיע מיט איהרע אַלע פיס. איך האָב איצטער ביי דעם הער מאַרקיז פּריוואַט אונטעריכט אין דער פּאָעזיע קונסט. דער הער מאַרקיז לייענט פאַר מיר פאָר די גזדיכטען, און דערקלעהרט מיר פון וויפיעל פיס זיי באַשטעהן.

און איך מוז מיר זיי פארשרייבען, און שפעטער נאָכרעכענען, צי דאָס געדיכט איז ריכטיג.

— איהר האָט אונז ווירקליך געטראָפען — האָט דער מאַר־קיז געזאָגט מיט א דידאקטיש־פאטעטישען טאָן — אין א פּאָעטי־שער באשעפטיגונג. איך ווייס וואויל, דאָקטאָר, אז איהר געהערט צו יענע דיכטער, וואָס האָבען אן אייגענזיניגען קאָפּ, און איהר האַלט ניט דערפון, אז אין דער דיכטקונסט זענען די פיס דער עיקר. א געבילדעטע געמיט אבער, קען זיך נאָר אויסשפּרייטען אין א געביל־דעטער פאָרם. און אָט די פאָרם קענען מיר נאָר לערנען פון די גרי־כען און פון די נייערע דיכטער, וואָס שטרעבען גריכיש, דענקען גריכיש, פיהלען גריכיש, און אויף אזא אופן ברענגען זיי די גע־פיהלען צו דעם מאַן.

— פארשטעהט זיך צו דעם מאַן און ניט צו דער פרוי, ווי א ניט־קלאַסישער ראָמאַנטישער דיכטער פלעגט עס טאָן — האָט בא־מערקט מיין ווינציקייט.

— דער הער גומפעל רעדט טיילמאָל ווי א בוך — האָט מיר פון דער זייט איינגערוימט היאצינט, און ער האָט צונויפגעפרעסט די שמאָלע ליפּען, שטאָלץ געבלינצעלט מיט די אויגעלעך און גע־שאָקעלט מיט'ן קעפּיל ווי איינער וואָס זעהט וואונדער. — איך זאָג אייך — האָט ער צוגעגעבען אביסעל העכער — ווי א בוך רעדט ער טיילמאָל, ער איז דעמאָלט, אזוי צו זאָגען, קיין מענש ניט מעהר, נאָר א העכער וועזען, און איך, ווען איך הער זיך צו לענגער צו איהם, ווער איך ווי נאַריש.

— און וואָס האָט איהר דען איצטער אין די הענד? — האָב איך געפרעגט דעם מאַרקיז.

— בריליאַנטען! — האָט ער געענטפערט און מיר דערלאַנגט דאָס בוך.

ביי דעם וואָרט „בריליאַנטען" האָט היאצינט א שפּרונג געטאָן אין דער הויך; דאָך אזוי ווי ער האָט נאָר געזעהן א בוך, האָט ער געשמייכעלט מיט א רחמנות'דיגען בליק. דאָס בריליאַנטענע בוך אבער האָט געהאַט אויף דעם פאָדער־בלאַט דעם פאָלגענדען טיטול:

„געדיכטען פון אויגוסט גראף פאן פלאטען;
שטוטגארט און טיבונגען. פערלאג פון דער
י. ג. קאטא׳שער בוכהאנדלונג, 1828.“

אויף דעם הינטערשטען בלאט איז געשטאנען ציערליך אנגעשריעבען: „א געשענק פון ווארעמער, ברידערליכער פריינדשאפט“. דערצו נאך האט דאס בוך געשמעקט מיט יענעם זעלטענעם פארפיום, וואס האט ניט די מינדסטע פארוואנטשאפט מיט אדעקאלאן, און האט אפשר אויך געהאט צו פארדאנקען דעם אומשטאנד, וואס דער מארקיז האט דערין געלייענט די גאנצע נאכט.

— איך האב די גאנצע נאכט ניט געקענט צומאכן קיין אויג

— האט ער זיך פאר מיר געקלאגט — אזוי צורודערט בין איך געווען. עלף מאל האב איך געמוזט אויפשטעהן פון בעט און צום גליק, האב איך דערביי געהאט דאס דאזיגע פארטרעפליכע בוך, פון וועלכען איך האב געשעפט ניט נאר באלעהרונג פאר דער פאעזיע, נאר אויך א טרייסט פאר׳ן לעבען. איהר זעהט ווי בכבוד איך האב געהאלטען אט דאס בוך. עס פעהלט ניט קיין איין איינציג בלאט, און דאך, ווען איך בין אזוי געזעסען, בין איך ניט איינמאל שיער געקומען צו א נסיון...

— דאס האט שוין ניט איינעם פאסירט, האב איך געזאגט.

— איך שווער אייך ביי אונזער ליעבער פרוי פון לארעטטא און אזוי וואהר ווי איך בין אן עהרליכער מאן — האט ער ווייטער געזאגט — די דאזיגע געדיכטען האבען ניט זייערס גלייכען. ווי איהר ווייסט, בין איך נעכטען אבענד געווען אין א פארצווייפלונג, אזוי צו זאגען **au Desespoir**. ווען דאס מזל האט מיר ניט פארגונען, איך זאל באזיצען מיין דזשוליא — און דא האב איך געלייענט אט די געדיכטען. יעדעס מאל א געדיכט, ווען איך האב געמוזט אויפשטעהן, און דער סוף איז געווען: אזא גלייכגילטיגקייט צו ווייבער, אז מיין אייגענער וועהטאג פון ליעבע איז מיר געוואָרען דערווידער. דאס איז טאקי דאס שענע אין אט דעם דיכטער, וואס ער גליהט מיט ווארימער פריינדשאפט נאר צו מענער. ער גיט אונז דעם פארצוג פאר דעם ווייבליכען געשלעכט, און בלויז פאר דעם דאזיגען כבוד אליין דארפען מיר איהם זיין דאנקבאר.

מיט דעם איז ער גרעסער ווי אַלע אַנדערע דיכטער. ער חנפה'ט ניט דעם געוועהנטליכען געשמאַק פון דעם גרויסען עולם. ער האַלט אונז אָפּ פון אונזער תאוה צו ווייבער, וואָס ציהט אַרויף אויף אונז אַזוי פיעל אומגליק — אוי, ווייבער! ווייבער! ווער עס וועט אונז באַפרייען פון אייערע קייטען, וועט זיין אַ וואוילטעטער פון די מענשען. עס איז אַן אייביגער שאָדען, וואָס שעקספּיער האָט ניט דערצו באַנוצט זיין גרויסען טעאַטראַלישען טאַלענט. וואָרים ווי איך האָב דאָ נאָר וואָס געלייענט, האָט ער ניט מינדער גרויס האַרציג געפיהלט, ווי דער גרויסער גראַף פּלאַטען, וואָס זאָגט וועגען שעקספּיער אין זיינע סאָנעטען:

ניט מיידעל־לוינען שטערען דיר דיין דרימעל
דאָך אייביג זוכסטו פריינדשאַפט צו געווינען;
צו רעטען דיך פון ווייבער דאָס האָט ער אין זינען,
און ס'איז זיין שענקייט דיין רוהם און אויך דיין הימעל.

בעת דער מאַרקיז האָט די דאָזיגע ווערטער דעקלאַמירט מיט אַ וואַרעם געפיהל, און דער גלאַטער קויט האָט זיך געשמאַלצען אויף זיין צונג, האָט היאַצינט געמאַכט אַ פּנים דאָ פון בייפאַל און דאָ פון ווידערווילען, און צום סוף האָט ער געזאָגט:

— הער מאַרקיז, איהר רעדט ווי אַ בוך. אויך די פערזען געהען איך ווידער אַזוי לייכט אַראָפּ ווי ביי נאַכט, אָבער זייער אינהאַלט וויל מיר ניט געפעלען ווערען. אַלס מאַן פיהל איך זיך געשמייכעלט, דאָס וואָס דער גראַף פאָן פּלאַטען גיט אונז דעם פאָרצוג איבער די ווייבער און אַלס אַ פריינד פון די ווייבער בין איך ווידער אַ געגנער פון אַזאַ מאַן. אַזוי איז דער מענש! — איינער עסט גערן ציבעלעס, אַן אַנדערער האָט מעהר געפיהל פאַר וואַרעמער פריינדשאַפט, און איך אַלס עהרליכער מאַן מוז אויפריכטיג צוגעבען, איך האָב ליעב צו עסען ציבעלעס, און אַ מיאוסע קעכין איז מיר ליעבער ווי דער שענסטער שעהנהייטס־פריינד. יאָ, איך מוז צוגעבען, אַז איך זעה ניט אַזוי פיעל שענעס אין דעם מענערשען געשלעכט, אַז מען זאָל זיך דערין קענען פאַרליעבען.

ווען היאַצינט האָט דאָס געזאָגט, האָט ער זיך באַטראַכט אין

שפיגעל. דער מארקיז אבער האט זיך ניט געלאזט שטערען און ער האט דעקלאמירט:

די שוים געביידע פון דער האפנונג ברעכט צוזאמען,
מיר גיבען זיך די מיה, און וועה, מיר קומען ניט צוזאמען;
מיין נאמען קלינגט ארוים מעלאדיש דיר
דאך שטעלסטו זעלטען דאס גערדיכט צוזאמען;
מיר זאלען זיין צושיידט, ווי ס'איז די זון מיט דער לבנה,
דאס האבען געוואלט די זיטע און פליכט צוזאמען.
לעהן אן דיין קאפ צו מיינעם, ווייל עס פאסט
דיין שווארצער קאפ מיט מיין העל פנים צוזאמען.
דאך אך! איך חלום בלויז, ווייל דו, דו געהסט פון דאנען
נאך איידער ס'גליק האט אונז געבראכט צוזאמען,
די זעעלען בלוטיגען, וואס עס שיידען זיך די לייבער.
אוי, וואלט געווען עס בלומען וואס מען פלעכט צוזאמען!

— א קאמישע פאעזיע! — האט אויסגערופען היאצינט, וועלכער האט נאכגעמורמעלט די גראמען — פליכט און זיטע צו־זאמען, גערדיכט צוזאמען, פליכט צוזאמען! קאמישע פאעזיע! מיין שוואגער, ווען ער לייענט גערדיכטען, מאכט ער זיך אפטמאל א שפאס, און ביים ענד פון יעדער שורה גיט ער צו די ווערטער „פון פארענט". און „פון הינטען". אמאל דאס ערשטע און אמאל דאס לעצטע; און איך האב קיינמאל ניט געוואוסט אז די פאעזיע גערדיכטע, וואס קומען ארוים פון אזעלכענע גראמען הייסען גא־זעלען. איך מוז נאך אמאל פרואווען און זעהן צי דאס גערדיכט, וואס דער הער מארקיז האט דעקלאמירט, וואלט ניט געווען נאך שענער, ווען נאך דעם ווארט צוזאמען וואלטען צוגעגעבען געווא־רען אמאל אזוי און אמאל אזוי „פון פארענט" און „פון הינטען". די פאעזיע דערפון וועט געווים דורך דעם מיט צוואנציג פראצענט שטארקער ווערען.

ניט קוקענדיג אויף דעם דאזיגען פלאפלען האט דער מארקיז ווייטער דעקלאמירט גאזעלען און סאנעטען, אין וועלכע דער ליעב־

האָבער באַזינגט זיין שענהייטס־פריינד, לויבט איהם, און קלאָגט זיך וועגען איהם, באַשולדיגט איהם, אז ער איז קאַלט, מאַכט פּלע־נער כדי איהם צו דערגרייכען, וואַרפט צו איהם אייגעלעך, אויך פערזיכטעלט, שמעכטעלט, זוכט אַרויס א גאַנצען אוצר מיט צערט־ליכקייטען, כדי אויסצודריקען זיין ליעבע, און דאָס, אַזוי וואַרם זעליג, אַזוי אַרומשמעקענדיג און אַרומלעקענדיג, אַזוי אז מען קען גלויבען, דער פערפאַסער איז א מיידעלע, וואָס געהט אוים נאָך א מאַן — נאָר עס ווערט עפּים מאָדנע, וואָס אַט דאָס מיידעלע האַלט זיך אין איין באַקלאָגען אויף דער „זיטע“, וואָס זי איז אַזוי ביטער געשטימט אַקעגען אַט דער „זיטע“ „וואָס צושיידט“, ווי א קעשע־נע גנב אַקעגען דער פּאָליציי, און מאָדנע ווערט אויך דאָס, וואָס זי באַקלאָגט זיך אויף די וואָס האָבען קנאה און „כיטרע זיך פאַר־אייניגען אונז צו שטעהן אין וועג, און האַלטען אונז צושיידטע.“ און דאָס, וואָס זי קלאָגט זיך, אַז דער פריינד טוט איהר אָן קרענקונ־גען, וואָס פאַרוואונדען, און מאָדנע איז אויך דאָס, וואָס זי פאַר־זיכערט איהם, אַז זי וויל איהם נאָר אָנקוקען פון דער ווייטענס און שווערט איהם: „ניט אַמאָל א זילבע, זאָל דיין אויר דערשרעקען.“ און צום סוף איז זי זיך מודה:

„ביי אַנדערע האָט מיין פערלאַנג געפונען ווידערווילען,
דו האָסט איהם ניט דערהערט, דאָך אָפּגעשלאָגען
האָסטו איהם אויבעט ניט, אַך, מיין זים ליעבען!“

איך מוז דעם מאַרקיז אַרויסגעבען א צייגעניש, אַז ער האָט די דאָזיגע געדיכטען גוט פאַרגעטראָגען. ער האָט דערביי געזיפצט, געאָכצט און זיך רוקענדיג אויף׳ן זאַפאַ אהין און אהער האָט ער גלייכצייטיג קאָקעטירט מיט דעם געזעס. היאַצינט האָט ניט פאַר־פעהלט נאָכצופלאַפּלען די גראַמען, הגם ער האָט אין דערמיט אַריינגעפלוידערט עטליכע באַמערקונגען ניט צו דער זאַך. די אָדען האָט ער געשענקט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט, ביי דעם דאָזי־גען מין, האָט ער געזאָגט, קען מען ליערנען א סך מעהר, ווי ביי די סאָנעטען און גאַזעלען; וואָרים אַזוי ווי ביי די אָדען זענען די פיס

גאנץ באזונדערס אפגעדרוקט פון אויבען, קען מען יעדעס געדיכט מיט באקוועמליכקייט נאכרעכענען. יעדער דיכטער וואלט באַ־דארפט, ווי דער גראף פלאטען, אפדרוקען פון אויבען איבער די שווערסטע פּאָעזיע־געדיכטע די פּים און זאגען צו די לייט: זעהט, איך בין אן עהרליכער מאן, איך וויל אייך ניט באטריגען, אט די קרומע און גלייכע שטרעכעלעך, וואס איך שטעל אוועק פאר יעדען געדיכט, זענען אזוי צו זאגען ,א קאנטא פינטא פון יעדען געדיכט, און איהר קענט אויסרעכענען ווי פיעל מיה דאס האט מיך געקאסט. זיי זענען, אזוי צו זאגען, די מאס פון איילען פון יעדען געדיכט און איהר קענט נאכמעסטען. און פעהלט דעריין איין איינציגע זילב, זאלט איהר מיך רופען גנב. אזוי וואהר ווי איך בין אן עהרליכער מאן. אבער טאקי דורך דעם דאזיגען פרומען פּנים קען דאס פּובליקום אפגענארט ווערען. טאקי דערפאר, ווייל די פים זענען אנגעגעבען פאר דעם געדיכט, דענקט מען זיך: איך וויל ניט זיין קיין מיסטרויאישער מענש, צו וואס זאל איך דעם מאן נאכצעהלען? ער איז אודאי אן עהרליכער מענש, און אזוי צעהלט מען ניט נאך און מען ווערט באשווינדעלט. און קען מען דען אלעמאל נאכרעכענען? מיר זענען איצטער אין איטאליען און דערפאר האב איך צייט מיט'ן קרייד די פים צו פארשרייבען אויפ'ן דיל און דורכזעהן יעדע אדע. אבער אין האמבורג, וואו איך האב מיין געשעפט, פעהלט מיר דערצו די צייט און איך וואלט געמוזט געטרויען דעם גראף פלאטען ניט געצעלטערהייד, פונקט ווי מען געטרויט ביי די געלד־בייטלען פון דער קוראנט־קאסע, אויף וועלכע עס שטעהט געשריעבען, וויפיעל הונדערט טאלער דארטען איז — זיי געהען פאר'חתמ'ט איבער פון איין האנד צו דער אנ־דערער. יעדער איינער געטרויט דעם צווייטען, אז עס געפינט זיך דעריין אזוי פיעל, ווי פיעל עס שטעהט אויפגעשריעבען, און עס זענען דאך פאראנען ביישפיעלען, וואו א לײדיג־געהער, וואס האט גיט קיין סך צו טאן, האט אמאל געעפענט אזא בייטעל און נאכ־געצעהלט און געפונען אין איהם א פּאר טאלער צו ווייניג. אזוי קען אויך אין דער פּאָעזיע פארקומען א סך גנבות. באזונדערס ווען איך טראכט שוין וועגען געלד־בייטלען, הויב איך ניט אן צו גע־

טרויען. וואָרים מיין שוואָגער האָט מיר דערצעהלט, אז אין דער תפיסה, וואָס אין אָדענזעע זיצט א געוויסער עמיצער וואָס איז געווען אָנגעשטעלט ביי דער פּאָסט, און ער האָט ניט עהרליך גע־עפענט די געלד־בייטלען, וואָס זענען דורכגעגאנגען זיינע הענד. ניט עהרליך האָט ער זיי געעפענט און ניט עהרליך האָט ער געלד ארויסגענומען, און האָט זיי ווידער קונציג צוגויפגענעהט און זיי געשיקט ווייטער. הערט מען פון אזא געשיקטקייט אזוי פארלירט מען דעם צוטרויען צו מענשען, און מען ווערט א מיסטרויאישער מענש. עס זענען איצטער פאראַנען א סך שווינדלען אויף דער וועלט. און אין דער פּאָזיע איז עס געווים אזוי ווי אין יעדען אנדערן געשעפט.

— די עהרליכקייט — האָט היאַצינט ווייטער גערעדט, אין דער צייט, וואָס דער מארקיז האָט ווייטער דעקלאַמירט, זיך ניט אומקוקענדיג אויף אונז, אין גאנצען פארזונקען אין געפיהל— די עהרליכקייט איז דער עיקר, הער דאָקטאָר, און ווער עס איז ניט קיין עהרליכער מאַן, דעם באטראַכט איך ווי א שווינדלער, און ווען איך באטראכט פאר א שווינדלער, פון דעם קויף איך גאָר ניט, פון דעם לעז איך גאָר ניט. קורץ איך האָב מיט איהם קיין געשעפטען ניט, איך בין א מאַן, הער דאָקטאָר, וואָס רעדט זיך גאָר ניט איין; ווען איך וויל מיר פאָרט עפּיס איינרעדען, רעד איך מיר איין, אז איך בין אן עהרליכער מאַן. איך וויל אייך דערצעה־לען אן עדעלען שטריך פון מיר. און איהר וועט נשתומם ווערען — איך זאָג אייך איהר וועט נשתומם ווערען, אזוי וואָהר ווי איך בין אן עהרליכער מאַן. וואוינט זיך א מאַן אין האמבורג אויף דעם שפּעערסאָרט, און ער איז א קרעמער פון קרויט און ער הייסט קלע־צעל. דאָס הייסט, איך רוף דעם מאַן קלעצעל, ווייל מיר זענען גוטע פריינד, אבער אזוי הייסט דער מאַן הער קלאָץ. אויך זיין פרוי מוז מען רופען מאדאם קלאָץ, און זי האָט קיינמאָל ניט גע־קענט ליידען, וואָס איהר מאַן שפּיעלט ביי מיר, און ווען איהר מאַן פלעגט וועלען ביי מיר שפּיעלען, האָב איך ניט געטאָרט קר־מען צו איהם אהיים מיט דער לאָטעריע צעטעל. נאָר ער פלעגט מיר אלע מאָל זאָגען אין גאַס: אָט די און די נומער וויל

איך ביי דיר שפּיעלען, און דאָ האָסטו דיר דאָס געלד, הירש! און איך פלעג זאָגען: גוט קלעצעל! און ווען איך פלעג אהיים קומען, פלעג איך אוועק לייגען דעם נומער אין א קאָנווערט פאַר זיינעטוועגען אין א זייט, און פלעג אויפשרייבען אויפ'ן קאָנווערט מיט דייטשע בוכשטאַבען: „אויף דעם חשבון פון דעם הער קריס־טיאַן הינריך קלאַץ.“ און איצט הערט זיך צו און שטוינט. עס איז געווען א שענער פריהלינגס טאָג, און די ביימער אויף דער בערזע זענען געווען גרין און די זעפיר ווינטלעך זענען געווען אנגענעהם, און די זון האָט געגלאַנצט אין הימעל, און איך בין געשטאַנען ביי דער האַמבורגער באַנק. מיט אמאָל קומט קלעצעל, מיין קלעצעל, און אין זיין אָרעם האַלט ער זיין דיקע מאַדאַם קלאַץ און ער גריסט מיך, און רעדט מיט מיר וועגען גאָטס פריהלינג־פּראַכט, מאַכט אויך עטליכע פּאַטריאָטישע באַמערקונגען וועגען דעם ביר־גער מיליטער. דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט, ווי עס געהען די געשעפטען, און איך האָב איהם דערצעהלט, אז פאַר עטליכע שעה, איז ווידער איינער געשטאַנען ביים שאַנדקלאַץ, און אזוי אין א שמועס האָט ער מיר געזאָגט: נעכטען ביי נאַכט האָב איך גע־חלומ'ט, נומער 1538 וועט ארויסקומען דאָס גרויסע געווינס — און אין דער רגע, ווי די מאַדאַם קלאַץ האָט זיך אזוי פאַרקוקט אויף די קייזער־סטאַטיסטען פאַר'ן ראַטהויז, האָט ער מיר אריינגעשטופּט אין דער האַנד אריין דרייצעהן קנאַקענדיגע לואיסדאָר'ס — מיר דאַכט, איך פיהל זיי נאָך איצטער—און איידער מאַדאַם קלאַץ האָט זיך ווידער אומגעדרעהט, האָב איך געזאָגט: גוט קלעצעל! און בין אוועקגעגאַנגען. און איך געה מיר אזוי דירעקט, זיך ניט אומקוקענ־דיג, גלייך צו דער הויפּט־קאָלעקטע, און היים מיר געבען די נומער 1538, און לעג מיר דאָס אריין אין א קאָנווערט, אזוי שנעל ווי איך קום אהיים, און שרייב מיר אויף: „אויף דעם חשבון פון ·עם הער קריסטיאַן הינריך קלאַץ.“ און וואָס טוט גאָט? פערצעהן טעג שפּעטער, כדי צו שטעלען מיין עהרליכקייט צו א נסיון, לאָזט ער ארויסקומען די נומער 1538 מיט א געווינס פון 50.000 מאַרק. וואָס טוט אבער הירש? אָט דער זעלביגער הירש, וואָס שטעהט איצטער פאַר אייך? אָט דער הירש טוט זיך אָן א ריין ווייס אוי־

בער־העמדעל און א ריינעם ווייסען האַלזטוך, און נעמט א דראַשקע, און ציהט זיך ארויס פון דער הויפּטקאַלעקטע די 50,000 מארק און פאָהרט דערמיט צו דעם שפּעערסאָרט — און ווי קלעצעל דער־זעהט מיך, פרעגט ער: הירש, וואָס ביזטו עפּיס היינט אזוי אויס־געפּוצט? איך אבער ענטפער ניט קיין וואָרט און לייג מיר אוועק אויפ׳ן טיש א גרויסען איבעראשונגס־בייטעל מיט גאָלד און זאָג פייערליך: הער קריסטיאן הינריך קלאָץ! די נומער 1538, וואָס איהר זענט געווען אזוי גוט ביי מיר צו באשטעלען, האָט געהאַט דאָס גליק צו געווינען 50.000 מארק. אין דעם דאָזיגען בייטעל האָב איך די עהרע אייך איבערצוגעבען דאָס געלד און בין אזוי פריי מיר אויסצובעטען א קבלה! איז ווי קלעצעל האָט דאָס דערהערט, האָט ער אָנגעהויבען צו וויינען. ווי מאדאם קלאָץ האָט געהערט די געשיכטע, האָט זי אָנגעהויבען צו וויינען, די רויטע מויד האָט געוויינט, דער קרומער משרת פון געוועלב האָט געוויינט, די קינ־דער האָבען געוויינט, און איך? א וויכער מענש ווי איך בין, האָב איך דאָך ניט געקענט וויינען, און בין מיר צוערשט געפאַלען אין חלשות און ערשט נאָך דעם זענען מיר די טרעהרען געקומען פון די אויגען ווי א טייך מיט וואסער און איך האָב געוויינט דריי שטונדען.

ווען דאָס קליינע מענשעלע האָט דאָס דערצעהלט, האָט זיין קול געציטערט און פייערליך האָט ער ארויסגענומען פון קעשענע דאָס אויבען דערמאָנטע פּעקעלע, האָט דערפון אָפּגעוויקעלט דאָס ראָזאווע סטענגעלע און מיר געוויזען דאָס קוויטעל, אויף וועלכען קריסטיאן הינריך קלאָטץ האָט זיך אונטערגעשריעבען, אז ער האָט באקומען די ריכטיגע סומע פון 50.000 מארק. — ווען איך וועל שטארבען — האָט היאצינט געזאָגט מיט א טרעהר אין אויג — וועל איך הייסען מען זאָל מיר אריינלעגען אין קבר אָט די קבלה, און ווען איך וועל אמאָל דאָרט אויבען געבראַכט ווערען פאַר דעם בית דין של מעלה, און וועל דארפען אָפּגעבען דין וחשבון פון מיי־נע מעשים, דעמאָלט וועל איך מיט דער דאָזיגער קבלה אין האנד צוטרעטען פאר׳ן שטוהל פון דעם אלמעכטיגען און ווען מיין קטגור, וועט אויסרעכענען אלע עבירות וואָס איך בין באגאנגען אויף

דער וועלט, און מיין גוטער מלאך וועט אויך וועלען אויסרעכענען מיינע גוטע מעשים, דאן וועל איך רוהיג זאגען: שווייג! — איך וויל נאר וויסען, איז אט די קבלה א ריכטיגע? איז דאס די האנד־שריפט פון קריסטיאן העגריך קלאץ? און דא וועט קומען צו לויפען א גאר קליין מלאכ׳ל, און ער וועט זאגען, איך קען גענוי סלעצעלס האנדשריפט, און ער וועט באלד דערצעהלען די מערק־ווירדיגע געשיכטע פון דער עהרליכקייט, וואס איך האב אמאל באגאנגען. דער באשאפער פון דער אייביגקייט אבער, דער אללווי־סענדער, וואס וויים אלצדינג, וועט זיך דערמאנען אז דער דאזיגער געשיכטע, און ער וועט מיך לויבען פאר דער זון, לבנה און די שטערען, און ער וועט גלייך בארעכענען אויפ׳ן קאפ, אז ווען מיינע עברות, זאלען ווערען אפגעצויגען פון די 50.000 מארק, קומט מיר נאך אליין ארויס צו צאהלען רעשטע, און ער וועט א זאג טאן: הירש! איך מאך דיך פאר א מלאך פון ערשטען קלאס, און דו וועסט דארפען טראגען פליגעל מיט רויטע און ווייסע פעדערן.

קאפיטעל XI.

ווער איז דען דער גראף פלאטען, מיט וועלכען מיר האבען זיך דערקענט אין פריהערדיגען קאפיטעל אלס דיכטער און ווארימען פריינד? אך, ליעבער לעזער, די דאזיגע פראגע האב איך שוין לאנג געלייענט אויף דיין געזיכט, און מיט אומווילען געה איך צו צו דעם ענטפער. דאס איז דאך טאקי דאס שלים מזל פון די דייטשע שריפטשטעלער, וואס זיי מוזען יעדען גוטען צי שלעכטען נאר, וואס זיי צייכענען אויף אויפ'ן טאפעט, ערשט באקאנט מאכען דורך טרוקענע כאראקטער שילדערונג און פערזענליכע באשרייבונג, כדי מען זאל ערשטענס וויסען, אז ער עקזיסטירט, און צווייטענס דערקענען דעם ארט, וואו דער קאנטשיק וועט איהם טרעפען, אויבען צי אונטען. פון פארענט אדער פון הינטען. אנדערש איז עס געווען ביי די אלטע פעלקער און אנדערש איז עס נאך היינט ביי די נייערע פעלקער, ווי למשל ביי די ענגלענדער און פראנצויזען, וואס האבען א פאלקס־לעבען און דערפאר האבען זיי פאלקס־כאראקטערען. מיר דייטשען אבער, מיר האבען אפילו א גאנץ נאריש פאלק, אבער ווייניג אויסגעצייכענטע נאראנים וואס זאלען זיין גענוג באקאנט, כדי מען זאל זיי קענען באנוצען אלס אלגעמיינע פארשטענדליכע כאראקטערען, אין פראזא אדער אין פערזען. דאס ביסעלע מענער, וואס מיר פארמאגען פון דעם סארט, האבען אמת רעכט, ווען זיי ווילען זיך מאכען פאר וויכטיג. זיי זענען בארעכטיגט פון זיך צו האלטען, אז זיי זענען אן אוצר וואס איז ניט צום אפשאצען. אזוי למשל איז דער הער געהיימראט שמאלץ, פראפעסאר אין דער בערלינער אוניווערזיטעט, א מאן, וואס איז ניט מיט קיין געלד צו באצאלען; א הומאריסטישער שריפטשטעלער קען זיך ניט באגעהן אהן איהם, און ער אליין

פיהלט אין זיך די דאָזיגע פּערזענליכע וויכטיגקייט, און דאָס, וואָס מען קען אָהן איהם ניט אויסקומען, אין אַזאַ הויכען גראַד, אַזוי אַז ער באַנוצט יעדע געלעגענהייט, כדי די הומאָריסטישע שריפטשטע־לער צו געבען שטאָף פאַר סאַטירע, און דערפאַר גריבעלט ער זיך טאָג און נאַכט, ווי אַזוי ער זאָל זיך קענען לעבערליך מאַכען אַלס שטאַאַטסמאַן, אונטערלעקער, דעקמאַן, אַנטיהעגעליאַנער, און פּאַטריאָט, כדי עפּיס אויפצוטאָן פאַר דער ליטעראַטור, פאַר וועל־כער ער איז זיך אויך מקריב. די דייטשע אוניווערזיטעטען מוז מען בכלל נאָכזאָגען דעם שבח, אַז זיי שטעלען צו פאַר דעם דייטשען שריפטשטעלער מעהר נאַראָנים, ווי יעדער אַנדערער צעך און גאַר באַזונדערס האָב איך זיי תמיד אין דער הינזיכט געוואוסט ווי אַזוי צו שעצען. דאָס איז אויך די געהיימע סבה, פאַר וואָס איך וועל זיך ערקלעהרען, אַז די אוניווערזיטעטען זאָלען בלייבען. הגם איך האָב תמיד געפּרעדיגט די פרייהייט פון דער אַרבייט און די פאַר־ניכטונג פון די צעכען. ביי אַזאַ שטאַרקען מאַנגעל אין אויסגע־צייכענטע נאַראָנים, וועט מען מיר ניט קענען גענוג אָפּדאַנקען, ווען איך וועל אויף דעם טאַפּעט ברעננגען נייע, און זיי מאַכען נוצ־ליך פאַר אַלעמען. פאַר דעם וואויל און בעסטען פון דער ליטעראַ־טור, וויל איך דערפאַר איצטער רעדען מיט מעהר פּרטים פון דעם גראַף אויגוסט פאָן פּלאַטען־האַלערמינדע. איך וועל דערצו ביי־טראָגען, אַז ער זאָל פאַר דעם צוועק באַקאַנט ווערען. איך וויל איהם ליטעראַריש אויספּאַשען, ווי די אירעקעזען טוען מיט די געפאַנגע־נע, וואָס זיי עסען דערנאָך אויף ביי די שפּעטערדיגע יום־טובים. איך וועל זיך מיט איהם פאַרנעמען גאַנץ געטריי און עהרליך, און אַבסאָלוט העפליך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ בירגערליכען מענשען. איך וועל דאָס מאַטעריעלע, דאָס אַזוי גערופענע פּערזענליכע, נאָר אויף אַזוי ווייט באַריהרען, אויף וויפיעל גייסטיגע ערשיינונגען וועלען זיך דורך דעם לאָזען ערקלעהרען, און איך וועל אַלע מאָל אָנגעבען דעם שטאַנדפּונקט פון וועלכען איך קוק אויף איהם, און טיילמאָל אפילו די בריל דורך וועלכער איך קוק אויף איהם.

דער שטאַנדפּונקט, פון וועלכען איך האָב דעם גראַף פּלאַטען צום ערשטען מאָל דערזעהן, איז געווען מינכען. דער אָרט פון זיינע

באשטרעבונגען. דאָרט וואו ער איז זעהר באריהמט ביי אלע, וואָס קענען איהם. און וואו ער וועט געווים זיין אונשטערבליך אזוי לאַנג ווי ער וועט לעבען. די ברילען דורך וועלכע איך זעה איהם געהערען צו עטליכע איינוואוינער פון מינכען, וואָס פלעגען ווען ניט ווען אין א פרעהליכער שעה צוואוארפען א פרעהליך וואָרט וועגען זיין אויסערליכען אויסזעהן. איך אליין האָב איהם קיינמאָל ניט געזעהן. און ווען איך וויל מיר פארשטעלען ווי ער זעהט אויס, דערמאָן איך זיך אלעמאָל אן דעם לעבערליכען כעס, מיט וועלכען עס האָט זיך אמאָל צולאָזט מיין פריינד, דער דאָקטאָר לויטענבאַכער, איבער דער פּאָעטישער נארישקייט בכלל, און גאָר באזונדערס האָט ער דערמאָנט א געוויסען גראף פּלאָטען, וואָס מיט א לאָרבער קראַנץ אויפ'ן קאָפּ, האָט ער זיך געשטעלט אין וועג די שפּאַצירגענגער אויף דער עפענטליכער פּראָמענאַדע אין ערלאַנגער, און מיט א באברילטער נאָז האָט ער זיך פארקוקט אין הימעל אריין, און געוויזען יעדען איינעם, אז ער איז אין א פּאָעטישער באגייסטערונג. אנדערע האָבען פון דעם אָרעמען גראף געערדט בעסער. און האָבען זיך נאָר באקלאָגט אויף זיינע באשרענקטע מיטלען, וואָס, ביי זיין עהרגייץ זיך כאָטש אויסצוצוכענען אלס א דיכטער, נויטיגען זיי איהם צו ארבייטען איבער די כחות, און זיי האָבען באזונדערס געלויבט זיין גוטע האלטונג אקעגען די אינגערע, ביי וועלכע ער איז געוועזען די באשיידענהייט אליין, מיט דעם וואָס ער האָט זיך אויסגעבעטען מיט דער ליעברייכסטער דעמוטיקייט, אז מען זאָל איהם ערלויבען ווען ניט ווען צו קומען צו זיי אין צימער אריין, און האָט זיין גוטמוטיקייט געטריבען אזוי ווייט, אז ער איז נאָך אלץ געקומען אפילו ווען מען האָט איהם גאַנץ דייטליך געלאָזט מערקען, אז זיינע וויזיטען זענען א לאַסט. אזעלכענע מעשיות האָבען מיך אין א געוויסען זין גערירט, הגם איך האָב דעם דאָזיגען מאַנגעל אין פערזענליכען בייפאַל געפונען פאַר נאַטירליך. אומזיסט האָט זיך דער גראף אָפט געקלאָגט:

— דיין בלאָנדע יוגענד, זיסער אינגעל,
לאַכט אויס זיך פון דעם טרויעריגען חבר.

דערפאַר וועל איך באַנוצען זיך מיט שפּאַס,
אַנשטאַט וואָס איצטער לאָב איך זיך מיט טרעהרען,
וועט גאָט אין הימעל מוזען מיך אויסהערען
און פרעהליכקייט מיר מוזען געבען.

אומזיסט פאַרזיכערט דער אָרעמער גראַף, אַז ער וועט אַמאָל ווע־רען דער באַריהמטעסטער דיכטער, אַז אויף זיין שטערען זעהט זיך שוין דער שאָטען פון אַ לאָרבעער־בלאַט. און אַז ער וועט אויך זיין זים אײנגעל קענען מאַכען אונשטערבליך דורך געדיכטען, וואָס וועלען קיינמאָל ניט זיין פאַרגעגנגליך. אַך! טאַקי אָט די פייער־ליכקייט איז קיינעם ניט ליעב געווען, און אין דער אמת'ן איז איהם ניט געווען מקנא צו זיין. איך דערמאָן זיך נאָך מיט וואָס פאַר אַן אונטערדריקטען שמייכעל אַ קאַנדידאַט פון אַזאַ פייערליכקייט איז אונטער די אַרקאַדען פון מינכען באַטראַכט געוואָרען פון עטליכע פרעהליכע פריינד. אַ שאַרפזיכטיגער חברה מאַן האָט אפילו געוואָלט האָבען, אַז ער זעהט הינטער יענעמס פּאָלעס פון מאַנטעל אַ שאָטען פון אַ לאָרבעערבלאַט. וואָס איז נוגע צו מיר אליין, ליעבער לעזער, אַזוי בין איך ניט אַזאַ שלעכטער, ווי דו דענקסט. איך האָב רחמנות אויף דעם אָרימען גראַף, ווען אַן אַנדערער מאַכט פון איהם חוזק. איך צווייפעל צי האָט ער זיך טאַקי אין דער אמת'ן נוקם געווען אָן דער פאַרהאַסטער „זיטליכקייט“, הגם ער שמאַכט אין זיי־נע ליעדער, צו באַגעהן אַזאַ נקמה; איך גלויב שוין פיעל מעהר אין די פאַרוואונדעטע קרענקונגען, באַליידיגטע צוריקשטויסונגען, און צוריקווייזונגען, וועגען וועלכע ער זינגט אַליין אַזוי ריהרענד. איך בין איבערצייגט, אַז ער האָט זיך בכלל באַנומען אַקעגען דער מאָ־ראַל אַ סך פיינער, ווי עס איז איהם אַליין ליעב געווען. און ער קען אפשר, פּונקט ווי דער גענעראַל טילו זיך ריהמען: איך בין קיינ־מאָל ניט געווען שכור, איך האָב קיינמאָל ניט באַריהרט קיין פרוי, און האָב קיינמאָל ניט פאַרלוירען קיין שלאַכט. און געוויס דערפאַר זאָגט אויף איהם דער דיכטער:

„דו ביזט אַ ניכטער, אומשולדיגער יונג.“

דער אָרימער יונג, אָדער אפשר בעסער, דער אָרימער אַלטער יונג — וואָרים ער האָט שוין דאַמאָלט געהאַט עטליכע תאוות

הינטער זיך — האָט דעמאָלט געשטעקט, אויב איך האָב ניט קיין טעות, אין דער אוניווערזיטעט אין ערלאַנגען, וואו מען האָט איהם אַנגעוויזען א באשעפטיגונג; דאָך אזוי ווי אָט די באשעפטיגונג איז ניט געווען געגוג פאר זיין הויכשטרעבענדען גייסט, ווארים צוזאמען מיט די תאוות האָבען איהם אַלץ מעהר און מעהר געגור־מען שטעכען די תאוה׳דיגע פארלאַנגען צו ניט נאטירליכער תאוה, און דער גראף איז מיט יעדען טאָג געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר באגייסטערט פאר זיין צוקונפטיגער הערליכקייט, האָט ער דאָס געשעפט אויפגעגעבען און האָט באשלאָסען צו לעבען פון שריפטשטעלעריי, פון נדבות, וואָס מאכען זיך ביי א געלעגענהייט, און פון נאָך עטליכע אזעלכענע פארדיענסטען. די גראפשאפט פון דעם גראף ליגט געמליך אויף דער לבנה, פון וואנען ער וועט, לויט דער שלעכטער קאָמוניקאציאָן אין בייערן, ערשט קענען באקומען זיינע צינזען, לויט גריוטהויזענס בארעכנונג, אין 20.000 יאָהר ארום.

שוין פריהער האָט פאָן פלאַטען דע קאַליבראַדאָס האַלערמינ־דע, געהאט ארויסגעלאָזט א ליעדער זאמלונג, ביי בראקהויז אין לייפציג, מיט א פאָרעדע, און האָט עס גערופען: „לירישע בלעט־טער, נומער 1.“ וואָס זענען ניט באקאנט געוואָרען. הגם ער פארזיכערט אונז, אז די זיעבען חכמים האָבען דעם פארפאסער געשענקט זייער ליעב. שפעטער צו האָט ער ארויסגעגעבען לויט דעם טיעק׳שען מוסטער, עטליכע דראמאטישע מעשה׳לעך און דערצעהלונגען, וואָס האָבען אויך געהאט דאָס זעלביגע מזל, און זיי זענען געבליבען ניט באקאנט צו די ניט קלוגע גרויסע מאסען, און זענען נאָר געלייענט געוואָרען פון די זיעבען חכמים. אונטער־דעסען, כדי צו געווינען נאָך עטליכע לעזער, א חוץ די זיעבען חכמים, האָט זיך דער גראף גענומען צו דער פּאָלעמיק און האָט אַנגעשריעבען א סאטירע אקעגען באריהמטע שריפטשטעלער, און דאָס, אקעגען מילנער׳ן, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען פון אַלע־מען פארהאסט און מאַראַליש פארניכטעט, אזוי אז דער גראף איז גראָד געקומען אין דער רעכטער צייט, כדי דעם טויטען הויפ־ראט ערינדור, אויך צו דערלאַנגען דעם הויפּטשטאָך, ניט אין קאָפּ

אריין, נאר אויף דעם פאלסטאפ׳שען שטייגער אין דעם דיקען פלייש פון די פיס. דער ווידערווילען אקעגען מילנער׳ן האט אנגע־פילט יעדעם עדעלע הארץ; די פאלעמיק פון דעם גראף איז דער־פאר ניט געפעלען געווארען. און די „פערהענגניספאלע גאבעל״ האט דערפאר געקראגען דא און דארטען א נישקשה׳דיגע אויפנא־מע, ניט ביים גרויסען פובליקום, נאר ביי ליטעראטארען און ביי די אייגענטליכע שול־לייט. דער עיקר ביי די לעצטע, ווייל יענע סאטירע האט שוין ניט מעהר נאכגעמאכט דעם ראמאנטישען טיעק נאר דעם קלאסישען אריסטאפאנעס.

איך גלויב, אז דאס האט געמוזט זיין אין יענער צייט, ווען דער הער גראף איז אפגעפאהרען קיין איטאליען; ער האט שוין מעהר ניט געהאט קיין ספק, אז ער וועט קענען לעבען פון זיין פאעזיע האט געהאט דעם געוועהנליכען פראזאאישען כבוד צו דערלאנגען געלד אויף דעם חשבון פון דער פאעזיע; ווארים די פאעזיע די „טאכטער פון הימעל״ די הויכגעבוירענע, האט אליין קיינמאל קיין געלד ניט, און ביי אזעלכענע געלעגענהייטען ווענדט זי זיך אלעמאל צו קאטא. דער גראף האט איצטער פאר־זיכערט טאג און נאכט, אז ער וועט ניט בלייבען ביי דעם פאר־בילד פון טיעק און אריסטאפאנעס, נאר ער מאכט אויך נאך גע־טהע׳ן אין ליעד, דערנאך האראץ׳ן אין דער אדע, דערנאך פעט־ראר׳ן אין סאנעטען, דערנאך דעם דיכטער האפיז אין פערזישע גאזעלען — בקיצור, ער האט אונז אויף אזא אופן דערלאנגט די בלומען פון די בעסטע דיכטער און אין דערזעלביגער צייט זיינע אייגענע „לירישע בלעטער״ אונטער דעם טיטול: „געדיכטע פון דעם גראף פלאטען א. אז. וו.״

קיינער אין דייטשלאנד איז ניט מילדער אקעגען די פאעטישע ערשיינונגען, ווי איך. און איך פארגין מיט׳ן גאנצען הארצען אזא ארימען מענשען ווי פלאטען — זיין שטיקעלע רוהם, וואס ער האט זיך אזוי שווער פארדיענט מיט דעם שוויים פון זיין פנים. קיינער איז ניט מעהר גענייגט ווי איך צו ריהמען זיינע בא־שטרעבונגען, זיין התמדה, און צו לויבען זיין באלעזענקייט אין דער פאעזיע, און צו אנערקענען זיין פארדיענסט אין דעם זילבענ־מאס.

מיינע אייגענע פּאַרזוכען גיבען מיר מעהר רעכט ווי יעדען אנדערן,
צו ווירדיגען דעם גראַף׳ס מעטרישע פּאַרדיענסטען. די ביטערע
מיה, דעם געוואַלטיגען אויסדויער, דאָס קלאַפּען מיט די ציין אין
די ווינטער נעכט, די געוואַלדיגע אנשטרענגונגען מיט וועלכע ער
האָט די פּערזען אויסגעאַרבייט, דאָס ענטדעקט אַז אונזעריגער פיעל
שנעלער, ווי דער געוועהנליכער, פּשוט׳ער לעזער, וואָס האַלט די
גלאַטקייט, ציערליכקייט און פּאָליטור פון יענע פּערזען פון גראַף,
פאַר עפּים לייכטס, און האָט הנאה פון דעם גלאַטען וואָרט־
שפּיעלעריי אָהן געדאַנקען, פּונקט ווי מען אַמוזירט זיך עטליכע
שעה פון קונציגע שפּרינגע, פון געהען אויף א שטריק, פון טאַנצען
איבער אייער, פון שטעלען זיך אויפ׳ן קאָפּ, און מען גיט דערביי
ניט א טראַכט, אַז יענע אַרימע לייט האָבען זיך נאָר געקענט אויס־
לערנען אָט די אַלע קונצען, אָט די גאַנצע מעטריק
פון לייב, נאָר דורך יאָהרען לאַנגען צוואַנג, און גרויזאַמען הונ־
גער ליידען. איך, וואָס איך האָב זיך אין דער דיכט־קונסט ניט
אַזוי פיעל געפּלאָגט, און האָב זי אַלע מאָל אויסגעאיבט אין
פאַרבינדונג מיט גוטען עסען, איך וויל דעם גראַף פּלאַטען, וועמען
עס איז דערגאַנגען זויערער און ניכטערער, דערפאַר נאָך מעהר
לויבען, איך וועל איהם נאָכזאָגען דעם שבח, אַז קיין שטריק־טאַנ־
צער אין אייראָפּאַ קען ניט אַזוי גוט ווי ער באַלאַנסירען אויף
שלאַפּע גאַזעלען, אַז קיינער פון די אייער־טענצער קען ניט אַזוי
גוט עקזעקוטירען איבער

א. אז. וו.

ווי ער, אַז קיינער קען זיך ניט אַזוי גוט שטעלען אויפ׳ן קאָפּ ווי ער.
ווען אפילו די מוזען זענען ניט גוט צו איהם, האָט ער דאָך דעם גע־
ניום פון דער שפּראַך אין זיין מאַכט, אָדער בעסער געזאָגט, ער
ווייס, ווי אַזוי צו באַצווינגען: — וואָרים די פרייע ליעבע פון אָט
דעם געניום פעהלט איהם, אויך אָט דעם יונג מוז ער אַלץ כסדר
נאָכלויפען, און ער ווייס נאָר ווי אַזוי צו דערטאַפּען די דרויסענ־
דיגע פאָרמען, וואָס טראָץ זייער שענער קיילעכדיגקייט, לאָזען זיי

זיך אבער קיינמאל ניט ארוים רעדען ערעל. קיינמאל האבען זיך פון דער נשמה פון א פלאטען ניט ארויסגעריסען, די נאטור לויטען ווי מיר הערען ביי די קינדער און אנדערע דיכטער, קיינמאל האַ־בען זיי ניט ארויסגעבליהט ווי אן אנטפלעקונג; דעם שרעקענדי־גען צוואנג, וואס ער מוז זיך אליין אנטוען כדי עפים צו זאגען, רופט ער אן „א גרויסע טאט אין ווערטער" — אזוי אין גאנצען ניט באקאנט מיט דעם וועזען פון דער פאעזיע, ווייס ער צומאל ניט, אז דאס ווארט איז נאר ביי דעם רהיטאר א טאט. ביי דעם אמת'ן דיכטער אבער אן ערשייגעניש. ביי איהם, אקוראט פאר־קעהרט ווי ביי דעם אמת'ן דיכטער, איז די שפראך קיינמאל ניט געווארען קיין מייסטער, ער איז פארקעהרט געווארען דער מייס־טער אין דער שפראך, אדער בעסער געזאגט, אויף דער שפראך, ווי א ווירטואז אויף אן אינסטרומענט. וואס ווייטער ער האט עס אויף אזא אופן געבראכט אין דער טעכניק, אלץ א גרעסערע מיי־נונג האט ער געקראגען פון זיין ווירטואזיטעט; ער האט דאך גע־וואוסט צו שפיעלען אויף אלערליי אופנים. ער האט דאך פערזי־פיצירט די שווערסטע פאסאזשען, טיילמאל האט ער נאכגעזוכט, אזוי צו זאגען, אויף דער „ג" — סטרונע, און ס'האט איהם פאר־דראסען, ווען דאס פובליקום האט ניט אפלאדירט.ווי אלע ווירטואַ־זען, וואס האבען זיך נאר אויסגעארבייט אן איינזייטיג טאלענט, שטרעבט ער נאר נאך אפלאדיסמענטען. דערפאר האט ער מיט פארדראס צוגעזעהן ווי אנדערע זענען בארימט, דערפאר האט ער מקנא געווען זיינע קאלעגען פאר זייער געווינס, ווי למשל אויף קלאורען, האט ער גלייך געשריעבען פינף אקטיגע פאסקעווילען, ווען ער האט נאר באמערקט אז איין איינציגע קסעניע פון טאדעל איז געמיינט פאר איהם, האט ער קאנטראלירט אלע רעצענזיאנען אין וועלכע אנדערע זענען געווארען געלויבט און ער האט כסדר געשריען: איך ווער ניט גענוג געלויבט, ניט גענוג באלוינט, וואַ־רים איך בין דער פאעט, דער פאעט פון די פאעטען, א. אז. וו. אזוי הונגעריג און לעכצענדיג נאך לויב און נדבות האט זיך נאך קיינמאל ניט ארויסגעוויזען קיין אמת'ער דיכטער. קיינמאל ניט קלאפשטאק, קיינמאל ניט געטהע, צו וועלכע דער גראף פלאטען

האָט זיך אַליין אויסגערופען אַלס דער דריטער. הגם יעדער איינער קען איינזעהן, אַז נאָר מיט ראַמלער און אפשר אויך מיט א. וו. שלעגעל קען ער אויסמאַכען אַ טריאומוויראט. דער גרויסער ראַמלער, ווי מען פלעגט איהם רופען אין זיין צייט, ווען ער פלעגט, — הגם אַהן אַ לאָרבעער קראַנץ אויפ'ן קאָפּ, אבער פאַר דאָס מיט אַ גרעסערען צאָפּ און מיט אַ האַרבייטעל, — ארומשפּאַציערען צום טאַקט אין דעם בערלינער טהיער־גאַרטען, מיט די אויגען אויפגעהויבען צום הימעל און מיט דעם שטייפען לייוועגטענעם שירם אונטער'ן אָרעם, האָט ער זיך דעמאָלט אויך געהאַלטען פאַר דעם רעפּרעזענטאַנט פון דער פּאָעזיע אויף דער ערד. זיינע פערזען זענען געווען די פאָלקאָמסטע אין דער דייטשער שפּראַך, און זיינע פאַרעהרער, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך געהאַט פאַרבלאָנדזשעט אפילו אַ לעסינג, האָבען געמיינט אַז ווייטער קען מען עס שוין ניט ברענגען אין דער פּאָעזיע. כמעט דאָס זעלביגע איז שפּעטער צו געווען דער פאַל מיט א. וו. שלעגעל, וועמענס פּאָעטישע ניט פולשטענדיקייט, האָט זיך אבער ארויסגעזעהן זינט די שפּראַך האָט זיך ווייטער אויסגעבילדעט. אַזוי אַז אַפילו די יעניגע, וואָס האָבען אַמאָל דעם זינגער פון „אריאָן“ אַליין געהאַלטען פאַר אַן אריאָן, זעהען איצטער נאָר נאָך אין איהם אַ שול־לעהרער מיט פאַרדיענסטען. צי האָט זיך שוין אבער דער גראַף פּלאַטען דערהויבען צו לאַכען איבער שלעגעל, וואָס אַ חוץ דער פּאָעזיע, איז ער ווערט געריהמט צו ווערען, פּונקט ווי שלעגעל האָט אַמאָל געלאַכט איבער ראַמלער'ן, דאָס ווייס איך ניט. אבער דאָס ווייס איך, אין דער פּאָעזיע זענען זיי זיך אַלע דריי גלייך. און ווען דער גראַף פּלאַטען מעג נאָך ווי ארויסווייזען אין די גאָזעלען זיינע שאָקעלדיגע באַלאַנסיר־קונצען, און ווען ער מעג נאָך ווי עקזעקוטירען זיין אייערטאַנץ אין די אָדען, יאָ, ווען אין זיינע קאָמעדיעס, שטעלען זיך אפילו אויפ'ן קאָפּ — איז ער דאָך ניט קיין דיכטער, אַז ער איז ניט קיין דיכטער, דאָס זאָגט אפילו די אונדאַנקבאַרע מענליכע יוגענד, וואָס ער באַזינגט אַזוי צערטליך. אַז ער איז ניט קיין דיכטער, זאָגען די פרויען, וואָס זענען אפשר — דאָ מוז איך עס זאָגען איהם צו גוטען — דאָ ניט אין גאַנצען אונפּאַרטייאיש, און אפשר

צוליעב דער נייגונג, וואס זיי האבען ביי איהם אויסגעפונען, פיהלען זיי צו איהם אביסעל אייפערזוכט. אדער אפשר פיהלען זיי זיך בארויבט דורך דער טענדענץ פון זיינע געדיכטען פון דער ביז איצטיגער פארטייליהאפטער שטעלונג, וואס זיי האבען געהאט אין דער געזעלשאפט. שטרענגע קריטיקער, וואס זענען פארזעהן מיט שארפע ברילען זענען איינשטימיג מיט אט דעם אורטייל, און דריקען זיך אויס אפשר נאך לאקאנישער. — וואס געפינט איהר אין די געדיכטען פון דעם גראף פאן פלאטען־האלערמינגע? — האב איך דא ניט לאנג געפרעגט אזא מאן. — זיך־פלייש! איז גע־ווען דער ענטפער. — איהר מיינט אין דער הינזיכט פון דער מיט גרוים מיה אויסגעארבייטער פארם? — האב איך איבערגעפרעגט— ניין! האט יענער געענטפערט, זיך־פלייש, אויך בנוגע דעם אינ־האלט.

וואס אנבעלאנגט ווידער דעם אינהאלט פון די פלאטענ'שע געדיכטען, קיין לויב פאר זיין אינהאלט וואלט איך איהם ניט גע־בען, אבער אונבעדינגט איהם איבערגעבען צו דעם צענזור'שען כעס דאס וואלט איך אויך ניט. C'hacun a son gout איינעם גע־פעלט דער אקס, א צווייטען וואסישטא'ס קוה. מיר געפעלט אפילו ניט יענער רהאדאמאנטישער ערענסט, מיט וועלכען דער אינהאלט פון די פלאטענ'שע געדיכטען זענען גע'משפט געווארען אין די בערלינער יאהרביכער פאר וויסענשאפטליכע קריטיק. אבער אזוי זענען שוין די מענשען. עס איז לייכט פאר זיי אריינצופאלען אין אייפער, ווען זיי רעדען פון זינד, וואס וועט זיי ניט מאכען קיין פארגעניגען. אין „מארגענבלאט" האב איך דא ניט לאנג געלייענט אן אויפזאץ מיט דער איבערשריפט: „אוים דעם זשורנאל פון א לעזער". אין וועלכען דער גראף פלאטען טרעט ארוים אקעגען אט די וואס האבען אויסצוזעצען זיין פריינדשאפטס ליעבע, מיט יע־נער באשיידענקייט, וואס ער קען קיינמאל ניט פארלייקענען, און דורך וועלכען מען קען איהם אויך דא דערקענען. ווען ער זאגט, אז „דאס העגעל'שע וואכענבלאט" באשולדיגט איהם אין א געהיימער עברה מיט א „לעבערליכען פאטהאס", אזוי וויל ער, ווי דאס איז צו דערקענען, בלויז פארלויפען דעם וועג אנדערע, וועגען וועמענס

מיינונג ער האָט זיך דערוואוסט דורך א דריטער האַנד. און דאָך האָט מען איהם שלעכט צו וויסען געגעבען. אין דער הינזיכט וואָלט מיר קיינער ניט געקענט באשולדיגען אין פאטהאָס. דער ערדעלער גראָף איז פאר מיר גיכער אַן ערשיינונג, פון וועלכער איך האָב הנאה. און אין זיין ערלויכטער ליעבהאבעריי, זעה איך נאָך עפּיס, וואָס פּאסט ניט פאר דער צייט, עפּיס וואָס איז בלויז א פּאַרד שעהמטע פּאראָדיע פון אן אנטיקען איבערמוטה. דאָס איז עס דאָך טאקי, יענע ליעבהאבעריי איז אין אלטערטום ניט געווען נעגען די זיטען, און האָט עס העראָאיש געקענט לאָזען הערען אין דער עפענטליכקייט. ווען למשל דער קייזער נערא האָט געמאכט א סעודה, וואָס האָט געקאָסט מיליאָנען, אויף שיפען, וואָס זענען געווען באדעקט מיט גאָלד און עלפענביין, האָט ער זיך געלאָזט פייערליך איינגוויהען מיט א איינגעל, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען פיטהאָגאראס (Cuncta denique spectata quao et im in femina nox operit) און האָט דערנאָך אונטערגעצונדען די שטאָדט רוים, כדי ביי די קנאקענדיגע פלאמען בעסער צו קענען באזינגען דעם אונטערגאנג פון טראָיא. דאָס איז נאָך געווען א גאזעלען־דיכטער, וועגען וועלכען איך וואָלט געקענט רעדען מיט פּאטהאָס; דאָך וועגען דעם נייעם פיטהאָגאראס, וועלכער דרעהט זיך ארום אין דעם היינטיגען רוים, אויף די וועגען פון פריינד־שאפט, נויטבאדערפטיג, ניכטער און שרעקענדיג, מיט זיין העלען געזיכט, און ער ווערט צוריקגעוויזען פון ליעבלאָזע יונגען און דערנאָך זיפצט ער אוים זיינע גאזעלען ביי אן ארימען אויל־לעמ־פּיל, וועגען דעם קען איך נאָר שמייכלען. אינטערעסאנט אין דער הינזיכט איז דער פארגלייך צווישען די פלאטענישע געדיכטען און דעם פּעטראַן. ביי יענעם איז שארפע, אנטיקע, פלאסטיש היידני־שע אָפּענקייט; פארקעהרט גראָף פלאטען, טראָץ זיין קוואָפּען זיך אויף קלאסיציטעט, באהאנדעלט זיין געגענשטאנד פיעל מעהר ראָמאנטיש, פארשלייערט, פארבענקט, פּפאפיש — איך מוז נאָך צוגעבען: חנופ'יש. ווארום דער גראָף פארשטעלט זיך מאנכעם מאָל אין א פרומען געפיהל. ער מיידט אוים די געגויערע גע־שלעכטס באצייכענונגען: נאָר די וואָס זענען איינגעווייהט, די

זאָלען זעהן קלאָר: אקעגען דעם גרויסען המון, גלויבט ער זיך אמאָל צו האָבען גענוג באהאַלטען מיט דעם, וואָס ער לאָזט טיילמאָל ארויס דאָס וואָרט „פריינד“, און מיט איהם טרעפט ווי מיט דעם פויגעל שטרויס, וועלכער גלויבט, אז ער איז באהאַלטען, ווען ער פארשטעקט זיין קאָפּ אין זאמד, אזוי אז עס זעהט זיך נאָר ארויס דער הינטערשטער חלק. אונזער ערלויכטער פויגעל וואָלט געטאָן פיעל בעסער, ווען ער וואָלט דעם הינטער חלק פאַר־שטעקט אין זאמד און געוויזען דעם קאָפּ. און ווירקליך ער איז מעהר א מאַן פון הינטער חלק ווי א מאַן פון קאָפּ. בכלל פּאַסט איהם גאָר ניט דער נאָמען מאַן. זיין ליעבע האָט א פּאַסיוו פּאַטהאָ־גאָרעאישען כאַראקטער. ער איז אין זיינע געדיכטען א פּאַטהיקאָס, ער איז א פרוי, און דאָס, א פרוי, וואָס האָט הנאה פון דעם גלייכען ווייבערשען. ער איז גלייכצייטיג א מענערשע טריבאַדע. אַט די שרעק־קיגע, בויגיגע נאַטור, קוקט ארויס פון אַלע זיינע געדיכטען. ער גע־פינט אַלע מאָל א נייעם שעהנהייטס־פריינד. אומעטום זעהען מיר אין די דאָזיגע געדיכטען פּאָליאַנדרע, און ווען אפילו ער סענ־טימענטאַליזירט:

„דו ליעבסט און שווייגסט — אוי, וואָלט איך אויך געשוויגען

און מיינע בליקען נאָר פארשווענדט אויף דיר!
אוי, וואָלט איך קיינמאָל זיך ניט געווענדט צו דיר,
וואָלט איך קיין קרענקונג ניט געוועזען אונטערליגען.

דאָך אַט די ליעבע וואָלט איך וועל'ן באַזיעגען
און וועה דעם טאָג, וואָס ווען זי ענד'גען קאַלט.
זי האָט פון יענע רוימען דאָ צו אונז געשטראַהלט,
וואו די מלאכים גליקליכע זיך ליעבען.“

דערמאָנען מיר זיך גלייך אָן די מלאכים, וואָס זענען געקומען צו לוט'ן דעם זוהן פון תרח, און מיט שווערער מיה האָבען זיי זיך קוים געראַטעוועט פון די צערטליכע ליעבהאָבערייען. ככתוב, ווי עס שטעהט געשריעבען אין חומש, וואו עס זענען ליידער ניט אָנ־

געגעבען די גאזעלען און די סאנעטען, וואס זענען דעמאלט געדיכטעט געווארען פאר לוט'ס טיר. אין פלאטען'ס געדיכטען, זעהען מיר אומעטום דעם פויגעל שטרויס, וואס פארשטעקט נאר דעם קאפ, דעם גאוה'דיגען אהנמעכטיגען פויגעל, וואס האט די שענסטע פעדערן, און דאך קען ער ניט פליהען, און קריגעריש לויפט ער ארום איבער דעם פאלעמישען זאמד־מדבר פון דער ליטעראטור. מיט זיינע שענע פעדערן אהן כח צום פליהען מיט זיינע שענע פערזען אהן פאעטישען פליה, איז ער פונקט דער היפך פון יענעם אדלער פון געזאנג, וועמענס פליגעל עם גלאנצען ווייניגער, אבער מיט וועלכע ער הויבט זיך אויף צו דער זון — איך מוז ווידער צוריקקומען צו דעם רעפרעין: דער גראף פלאטען איז ניט קיין דיכטער.

פון א דיכטער פארלאנגט מען צוויי זאכען: אין זיינע לירישע געדיכטען מוזען זיין נאטור־לויטען, אין זיינע עפישע אדער דראמאטישע געדיכטען מוזען זיין געשטאלטען. קען ער זיך אין דער הינזיכט ניט לעגיטימירען, ווערט איהם דער דיכטער־טיטול אפגעזאגט, אפילו ווען זיינע איבעריגע פאמיליען פאפיערען און אדעלס דיפלאמען זענען אין דער בעסטער ארדענונג. דאס לעצטע קען זיך זעהר זיין דער פאל ביים גראף פלאטען. דערין צווייפעל איך ניט, און איך בין איבערצייגט, אז ער וועט שמייכלען מיטלייריג הייטער, ווען עמיצער זאל עפים ווועלען פארדעכטיגען זיין גראפען־טיטול. אבער פרואווט נאר ארויסצואווייזען דעם מינדסטען צווייפעל אין איין איינציגער קסעניע וועגען זיין דיכטער־טיטול — גלייך וועט ער זיך מיט א כעס אוועקזעצען און אקעגען אייך אפדרוקען פינף אקטיגע סאטירען. וואָרים די מענשען האלטען זיך וואס שטארקער אן א טיטול, וואס צווייִדייטיגער און ניט באשטימטער דער טיטולוס איז, וועלכער בארעכטיגט זיך דערצו. און ס'קען זיין, אז דער גראף פלאטען וואלט יא געווען א דיכטער, ווען ער זאל געווען לעבען אין אן אנדערער צייט, און ער וואלט, א חוץ דעם, אויך געווען אן אנדערער, ווי ער איז איצטער. דער מאנגעל אין נאטור־לויטען אין זיינע געדיכטען שטאמט אפשר דערפון, וואס ער לעבט אין א צייט אין וועלכער ער טאר ניט אנרופען מיט די נעמען זיינע אמת'דיגע געפיהלען. וואו דער זעלביגער זייט, וואס

שטעהט וואָס אמאָל אַלץ פיינדליכער אקעגנען זיין ליעבע, פארבאָט איהם זאָגאר זיך וועגען דעם צו באקלאָגען אפענערהייד. וואו יעדע עמפפינדונג זיינע, מוז ער צודעקען, כדי וואָס ווענינער צו דער־שרעקען דאָס אויער פון פובליקום. אָט דער שרעק לאָזט ביי איהם ניט אויפקומען קיין אייגענעם נאַטור־לויט, זי פאַרדאַמט איהם מעטריש צו בעאַרבייטען די געפיהלען פון אנדערע דיכטער, און ווען ס'איז נויטיג זיי צו באנוצען אלס א פאַרשטעלונג פון זיינע אייגע־נע געפיהלען. עס געשעהט איהם אפשר אן אומרעכט, ווען ניט האָבענדיג קיין איינזעהן מיט אָט דער אומגליקליכער לאַגע, וויל מען באהויפטען, אז דער גראַף פלאַטען האָט זיך אויך אין דער פּאָעזיע געוואָלט ווייזען אלס גראַף, און געוואָלט באהאַלטען זיין אדעל, און דערפאר האָט ער אונז פאַרגעפיהרט געפיהלען פון א באקאַנטער פאַמיליע, געפיהלען וואָס האָבען שוין זייערע 64 אבות. וואָלט ער געווען געלעבט אין דער צייט פון דעם רוימישען פיטהאַ־גאָראַס, וואָלט ער דעמאָלט אפשר געקענט זיינע געפיהלען לאָזען פרייער ארויסטרעטען, און ער וואָלט אפשר געווען געגאָלטען פאר א דיכטער. דעמאָלט וואָלטען איהם ווענינסטענס ניט געווען גע־פעהלט די נאַטור־לויטען אין זיינע לירישע געדיכטען — דאָך דער מאַנגעל אין געשטאַלטען אין זיינע דראַמען וואָלט נאָך אַלץ גע־ווען געבליבען, אזוי לאַנג ווי אויך זיין זינליכע נאַטור, וואָלט זיך ניט געענדערט, און ער אליין וואָלט אויך ניט געוואָרען קיין אנדע־רער. די געשטאַלטען, וואָס איך מיין, זענען נעמליך יענע זעלבסט־שטענדיגע באשעפענישען, וואָס זענען ארויסגעטראָטען פון דעם שאַפענדיגען דיכטער־גייסט ווי פאַלאַס־אַטהענע אוים דעם קאָפּ פון קראָניאָן; לעבעדיגע טרוים־געשטאַלטען, וועמענס מיסטישע געבורט שטעהט, מעהר ווי מען גלויבט עס, אין א וואונדערזאַמען צוזאַמענהאַנג מיט דער זינליכער נאַטור פון דעם דיכטער, אזוי, אז אזא גייסטיג געבערען איז פארזאָגט דעמיעניגען, וואָס ער אליין גיט זיך איבער אין גאָזעלען ווי אן אונפרוכטבאר באשעפעניש, אין א צוקראָכענער ווייכקייט.

און דאָך, דאָס זענען אַלץ פריוואַטע מיינונגען פון א דיכטער און זייער געוויכט הענגט אָפּ פון דעם, ווי וויט מען וויל גלויבען

אין זיין קאָמפּעטענץ. איך מוז דאָ דערמאָנען, אַז דער גראַף פּלאַ־טען פאַרזיכערט צו אָפט דעם פּובליקום, אַז שפּעטער צו וועט ער ערשט דיכטען דאָס באַדייטענסטע, פון וועלכען מען האָט איצט נאָך ניט קיין אהנונג. יאָ, אַז ער וועט ערשט דעמאָלט שרייבען איליאַ־דען און אָדיסעען קלאַסיציטעטס־טראַגעדיען און אנדערע אונ־שטערבליכקייטס־קאָלאָסאַל־געדיכטען, ווען ער וועט זיין פאַרבעריי־טעט נאָך אַזוי פיעל און אַזוי פיעל מוסטערן. דו, ליעבער לעזער, האָסט אפשר אָט די אויסגיסונג פון דעם זעלבסטבאַוואוסטזיין אליין געלייענט אין די מיט גרויס מיה געפיילטע פערזען, און דער צוזאַג פון אַזאַ צוקונפט האָט דיר אפשר דערפאַר נאָך מעהר הנאה געטאָן, ווען דער גראַף האָט אין דערזעלביגער צייט אַלע דיכטער פון דייטשלאַנד, אַ חוץ דעם גאַנץ אַלטען געטהע, געשילדערט ווי אַ בליאַסטרע שלעכטע פאַרטאַטשעס, וואָס שטעהען איהם נאָר אין וועג, וועלכער פיהרט צום רוהם, און וועלכע זענען אַזוי אונ־פאַרשעהמט, און צורייסען יענע לאָרבעערען און באַלוינונגען וואָס געהערען נאָר צו איהם.

וואָס איך האָב וועגען דעם געהערט רעדען אין מינכען, דאָס וועל איך פאַרשווייגען; אָבער צוליעב דער כראָנאָלאָגיע, מוז איך דערצעהלען, אַז אין יענער צייט האָט דער קעניג פון באַיערען אויס־געדריקט זיין אַבזיכט, צו געבען וועלכען ניט איז דייטשען דיכטער אַ יעהרליכען געהאַלט, אַהן דעם, אַז עס זאָל דערמיט פאַרבינדען ווערען אַן אמט, אַזאַ אונגעוועהנליכער ביישפּיעל, וואָס האָט פאַר דער גאַנצער דייטשער ליטעראַטור געקענט ברענגען שענע פּאָלגען. מען האָט מיר געזאָגט —

דאָך איך וויל ניט פּאַטרעטען פון מיין טעמא. איך האָב געערדט וועגען דעם גראַף פּלאַטענס באַריהמערייען, וואָס האַלט אין איין שרייען: איך בין דער פּאָעט, דער פּאָעט פון אַלע פּאָעטען! איך וועל דיכטען אָדיסעען און איליאַדען א. אז. וו. איך ווייס ניט וואָס דאָס פּובליקום האַלט פון אַזעלכענע באַריהמערייען, אָבער איך ווייס גאַנץ גענוי, וואָס אַ דיכטער דענקט וועגען דעם, דאָס הייסט אַן אמת׳ר דיכטער, וואָס האָט שוין עמפּפינדען די פאַרשעמטע זיס־קייט אין דעם באַהאַלטענעם שווידער פון דער פּאָעזיע. און ווי אַ

גליקליכער פּאזש, וואָס געניסט די פאַרבאָרגענע קונסט פון דער פּרינצעסין, וועט ער געוויס זיך ניט באַריהמען אויף דעם אָפענעם מאַרק מיט דער זעליקייט פון דער דאָזיגער עמפּפינדונג.

צוליעב אַזעלכענע באַריהמערייען האָט מען דעם גראַף פּלאַטען שוין אַ סך מאָל געמאַכט צום אויסדרעהען, און ווי פאַלסטאַף האָט ער זיך אַלעמאָל געוואוסט ווי אַזוי צו ענטשולדיגען. ביי אַזעלכענע ענטשולדיגונגען קומט איהם צוניץ אַ טאַלענט, וואָס איז אויסער־געוועהנטליך אין זיין מין, און וואָס פאַרדיענט אַ באַזונדערע אָנער־קענונג. דער גראַף פּלאַטען וויים נעמליך פון יעדען פלעק, וואָס איז אין זיין ברוסט, אויך צו געפינען אַ שפּור, ביי וועלכען ניט איז גרויסען מענש, מעג דער פלעק אפילו זיין נאָך ווי קליין, און מיט איהם זיך צו פאַרגלייכען. אַזוי למשל וויים ער פון שעקספּיר׳ס סאָנעטען, אַז זיי זענען געווענדט צו אַ יונגען מאַן און ניט צו קיין פרוי, און צוליעב דעם טאַקי לויבט ער שעקספּיר׳ן, און פאַרגלייכט זיך מיט איהם — און דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס ער האָט פון איהם צו זאָגען. מען וואָלט געקענט געגאַטיוו שרייבען אַן אַפּאָלאָ־גיע פון דעם גראַף פּלאַטען און באַהויפּטען, אַז אין די און די פאַר־בלאָנדזשעניש לאָזט ער זיך נאָך ניט באַשולדיגען, ווייל ער האָט זיך נאָך ניט פאַרגלייכט צו דעם אָדער דעם גרויסען מענש, וועמען דאָס ווערט נאָכדערצעהלט. צום געניאַלסטען און באַוואונדערונגס־ווירדיגסטען ווייזט ער זיך אַרויס אין דעם אויסקלייבען פון דעם מאַן, אין וועמענס לעבען ער האָט ענטדעקט אונבאַשיידענע רע־דען, און דורך זיין ביישפּיעל, וויל ער כשר׳ן זיין באַריהמעריי. ווירקליך, צו אַזאַ צוועק זענען די ווערטער פון יענעם מאַן נאָך קיינמאָל ניט ציטירט געוואָרען — ווארים דאָס איז ניט קיין קלע־נערער ווי יעזוס קריסטוס גופא, וואָס האָט פאַר אונז ביזהער גע־גאָלטען אַלס דער מוסטער פון הכנעה און באַשיידענקייט. האָט קריסטוס זיך אַמאָל געגרויסט? דער באַשיידענסטער פון אַלע מענשען, וואָס איז נאָך באַשיידענער דערמיט, וואָס ער איז געוועזן דער געטליכער? יאָ, דאָס וואָס ביז אהער האָבען ניט געוואוסט אַלטע טעאָלאָגען, דאָס האָט ענטדעקט דער גראַף פּלאַטען. ווארים ער איינסינואירט אונז, אַז קריסטוס, ווען ער איז געשטאַנען פאַר

פילאטוס׳ן, איז ער אויך ניט געווען באשיידען, און ניט באשיידען האט ער געענטפערט, ווען יענער האט איהם געפרעגט: ביזטו דער קעניג פון די אידען? האט ער געזאגט: דו זאגסט עס. און אזוי זאגט אויך ער, דער גראף פלאטען: איך בין עס. איך בין דער פאעט! — דאס וואס איז קיינמאל ניט געלונגען דער שנאה פון קריסטוסעס א פעראכטער, דאס איז געלונגען דעם פירוש פון זעלבסט פארליעבטער גאוה.

פונקט ווי מיר ווייסען, וואס מיר האבען צו האלטען דערפון, ווען איינער שרייט כסדר אויף אזא אופן: איך בין דער פאעט! אזוי ווייסען מיר אויך, וואס פאר א פארהעלטניש עס האט מיט די גאנץ אויסערגעוועהנליכע גערדיכטען, וואס דער גראף וויל נאך דיכטען, ווען ער וועט קריגען די געהעריגע צייטיקייט, און וואס וועלען אזוי אונערהערט איבערטרעפען אין באדייטונג זיינע ביז איצטיגע מייסטערווערק. מיר ווייסען גאנץ גענוי, אז די שפעטער־דיגע ווערק פון דעם אמת׳ן דיכטער, זענען אויף קיין פאל ניט באדייטענדער ווי די פריהערדיגע, פונקט אזוי ווייניג ווי א ווייב, וועלכע וואס מעהר זי געבוירט, ברענגט זי ניט קיין פאלקאמענערע קינדער אויף דער וועלט; ניין, דאס ערשטע קינד איז שוין פונקט אזוי גוט ווי דאס צווייטע — נאר דאס געבוירען ווערט לייכטער. די לייביכע ווארפט ניט צוערשט ארויס א קרוליק, דערנאך א העזעל, דערנאך א הינטעל און צום סוף א לייב. מאדאם געטהע האט גלייך ביים ערשטען מאל ארויסגעבראכט א יונגען לייב, און אט דער לייב האט אונז ביים ערשטען ווארף גלייך געגעבען דעם לייב פון בערלעכינגען. פונקט אזוי האט אויך שילער גלייך ביים אנהויב ארויסגעווארפען זיינע רויבער, און וועמענס לאפעם מען האט שוין געקענט דערקענען דעם לייבען מין. שפעטער איז ערשט געקומען די פאליטור, די גלאטקייט, די פייל, „די נאטירליכע טאכטער" און די „כלה פון מעסינא". ניט אזוי אבער איז עס צו־געגאנגען מיט דעם גראף פלאטען, וועלכער האט אנגעהויבען מיט א שרעקענדיגער געקינסטעלקייט, און פון וועלכען עס זינגט דער דיכטער:

„צו וואס דו קומסט אזוי פארטיג פון גאר נישט
מיט אפגעלעקטען, לאקירטען געזיכט
ביזט גלייך צו א שפיעלצייג, געשניצט פון קארק.

און דאך, ווען איך זאל ארויסזאגען מיינע באהאלטענסטע געדאנקען, וועל איך צוגעבען, אז איך האלט גאר ניט דעם גראף פלאטען פאר אזא גרויסען נאר, ווי עס לאזט זיך גלויבען צוליעב יענער באריהמעריי קרענק און באשטענדיגען אליין זיך בארויכערן. אביסעל נארישקייט, דאס פארשטעהט זיך. געהערט תמיד צו דער פאעזיע; אבער עס וואלט געווען שרעקליך, ווען די נאטור וואלט אנגעלאדענט אויף איין איינציגען מענשען אזא גרויסע פארציע נארישקייט, וואס וואלט געווען גענוג פאר הונדערט גרויסע דיכטער, און פון דער פאעזיע אליין האט זי איהם נאר געגעבען אזא אונבאדייטענדער קליינע דאזע. איך האב אורזאכען צו גלויבען, אז דער הער גראף גלויבט אליין ניט אין זיינע באריהמערייען, און אז, נויטבאדירפטיג אין לעבען ווי ער איז אין דער ליטעראטור, האט ער גיכער צוליעב דעם באדערפעניש פון דעם אויגענבליק געמוזט ווערען זיין אייגענער לויבענדיגער רופיאנא, אין דער ליטעראטור ווי אין לעבען. דערפון נעמען זיך דאס איןביידע ערשיינונגען, פון וועלכע מען וואלט געקענט זאגען, אז זיי רופען ארויס מעהר א פסיכאלאגישען ווי אן עסטעטישען אינטערעס. דערפון נעמט זיך דאס אין דערזעלביגער צייט אי א וויינערישע נשמה־אפשלאפונג, אי אן אויסגעטראכטער איבערמוט. דערפון נעמט זיך עס זיינע קלאגערישע רייד וועגען באלדיגען שטארבען און די שטראלענדיגע באריהמעריי מיט דער קינפטיגער אונשטערבליכקייט. דערפון דער אויפברויזענדיגער בעטלער־שטאלץ און די שמאכטענדיגע אונטערטעניקייט. דערפון דאס באשטענדיגע באקלאגען זיך, אז קאטא וועט איהם לאזען אויסגעהן פון הונגער“. דערפון די אנפאלען פון קאטוליציזם א. אז. וו.

צי דער גראף מיינט עס ערענסט מיט דעם קאטוליציזם, דערין צווייפעל איך. צי ער איז בכלל געווארען קאטוליש, ווי עטליכע פון זיינע הויכגעבוירענע פריינד, דאס ווייס איך ניט. אז ער

ווײַל דאָס ווערען, האָב איך גאָר צוערשט זיך דערוואוסט פון די עפענטליכע בלעטער, וועלכע האָבען אפילו צוגעגעבען, אז דער גראף פלאטען וועט ווערען א מאָנאך און געהן אין קלויסטער אריין. בייזע צינגער האָבען אפילו געוואָלט האָבען, אַז דער נדר פון ארימקייט און דאָס צוריקהאלטען זיך פון ווייבער וועלען איהם ניט אָנקומען שווער. ווי עס פארשטעהט זיך אליין, אין מינכען האָבען ביי אזעל־כענע ידיעות געקלונגען די גלעקעלעך אין די הערצער פון זיינע פריינד. זיינע ליעדער זענען אין די גלח׳שע בלעטער געלויבט גע־וואָרען מיט קיריע עליזאָן און הללויה: און אין דער אמת׳ן האָבען די היילינע מענער פון דעם קעליבאט זיך געמוזט פרעהען מיט יענע געדיכטען, דורך וועלכע עס ווערט פארהאָלפען די צוריק־האלטונג פון דעם ווייבליכען געשלעכט. ליידער האָבען מיינע געדיכטען אַן אנדערע טענדענץ. און דאָס וואָס גלחים און אינגלעך־באזינגער קענען דערפון ניט האָבען קיין נוצען, דאָס וואָלט מיך טאקי געקענט אומעטיג מאכען, אבער ניט פארוואונדערן. פונקט אזוי ווענינ האָב איך זיך פארוואונדערט, ווען איך האָב אין דעם טאָג פון מיין אָפרייזען קיין איטאַליען פארנומען פון מיין פריינד דעם דאָקטאָר קאָלב, אז דער גראף פלאטען איז אקעגען מיר געשטימט זעהר פיינדליך, און האָט שוין פאר מיר אָנגעגרייט א שווארצען סוף אין זיין לוסט־שפיעל מיט׳ן נאָמען „קעניג עדיפוס“. און וואָס איז שוין אפילו אָנגעקומען אין אויגוסבורג צו עטליכע פירשטען און גראפען, וועמענס נאָמען איך האָב פארגעסען, אדער איך וויל פארגעסען. אויך אנדערע האָבען מיר דערצעהלט, אז דער גראף פלאטען האָט מיך פיינט און אז ער שטעלט זיך מיר אקעגען ווי א שונא: — און דאָס איז מיר אויף יעדען פאל געווען אָנגענעהמער ווי ווען מען וואָלט מיר געווען נאָכגעזאָגט, אז דער גראף פלאטען האָט מיך ליעב ווי א פריינד הינטער מיין רוקען. וואָס אנבעלאַנגט די היילינע מענער, וועמענס פרומער כעס געגען מיר האָט זיך אויך באוויזען אין דער זעלבינער צייט, און ניט בלויז צוליעב מיינע אנטי קעליבאטישע געדיכטען, נאָר אויך צוליעב די פאָליטישע אנאָלען, וואָס איך האָב דעמאָלט ארויסגעגעבען, אזוי האָב איך אויך נאָר דורך דעם געקענט געווינען, ווען מען האָט געזעהן, אז

איך בין ניט איינער פון די זייעריגע. ווען איך ווייז דאָ אָן, אַז מען רעדט פון זיי ניט קיין גוטס, זאָג איך אבער דערמיט נאָך גאָר ניט קיין שלעכטס וועגען זיי. איך בין אפילו מיט דער מיינונג, אַז נאָר אוים ליעבע צום גוטען וואָלטען זיי וועלען דורך פרומען באַטרוג די ווערטער פון דעם שלעכטען צו גאָר ניט מאַכען. און אַז די שלעכטע, וואָלטען זיין נאָר צוליעב דעם צוועק, וועלכער הייליגט יעדעם מיטעל, געזוכט צו פאַרשיטען ניט נאָר יעדען גייסטיגען לעבענס קוואַל, נאָר די מאַטעריעלע לעבענס קוואַלען. נאַרישערווייז האָט מען יענע גוטע לייט, וואָס האָבען אין מינכען זיך זאָגאַר פאַרגעשטעלט אלס געמיינדע, באַעהרט מיט'ן נאָמען יעזואיטען. זיי זענען זיכער ניט קיין יעזואיטען, ווארים ווען יאָ, וואָלטען זיי איינגעזעהן, אַז למשל איך, איינער פון די שלעכטע, בין אויפ'ן ערגסטען פאַל א גאַנצער מאַדים אין דער ליטעראַריש אַלכימיסטישער קונסט, און איך ווייס ווי אַזוי פון מיינע שונאים גופא צו מאַכען דוקאַטען. און דאָס, אויף אַזאַ אופן, אַז איך קריג די דוקאַטען, און מיינע שונאים די קלעפּ: — זיי וואָלטען איינגעזעהן, אַז אַזעלכענע קלעפּ פאַרלירען גאָר ניט פון זייער ווערט, ווען אפילו מען באַשמוצט דעם נאָמען פון דעם שלעגער, פּונקט ווי דער אָרעמער בעל עברה, פיהלט ניט ווייניגער די קנוט, ווען אפילו דער ריכטער, וואָס האָט זי איהם צוגע'פסק'נט, ווערט ערקלעהרט פאַר ניט עהרליך, — און דער עיקר, וואָלטען זיי איינגעזעהן, אַז אַביסעלע פאַרליעבע פאַר דעם אַנטי־אַריסטאָקראַטישען פּאָס און עטליכע אונשעדליכע וויצען אויף גאָטס מאַמע, צוליעב וואָס, זיי האָבען מיך צוערשט אַנגעגריפען מיט קויט און נאַרישקייט, איז ניט געקומען פון מיין אַנטי־קאַטוילישקייט. געוויס זענען זיי ניט קיין יעזואיטען, נאָר א געמישעכץ פון קויט און דומקייט, וועמען איך דאַרף פּונקט אַזוי ווייניג האַסען, ווי א מיסטוואָגען און דעם אָקס, וואָס שלעפּט איהם, און וואָס מיט אַלע זייערע אַנשטרענגונגען דערגרייכען זיי פּונקט דאָס פאַרקעהרטע פון דאָס, וואָס זיי ווילען, און זיי קענען מיך נאָר ברענגען דערצו, אַז איך זאָל זיי ווייזען, וואָס פאַר א גוטער פּראָטעסטאַנט איך בין, אַז איך באַנוץ זיך מיט מיין גוטען פּראָטעסטאַנטישען רעכט אויף ווי־

פיעל עס איז נאָר מעגליך, און איך קען ארום געהען מיט דער גוטער פּראָטעסטאַנטישער שטרייט־האַק, ווי מיין הארץ געלוסט. זיי מעגען זיך דאָן כסדר, כדי צו געווינען דעם המון, לאָזען דורך זייער לייבליכען פּאָעט ברענגען אין פערזען די אלטע ווייבערישע לעגענדע פון מיין ניט גלויבען — אַז די גוט באקאנטע קלעפּ וועלען זיי שוין גוט דערקענען דעם גלויבענס־חבר פון א לוטהער, לעסינג און פּאַס. אודאי וויל איך ניט אויפהויבען די אלטע האַק אויף אַט די העראָען — ואָרים דער אָנבליק פון די געגנער, מאכט מיך לייכט צום לאַכען. איך האָב אין מיר א שטיק פון איילענשפּיגעלס טבע, און איך האָב ליעב א צומיש פון שפּאַס — אבער איך וואָלט יענע מיסט־אָקסען ניט וועניגער דערלאַנגט איבער'ן קאָפּ, ווען אפילו איך זאָל פריהער מיין האַק פארהיילען מיט לאַבענדיגע בלומען.

דאָך וויל איך ניט מיין טעמא פארלאָזען, איך גלויב, אַז ס'איז געוועזען אין יענער צייט, ווען דער קעניג פון באיערען האָט דעם גראַף פּלאַטען געגעבען א יעהרליכען געהאַלט פון זעקס הונדערט גולדען, מיט דער שוין דערמאָנטער אבזיכט, און דאָס ניט פון דער שטאַאטס קאַסע, נאָר פון דער קעניגליכער פּריוואטקאַסע, ווי דער גראַף האָט עס זיך געוואונשען אלס א באזונדערן חסד. דער לעצטער אומשטאַנד, וועלכער כאראקטעריזירט די קאַסע, האָב איך נאָר דערמאָנט אלס א נאָטיץ פאר דעם נאַטור־פּאָרשער, וועלכער וועט אפשר מאכען שטודיען איבער דעם אדעל. אין דער וויסענשאַפט איז אלץ וויכטיג. ווער עס וועט מיר פאָרוואַרפען, אַז איך נעם דעם גראַף פּלאַטען צו וויכטיג, דער זאָל געהן קיין פּאריז און ער וועט זעהן, ווי דער פיינער, ציערליכער קואוויער, שילדערט אין זיינע פארלעזונגען דאָס אומריינסטע ווערימעל מיט אלע גענויעסטע איינצעלהייטען. עס טוט מיר דערפאר אויך זעהר לייד, וואָס איך קען ניט גענויער פעסטשטעלען דאָס דאטום פון יענע 600 גולדען; אזוי פיעל אבער וויים איך, אז דער גראַף פּלאַטען האָט פריהער פארטיג געמאכט זיין קעניג עדיפּוס, און אז אַט דער קעניג עדיפּוס, וואָלט ניט געוועזען ארויסגעקומען אזוי בייסיג, ווען דער מחבר וואָלט געוועזען געהאַט מעהר צו בייסען.

אין צפון־דייטשלאנד, וואוהין דער טויט פון מיין פאטער האט מיך פלוצלינג צוריקגערופען, האב איך ענדליך נעקראגען דאס אונגעהייערע באשעפעניש, וואס איז ארויסגעקראכען פון דעם גרויסען איי, וועלכעס דער פויגעל־שטרוים איז אזוי לאנג אויסגעזעסען. און וועמען עס האבען באגריסט מיט א פרומען קרעכץ די נאכט סאוועס פון דער קאנגרעגאציאן, און מיט א פריידיגען געשריי די אדעליגע פאוועס. עס האט געזאלט זיין ניט ווייניגער ווי א פארדערבליכער באסיליסק. קענסטו, ליעבער לעזער, די זאגע פון דעם באסיליסק? דאס פאלק דערצעהלט, ווען א מענליכער פויגעל לעגט אן איי, ווי א ווייב, קומט פון דעם ארויס אזא גיפטיג באשעפעניש, אז זיין הויך פארפעסטעט די לופט. טויטען קען מען דאס בלויז דורך דעם, וואס מען שטעלט פאר איהם אקעגען א שפיעגעל, ווארים ווען ער דערזעהט וואס פאר א שרעקליכע מיאוסקייט ער איז, שטארבט ער פון שרעק.

הייליגע שמערצען, וועלכע איך האב ניט געוואלט פארשוועכען, האבען מיר ערלויבט ערשט אין צוויי חדשים שפעטער, ווען איך האב זיך געבאדען אויף דעם אינזעל העלגאלאנד, דעם קעניג עדיפוס לייענען. און דארטען גוט געשטימט, פון דעם באשטענדיגען אנבליק פון דעם גרויסען, מוטיגען ים, איז פאר מיר די קליינליכע געזינונג און די אלטע אויסגעדראשענקייט פון דעם הויכגעבארענעם מחבר, געווארען אמת'דיג קלאר. אט דאס מייסטערווערק האט מיר איהם ערשט געוויזען אין גאנצען ווי ער איז, מיט זיין גאנצער בליהענידגער פארוועלקטקייט, מיט זיין איבערפלוס פון מאנגעל און גייסט, פון זיין איינבילדונג אהן איינבילדונגסקראפט, אין גאנצען ווי ער איז, פארסירט אהן פארם. פיקירט אהן פיקאנט צו זיין, א טרוקענע וואסער־נשמה, א וויסטער פרעהליכער יונג. אט דער טרובאדור פון יאמער, אפגעשוואכט ביי ליב און זעעל, האט זיך דאס פארמאסטען נאכצומאכען דעם געוואלדיגסטען, פאנטאזיערייכסטען, און וויציגסטען דיכטער פון דעם יוגענטליכען גריכענלאנד! קיין זאך איז ניט דערווידער, ווי אט די קאנוואולסיווע אהנמעכטיגקייט, וואס וויל זיך אויפבלאזען ווי די מוטיקייט. אט די קוים מיט מיה צונויפגעשלעפטע

לעסטערונג, אויף וועלכע עם קלעפּט דער שימעל פון פּאַרעלטערטען כעס, און אַט דער זילבּיגער, און ציטעריג נאָכגעאַהמטער גייס־טעסטומעל. ווי עס פאַרשטעהט זיך שוין אַליין, ווייזט זיך אין דעם גראַף'ס ווערק ניט קיין שפּור פון וועלכער ניט איז טיעפער וועלט פאַרניכטונגס־אידעע, א זאַך וואָס איז דער קערן, פון יעדער אַרים־טאַפּאַנישער קאָמעדיע, און וועלכע וואַקסט אויס ווי א פאַנטאַס־טיש איראַנישער צויבערבוים, מיט בליהענדיגע געדאַנקען, מיט נעסטען פון זינגענדיגע נאַכטיגאַלען, און מיט קלעטערנדיגע אַפען. אַזאַ אידעע מיט דעם יובעל פון טויט, און מיט דעם צושטערונגס־פייערווערק דאַרפען מיר פון דעם אַרימען גראַף ניט ערוואַרטען. דער מיטעלפּונקט, די ערשטע און לעצטע אידעע, דער גרונד און צוועק פון זיין אַזוי גערופענעם לוסטשפּיעל, באַשטעהט ווי ביי דער „פערהענגניספּולען גאַבעל" ווידער פון לייכטע ליטעראַרישע מאַ־כערייקעס. דער אַרימער גראַף האָט נאָר געקענט נאָכמאַכען עטליכע אויסערליכקייטען פון אַריסטאָפאַנעס, נעמליך די פיינע פערזען און די גראָבע ווערטער. איך זאָג גראָבע ווערטער, ווייל איך וויל ניט באַנוצען קיין גרעבערן אויסדרוק, ווי א שעלטענדיגע פרוי גיסט ער אויס גאַנצע בלומען־טעפּ פון זידלערייען אויף די קעפּ פון דייטשע דיכטער. איך וויל דעם גראַף האַרציג גערן מוחל זיין פאַר זיין כעס. אָבער ער וואָלט כאָטש געמוזט אויפּפּאַסען אויף עטליכע היגזיכטען, וואָלט ער אין אונז וועניגסטענס ניט פאַר־שוועכט דאָס געשלעכט, וואָרים מיר זענען דאָך ניט קיין ווייבער, נאָר מענער, און פאָלגליך געהערען מיר דאָך צו א געשלעכט, וואָס איז לויט זיין מיינונג דאָס שענע געשלעכט, און וועלכעס ער האָט אַזוי ליעב. דאָס קען מאַכען א מאַנגעל אין דעליקאַטעסען. וואָרים אַנדערע בחורים'לעך קענען דערפאַר צווייפלען אין זיין הולדי־גונג. וואָרים יעדער פיהלט, אז דער וואָס האָט ליעב אין דער אמת'ן, פאַרעהרט אויך דאָס גאַנצע געשלעכט. דער זינגער פון פּרויענלאָב איז זיכער קיינמאָל ניט געווען גראָב קעגען וועלכע ניט איז ווייב, און א פּלאַטען דאַרף דערפאַר אַרויסווייזען מעהר אַכטונג אַקעגען די מענער. אבער ווי ניט דעליקאַט ער איז! אָהן צנועות דער־צעהלט ער דעם פּובליקום, אז מיר דיכטער אין צפון דייטשלאַנד

האָבען אלע די „קרעץ, צו וועלכע מיר באנוצען ליידער א זאלב, וועלכע אלס שטינקענדיגע שאַצט ער זי בעסער פאַר א סך אנדערע.“ אם ווינציגסטען צארט איז ער אקעגען אימערמאַן. שוין ביים אנהויב פון זיין געדיכט לאָזט ער איהם אונטער א שפּאַנישע וואַנד טוען זאַכען, וואָס איך דאַרף ניט אָנרופען ביים נאָמען, און וועלכע מען קען דאָך ניט אָפּלייקענען. איך האַלט עס אפילו פאַר וואַהרשיינליך, אז אימערמאַן האָט טאַקי געטאָן אַזעלכענע זאַכען. עס איז אבער כאַראַקטעריסטיש, אז די פאַנטאַזיע פון דעם גראַף פּלאַטען איז אפילו א קינצלעריין זיך אונטערצוהערען ביי זיינע שונאים a posteriori ער שוינט אפילו ניט האָוואַלד'ן, אָט די גוטע נשמה, וואָס איז זאַנפט ווי א מיידעל — אָך, אפשר טאַקי צוליעב דער ווייבליכקייט האָט איהם א פּלאַטען פיינט. מילנער'ן וועמען, ווי ער זאָגט, ער האָט שוין פון לאַנג „דורך א ווירקליכען וויץ אוועקגעלעגט אָהן כחות“, אָט דער טויטער ווערט ווידער אויסגעגראָבען פון קבר. קינדער און קינדס־קינדער בלייבען ניט אונבאַריהרט. ראַופּבאַך איז א איד.

„דאָס אידעל ראַופּעל —

„וואָס טראָגט אלס ראַופּבאַך הויך אזוי די נאָז.“

„שמיערט טראַגעדיען אינ'ם קאַצעניאַמער“ נאָך ער־גער געהט עס דעם „גע'שמדט'ן היינע“. יאָ, יאָ, דו האָסט קיין טעות ניט ליעבער לעזער, דאָס בין איך, וועמען ער מיינט, און אין קעניג עדיפּוס קענסטו לייענען, ווי איך, ווען איך האָב עטליכע שעה געשריעבען ליעבע ליעדער, זעץ איך זיך גלייך דערנאָך אוועק און שנייד דוקאַטען. און ווי אים שבת זיץ איך מיט לאַנגבערדיגע מוישעלס און זינג ביי דער גמרא. ווי איך קוילע אין דער סדר נאַכט ניט דערוואַקסענע קריסטען, און פון רשעות קלויב איך אלעמאָל אויס דערצו אן אומ־גליקליכען קריסטליכען שריפטשטעלער — ניין, ליעבער לעזער, איך וויל דיר קיין ליגען ניט זאָגען, אַזעלכענע גוטע אויסגעמאָלטע בילדער שטעהען ניט אין „קעניג עדיפּוס“. און דאָס, וואָס זיי שטע־הען ניט, אָט דאָס איז טאַקי דער חסרון, וואָס איך האָב אויסצו־זעצען. דער גראַף פּלאַטען האָט טיילמאָל די בעסטע מאָטיווען,

און ווייס ניט ווי אזוי זיי צו באנוצען. וואָלט ער נאָר געהאט
אביסעל מעהר פאנטאזיע, אזוי וואָלט ער מיך געשילדערט ווענינגס־
טענס פאר א באהאַלטענעם פראַצענטניק; וואָס פאר א קאָמישע
סצענען עס וואָלטען ארויסגעקומען! עס טוט מיר וועה ביז אין דער
נשמה, ווען איך זעה, ווי דער אָרימער גראף לאָזט פארביי יעדע
געלעגענהייט פאר א גוטען וויץ! ווי טייער וואָלט ער ראופאף'ן
געקענט באנוצען אלס דעם טראַגעדיען־ראַטשילד, ביי ווענען די
קעניגליכע ביהנען מאכען זייערע הלואות! דעם עדיפּוס גופא, די
הויפּט פערזאָן פון זיין לוסט־שפּיעל, וואָלט ער דורך עטליכע מאָ־
דיפיקאציאָנען אין דער פאבולע פון שטיק אויך געקענט בעסער
באנוצען. אַנשטאָט וואָס ער לאָזט איהם טויטען דעם פאטער
לאַיאָס און הייראטען די מוטער יאָקאסטע, האָט ער עס פארקעהרט
געקענט איינריכטען אזוי, אז עדיפּוס טויטעט זיין מוטער און האָט
חתונה מיט זיין פאָטער. דאָס דראמאטיש־עפאקטאלע אין אזא
גדיכט, וואָלט א פלאטען בעדארפט זעהר מייסטערהאפט געלינ־
גען. זיין אייגענע געפיהלס־ריכטונג, וואָלט איהם דערביי צונוץ
געקומען. ווי א נאַכטיגאַל, וואָלט ער טיילמאָל נאָר באדארפט באַ־
זינגען די רעגונגען פון זיין אייגענער ברוסט, ער וואָלט צונע־
שטעלט א שטיק, וואָס, ווען דער פארשטאָרבענער איפלאנד וואָלט
נאָך געלעבט, וואָלט עס אין בערלין זיכער גלייך געוואָרען איינשטו־
דירט, און וואָס מען וואָלט אויך איצטער געגעבען אויף פריוואטע
ביהנען. איך קען מיר ניט פארשטעלען עפּיס גאנצערעס, ווי דעם
שוישפּיעלער וואורם אין דער ראָל פון אזא עדיפּוס. ער וואָלט
זיך אליין איבערטראָפען. א חוץ דעם איז דער גראף גאָר ניט פּאָלי־
טיש, ווען ער פארזיכערט אין זיין לוסטשפּיעל, אז ער האָט „ווירק־
ליכען וויץ“ אָדער ארבייט ער אפשר אויף דעם איבערראשונגס־
עפעקט, אויף דעם טעאטער קאופּ, דורך דעם וואָס דאָס פּובליקום
זאָל כסדר ערווארטען וויץ, און צום סוף זאָל ער זיך גאָר ניט באַ־
ווייזען? אָדער אפשר גאָר, וויל ער דאָס פּובליקום אויפמונטערן צו
זוכען דעם ווירקליכען געהיימען וויץ אין שטיק, און דאָס גאנצע
איז ניט מעהר ווי א שפּיעל אין „בלינדע קוה“, וואו דער פלאטענ־
שער וויץ איז אזוי כיטרע, אז ער לאָזט זיך ניט דערטאפּען? און

אפשר טאקי דערפֿאר איז דאָס פּובליקום, וואָס געוועהנטליך לאַכט עס ביי לוסטשפּיעלען, אַזוי פֿאַרדראָסיג ווען זיי זענען ביי דער אויפֿפֿיהרונג פֿון פּלאַטענס א שטיק. וואָרים זיי דערטאַפּען ניט דעם באַהאַלטענעם וויץ. אומזיסט פּיפּטשעט דער באַהאַלטענער וויץ און פּיפּטשעט וואָס אַמאָל העכער: דאָ בין איך! דאָ בין איך אין דער אמת'ן! — אומזיסט. דאָס פּובליקום איז נאַריש און שטעלט אָן אן ערענסט געזיכט. איך אבער, וואָס איך ווייס, וואו דער וויץ שטעקט, האָב הארציג געלאַכט, ווען איך האָב געלייענט פֿון דעם „גרעפֿליכען הערשזוכטיגען דיכטער," וואָס היעלט זיך איין אין א גראַפֿישען הייליגען שיין, דער וואָס באַריהמט זיך, אז יעדער הויך, וואָס קומט פֿון זיינע ציין, איז א צומאָהלונג". און דער וואָס זאָגט צו אַלע דייטשע דיכטער:

„יאָ, פּונקט ווי נעראָ ווינש איך אייך נאָר איין געהירן, כדי מיט איין איינציגען קלאַפּ איהם אייך צו שפּאַלטען—"

דער פּערז איז א שלעכטער. דער באַהאַלטענער וויץ אבער באַשטעהט אין דעם, וואָס דער גראַף אייגענטליך ווינשט, אז מיר אַלע זאָלען זיין נעראָ'ס און פֿארקעהרט ער, אונזער איינציגער ליעבער פֿריינד פּיטהאַגאָראַס.

איך וואָלט אפשר, פֿאַר דעם גראַף'ס טובה וועגען, געקענט ארויסקריגען נאָך עטליכע באַהאַלטענע וויצען, דאָך אַזוי ווי ער האָט אין קעניג עדיפּוס ביי מיר אנגעגריפֿען דאָס ליעבסטע—וואָרים וואָס קען מיר דער זיין ליעבער ווי דאָס קריסטענטום?—איז מיר ניט צו פֿאַרדענקען, ווען איך בעציהה זיך ניט אַזוי ערנסט צום עדיפּוס, אָט די „גרויסע טאַט אין ווערטער" ווי צו זיינע פֿריהערדיגע טעטיקייטען.

און דאָך. דער אמת'ר פֿאַרדיענסט האָט תמיד געהאַט זיין לוין. און דעם פּערפֿאַסער פֿון עדיפּוס, וועט זיין שכר באַקומען. הגם ער האָט זיך דאָ, ווי אַלעמאָל, נאָר אונטערגעגעבען דעם איינפֿלוס פֿון זיינע אדעליגע און גייסטליכע, וואָס זענען הינטער איהם. יאָ, עס געהט ארום אן אוראַלטע זאָגע צווישען די פֿעלקער פֿון אָריענט און אָקסידענט, אז יעדע גוטע אָדער שלעכטע טאַט, מוז עפּיס ברענגען אויף דעם וואָס האָט די זאַך געטוען. און

ס׳וועט קומען דער טאָג, ווען זיי וועלען קומען — גרייט זיך צו, ליעבער לעזער, ווארים איך געה איצט אריין אין פאַטהאָס און ווער שווידערליך — דער טאָג וועט קומען, ווען פון טאַרטאַראָס וועלען אראָפּנידערען די פרומע טעכטער פון דער נאכט „איימעניד." איך שווערביים סטיקס! — ביי דעם דאָזיגען טייך, שווערען מיר געטער קיינמאָל ניט פאלש — קומען וועט דער טאָג, ווען זיי וועלען זיך באווייזען, די טונקעלע אייביג נערעכטע שוועסטער, זיי וועלען ערשיינען מיט שלאַנג־געלאָקטע, רויט־דערצאָרענטע געזיכטער, מיט די זעלביגע שלאַנגען־קאַנטשיגעס, מיט וועלכע זיי האָבען אמאָל געשמיסען אָרעסטעס׳ן, דעם אונאַטירליכען זינדער, וואָס האָט דער׳הרג׳עט זיין מאמע, די טינדארידישע קליטעמנעסטרא. אפשר הערט דער גראף שוין איצטער ווי די שלאַנגען צישען. — איך בעט דיך, ליעבער לעזער, טראכט איצטער וועגען דעם מויל פון א וואָלף און פון סאמיעל־מוזיק — אפשר כאפט שוין איצטער אָן דעם גראף דער געהיימער שרעק פון א בעל עברה, — דער הימעל פארכמארעט זיך, עס שרייען נאכט פייגעל, פון ווייטענס קייקלען זיך דונערן, עס בליצט, עס שמעקט קאָלאָפאָניום — וועה! וועה! די ערלויכטע אבות קריכען ארויס פון די קברים, זיי רופען אויס נאָך דריי, פיער מאָל: וועה! וועה! איבער דעם קלאָגענדיגען אייניקעל, זיי באשווערען איהם, אז ער זאָל אָנטועז זייערע אלטע אייזערנע הויזען, כדי זיך צו שיצען אקעגען די שרעקליכע ריטער — ווארים איימענידען, וועלען איהם מיט זיי צופאסעווען. די קאַנטשיק־שלאַנגען וועלען זיך איראָניש אין איהם זאטיגען מיט הנאה. און פונקט ווי דער קעניג ראָדרינגאָ, ווען מען האָט איהם איינגעשפארט אין דעם שלאַנגענטורעם, וועט אויך דער אָרימער גראף צום סוף וויינען און קלאָגען:

אוי! זיי פרעסען, אוי, זיי פרעסען!
מיט וואָס איך האָב צו מיינסט געזינדיגט.

שרעק דיך ניט, ליעבער לעזער, דאָס איז דאָך נאָר אלץ אין שפאס. אָט די פורכטבארע איימענידען זענען ניט מעהר ווי א לוסטיגע קאָמעדיע, וואָס איך וועל לויט מיין אייגענעם געשמאק שרייבען אונטער דעם זעלביגען טיטול, און די טראגישע פערזען, וואָס האָ־

בען איך נאָר וואָס אזוי דערשראָקען, שטעהן אין דעם לוסטיגסטען בוך אויף דער וועלט, אינ'ם דאָן קיכאָט פון לא מאנשא, וואו אן אל־טע, אנשטענדיגע הויפדאמע רעציטירט זיי אין דער געגענוואַרט פון דעם גאנצען הויף. איך זעה, דו שמייכעלסט ווידער. לאָמיר זיך צושיידען לאכענדיג און פרעהליך. ווען אָט דאָס לעצטע קאפּיטעל איז געווען אביסעל לאנגווייליג, איז דערין נאָר שולדיג געווען דער געגענשטאַנד אליין; איך האָב עס מעהר געשריעבען צום נוצען, ווי פון הנאה וועגען. און ווען עס איז מיר געלונגען א נייעם נאָר אויך צו מאכען נוצליך פאר דער ליטעראטור, וועט מיר דאָס פאָ־טערלאנד שולדיג זיין א דאנק. איך האָב דאָס פעלד געמאכט גרייט, אויף וועלכען גייסטיגע שריפטשטעלער וועלען זייען און שניידען. דאָס באשיידענע באוואוסטזיין פון אָט דעם פארדיענסט איז מיין שענסטער לוין.

פאר קעניגע, וואָס ווילען מיר דערפאר נאָך שיקען א טאָ־באַק־פושקעלע, באמערק איך, אז די בוכהאנדלונג „האפמאן און קאמפע" אין האמבורג, האָט דאָס רעכט פאר מיר צו עמפפאנגען אזעלכענע זאכען.

געשריעבען שפעט אין הערבסט
פון יאָהר 1829.

III.

די שטאָדט לוקא.

מיר ווילט זיך אַלעמאָל לאַכען פון די ענגלענדער, וואָס האָבען אַזאַ קליינליך־פּי־ליסטערישע מיינונג וועגען זייער צווייטען גרעסטען דיכטער (וואָרים נאָך שעקספּיער'ן געהערט בייראָנ'ען די פּאַלמע), ווייל ער האָט אָפּגעלאכט פון זייער פּעדאנטריי, זיך ניט געקענט צופּאַסען צו זייערע קליינלי־כע זיטען, ניט געוואָלט האַלטען פון זייער קאַלטער אמונה; ווייל זייער ניכטערקייט איז איהם געוועזען עקעלהאַפט און ווייל ער האָט ניט געקענט ליידען זייער גאוה, און זייער חניפה. אַ סך פון זיי צלמ'ן זיך אי־בער ווען זיי דערהערען נאָר זיין נאָמען. און אפילו די פרויען, הגם זייערע באַקען גליהען מיט ענטוזיאזם, ווען זיי לייענען איהם, איז אָבער אין דער עפּענטליכקייט, טרעטען זיי אויך אַרוים אַקעגען זייער גע־היימען ליעבלינג.

(„בריעף פון אַ געשטאָרבענעם“:
אַ פראַגמענטאַריש טאָגבוך אוים ענג־
לאַנד. מינכען 1830).

קאַפּיטעל I.

די ארומיגע נאַטור ווירקט אויף דעם מענשען — פאַרוואָס ווירקט ניט אויך דער מענש . אויף דער ארומיגער נאַטור? אין איטאַליען איז זי ליידענשאַפטליך, ווי דאָס פאָלק, וואָס לעבט דאָרטען; ביי אונז אין דייטשלאַנד איז זי ערענסטער, פאַר־

טראכטער און גערולדיגער, האט אויך די נאטור, ווי די מענשען אמאל, געהאט א מעהר אינערליך לעבען? די געמיטס־קראפט פון אן ארפעאוס האט געקענט מאכען באוועגען בוימער און שטיינער מיט זיינע באגייסטערטע ריטמען. וואלט נאך איצטער געקענט געשעהן עפּים עהנליכעס? די מענשען און די נאטור זענען גע־ווארען פלעגמאטיש און געניצען איינס פון ס'אנדערע. א קרענק־ליכער פרייסישער פאעט וועט מיט די קלאנגען פון זיין לירע קיינמאל ניט קענען מאכען צום טאנצען דעם טעמפעלאָווער בארג אדער די בערלינער לינדען.

אויך די נאטור האט איהר געשיכטע. און דאס איז גאר אן אנ־דערע געשיכטע, ווי די, וואס מיר לערנען אין די שולען. מען וואלט בעדארפט אנשטעלען אלס פראפעסאר אין אונזערע אוניווערזיטע־טען א ליאדע אייגע פון די עקדישען, וואס לעבען שוין זייט טוי־זענדער יאהרען אין די פעלזען־שפאלטען פון די אפענינען, און מיר וואלטען געקראגען צו הערען גאר וואונדערליכע זאכען. אבער דער שטאלץ פון עטליכע הערען אויף דעם יוריסטישען פאקולטעט, וואלט זיכער פראטעסטירען אקעגען אזא אנשטעלונג. פארגינט דאך שוין איצטער ניט איינער פון זיי שטילערהייד דעם ארימען הונד פידא, און האט מורא, אז טאמיר וועט ער קענען פארנעמען זיין ארט אינ'ם געלערנטען קלייזעל.

די עקדישען מיט זייערע קלוגע עקלעך און מיט זייערע כיט־רע אייגעלאך האבען מיר דערצעהלט וואונדערליכע זאכען, ווען איך האב איינער אליין ארומגעקלעטערט צווישען די פעלזען פון די אפענינען. ווירקליך, עס זענען פאראנען זאכען צווישען הימעל און ערד, וואס ניט בלויז אונזערע פילאזאפען האבען פון זיי קיין השגה ניט, נאר אפילו ניט די געוועהנליכסטע נאראנים.

די עקדישען האבען מיר דערצעהלט: עס געהט ארום א זאגע צווישען די שטיינער, אז גאט האט אמאל געוואלט ווערען שטיין, כדי זיי אויסצולייזען פון זייער פארשטיינערטקיים. אן אלטער עקדיש האט אבער באהויפּטעט, אז אט דאס ווערען שטיין וועט ערשט געשעהן יעמאלט, ווען גאט וועט זיך שוין האבען פאר־

וואַנדערלט אין אַלע חיות און פלאַנצען און שוין האָבען זיי אויס־געלייזט.

גאַר וועניגע פון די שטיינער האָבען געפיהלען, און נאַר ביים שיין פון דער לבנה אַטעמען זיי. אָבער אַט די ווינציגע שטיינער, וואָס פיהלען זייער צושטאַנד, זענען שרעקליך עלענד. די בוימער געהט עס שוין בעסער. זיי קענען וויינען. די חיות אָבער זענען שוין צום מיינסטען געבענשט, וואָרים זיי קענען רעדען. יעדע חיה אויף איהר אופן, און די מענשען צום בעסטען. עס וועט אמאָל קומען אַ צייט, ווען די גאַנצע וועלט וועט זיין אויסגעלייזט, און דעמאָלט וועלען אַלע אַנדערע באַשעפענישען אויך קענען רעדען, פונקט אַזוי ווי אין יענע אוראַלטע צייטען, פון וועלכע עס זינגען די דיכטער.

די עקדישען זענען אַן איראָניש פאָלק, און האָבען ליעב אַפּ־צונאַרען די אַנדערע חיות. אָבער אַקעגען מיר זענען זיי געווען זעהר הכנעה'דיג. זיי האָבען געזיפצט אַזוי עהרליך, און האָבען מיר דערצעהלט מעשיות פון אַטלאַנטים, וואָס איך וועל שפּעטער אויפשרייבען, כדי זיי זאָלען זיין אַ נוץ פאַר דער וועלט. איך האָב זיך געפיהלט זעהר גוט און היימיש צווישען די דאָזיגע קליינע ברואים, וואָס זענען גלייבצייטיג די שומרים פון די יאָרביכער פון דער נאַטור. זאָל מעגליך זיין, אַז זיי זענען עפּיס אַ פאַר־כשופ'טע פריעסטער־פאַמיליע, עהנליך צו די פריעסטער פאַמי־ליען פון דעם אַלטען מצרים, וואָס האָבען אויך אַזוי ווי זיי געלעבט אין די לאַבירינטישע פעלזען־שפּאַלטען און באַלוישט די נאַטור? אויף זייערע קעפּלעך, גופים'לעך און עקלעך בליהען פונקט אַזעל־כענע צייכענבילדער ווי אויף די עגיפּטישע היראָגליפענמיצען און היראָפאַנטען־מאַנטלען.

מיינע קליינע פריינד האָבען מיך אויך אויסגעלעהרנט אַ שפּראַך פון צייכענס, אַ דאַנק וועלכער איך קען זיך דורכריידען מיט דער שטומער נאַטור. דאָס דערלייכטערט מיר אמאָל די נשמה. באַזונדערס ארום פאַרנאַכט, ווען די בערג זענען איינגעהילט אין שוועריג זיסע שאָטענס, און די וואַסער־פאַלען רוישען, און אַלע פלאַנצען שמעקען, און שנעלע בליצען יאָגען זיך אַהין און אַהער—

אוי נאַטור, די שטומע יונגפרוי ! איך פארשטעה גוט דיינע בליצען, אַט דאָס אומזיסטע פּרואווען צו ריידען, וואָס צוקט אויף דיין שענעם פנים, און איך האָב אַזאַ רחמנות אויף דיר, אז איך וויין. אָבער דעמאָלט פארשטעהסטו אויך מיך און דו ווערסט פרעה־ ליכער. און דו לאכסט צו מיר מיט גאָלדענע אויגען. שענע יונג־ פרוי, איך פארשטעה דיינע שטערן און דו פארשטעהסט מיינע טרעהרען !

קאפיטעל II.

— קיין זאך אין דער וועלט וויל ניט געהן אויף צוריק. — האט מיר געזאגט אן אלטער עקדיש — אלץ שטרעבט פאראוים. און צום סוף וועט פארקומען א גרויס נאטור־אוואנסמענט. די שטיינער וועלען ווערען פלאנצען, די פלאנצען וועלען ווערען חיות, די חיות וועלען ווערען מענשען און די מענשען וועלען ווערען געטער.

— אבער — האב איך אויסגערופען — און וואס וועט ווערען פון יענע גוטע לייט, די ארימע אלטע געטער?

— דאס וועט זיך שוין אויסגלייכען, ליעבער פריינד — האט געענטפערט דער עקדיש — וואהרשיינליך וועלען זיי אפדאנקען. אדער אז ניט וועט מען זיי אויף וועלכען עס איז בכבוד'ן אופן געבען דעם וועג.

פון מיין הירא־גליפען־הויטיגען פילאזאף, האב איך זיך דערוואוסט נאך אנדערע סודות. איך האב אבער געגעבען מיין עהרענווארט קיין זאך ניט מגלה צו זיין. איך ווייס איצטער מעהר ווי שעלינג און העגעל.

— וואס האלט איהר פון אט די ביידע? — האט מיך אמאל געפרעגט דער אלטער עקדיש מיט א שפאטיש שמייכעלע, בעת איך האב פאר איהם דערמאנט די צוויי נעמען.

— ווען מען טראכט זיך אריין, — האב איך געענטפערט, — אז זיי זענען בלויז מענשען און ניט קיין עקדישען, מוז מען שטויבען איבער זייער בקיאות. אין דער אמת'ן, לערנען זיי ביידע איינע און דיזעלבינע תורה, די וואוילבאקאנטע אידענטיטעטס פילאזאפיע. דער חילוק איז נאר וואס זיי צוגעהן זיך אין דעם אופן פון דער דארשטעלונג. ווען העגעל שטעלט אויף די יסודות פון זיין פילאזאפיע, דאכט זיך, אז דאס זעהט מען יענע היבשע פיגורען,

וועלכע א געשיקטער לעהרער וויים ווי אזוי צונויפצושטעלען פון אלערליי ציפערן, אזוי אז א געוועהנליכער צוקוקער זעהט נאר דאס אויבערפלעכליכע, נאר דאס הייזעל, אדער דאס שיפעל אדער דאס זעלנעריל, וואס איז פון יענע ציפערן צוזאמענגעשטעלט געווא־רען, אין דער זעלביגער צייט אבער וועט א דענקענדער שול־אינ־געל אין דער פיגור גופא קענען דערקענען די לעזונג פון א טיעפען חשבון. שעלינגס יסודות זענען גיכער געגליכען צו יענע אינדיי־שע בילדער פון חיות, וואס זענען צוזאמענגעשטעלט פון אלערליי אנדערע חיות, שלאנגען, פייגעל, עלעפאנטען און עהנליכע לעבע־דיגע ברואים דורך פארשיעדענע אויסטערלישע פארפלעכטונגען. דער דאזיגער מעטאד איז פיעל אנגענעהמער, פרעהליכער, פול־סירענדיג ווארימער. אלץ לעבט אין איהם, אין דער צייט וואס די אבסטראקטע העגעלשע ציפערן קוקען אונז אן אזוי גרוי, אזוי קאלט און טויט.

— גוט, גוט — האט געענטפערט דער אלטער עקדיש — איך שטוים זיך שוין אן, וואס איהר מיינט; אבער זאגט מיר, האבען די דאזיגע פילאזאפען א סך תלמידים?

איך האב פאר איהם איצטער געשילדערט, ווי אין דעם גע־לערנטען אאזים פון בערלין פארזאמלען זיך די קעמלען ארום דעם ברונים פון דער העגעל'שער חכמה, לאזען זיך דארט אראפ אויף די קניה, און לאזען אויף זיך אויפלאדענען די טייערסטע לאגלען, כדי דערמיט ווייטער צו ציהען דורך דעם זאמדיגען מדבר. איך האב פאר איהם ווייטער געשילדערט, ווי אזוי די נייע אטהענער שטופען זיך צו דער שפריצענדיגער קוואל פון דעם שעלינג'שען גייסט־געטראנק, גלייך ווי עס וואלט געווען דאס בעסטע ביער, א געברייי פון לעבען, א געטראנק פון אונשטערבליכקייט.

דעם קליינעם נאטור־פילאזאף איז באפאלען די געלע קנאה, ווען ער האט דערהערט אז זיינע קאלעגען קריגען אזא גרויסען כבוד, און מיט ערגערניש האט ער געפרעגט: — וועלכען פון די ביידע האלט איהר פאר דעם גרעסטען? — דאס קען איך ניט ענט־שיידען. — האב איך געענטפערט. — פונקט אזוי ווניג ווי איך וואלט געקענט ענטשיידען, ווער ס'איז גרעסער: די זינגערין שעכ־

נער אַדער די זינגערין זאַנטאַג? און איך דענק —

— דענק! — האָט דער עקדיש אויסגערופען מיט אַ שאַרפען טאָן פון גרינגשעצונג — דענקען! ווער פון אייך דענקט? מיין קלוגער האַר. שוין אַ יאָהר טויזענד, ווי איך מאַך אונטערזוכונגען וועגען די גייסטיגע פונקציאָנען פון די חיות. באַזונדערס שטודיר איך די מענשען, אַפען און שלאַנגען. איך האָב אויף די דאָזיגע זעלטזאַמע באַשעפענישען פאַרווענדט אַזוי פיעל התמדה ווי ליאָנע אויף די גאָנשערס. און שטיצענדיג זיך אויף אַלע מיינע בעאָוי־באַכטונגען, עקספּערימענטען, און אַנאַטאָמישע פאַרגלייכונגען קען איך אייך באַשטימט פאַרזיכערן: אַז קיין מענש דענקט ניט. ווען ניט ווען פאַלט נאָר דעם מענשען עפּיס איין, און אַזעלכענע גאַנץ אונשולדיגע איינפאַלען רופען זיי געדאַנקען. און דאָס צוזאַמענשטע־לען פון געדאַנקען איינעם לעבען אַנדערן רופען זיי דענקען. אָבער איהר קענט עס איבערגעבען אין מיין נאָמען: קיין מענש דענקט ניט. קיין פילאָזאָף דענקט ניט. ניט שעלינג און ניט העגעל דענ־קען. און וואָס אַנבעלאַנגט זייער פילאָזאָפיע, איז זי ניט מעהר ווי לופט אין וואַסער, פונקט ווי די וואָלקענס פון הימעל; איך האָב שוין געזעהן אַהן אַ שיעור אַזעלכענע וואָלקענס שטאָלץ און זיכער איבער מיר אַריבערציהען. און די זון פון דעם קומענדיגען מאָרגען האָט זיי אויפגעלייזט אין זייער אורשפּרינגליכען גאָר ניט: — עס איז דאָ נאָר איין איינציגע אמת'ע פילאָזאָפיע. און די שטעהט אין אייביגע היראָגליפען אויף מיין אייגענעם עק.

ביי די דאָזיגע ווערטער, וואָס זענען אַרויסגערעדט געוואָרען מיט אַ שטאַרקען פּאַטהאָס, האָט דער אַלטער עקדיש זיך אויס־געדרעהט צו מיר מיט'ן רוקען, און ווי ער איז זיך אַזוי לאַנגזאַם אוועקגעגאַנגען און געדרעהט מיט'ן עק, האָב איך אויף איהם גע־זעהן די וואונדערליכסטע היראָגליפישע פיגורען, וואָס האָבען זיך מיט אַ בונטער באַדייטזאַמקייט געצויגען איבער דעם גאַנצען עק.

קאפיטעל III.

אויף דעם וועג צווישען די בעדער פון לוקא און דער שטאדט, וואס טראגט דעמזעלביגען נאמען, נים ווייט פון דעם גרויסען קאש־טאן־בוים, וועמענס ווילד־גרינע צווייגען באשאטענען דעם טייך, און אין דער געגענוואַרט פון א ווייסבערדיגען ציעגענבאק, וואס האט זיך דארט געפּאשעט ווי א פרוש איינער אליין, איז דאס גע־פיהרט געוואָרען דער געשפּרעך, וואס איך האב דערצעהלט אין דעם פריהערדיגען קאפּיטעל. איך בין געגאנגען צו דער שטאדט לוקא, כדי דארט אויפצוזוכען פראנציסקא'ן און מאטהילדע'ן, מיט וועמען איך האב געהאט אפּגערעדט, זיך דארטען צו טרעפען, נאך מיט אכט טעג פריהער. איך בין אבער אין דער באשטימטער צייט אומזיסט געגאנגען אהין און איצטער האב איך זיך צום צווייטען מאל געלאזט אויפ'ן וועג אהין. איך בין געגאנגען צופוס, פאר־ביי די שענע בערג און די גרופען בוימער, וואו די גאלדענע מא־ראנצען האבען ארויסגעלייכט פון דעם טונקעלעם גריז, ווי די שטערן פון טאג, און גירלאנדען פון וויינרעבען האבען זיך אין די שענסטע פלעכטען געצויגען אויף מיילען און מיילען. דאס גאנצע לאנד איז דארטען אזוי גארטענדיג, און אזוי געציערט, ווי ביי אונז די דארפישע סצענען, וואס ווערען פארגעשטעלט אין טעא־טער; אויך די פויערים פון לאנד זעהען אויס ווי יענע בונטע געשטאלטען, וואס פארכאפען אונז אלס זינגענדיגע, שמייכלענדיגע און טאנצענדיגע סטאפאזשען. אין ערגיץ זעהט מען נים קיין פי־ליסטער געזיכטער. און זענען אפילו דא פיליסטער, זענען עס דאך איטאליענישע מאראנצען־פיליסטער, און נים קיין אנגעשטאפּטע דייטשע קארטאפעל־פיליסטער. מאהלעריש און אידעאל ווי דאס לאנד גופא, זענען אויך די מענשען. און דערצו טראגט נאך

יעדער מאַן אַזאַ אינדיווידועלען אויסדרוק אויף זיין פּנים, און ווייס ווי אזוי צו לאָזען פיהלען זיין פּערזענליכקייט דורך דער האַל־טונג, דורך דעם אופן ווי אזוי ער פאַרוואַרפט דעם מאַנטעל, און ווען נויטיג, אויך דורך דעם אופן ווי ער באַנוצט זיך מיט'ן קינ־זשאַל. פאַרקעהרט ביי אונז אין לאַנד, זעהט מען בלויז מענשען מיט אַלגעמיינע אַלצאַייניגע פיזיאָגנאָמיען; ווען זיי זענען צוועלף צוזאַמען, מאַכען זיי אויס א טוץ. און פאַרטשעפּעט זיך דאַן איי־נער מיט זיי, רופען זיי די פּאָליציי.

געוואָרפען אין די אויגען האָט זיך דאָס, וואָס אין לוקענישען טייל, פּונקט ווי אין גרעסטען טייל פון טאָסקאַנאַ, טראָגען די פרויען גרויסע, שוואַרצע פילצענע היט מיט גרויסע שוואַרצע שטרויס־פעדערן; אפילו די שטרוי־פלעכטערינס טראָגען אויך אַזעלכענע שווערע היט. פאַרקעהרט, די מענער טראָגען צו מיינ־טענס א לייכטען שטרויענעם הוט, און יונגע בחורים'לעך באַקומען אַזעלכענע היט אלס מתנות, פון דעם מיידעל, וואָס האָט זיי אליין אויסגעאַרבייט, און וועלכע האָט אין זיי אריינגעפלאָכטען איהרע ליעבעס־געדאַנקען און אפשר אויך איהרע זיפצען. אַמאָל איז פראַנצעסקאַ אויך אזוי געזעסען צווישען די מיידלעך און צווישען די בלומען פון דעם אַרנאָ־טאָל און געפלאָכטען אַזאַ הוט פאַר איהר caro Cecco און האָט געקושט יעדעס שטרויעלע, וואָס זי האָט פאַרנוצט דערצו, און האָט דערביי געזונגען איהר שענע אריע: Occhie, stelle mortale — דער געקרייזעלטער קאָפּ, וועל־כער האָט אַמאָל אזוי שען געטראָגען דעם שענעם הוט, פון א טאַנזור, און דער הוט אליין העגגט, אַלט און אָפּגע־נוצט אינ'ם ווינקעל פון א פינסטערן אַבאַטע־שטיבעל אין באָלאָנאַ.

איך געהער צו די מענשען, וואָס האָבען אַלעמאָל ליעב צו נעמען א קירצערען וועג, ווי דעם שאָסעע, און וועמען עס טרעפט תמיד, אז זיי פאַרבלאָנדזשען זיך אויף שמאָלע שטעגען, צווישען וועלדער און שטיינער. דאָס איז אויך דאָ געשעהן. און אויף מיין רייזע קיין לוקאַ האָב איך זיכער באַדאַרפט צוויי מאָל אזוי פיעל צייט, ווי געוועהנליכע מענשען, וואָס געהען מיט'ן שאָסעע. א שפּערלינג, וועמען איך האָב געפרעגט דעם וועג, האָט געטשווי־

טשערט און געטשוויטשערט, און האט מיר דאך ניט געקענט געבען קיין ריכטיגען ענטפער. אפשר האט ער איהם אליין ניט געוואוסט, פון די שמעטערלינגען און די באבוטשקעס, וואס זענען געזעסען אויף גרויסע גלאקענבלומען, האב איך אויך ניט געקענט ארויסקריגען קיין ווארט; זיי זענען אוועקגעפליגען נאך איידער זיי האבען פארנומען מיינע פראגען, און די בלומען האבען געשאקעלט מיט זייערע טאנלאזע קעפ. צייטענווייז האבען מיך אויפגעוועקט די ווילדע מירטען, וואס האבען מיט דינע קול'בעלעך געלאכט פון דער ווייטענס. שנעל האב איך דאן ארויפגעקלעטערט אויף די העכסטע פעלזען־שפיצען און אויסגערופען: איהר וואלקענס פון הימעל! שווימערס אין די לופטען! זאגט מיר, וואו געהט דער וועג צו פראנצעסקא'ן? איז זי אין לוקא? זאגט מיר, וואס טוט זי? וואס טאנצט זי? זאגט מיר אלץ, און ווען איהר וועט שוין האבען אלץ געזאגט, זאגט עס מיר נאכאמאל!

ביי אזא איבערפלוס פון נארישקייט, האט געקענט געשעהן, אז אן ערענסטער אדלער, וועמען מיין רוף האט געשטערט אין זיינע איינזאמע חלומות, זאל מיך האבען אנגעקוקט מיט א גרינגשעצענדען ווידערווילען. אבער איך האב עם איהם לייכט מוחל געווען; ווארים ער האט קיינמאל ניט געזעהן פראנצעסקא'ן. און דערפאר קען ער זיך זיצען אזוי ערהאבען מוטיג אויף זיין פעסטען פעלז, און אזוי נשמה פריי ארויפקוקען צום הימעל, אדער אזוי רוהיג אראפגלאצען אויף מיר, אזא אדלער האט אן אונערטרעגליך שטאלצען בליק און קוקט אן איינעם, ווי ער וואלט וועלען זאגען: וואס ביזטו פאר א פויגעל? ווייסט דו ניט, אז איך בין נאך אלץ א קעניג, פונקט אזוי גוט, ווי אין יענע העלדענצייטען, ווען איך פלעג טראגען יופיטערס בליצען און באציערען נאפאלעאנס פאהנען? ביזטו א געלערנטער פאפוגאי, וואס האט זיך די אלטע ליעדער אויסגעלערנט אויף אויסווייניג און פלאפעלט זיי נאך פעדאנטיש? אדער א טורטעלטויב, וואס פיהלט שען און ווארקעט מיזעראבעל? אדער אן אלמאנאך־נאכטיגאל? אדער אן אפגעשטאנענער גאנער, וועמענס עלטער־עלטער־זיידעס האבען געראטעוועט רוים? אדער גאר א נארישער האהן, וועמען מען האט אויס איראניע אנ־

געהאַנגען אויפ'ן האַלז דעם עמבלעם פון מוטיגען פליהען, נעמליך מיין מינאַטור־בילד, און וועלכער שפרייזט דערפאר אַרום אַזוי מעכטיג, ווי ער וואָלט דאָס אליין געווען אַן אָדלער?—דו ווייסט ליעבער לעזער, ווי ווייניג אורזאכען איך האָב זיך צו פיהלען באַליידיגט, ווען אַן אָדלער טראַכט פון מיר אַזוינס. איך גלויב, דער בליק וואָס איך האָב איהם צוריקגעוואָרפען, איז געווען נאָך שטאָלצער ווי דער זייניגער. און ווען ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי דעם ערשטען בעסטען לאָרבעהר־בוים, ווייס ער איצטער ווער איך בין.

ווען ס'איז צוגעפאַלען דער אבענד, און די בונטע וואַלד־ליעדער זענען ביסלעכוויז שטילער געוואָרען, און די ביימער האָבען גענומען רוישען אַלץ ערענסטער און ערענסטער, האָב איך זיך ווירקליך פאַרבלאָנדזשעט אין די בערג. אן ערהאַבענע סודות'דיקייט און אַ הארציגע פייערליכקייט, האָט ווי גאָט'ס אָטעם, דורכגעצויגען דורך דער פאַרקלערטער שטילקייט. דאָ און דאָרטען האָט צו מיר פון אונטען אַרויפגעקוקט אַ שען, טונקעל אויג און איז אין דעמזעלביגען אויגענבליק פאַרשוואונדען. אַ צערטליך שעפטשען האָט אַרומגעטאַנצט אַרום מיין האַרץ און ניט געזעהענע קושען האָבען לוסטיג באַריהרט מיינע באַקען. די אבענד רויטקייט האָט איינגעהילט די בערג, ווי מיט פורפורמאַנטלען, און די לעצטע זון־שטראַהלען האָבען באַלויכטען זייערע שפיצען אַזוי, אַז זיי האָבען אויסגעזעהן ווי זיי וואָלטען געווען מלכים מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפ. איך אָבער, בין געשטאַנען ווי אַ קייזער פון דער וועלט, אַרומגערינגעלט פון אַט די געקרוינטע וואַסאַלען, וואָס האָבען מיר אָפגעגעבען דעם געהעריגען כבוד.

קאפיטעל IV.

איך ווייס ניט צי דער מאַנאַך, וועלכען איך האָב באַגעגענט ניט ווייט פון לוקא, איז א פרומער מאַן. אָבער איך ווייס, אַז זיין אַלטער לייב שטעקט אָרים און נאַקעט אין א גראָבען קיטעל, יאָהר איין, יאָהר אויס; די צוריסענע סאַנדאַלען קענען ניט געגוג באַשיצען זיינע נאַקעטע פיס, ווען ער קלעטערט אויף די פעלזען איבער דערנער און ווילדע געוואוקסען, כדי אויבען אין די בערג־דערפער צו טרייסטען קראַנקע — אָדער לערנען די קינדער ווי אַזוי צו בעטען — און ער איז צופריעדען, ווען מען וואַרפט איהם דערפאַר אריין א שטיקעל ברויט אין דער טאָרבע, און ווען מען גיט איהם אביסעל שטרוי אויף וואָס צו שלאָפען.

„געגען ד ע ם מאַן וועל איך ניט שרייבען", האָב איך געזאָגט צו זיך אליין, — „ווען איך וועל ווידער זיין אין דער היים אין דייטשלאַנד, און וועל מיר א גוט אָפּגעגעסענער און וואַרימער זיצען אויף מיין לעהנשטוהל ביים קאָנאַקענדיגען אויוועלע, בהרחבה מיר טרינקען א שאָל טהעע און שרייבען געגען די קאַטוילישע גלחים — געגען ד ע ם מאַן וויל איך ניט שרייבען." —

כדי צו שרייבען געגען קאַטוילישע גלחים, מוז מען אויך קענען זייערע פּנים׳ר. די אָריגינאַלע פּנים׳ר זעהט מען אָבער נאָר אין איטאַליען. די דייטשע קאַטוילישע פּריעסטער און מאָנאַכען זענען בלויז שלעכטע נאָכמאַכונגען. אָפטמאָל זאָגאַר פּאַראָדיען פון די איטאַליענישע; א פאַרגלייכונג צווישען זיי וואָלט אויסגעפאַלען פונקט אַזוי, ווי מען וואָלט וועלען פאַרגלייכען רוימישע און פלאָרענטינישע בילדער פון היילינע, מיט יענע פרומע פאַרזעהענישען, וואָס האָבען צו פערדאַנקען זייער עקזיסטענץ דעם שפּיסבירגערליכען פּינזעל פון א נירענבערגער שטאָדטמאַלער, אָדער גאָר דעם

ליעבען איינפאַל פון אַ געדולדיגען מתמיד פון דער קריסטליכער נים דייטשער שולע.

די גלחים אין איטאַליען האָבען זיך שוין לאַנג אויסגעגלייכט מיט דער עפענטליכער מיינונג. דאָס פאָלק דאַרטען איז שוין לאַנג געוואוינט דערצו, צו אונטערשיידען צווישען דער גייסטליכער ווירדע און דעם אומווירדיגען פאַרשוין. צו עהרען די ווירדע, ווען דער פאַרשוין איז ווערט מען זאָל איהם פאַראַכטען. טאַקי אַט דער קאָנטראַסט, וואָס מוז ענטשטעהן צווישען די אידעאַלע פליכטען און געזעצען פון דעם גייסטלי־כען שטאַנד, און די נויטיגע באַדערפענישען פון דער זינ־ליכער נאַטור, יענער אוראַלטער, אייביגער קאָנפליקט צווישען דעם גייסט און דער מאַטעריע, אַט דאָס מאַכט די איטאַליענישע גלחים פאַר שטעהענדיגע טיפען פון דעם פאָלקס־הומאָר און סאַטירען, ליעדער און נאָוועלען. עהנליכע ערשיינונגען באַווייזען זיך אומע־טום, וואו עס איז נאָר דאָ אַן עהנליכער גלחים־שטאַנד. אזוי למשל אין הינדאָסטאַן, און די קאָמעדיען פון יענעם ניט פרומען לאַנד, — ווי מיר האָבען שוין דאָס באַמערקט אין דער סאַקאָנטאַלאַ און אין דער דאָ ניט לאַנג איבערזעצטער וואַזאַנטאַזענא, — שפּיעלט תמיד אַ בראַהמין די קאָמישע ראָל, דעם פּריעסטער־גראַציאָזאָ. אזוי צו זאָגען. און אין דערזעלביגער צייט ווערט ניט אויף דאָס מינדסטע געמינערט דער יראת הכבוד, וואָס מען איז איהם שולדיג, פאַר זיין עבודה און פאַר זיין פּריווילעגירטער הייליקייט. — פּונקט אזוי ווי אַן איטאַליענער וועט ניט מיט וועניגער יראת הכבוד הערען די מעסע, אָדער זיך מתודה זיין פאַר אַ גלח, וועלכען ער האָט ערשט מיט אַ טאָג פריהער געפונען אַ שכור׳ן אין דעם קויט פון דער גאַס. אין דייטשלאַנד איז דאָס אנדערש. דער קאַ־טוילישער גלח וויל דאָרט רעפּרעזענטירען ניט בלויז זיין ווירדע דורך זיין אמט, נאָר אויך זיין אמט דורך זיין פּערזאָן; און ווען ער האָט אפשר לכתחילה ווירקליך געמיינט גאַנץ ערנסט מיט זיין באַרוף און נאָכדעם, ווען זיין נדר פון צניאות און הכנעה שטויסען זיך צוזאַמען מיט דעם אַלטען אָדם׳ן, און ער וויל זיי פאַרט ניט פאַרלעצען אין דער עפענטליכקייט, באַזונדערס אויך, ווייל ער וויל

זיך ניט אויסשטעלען אין זיין נאקעטקייט אקעגען אונזער פריינד קרוג אין לייפציג, דערפאר זוכט ער וויניגסטענס פון אויבענ־אויף אויסצוזעהן ווי א הייליגער. דערפון נעמט זיך דאס די צביעות, חניפה און די איבערטריבענע פרומקייט פון די דייטשע גלחים; פארקעהרט ביי די איטאליענישע, זעהט מען די דורכזיכ־טיגקייט פון דער מאסקע, און א געוויסע פעטע איראניע און הרחבה׳דיגע וועלט־פארדייאונג.

דאך וואס העלפען אזעלכענע אלגעמיינע רעפלעקסיאנען! זיי קענען דיר ווייניג נוצען, ליעבער לעזער, ווען דו קריגסט חשק צו שרייבען געגען די קאטוילישע גלחים. צו דעם צוועק, מוז מען, ווי שוין געזאגט, זעהען מיט אייגענע אויגען די פנימ׳ער, וואס געהערען דערצו. ווירקליך, עס איז אפילו ניט גענוג ווען מען זעהט זיי אין קעניגליכען בערלינער קעניגליכען אפערא הויז. דער פריהערדיגער גענעראל־אינטענדאנט האט אפילו אלעמאל געטאן דאס זייניגע, כדי די קרוינונגס־פראצעסיאן אין דער „יונגפרוי פון אר־לעאנס" פארצושטעלען אזוי געטריי, ווי עס איז נאר מעגליך. און דערפאר פלעגט ער פאר זיינע לאנדסלייט איבערגעבען די אידעע פון א פראצעסיאן און זיי וויזען גלחים פון אלע קאלירען. דאך דאס געטרייסטע קאסטיום, קען ניט פארבייטען די אריגינאלע גע־זיכטער, און ווען מען ווארפט אפילו ארויס נאך 100,000 טאלער פאר גאלדענע בישאף־היטעלעך, אויסגעשטיקטע העמדער און עהנ־ליכע סחורות, — וועלען דאך די פראטעסטאנטישע שכל׳דיגע נעזער, וואס וועלען ארויספראטעסטירען פון אונטער יענע בי־שאף׳ס היטעלעך, די דינע חקירה׳דיגע פיסלעך, וואס וועלען ארויס־קוקען פון אונטער די ווייסע שפיצען פון די כארהעמדער, די אויפ־געקלעהרטע בייכער, פאר וועמען יענע גלח׳שע קליידער זענען צו ברייט, אט דאס אלץ וועט אן אונזעריגען דערמאנען, אז ניט קיין קאטוילישע גייסטליכע דרעהען זיך דאס ארום אויף דער ביהנע, נאר בערלינער וועלט־מענשען.

איך האב אפטמאל נאכגעטראכט, צי דער גענעראל־אינטענ־דאנט וואלט ניט א סך בעסער געווען פארגעשטעלט יענע פרא־צעסיאן, ווען ער וואלט לאזען שפיעלען די ראלען פון די קאטוילי־

שע גלחים ניט פון געוועהנליכע סטאטיסטען, נאר פון יענע פראָ־טעסטאנטישע גייסטליכע, וואָס וויסען אויף דעם אָרטאָדאָקסישען אופן צו פּרעדיגען אין דער טעאָלאָגישער פאקולטעט, און אין דער קירכען־צייטונג געגען פערנונפט, וועלטלוסט, געזעניוס און טייפעלטום. מען וואָלט דאן בעקומען צו זעהען גע־זיכטער, וועמענס גלח'ישע אויסזעהן, וואָלטען געווים גיכער צוגע־פּאסט צו יענע ראָלען. עס איז דאָך אַ באַקאנטע זאַך, אַז די גייסט־ליכע פון דער גאנצער וועלט, רבנים, מופטים, דאָמיניקאַנער, קאָנסיסטאָריאַל־ראַטען, פּאָפּען, באָנצען, קורץ, גאָט'ס גאַנצער די־פּלאָמאַטישער קאָרפּוס, האָט אין געזיכט אַ געוויסע פאַמיליען־עהנליכקייט, אזא ווי מען געפינט אָפּטמאָל ביי לייט, וואָס האָ־בען דיזעלביגע באַשעפטיגונג. שניידער פון דער גאַנצער וועלט צייכענען זיך אוים דורך דער צאַרטקייט פון די גליעדער. קצבים און סאָלדאַטען האָבען זייער עהנליכקייט. אידען האָבען זייער אייגענטימליכע עהרליכע מיענע, ניט ווייל זיי קומען ארוים פון אברהם, יצחק און יעקב, נאָר ווייל זיי זענען סוחרים, און דער פראנקפורטער קריסטליכער סוחר, איז פונקט אזוי עהנליך צו דעם פּראקפורטער אידישען סוחר, ווי איין פויל איי איז עהנליך צום אנדערן. די גייסטליכע סוחרים, אזעלכענע וואָס ציהען זייער חיונה פון דעם רעליגיאָנס־געשעפט, האָבען דערפאר אויך אין געזיכט אַן עהנליכקייט. אודאי, עטליכע נואנסען ענטשטעהען דורך דעם אופן, ווי אזוי זיי פיהרען זייערע געשעפטען. דער קאַטוילישער גלח פיהרט עס גיכער ווי אַ קאַמי, וואָס איז אנגעשטעלט אין אַ גרוים געשעפט; די קירכע, דאָס גרויסע הויז, וועמענס שעף עס איז דער פּויפּסט, גיט זיי אַ באַשטימטע באַשעפטיגונג, און דער־פאר אויך אַ באַשטימטען געהאַלט. ער אַרבייט נאַכלעסיג, ווי יעדער וואָס אַרבייט ניט אויף זיין אייגענעם חשבון, און האָט אַ סך קאָ־לעגען, און ביי די גרויסע געשעפטען בלייבט ער לייכט אונבאַ־מערקט — איהם ליגט נאָר אין הארץ דער קרעדיט פונ'ם הויז, און נאָך מעהר, אז דער קרעדיט זאָל אָנהאַלטען. וואָרים טאָמיר באַנקראָטירט דאָס הויז פאַרלירט ער זיין חיונה. דער פּראָטעס־טאַנטישער גלח, איז פאַרקעהרט אומעטום דער פּרינציפּאַל, און

ער פיהרט די רעליגיאָנס־געשעפטען אויף זיין אייגענעם חשבון. ער פיהרט ניט קיין אַגולנע געשעפטען ווי זיין קאַטוילישער חבר, נאָר קליין האנדעל; און אזוי ווי ער מוז דאָס געשעפט אליין פאַרזאָר־גען, טאָר ער ניט זיין נאָכלעסיג. ער מוז לויבען זיינע גלויבענס־אַרטיקלען, און אַפּלאַכען פון די סחורות פון זיינע קאָנקורענטען. און ווי אַן אמת׳ר קרעמער, שטעהט ער אין זיין בודקע פול מיט קרעמערשע קנאה אַקעגען אַלע גרויסע געשעפטען. גאָר באַזונדערס אַקעגען דעם גרויסען הויז פון רוים, וואָס האלט אויף פיעלע טוי־זענדער בוכהאלטערס און משרתים און האָט זיינע פאַרטרעטער אין אַלע פיער טיילען פון דער וועלט.

דאָס האָט געוויס אויך זיינע פיזיאָגנאָמישע ווירקונגען. אַבער ווען מען קוקט אויף זיי פון פאַרטער, באַמערקט מען זיי ניט. אין די הויפּטשטריכען בלייבט דאָך די פאַמיליענעהנליכקייט פון די געזיכטער די זעלבינע ביי די קאַטוילישע גלחים, ווי ביי די פּראָ־טעסטאַנטישע. און ווען דער גענעראַל־אינטענדאַנט וואָלט די אוי־בענדערמאַנטע הערן געוועזען גוט בעצאָהלט, וואָלטען זיי זייערע ראָ־לען, ווי תמיד געשפּיעלט אויסגעצייכענט. אויך זייער גאַנג וואָלט פיעל בייגעטראָגען צו דער אילוזיאָן; הגם, אַ פיין געניט אויג וואָלט גלייך באַמערקט, אַז ער אונטערשיידט זיך דורך דינע נואַנסען פון דעם גאַנג ביי קאַטוילישע גלחים און מאָנאַכען.

אַ קאַטוילישער גלח געהט אזוי, פונקט ווי דער גאַנצער הי־מעל וואָלט באַלאַנגט צו איהם; פאַרקעהרט, אַ פּראָטעסטאַנטישער גלח, געהט ארום, גלייך ווי ער וואָלט דעם הימעל געהאַלטען אין ארענדע.

קאפיטעל V.

עס איז שוין געווען נאכט, ווען איך בין אנגעקומען אין דער שטאדט לוקא.

אין גאנצען אנדערש האט זי פאר מיר אויסגעזעהן מיט א וואך פריהער, ווען איך האב זיך דארט ארומגעדרעהט בייטאג אין די אפהילכענדיגע פוסטע גאסען, און האב זיך געפיהלט ווי איך וואלט דאס ארייגעפאלען אין איינע פון יענע פארשאלטענע שטעדט פון וועלכע די אם פלעגט מיר אמאל דערצעהלען. דעמאלט איז די גאנצע שטאדט געווען שטיל ווי דער קבר. אלץ איז געווען אזוי בלייך און אפגעשטארבען. אויף די דעכער האט זיך געשפיעלט דער גלאנץ פון דער זון, ווי גאלדענע פליטערלעך אויף דעם קאפ פון א בר־מינן. דא און דארטען האט אוים די פענסטער פון אן אל־טען איינגעפאלענעם הויז ארפגעהאנגען אייביג גרינע וואנד־ריט־לעך, ווי פארטרוקענטע גרינע טרעהרען. אומעטום נאגעניש און שרעקיג־שטילער טויט. די שטאדט האט אויסגעזעהן בלויז ווי דער געשפענסט פון א שטאדט. א שטיינערנער כשוף אין מיטען העלען טאג. דעמאלט האב איך אומזיסט געזוכט און געזוכט די שפור פון א לעבעדיגען נפש. איך דערמאן זיך נאר, אז פאר אן אלטען פא־לאצא איז געלעגען און געשלאפען א בעטלער, מיט אן אויסגע־שטרעקטער אפענער האנד. אויך דערמאן איך זיך, אז אויבען ביים פענסטער פון א שווארצליך צופוילטען הייזעל, האב איך געזעהן א מאנאך, וואס האט דעם רויטען האלז מיט דעם פליישיגען פלי־כעוואטען קאפ ארויסגעשטעקט היבש לאנג פון דעם ברוינעם קי־טעל, און לעבען איהם האט זיך באוויזען א נאקעטע פרוי מיט א פולען בוזים; אונטען אין דער האלב אפענער טיר האב איך געזעהן ארייגעהן א קליינעם יונג, וואס האט איןביידע הענד געטראגען א

ריעזיגע גרוים־בייכיגע וויין־פלאש. — אין דעמזעלביגען אויגענ־בליק האט פון דער ווייטענס געקלונגען א דין איראניש גלעקעל, און אין מיין זכרון האבען געלאכט די נאוועלען פון באקאטשיא. די דאזיגע קלאנגען האבען אבער בשום אופן ניט געקענט פארשרייען דעם מאדנעם גרויל, וואס האט דורכגענומען מיין נשמה. דער גרויל האט מיך אפשר דערפאר נאך מעהר ארומגענומען, ווייל די זון האט אזוי ווארעם און העל באלויכטען די אונהיימליכע גע־ביידען; און איך האב דערפיהלט, אז געשפענסטער זענען נאך מורא'דיגער, ווען זיי ווארפען פון זיך אראפ די שווארצע מאנט־לען פון דער נאכט און לאזען זיך זעהען ביים העלען ליכט פון מיטען טאג.

בעת איך בין איצטער, אכט טאג שפעטער, ווידער אמאל גע־קומען קיין לוקא, בין איך געווארען נשתומם ווי אנדערש עס האט איצט אויסגעזעהן אט די שטאדט. וואס איז דאס? האב איך אויס־גערופען, ווען די ליכט האבען געבלענדט מיינע אויגען און די מענשען־שטראמען האבען זיך געכוואליעט דורך די גאסען. איז א גאנץ פאלק פון נאכט־רוחות אויפגעשטאנען פון די קברים, כדי נאכ־צומאכען אויף דעם ווילדסטען משונה'דיגסטען אופן דאס לעבען? די הויכע, טריבע הייזער זענען פארציערט מיט לאמפען. אומע־טום העגנגען ארוים פון די פענסטער בונטע טעפיכען, וואס פאר־דעקען כמעט די פוילע גרויע וועגד, און איבער זיי בויגען זיך ארוים ליעבע מיידעלשע פנים'ר, אזוי פריש, אזוי בליהענדיג, אז איך מיין, דאס איז דאס לעבען אליין, וואס פייערט איצט זיין חתונה־מאלצייט מיט'ן טויט און האט צו דעם מאלצייט פאר־בעטען די שענקייט פון דער יוגענד. יא, דאס איז געווען א לע־בעדיגער טויטער יום טוב — איך וויים ניט, ווי ער הייסט אין קא־לענדאר — אויף יעדען פאל איז ער עפים א יאהרצייט פון א גערולדיגען מארטירער. ווארים איך האב שפעטער געזעהען ארומ־טראגען א שארבען פון א הייליגען מת און נאך עטליכע קנאכען, באציערט מיט בלומען און עדעלשטיינער. און מוזיק האט געשפיעלט ווי צו א חתונה. דאס איז געווען א שענע פראצעסיאן.

פאראוים זענען געגאנגען די קאפוציגער, וואס האבען זיך

אויסגעצייכענט פון די אַנדערע מאַנאַכען דורך לאַנגע בערד, און האָבען אין דערזעלביגער צייט פאַרגעשטעלט די סאַפּיאַרען, פון דער דאָזיגער גלויבענס־אָרמעע. נאָך זיי זענען געגאַנגען קאַפּוצי־נער אָהן בערד, צווישען זיי אַ סך מענערשע עדעלע געזיכטער, זאָ־גאַר אַנדערע יוגענדליך שענע פּנים'ער, וועמען די ברייטע טאַנזור האָט זעהר געפּאַסט, ווייל דער קאָפּ האָט דורך דעם אויסגעזעהן ווי אַרומגעפלאָכטען מיט אַ ציערליכען קראַנץ פון האָר, און האָט אַרויסגעקוקט צוזאַמען מיט דעם נאַקעטען נאַקען זעהר פיין פון דעם ברוינעם קיטעל. נאָך זיי זענען געגאַנגען קיטלען פון אַנדערע קאָלירען: שוואַרץ, ווייס, געל, אויך אָראַנזשגעלאָזטע דרייעקיגע היט, קורץ אַלע יענע קלויסטער־קאָסטיומען, מיט וועלכע מיר זענען שוין לאַנג באַקאַנט דורך דער באַמיהונג פון אונזער געגע־ראַל אינטענדאַנט. נאָך דעם מאַנאַכען אָרדען, זענען געקומען די אמת'ע גלחים. ווייסע העמדער איבער שוואַרצע הויזען און פאַר־ביגע היטעלעך; הינטער זיי זענען געקומען נאָך חשוב'ערע גייסט־ליכע, איינגעוויקעלט אין פיעל־פאַרביגע זיידענע דעקען און אויף דעם קאָפּ — אַ מין הויכע מיץ, וואָס שטאַמט נאָך מסתמא פון מצרים, און מיט וועלכע מען באַקענט זיך אויך אין די דענאָנ'שע ווערק, אין דער „צויבער־פלייט" און ביי בעלזאָני. דאָס זענען גע־ווען אַלטע אויסגעדיענטע געזיכטער, און עס האָט זיך געדאַכט זיי שטעלען מיט זיך פאָר אַ מין אַלטע גוואַרדיע. צום לעצט איז גע־קומען דער איינענטליכער שטאַב. אַ חופּה און אונטער איהר אַן אַלטער מאַן מיט נאָך אַ העכערער מיץ און נאָך אַ רייכערער דעק, וועמענס שלעפּ עס האָבען נאָכגעטראָגען ווי פּאַזשען צוויי אַלטע לייט אין דיזעלביגע בגדים.

די מאַנאַכען, וואָס זענען געגאַנגען פאַראויס, זענען געגאַנגען מיט פאַרלעגטע אָרעמס, ערענסטהאַפט שווייגענדיג; אָבער די, מיט די הויכע מיצען, האָבען געזונגען אַ גאַר אומגליקליכען געזאַנג. אַזוי אונטער'ן נאָז, אַזוי שנאָפּעלדיג, אַזוי קייקעלדיג, אַז איך בין איבערצייגט, ווען די אידען זאָלען זיין די גרויסע פאָלקסמאַסע און זייער רעליגיאָן זאָל זיין די שטאַאַטס־רעליגיאָן, וואָלט מען דאָס אויביגע געזאַנג באַ־

צייכענט מיט'ן נאמען „מוישעלן“. גליקליכערוויין האט מען עס נאר געקענט הערען ביז א העלפט. ווארים הינטער דער פראצעסיאן, האבען זיך געצויגען מעהרערע קאמפאניען מיליטער, ווי עס האבען איבערהויפט אויףביידע זייטען לעבען די גייסטליכע מארשירט פון יעדער זייט צו צוויי גרענאדירען. עס זענען געווען כמעט מעהר סאלדאטען ווי גייסטליכע; אבער צו דער אונטערשטיצונג פון דער רעליגיאן מוז מען היינט האבען א סך באיאנעטען. און בעת עס ווערט געגעבען די ברכה, דאן מוזען פון דער ווייטענס אויך די קאנאנען באדייטונגספול דונערן.

ווען איך זעה אזא פראצעסיאן, וואו אונטער א מיליטערישער וואך געהען די גייסטליכע, אזוי טריבזעליג און יאמערדיג, נעמט מיך אלעמאל ארום אן אומעט, און מיר דאכט, ווי איך וואלט דאס געזעהן אונזער אויסלייזער אליין, ווי מען פיהרט איהם צו דער תליה ארומגערינגעלט מיט זעלנער. די שטערן פון לוקא האבען געווים אויך אזוי געטראכט ווי איך. און ווען איך האב זיפצענדיג ארויפגעקוקט צו זיי, האבען זיי מיך אנגעקוקט מיט זייערע פרומע אויגען אזוי איינשטימיג, אזוי העל און אזוי קלאר! נאר מען האט ניט באדארפט זייער ליכט. טויזענדער און טויזענדער לאמפען און ליכט און מעדעלשע פנים'ער האבען ארויסגעגלאנצט פון אלע פענסטער. ביי די גאסען ווינקלען זענען געשטאנען אויפגעשטעלט פלאקערדיגע פעך-פלאמען, און א חוץ דעם האט נאך יעדער גלח געהאט פאר זיך איינעם, וואס האט איהם נאכגעטראגען א ליכט. די קאפוצינער האבען צומייסטענס געהאט פאר זייערע ליכט טרעגער קליינע אינגלעך, און די יוגענדליך פרישע פנים'לעך האבען אפטמאל ארויפגעקוקט מיט הנאה'דיגער נייגיעריקייט צו די אלטע ערענסטע בערד. א פשוט'ער ארימער קאפוצינער קען ניט באצאהלען קיין גרויסען ליכט-טרעגער, און די עובדה ביי פראצעסיאנען מוז אויף זיך נעמען דאס אינגעל, וועלכען ער לערנט דעם „אווע מאריע“, אדער וועמענס מוהמע עס איז זיך פאר איהם מתודה, און מען קען ניט זאגען, אז ער טוט דאס מיט וועניגער ליעבע. די מאנאכען, וואס זענען געגאנגען נאך זיי, האבען גע־האט ניט פיעל גרעסערע אינגלעך, א פארנעהמערער ארדען איז שוין

באריענט געווארען פון מעהר דערוואקסענע. און די גלחים אין די הויכע מיצען האבען שוין געהאט פאר זייערע ליכט־טרעגער אמת׳ע באלעבאטים. אבער צום סוף דער הער ארכי־בישאף אליין — ווארים דאס איז געווען דער מאן, וואס איז געגאנגען אונטער דער חופה מיט אזא פארנעהמער הכנעה און זיך געלאזט נאכטראגען די שלעפ פון זיין מאנטעל פון גרויזע פאזשען — אט דער ארכי־בישאף האט געהאט ביי יעדער זייט א לאקאי, און ביידע האבען געגלאנצט אין בלויע ליוורעען מיט געלע טרעסען, און זיי האבען געטראגען די ווייסע וואקסענע ליכט אזוי צערעמאניעז, ווי זיי וואלטען סערווירט אין א הויף.

אלענפאלס האט זיך מיר געדאכט, אז דאס ליכט טראגען איז א גוטע איינריכטונג. ווארים דורך דעם האב איך בעסער געקענט באטראכטען די געזיכטער, וואס געהערען צום קאטוליציזם. און איך האב זיי איצטער געזעהן. און דאס, אין דער בעסטער באלייכטונג. און וואס האב איך דען געזעהן? נו יא, דער קלעריקאלער שטעמפעל האט אין ערגיץ ניט געפעהלט. אבער נעמט דאס אוועק, זענען די געזיכטער צווישען זיך געווען אזוי פארשידען ווי אנדערע געזיכטער. איינס איז געווען בלאס ,א צווייטס איז געווען רויט. די נאז האט זיך אויפגעהויבען שטאלץ, יענע איז געווען נידערגעשלאגען. דא איז געווען א פינקעלדיג שווארץ אויג. און דארט א שימערינדיג, גרוי אויג — אבער אויף אט די אלע געזיכטער זענען געלעגען די שפורען פון דערזעלביגער קראנקהייט, א שרעקליכע, אונהיילבארע קראנקהייט, וואס וועט וואהרשיינליך זיין די אורזאך, פארוואס מיין אייניקעל, ווען איהם וועט מיט הונדערט יאהר שפעטער אויסקומען צו זעהן א פראצעסיאן אין לוקא, וועט ער ניט געפינען קיין איינציגען פון יענע געזיכטער. איך האב מורא, אז איך בין אליין אנגעשטעקט פון יענער קראנקהייט, און א פאלגע פון איהר איז יענע ווייכקייט, וואס פאקט מיך אזוי מאדנע, ווען איך באטראכט דאס קראנקע פנים פון א מאנאך, און אויף דעם פנים זעה איך די סימפטאמען פון יענע לידען, וואס באהאלטען זיך אונטער די גראבע קיטלען: — געקרענקטע ליעבע, פאדאגרא, אפגענארטער עהרגייץ, אויסגעארטען(רד־

קען, חרטה, מערידען, די וואונדען פון הארץ, וואס זענען געקומען דורך דער אונדאנקבארקייט פון די פריינד, דורך די רכילות פון די שונאים, און דורך די אייגענע זינד. אט דאס אלץ און נאך פיעל מעהר, וואס עס קען געפינען א פלאץ אונטער א גרויסען קיטעל, פונקט ווי אונטער א פיינעם מאדע פראק. אוי! עס איז ניט איבער־טריבען, ווען דער פאעט שרייט אוים אין זיינע יסורים: דאס לעבען איז א קראנקהייט און די גאנצע וועלט א לאזארעט!

„און דער טויט איז אונזער רופא.—" אך! איך וויל וועגען איהם קיין שלעכטם ניט רעדען, און וויל ניט שטערען קיין אנדערע אין זייער פארטרויען; ווארים אזוי ווי ער איז דער איינציגער דאקטאר, זאלען זיי בעסער טאקי גלויבען, אז ער איז אויך דער בעסטער דאקטאר. און דאס איינציגע, וואס ער ווענדט אן, זיין אייביגע ערד־קור, איז אויך די בעסטע. וועניגסטענס קען מען איהם נאכזאגען א לויב, אז ער איז תמיד גלייך ביי דער האנד און טראץ זיין גרויסער פראקטיק, לאזט ער אויף זיך לאנג ניט ווארטען, ווען מען וויל איהם נאר האבען. טיילמאל געהט ער נאך זיי־נע פאציענטען אפילו צו דער פראצעסיאן, און טראגט זיי נאך דאס ליכט. דאס איז זיכער געווען דער טויט אליין, דער וואס איך האב איהם געזעהן ביי דער זייט פון א בלאסען, קרענקליכען גלח; אין דינע ציטערדיגע ביינערנע הענד האט ער דעם גלח געטראגען זיין ברענענדיג ליכט, האט דערביי גוטמוטיג צוגעשאקעלט מיט דעם שרעקיגען ליסען־קעפיל, און ווי שוואך ער איז אליין געווען אויף די פים, האט ער דאך פון דעסטוועגען נאך צייטענווייז אונ־טערגעפיהרט דעם ארימען גלח, וועלכער איז מיט יעדען טראט געווארען נאך בלייכער און איז שיער אומגעפאלען. עס האט אוים־געזעהן, ווי ער וואלט איהם אונטערגעגעבען מוט: ווארט נאר נאך א שעה'לע, וועלען מיר דאן זיין אין דער היים, און איך וועל אוים־לעשען דאס ליכט, און איך וועל דיך לייגען אויפ'ן בעט, און די קאל־טע, מיעדע ביינער וועלען זיך קענען אויסרוהען, און דו וועסט גוט אנטשלאפען ווערען, אזוי אז דו וועסט ניט הערען דאס קלאגענדיגע הייליגע מכאל'ם גלעקעל.

„געגען דעם מאן וועל איך אויך ניט שרייבען", האב איך

מיר געטראַכט, ווען איך האָב געזעהן דעם אָרימען, בלייכען גלח, וועמען דער טויט אליין האָט באַלויכטען דעם וועג אין בעט אריין.

אַך! אייגענטליך וואָלט מען דאָך געגען קיינעם ניט באַדאַרפט צו שרייבען אויף דער וועלט. יעדער איז אליין קראַנק געגנוג אין דעם דאָזיגען גרויסען לאַזאַרעט, און ניט איין פּאַלעמיש בוך דערמאָנט מיך ניט ווילענדיג, אָן א מחלוקה, וואָס איז פאַרגעקומען אין א קליינעם שפּיטאַל אין קראַקוי, וואו איך האָב זיך צופעליג געפונען, און וואו עס איז געווען שרעקליך צו הערען ווי די חולאים האָבען זיך איינס דאָס אנדערע פאַרגעוואָרפען זייערע חסרונות; ווי אן אויסגעדאַרטער שווינדזיכטיגער האָט חוזק געמאַכט פון אויפגעשוואָלענעם וואַסער־זיכטיגען; ווי איינער האָט געלאַכט פון דעם צווייטענס קרעבס אויף דער נאָז און ווי דער מיט'ן קרעבס האָט געלאַכט איבער דעם אויסגעקרימטען מויל און פאַרדרעהטע אויגען פון זיינע שכנים, און דער סוף איז געווען, אז די ווילדע, אין היץ ליגענדע, זענען נאַקעט ארויסגעשפּרונגען פון די בעטען און האָבען פון די אנדערע קראַנקע אראָפּגעריסען די דעקען און די ליילעכער, און מען האָט ניט געזעהן מעהר ווי שרעקליכען עלענד און צוקאַליעטשעטע גופים.

קאַפּיטעל VI

יענער האָט איצטער אויך פאַר די אַנדערע פאַרזאַמעלטע געטער
אויסגעטיילט ליעבליכען נעקטאַר, און אויסגעשעפּט פלייסיג דעם קרוג.
דאָך האָבען די זעליגע געטער צולאַכט זיך גאָר הויך אויפ'ן קול,
ווען ז'האָבען געזעהן ווי העפעסטאָס געהט געשיקט אַרום אינ'ם זאַל,
און אַזוי האָבען זיי זיך אונטערהאַלטען דעם גאַנצען טאָג,
ביז ס'איז פאַרגאַנגען די זון. און ס'האָט ניט געפעהלט קיין איינציגע
זאַך אויף דער סעודה.
ניט דער געקלאַנג פון די סטרונעס, פון דער ליעבליכער לירע אַפּאָלאָנ'ס
און אויך ניט ס'געזאַנג פון די מוזען, מיט זייערע ליעבליכע שטימען.
וואולגאַטא.

און דאָ איז פּלוצים אריינגעפאַלען א בלייכער, צובלוטיגטער איד, מיט א קרוין פון דערנער אויפ'ן קאָפּ און מיט א גרויסען הילצערנעם צלם אויפ'ן פּלייצע; און ער האָט א וואָרף געטאָן דעם צלם אויף דעם הויכען געטער טיש, אזוי אז די גאָלדענע באָקאַלען האָבען אזש אויפגעציטערט און די געטער זענען געוואָרען אנטשוויגען און בלייך און וואָס אמאָל אלץ בלייכער, ביז זיי זענען ענדליך אין גאַנצען צורונען געוואָרען אין נעבעל.

און איצט איז געקומען א טרויעריגע צייט. און די וועלט איז געוואָרען גרוי און פינסטער. עס זענען מעהר ניט געווען קיין גליקליכע געטער. דער אָלימפּ איז געוואָרען א לאַזאַרעט, וואו גע־שונדענע, געבראָטענע און געשטאָכענע געטער האָבען זיך ארומגעשלעפּט לאַנגוויילינ, און האָבען פאַרבונדען זייערע וואונדען און געזונגען טרויעריגע ליעדער. די רעליגיאָן האָט מעהר ניט געגעבען קיין פרייד, נאָר טרייסט; דאָס איז געווען א טריבזעליגע, בלוט־טריפענדיגע רעליגיאָן פאַר פאַרברעכערס.

איז זי אפשר נויטיג געווען פאַר דער קראַנק געוואָרענער און צוטראָטענער מענשהייט? ווער עס זעהט זיין גאָט אין יסורים, דער טראָגט לייכט אַריבער זיינע אייגענע ליידען. די פריהערדיגע פרעהליכע געטער, וואָס האָבען אַליין ניט געפיהלט קיין יסורים, האָבען אויך ניט געוואוסט ווי עס איז אויפ'ן הארצען די אָרימע געקוועלטע מענשען. און דער אָרימער געקוועלטער מענש האָט זיין נויט אויך צו זיי ניט געקענט האָבען קיין אמת'ן צוטרויען. יענע זענען געווען יום טוב'דיגע געטער, ארום וועלכע מען האָט לוסטיג ארומגעטאַנצט, און וועמען מען האָט נאָר געקענט דאנקען. זיי זענען דערפאַר אויך קיינמאָל ניט געליעבט געוואָרען פונ'ם גאַנצען הארצען. כדי אַזוי פונ'ם גאנצען הארצען געליעבט צו ווערען — מוז מען אַליין וויסען פון ליידען. דער מיטלייד איז די העכסטע מדרגה פון דער ליעבע. אפשר די ליעבע אַליין. פון אַלע געטער, וואָס האָבען דעמאָלט געליעבט, איז דערפאַר קריסטוס יענער גאָט, וועלכער איז צום מייסטען געליעבט געוואָרען, באַזונדערס פון די פרויען — —

אַנטלויפענדיג פון דער גרויסער מענשענמענגע, בין איך אריינגעפאַלען אין אַן איינזאַמער קירך. און דאָס וואָס דו, ליעבער לעזער, האָסט נאָר וואָס געלייענט, איז ניט אַזוי אין גאַנצען מיינע אייגענע געדאַנקען, נאָר דאָס זענען גיכער עטליכע ניט ווילענדיגע ווערטער, וואָס זענען פאַר מיר קלאָר געוואָרען, אין דער צייט, וואָס איך בין געזעסען אויף איינעם פון די געבעט בענק, און האָב געלאָזט די טענער פון אָרגעל דורכציהען דורך מיין ברוסט. איך בין מיר דאָרט אַזוי געלעגען מיט אַ פאַנטאַזירענדער נשמה, און צו דער אויסערגעוועהנליכער מוזיק האָב איך מיר אונטערגעדיכטעט נאָך אויסערגעוועהנליכע טעקסטען; ווען ניט ווען האָבען מיינע בליקען פארבלאָנדזשעט דורך די דעמערנדע בויגונג, און האָבען געזוכט די טונקעלע איבערגאַנגס־טענער, וואָס האָבען געהערט צו דער מעלאָדיע. ווער איז די פארשלייערטע, וואָס קניעט דאָרט פאַר אַ מאַדאָנע בילד? דאָס אייל־לעמפיל, וואָס הענגט פאַר'ן בילד באַלייכט גרויענהאַפט־זיס די שענע יסורים'האַפטע מוטער פון אַ געקרייציגטער ליעבע, די ווענוס דאָלאָראָסאַ: דאָס חניפה'דיגע גע־

היימנישפולע ליכט איז ווי בגנבה צייטענווייז געפאלען אויף דער פארשלייערטער בעטערין. זי, די בעטערין, ליגט אפילו באַוועגלאָז אויף די שטיינערנע שטיגען פון אלטאַר, דאָך אין דער בייטענדיגער באַלייכטונג ריהרט זיך איהר שאָטען, לויפט טייל־מאָל צו צו מיר, ציהט זיך ווידער האסטיג צוריק, ווי דער שטומער מאַהר, דער שרעקענדיגער ליעבעס־שליח אין א הארעם — און איך פארשטעה איהם. ער לאָזט וויסען אז ס'איז דאָ זיין הארענטע, די סולטאַנין פון מיין הארץ.

עס ווערט אבער וואָס אמאָל אלץ טונקעלער און טונקעלער, אין דער ליידיגער קירך: דאָ און דאָרט שוועבט דורך אַן אונבאַשטימטע געשטאַלט פארביי די זיילען, וועט נים ווען דערהערט זיך א שטיל געמורמעל פון א זייטיגער קאפעליצע, און מיט זיינע לאנגע לאנגגעצויגענע טענער זיפצט דער אָרגעל ווי א זיפצענדיג ריעזענהארץ. —

עס האָט זיך אָבער געדאכט, אז יענע אָרגעל־טענער וועלען קיינמאָל נים אויפהערען, פונקט ווי יענער גוסס'דיגער קול, יענער לעבעדיגער טויט, וואָלט וועלען דויערען ביז אייביג. איך האָב גע־פיהלט אזא קלעמעניש ביים הארצען, וואָס לאָזט זיך נים איבערגעבען, אזא מאָדנעם שרעק, ווי מען וואָלט מיך באַגראָבען א לעבעדיגען. יאָ, ווי איך, א לאנג שוין געשטאָרבענער, וואָלט אויפגעשטאַנען פון קבר און בין צוזאמען מיט אנדערע נאכט־רוחות, אריינגעגאנגען אין דער געשפענסטישער קירך, כדי צו הערען די תפילות פון מתים און כדי זיך מתודה צו זיין אויף די זינד פון טויטע. צייטענווייז האָט זיך מיר געדאכט, ווי איך וואָלט ווירקליך געזעהן זיצען לעבען מיר אין דעם גייסטערהאפטען ליכט פון בין השמשות, די געשטאָרבענע געמיינדע אין פארגעסענע אלטפלאָרענטינישע טראַכטען, מיט לאנגע, בלאַסע געזיכטער גאָלד־באשלאָגענע גע־בעט־ביכער אין דינע הענד. שטיל שעפטשענדיג און מעלאנכאָליש צושאָקלענדיג מיט די קעפ, איינס צו ס'אנדערע. דער ציטערדיגער טאָן פון א ווייטען אפשטאַרבענדיגען גלעקיל, האָט מיך ווידער אמאָל דערמאָנט אָן דעם קראַנקען גלח, וואָס איך האָב געזעהן ביי דער פּראָצעסיאָן, און איך האָב געזאָגט צו ז ך אליין: ער איז

איצטער געשטאָרבען און קומט אהער, כדי צו לייענען די ערשטע נאכט־מעסע, און דאָ וועט זיך ערשט אָנהויבען דער טרויעריגער מתים־שפּיעל. פּלוצלינג אָבער האָט זיך פון די טרעפּ ביים אַלטאַר אויפגעהויבען די ליעבע געשטאַלט פון דער פארשלייערטער בעטערין. —

יאָ, זי איז דאָס געווען. שוין איהר לעבעדיגער שאָטען האָט געמאכט, אז עס זאָלען פארשווינדען די ווייסע רוחות. איצטער האָב איך געזעהן נאָר זי, און בין שנעל נאָך איהר נאָכגעגאנגען, ווען זי איז ארויס פון קירך, און ווען זי האָט לעבען דער טיר אויפגעהויבען דעם שלייער, האָב איך געזעהן פראנצעסקא׳ס פארוויינט פּנים. זי האָט אויסגעזעהן ווי א פארבענקטע ווייסע רויז, באשפּרענקעלט מיט טוי פון דער נאכט און באשיינט מיט דעם שטראהל פון פריהמאָרגען. — פראנצעסקא, האָסט מיך ליעב? — איך האָב געפרעגט א סך און זי האָט געענטפערט ווייניג. איך האָב זי באַלייט צום האָטעל Crace de Matta וואו זי און מאַטילדע זענען איינגעשטאַנען. די גאַסען זענען געוואָרען לעבעדיג, די הייזער זענען געשלאָפען מיט געשלאָסענע פענסטער־אויגען. נאָר דאָ און דאָרט האָט דורך די הילצערנע וויהעם געבלינצעלט א ליכטעל. אויבען אין הימעל אָבער, האָט ארויסגעטראָטען פונ׳ם וואָלקען א העל־גריינער רוים און אין דעם רוים האָט געשוואומען די האַלבע לבנה, ווי א זילבערנער גאָנדאָל אין א ים פון זשמאַראַגדען. אומזיסט האָב איך געבעטען פראנצעסקאַ׳ן, זי זאָל כאָטש איין איינציג מאָל ארויפקוקען אויבען צו אונזער אלטען גוטען פריינד. זי האָט אָבער דאָס קעפּיל געהאַלטען פאר׳חלום׳ט אראָפּגעלאָזען. איהר גאַנג, וואָס אזוי פלעגט ער זיין א לוסטיג שוועבענדיגער, איז איצטער געווען א געמאָסטענער. איהרע טריט — פּינסטער קאַטויליש. זי האָט זיך באוועגט, גלייך ווי צום טאַקט פון א פּייערליכען אָרגעל, און פּונקט ווי פריהער האָבען איהרע פיס געשטעקט אין זינד, האָבען זיי איצטער געשטעקט אין דער רעליגיאָן. אונטערוועגענס האָט זי פאר יעדען הייליגען בילד באַ׳צלמ׳ט איהר קאָפּ און איהר בוזים; אומזיסט האָב איך געפּרואווט איהר דערביי צו העלפען. ווען מיר זענען אָבער אָנגעקומען אויף דעם מארק פּאַר

דער סאנקט מיכעלעס קירך, וואו די מארמארענע מוטער פון שמערץ האט ארויסגעלייכט פון דער פינסטערער ניש, מיט די באגילדעטע שווערדען אין הארצען און מיט די קרוין פון לעמפלעך אויפ׳ן קאפ, דא האט פראנצעסקא פארווארפען איהרע ארעמס ארום מיין האלז, האט מיך געקושט און געשעפטשעט: **Cecco, Cecco, caro Cocco!**

איך האב די דאזיגע קושען רוהיג צוגענומען. הגם איך האב גוט געוואוסט, אז אין דער אמת׳ן זענען זיי געמיינט געווארען פאר א באלאנישען אבאטע,, א דיענער פון דער קאטוילישער רעליגיאן. אלס פראטעסטאנט האט מיך דאס געוויסען ניט געפלאגט, וואס איך מאך פאר דאס מייניגע די גיטער פון דער קאטוילישער גייסטליכקייט, און אויפ׳ן ארט האב איך פארשוועכט פראנצעסקא׳ס פרומע קושען. איך וויים, אז די גלחים וועלען דערפאר זיכער ווערען אין כעס. זיי וועלען זיכער שרייען אויף דעם, וואס איך האב בארויבט די קירך. וועלען אויף מיר אנווענדען דעם פראנצויזישען רעליגיאן געזעץ. ליידער מוז איך צוגעבען, אז אט די קושען זענען געוועזן דאס איינציגע, וואס איך האב יענע נאכט געקענט ארויסקריגען. פראנצעסקא האט געהאט באשלאסען יענע נאכט צו פארברענגען אין קניהען און בעטען, כדי מיט דעם אויסצולייזען איהר נשמה פון זינד. אומזיסט האב איך זיך געבעטען ביי איהר, מיר זאלען די תפלות צוזאמען האלטען; — ווען זי איז אריין אין איהר צימער, האט זי צוגעקלאפט די טיר פאר מיין נאז. אומזיסט בין איך אין דרויסען נאך געשטאנען א גאנצע שעה און געבעטען, זי זאל מיך אריינלאזען, און האב געזיפצט אלע מעגליכע זיפצען און גע׳חנפ׳עט מיט אלערליי פרומע טרעהרען, און געשוואוירען מיט די הייליגסטע שבועות — פארשטעהט זיך, לאזענדיג פאר זיך א התר די שבועות ניט צו האלטען. — איך האב געפיהלט, ווי איך הויב אן ווערען א יעזואיט. איך בין געווארען אין גאנצען שלעכט און האב זיך אפילו אנגעבאטען צו ווערען קאטויליש פאר דער דאזיגער איינציגער נאכט —

— פראנצעסקא! — האב איך אויסגערופען — שטערן פון מיינע געדאנקען! געדאנק פון מיין נשמה **Vita della mia vita!**

מיין שענע, אַפּט געקושטע, שלאַנקע, קאַטוילישע פּראַנ־צעסקאַ! פאַר דער דאַזיגער איינציגער נאַכט, וואָס דו וועסט מיר ערלויבען, וועל איך אליין ווערען קאַטויליש — אָבער אויך נאָר פאַר דער דאַזיגער נאַכט! אוי, די שענע, זעליגע קאַטוילישע נאַכט! איך ליג אין דיינע אָרעמס און גלויב שטרענג קאַטויליש אין דעם גן־עדן פון דיין ליעבע. פון די ליפּען קושען מיר זיך אַראָפּ די ליעבע באַקענטעניש. דאָס וואָרט ווערט פלייש, דער גלויבען ווערט גשמיות׳דיג אין דער פאָרם און אין דער געשטאַלט! וואָס פאַר א טייערע רעליגיאָן! איהר גלחים! יובעלט אייך דערוויי אייער קירי עלייזאָן, קלינגט מיט די קליינע גלעקלעך, רויכערט, לאָזט קלינגען די גרויסע גלאָקען, לאָזט ברויזען דעם אָרגעל, לאָזט אויפ־קלינגען די מעססע פון פּאַלעסטרינא — דאָס איז דער לייב! — איך גלויב, איך בין זעליג. איך שלאָף איין. אָבער אזוי שנעל ווי איך וועל אויפשטעהן צומאָרגענס אין דער פריה, וועל איך מיר אויסרייבען פון די אויגען דעם שלאָף און דעם קאַטוילִיציזם. און איך וועל ווידער קלאָר זעהען די זון און די ביבעל. און וועל ווידער זיין פּראָטעסטאַנטיש שכל׳דיג און ניכטערן, פּונקט אזוי ווי פריי־הער.

קאפיטעל VII.

ווען די זון האט אויף צומארגענס ווידער הארציג אראפגע־לאכט פון הימעל, האבען זיך אין גאנצען אויסגעלאשען די טריב־זעליגע געדאנקען און געפיהלען, וואס האבען זיך אין מיר דער־וועקט אין דעם פריהערדיגען אבענד ביי דער פראצעסיאן, און האט מיך געמאכט קוקען אויפ'ן לעבען און אויף דער וועלט ווי אויף א לאזארעט.

די גאנצע שטאדט האט געשוויבעלט פון לוסטיגען פאלק און בונט אויסגעפוצטע מענשען. דא און דארטען האט נאר פארביי געשוועבט א שווארץ גלח'ל. דאס פאלק האט גערוישט, געלאכט און געשמועסט. מען האט כמעט גאר ניט געהערט דאס קלינגען פון די גלאקען, וואס האט גערופען צו א גרויסער מעסע אין דער קאטעדראלע. אט די קאטעדראלע איז א שענע איינפאכע קירך, וועמענס בונט מארמארענע פאסאדע, וואס איז באציערט מיט איה־רע זיילעכלעך, וואס זענען געבויט איינער איבער דעם אנדערען, און קוקט אונז אן אזוי וויציג טריב. אינוועניג זענען די זיילען און די וואנד געוועז איבערגעצויגען מיט רויטען טוך. און לוסטיגע מוזיק האט זיך געגאסען איבער די שטראמענדיגע מענשען־מאסע. איך האב געפיהרט סיניארא פראנצעסקא ביים ארעם, און ווען איך האב איהר ביים אריינגאנג דערלאנגט דאס ווייה־וואסער, און אונ־זערע נשמות זענען דורך דער זיסער פייכטער פינגער־באריהרונג עלעקטריזירט געווארען, האב איך אין דערזעלביגער צייט אויך באקומען אן עלעקטרישען שלאג אין פוס, אזוי אז פון שרעק האב איך זיך שיער איבערגעקוליעט איבער די קניהענדיגע פויערטעס, וואס האבען — גאנץ ווייס אנגעטאן און באלאדענט־מיט די לאנגע אויערינגען און האלז־קייטען פון געלען גאלד, — געדיכט באדעקט

דעם דיל. ווען איך האָב זיך אַרומגעקוקט, האָב איך דערזעהן פונקט אזא בליהענדיגע פרוי, וואָס האָט זיך געפאָכעט מיט א פאָכער, און הינטער דעם פאָכער האָב איך דערקענט מיליידי'ס לאַכענדיגע אויגען. איך האָב זיך צו איהר אַראָפּגעבויגען און זי האָט מיר שמאכטענדיג אריינגעהויכט אין אויער אריין: **Delightful !**

— אום גאָטעסווילען ! — האָב איך צו איהר שטיל געזאָגט — זייט ערנסט. לאכט ניט. וואָרים אז ניט וועט מען אונז זיכער ארויסוואַרפען.

אָבער עס האָט ניט געהאָלפען קיין בעטען. צום גליק האָט מען ניט פאַרשטאַנען אונזער שפּראַך. וואָרים ווען מיליידי איז אויפגעשטאַנען, און איז אונז נאָכגעגאַנגען דורך דעם גאַנג צום הויפּט אלטאַר, האָט זי זיך אויפגעפיהרט ווי א ווילדע מיט איהרע קאַפּריזען, מיט קיין זאַך זיך ניט רעכענדיג, גלייך ווי מיר וואָלטען געשטאַנען אליין אויף די אַפּעניגען. זי האָט חוזק געמאכט פון אלץ, אפילו די אָרימע געמאָלטע בילדער אויף די ווענט זענען ניט געווען זיכער פון איהרע פיילען.

— זעה דאָ ! — האָט זי אויסגערופען — אויך ליידי חוה, א געבוירענע „פאָן ריפּ", זעה ווי זי דיסקוטירט מיט דער שלאַנג. עס איז א גוטער איינפאַל פונ'ם מאַלער, וואָס ער האָט דער שלאַנג געמאָלען מיט א מענשליכען קאָפּ און אַ מענשליכען פּנים. עס וואָלט דאָך אָבער געווען נאָך אינטערעסאַנטער, ווען ער וואָלט דאָס דאָזיגע פאַרפיהרערישע פּנים געווען באַציערט מיט א מיליטערישער וואָנצע. זעהט איהר, דאָקטאָר, דאָרט יענעם מלאך, וועלכער זאָגט אָן דער הויכגעבענשטער יונג־פרוי איהר געבענשטען צושטאַנד, און שמייכעלט דערביי אזוי איראָניש ? איך ווייס, וואָס אָט דער־דאָזיגער טראַכט זיך ! און יענע הייליגע מאַריאַ, פאַר וועמענס פיס עס האָבען זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קניה מיט גאָלד און מתנות פון ווייהרויך דער הייליגער אַליאַנס פון מזרח־לאַנד, זעהט זי ניט אויס ווי די קאַטאַלאַני ?

סיניאָרא פראַנצעסקאָ, וועלכע האָט פון אָט דער פּלוידעריי גאָר ניט פאַרשטאַנען, ווייל זי האָט ניט געקענט קיין ענגליש, האָט איצטער געמאכט א באַמערקונג, אז די דאַמע, וועגען וועלכער אונ־

זער פריינדין רעדט, האָט איצטער ווירקליך פאַרלוירען דעם גרעס־
טען טייל פון איהר גוטען נאָמען. אונזער פריינדין אָבער האָט זיך
ניט געלאָזט שטערען, און האָט אויך קאָמענטירט די פּאַסיאָנס־
בילדער, ביז צו דער קרייציגונג, אַן אמת'דיג שען בילד, אויף
וועלכען עס זענען געווען אויסגעמאָלט צווישען אַנדערע אויך דריי
נאַרישע אונטערטעניגע פּנים'ר, וואָס האָבען זעהר בהרחבה'דיג זיך
צוגעקוקט צו גאָט'ס מאַרטירערטום. און וועגען זיי האָט מילײדי
באַהויפּטעט, אַז זיי זענען באַפּולמעכטיגטע קאָמיסאַרען פון עסט־
רייך, רוסלאַנד און פראַנקרייך. אם מייסטען האָט געהאַט צו ליי־
דען דער הייליגער יוסף. זי האָט געמאַכט די ווילדסטע באַמער־
קונגען וועגען זיין אַנטלויפען קיין מצרים, וואו מאַריא מיט'ן
קינד זיצען אויפ'ן עזעל, און ער געהט נאָך פון הינטען אלס אַנטריי־
בער. מילײדי האָט באַהויפּטעט, אַז דער מאָלער האָט געוואָלט פאַר־
שטעלען א געוויסע עהנליכקייט צווישען דעם אַנטרייבער און דעם
פּיערפּיסיגען. ביידע האָבען ווירקליך געלאָזט אַראָפּהענגען זייערע
לאַנגע אויערען איבער די מעלאַנכאָליש־אַראָפּגעבויגענע קעפּ. —
אין וואָס פאַר אַן אונערהערטער פאַרלעגענהייט עס געפינט זיך
דער אָרימער מענש! — האָט אויסגערופען מאַטהילדע.
— גלויבט ער, אַז דער ליעבער גאָט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט
צו ווערען זיין מיטאַרבייטער, האָט ער דאָך א גוטע אורזאַך, זיך
איבערצוגעבען צום טייוועל; גלויבט ער עס ניט, איז ער דאָך אַן
אפּיקורס, און ער וועט סאַי ווי פאָהרען צום טייוועל. וואָס פאַר א
שרעקליכע דילעמאַ! דערפאַר לאָזט ער דאָס אַזוי טרויעריג אַראָפּ
דעם קאָפּ. און זיי האָבען נאָך דערצו זיין קאָפּ באַציערט מיט א
גלאָריע, וואָס זעהט אויס ווי א שטאָהלענע קרוין פון הערנער.
דער גורל פון דעם אָרימען עזעל־טרייבער שניידט מיר ביים האַר־
צען! קיינמאָל ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג, האָב איך זיך אין א
קירך נאָך ניט געפיהלט אַזוי געריהרט.

אונטער־עסען האָבען די פרעסקאָ'ס, וואָס האָבען זיך באַ־
וויזען צווישען די רויטע דעקען פון די וואַנד, אין א געוויסער
מאָס אָפּגעשוואַכט מיט זייער ערנסטקייט דעם בריטישען שפּאָט־
לוסט. אויף זיי זענען געווען געזילבטער פון יענער העלדענמוטיגער

צייט פון לוקאַ, וועגן וועלכע עס ווערט אַזוי פיעל דערציילט אין די געשיכטס־ביכער פון מאַקיאַוועלי דעם ראָמאַנטישען סאַללוסטי, און וועמענס גייסט עס וועהט אַרוים פון דאַנטע׳ס געזאַנגען, דעם קאַטוילישען האַמער. אוודאי רעדען אַרוים פון יענע מיענען, די שטרענגע געפיהלען און די באַרבאַרישע געדאַנקען פון מיטעלאַל־טער; און ווען אַפילו עס שוועבט אויף אַנדערע בחור׳ישע מיילער דאָס שמייכעלדיגע באַקענטעניש, אַז אויך דעמאָלט זענען ניט אַלע רויזען געוועזן אין גאַנצען פון שטיין און פאַרשליירט. און ווען אַפילו אויך פון די פרום אַראָפּגעלאָזטע אויגענדעקלעך פון ניט איין מאַדאָנאַ פון יענער צייט, בלינצעלט אַרוים אַזאַ שאַלקהאַפטי־גער וואונק, גלייך ווי זי וואָלט אונז געזען געשענקט נאָך אַ קרים־טום קינד, אין יעדען פאַל, איז עס אָבער אַ הויכער גייסט, וואָס רעדט צו אונז פון יענע אַלט־פלאָרענטינישע בילדער. דאָס איז דאָס אייגענטליך הערויִשע, וואָס מיר זעהען אויך אין די מאַרמאָרענע געטער־בילדער פון פאַרצייטען און דאָס באַשטעהט, ניט ווי דאָס מיינען אונזערע עסטעטיקער, אין אַן אייביגער רוה אָהן ליידענ־שאַפט, נאָר אין אַן אייביגער ליידענשאַפט אָהן אומרוה. אויך דורך עטליכע שפּעטערדיגע בילדער, וואָס הענגען אין דעם דאָם פון לו־קאַ, ציהט זיך, אפשר אַלס טראַדיציאָנער נאָכקלאַנג, יענער אַלט־פלאָרענטינישער זין. באַזונדערס האָט זיך מיר געוואָרפען אין די אויגען אַ חתונה אין קאַנאַ, פון אַנדרעע דעל סאַרטאָ׳ס אַ תלמיד, געמאָלט אַביסעל האַרט און רויה אויסגעאַרבייט. דער אויסלייזער זיצט צווישען דער ווייבער, שענער כלה און צווישען איינעם פון די פּרושים, וועמענס שטיינערנע לוחות־פּנים וואונדערט זיך אי־בער דעם געניאַלען נביא, וואָס מישט זיך אוים אַ לוסטיגער צווי־שען די רייהען פון די לוסטיגע, און פאַרכאַפּט דעם עולם מיט נסים, וואָס זענען נאָך גרעסער ווי די נסים פון משה רבינו; וואָ־רים משה האָט נאָר געקענט, ווען אַפילו ער האָט נאָך ווי אַזוי געשלאָגען דעם שטיין, נאָר אַרויסברענגען וואַסער פון איהם, און יענער האָט נאָר באַדאַרפט אַרויסרעדען אַ וואָרט, און אַלע קרי־גען האָבען זיך אָנגעפילט מיט דעם בעסטען וויין. אַ סך ווייבער, במעט ווענעציאַניש קאָלאָרירט, איז דאָס בילד פון אַן אומבעקאַנ־

טען קינסטלער, וואס העננט דערנעבען, און אין וועלכען דער פריינדליכער פארבען־שפיעל ווערט נאר זעלטזאם בארוהיגט פון א שמערץ, וואס ציטערט דורך איהם. דאס בילד שטעלט פאר, ווי מאריא האט גענומען א פונט זאלב פון אונגעפעלשטען, טייערען נארד, און האט דערמיט געזאלבט די פיס פון יעזוס'ן, און האט זיי אפגעווישט מיט איהרע האר. קריסטוס זיצט דא ארומגערינגעלט פון זיינע תלמידים, א שענער, גייסטרייכער גאט, מענשליך אומער־טיג פיהלט ער א שוועריגע פיעטעט אקעגען זיין אייגענעם לייב, וואס וועט באלד דארפען אזוי פיעל יסורים אויסשטעהן, און וואס דער כבוד פון זאלבען, וועלכען מען וויזט נאר ארוים צו א גע־שטארבענעם, געהערט שוין איצטער צו איהם און ער קריגט איהם שוין איצטער; ער שמייכעלט געריהרט אראפ צו דער קניהענדיגער פרוי, וואס אנגעטריעבען פון א פארגעפיהל פון מורא, האט זי גע־טאן יענע בארמהערציגע טאט, וואס וועט קיינמאל ניט פארגעסען ווערען, אזוי לאנג עס וועלען זיין ליידענדיגע מענשען, און וואס שמעקט ווי א דערקוויקונג פאר די ליידענדע מענשען דורך טויזענדער יאהרען. א חוץ דעם תלמיד, וואס איז געלעגען אויף קריס־טוס'ענס הארץ און וועלכער האט אויך פארשריעבען אט די טאט, האט, ווי עס ווייזט אוים, קיינער פון די אפאסטאלען ניט געפיהלט איהר באדייטונג. און דער, מיט דער רויטער בארד, זעהט זאגאר אוים, ווי ער וואלט זאגען, ווי עס שטעהט געשריעבען אין די היי־ליגע ספרים: — פארוואס ווערט אט די זאלב ניט פארקויפט פאר דריי הונדערט גראשען און דאס געלד אוועקגעגעבען צו ארימע לייט? — אט דער עקאנאמישער אפאסטאל, איז גראד דעריעניגער, וואס האט צו טאן מיט דעם בייטעל. די געוועהנהייט פון די געלד־געשעפטען האט איהם געמאכט טעמפ אקעגען אלע אונאייגענני־ציגע נארדען־ריחות פון דער ליעבע. ער וואלט דאס בעסער פאר־ביטען אויף גראשענס און זיי פארנוצען פאר א נוצליכען צוועק. און טאקע ער, דער גראשען־בייטער, איז דאס געווען דער, וואס האט דעם אויסלייזער פארראטען, פאר דרייסיג זילבערנע שקלים. אזוי האט אויך דאס עוואנגעליום אנטפלעקט, אין דער געשיכטע פון דעם באנקיער צווישען די אפאסטאלען, די אונהיימליכע פאר־

פיהרערישע מאַכט, וואָס לויערט אין דעם געלד־זאַק, און געוואָר־רענט אַקעגען דער אומגעטרייקייט פון די געשעפטסלייט. יעדער רייכער איז אַ יהודה איש־קריות.

— איהר מאַכט דאָך טאַקי אַ פאַרביסען גלויביג פנים, הער דאָקטאָר, — האָט מיר איינגערוימט מיליידי — איך האָב אייך נאָר וואָס באַטראַכט, און זייט מיר מוחל, ווען איך באַליידיג אייך, איהר האָט אויסגעזעהן ווי אַ גוטער קריסט.

„צווישען אונז גערעדט, בין איך דאָס. קריסטוס—"

— גלויבט איהר אפשר טאַקי, אַז ער איז אַ גאָט?

„אוראי, מיין גוטע מאַטהילדע. ער איז דער גאָט, וועמען איך האָב צו מייסטען ליעב — ניט ווייל ער איז אַזאַ לעגיטימער גאָט, וועמענס טאַטע עס איז שוין געווען אַ גאָט, און האָט באַהערשט די וועלט זייט אַ לאַנגער צייט, נאָר ווייל ער, הגם ער איז אַ געבוירענער אדעליגער פון הימעל, איז ער פון דעסטוועגען דאָך דעמאָקראַטיש געזאָנען, האָט ניט ליעב קיין העפליכע צערעמאָניאַל־פראַכט; ווייל ער איז ניט קיין גאָט פון דער אריסטאָקראַטיע, פון געשוירענע וואויל־קענעוודיגע, און ווייל ער איז אַ באַשיידענער גאָט פון פאָלק, אַ בירגער־גאָט. **un bon dieu citoyen** ווירקליך, ווען קריסטוס וואָלט נאָך ניט געווען קיין גאָט, אַזוי וואָלט איך איהם אויסגעקליעבען פאַר אַ גאָט. און איך וואָלט איהם געהאָרכט פיעל ליעבער ווי אַן ארויפגעצוואונגענעם אבסאָלוטען גאָט. איהם, דעם אויסגעקליבענעם גאָט. דעם גאָט, וואָס איך האָב אליין אויסגעקליבען.

קאפיטעל VIII.

דער ארכי בישאָף, אַן ערענסטער זקן, האָט אַליין געלייענט די מעססע. און עהרליך צוגעגעבען, ניט נאָר איך, נאָר ביז אין אַ געוויסער גראַד אויך מילײדי, מיר ביידע זענען שטילערהייד באַריהרט געוואָרען פון דעם הייליגען גייסט, וואָס הערשט אין אַזאַ מעססע, און פון דער הייליקייט פון דעם אַלטען מאַן, וואָס האָט זי פאַרגעלייענט. איז דאָך יעדער אַלטער מאַן שוין פאַר זיך אַליין אַ פריעסטער. און די צערעמאָניען פון דער קאַטױלישער מעססע, זענען דאָך אַזוי פאַרצייטיג אַלט, אַז זיי זענען אפשר דאָס איינציגע, וואָס האָט זיך דערהאַלטען פון דער וועלט'ס קינדערשער צייט, און געווינט ביי אונז דרך ארץ ווי אַן ערהאַינערוינ אין די ערשטע אבות פון אַלע מענשען. — זעהט איהר, מילײדי, — האָב איך געזאָגט, יעדע באַוועגונג, וואָס איהר זעהט דאָ: דער אופן ווי מען לעגט צונויף די הענד און ווי מען שפרייט אויס די אָרעמס, אַט דאָס בוקען זיך, אַט דאָס וואַשען די הענד, דאָס אָנרויכערן, דער בעכער, יאָ, דאָס גאַנצע אַנטועכץ פון דעם מאַן, פון דער מיטרא ביז צום זוים פון דער סטאָלאַ, אַט דאָס אַלץ איז אַלט עגיפּטיש און אַן איבערבלייבעניש פון אַ פריעסטערטום, וואָס וועגען זיין וואונדערבאַרען וועזען, זענען צו אונז איבערגעגאַנגען בלויז קנאַפּע ידיעות; פון אַ פאַרצייטיגען פריסטערטום, וואָס האָט אויסגעפאָרשט די חכמה, און אויסגעקלעהרט די ערשטע געטער, באַשטימט די ערשטע סימבאָלען אין דער יונגער מענשהייט —

— צום ערשטען מאָל באַטראַכטען — האָט אַריינגעוואָרפען מיט אַ ביטערן טאָן מילײדי — און איך גלויב, דאָקטאָר, אַז פון דער פריהעסטער צייט אָן, איז אונז ניט איבערגעבליעבען קיין איינציגע זאַך, אַ חוץ עטליכע טרויעריגע פאָרמולען פון באַטרוג. און

זיי זענען דאָך אימער ווירקזאם. וואָרים איהר זעהט דאָרטען יענע שטאָק פינסטערע פּנימ'ער? אדער גאָר יענעם חברה מאַן, וואָס ליגט דאָרט אויף זיינע דומע קניה און זעהט אויס מיט זיין צו־עפּענטען מויל אולטראַ־נאַריש?

— אום דעם ליעבען הימעלס ווילען! — האָב איך גענענט־פּערט שטיל — וואָס שאַדט דען דאָס, וואָס יענער קאָפּ איז אזוי באַלויכטען פון דער פערנונפט? וואָס געהט דאָס אונז אַן? וואָס שטערט דאָס דען אייך? זעהט איהר דאָך טאָג טעגליך אָקסען, קיה, הינד, עזלען, וואָס זענען פּונקט אזוי נאַריש, און דאָך שטערען זיי אייך ניט אין אייער רוה און רעגען אייך ניט אויף צו ווידער־וויליגע אויסדרוקען!

— אַך, דאָס איז גאָר עפּיס אנדערש — איז מילײדי מיר אַריינגעפאַלען אין די רייד — יענע חיות טראָגען פון הינטען עקען, און מיך פאַרדריסט טאַקי, וואָס אזא חברה־מאַן, וואָס איז פּונקט אזוי בעסטיאַליש נאַריש, האָט פון דעסטוועגען ניט קיין עק.

— יאַ, דאָס איז עפּיס אנדערש, מילײדי.

קאפיטעל IX.

נאך דער מעססע, איז נאך געווען א סך, וואס צו זעהן און צו הערען. באזונדערס די דרשה פון א גרויסען געזונדען מאַנאך, וועמענס באפעהלענדיגע מוטיגע אלט־רוימישע געזיכט, האט גאר וואונדערליך ארויסגעקוקט פון דעם גראבען בעטלער קיטעל, אזוי אז דער מאן האט אויסגעזעהן ווי אן אימפעראטאר פון ארימקייט. ער האט גע׳דרשה׳ט וועגען גן־עדן און וועגען גיהנום, און איז צייטענווייז אריינגעפאלען אין דער ווילדעסטער באגייסטערונג. זיין שילדערונג פון גן־עדן איז געווען אביסעל בארבאריש איבערגעבאפט די מאס, און זי איז געווען פול מיט גאלד, זילבער, עדעלשטיינער, טייערע מאכלים און וויינען פון די בעסטע יאהרגאנגען: דערביי האט ער געמאכט אזא פארקלעהרט און פארצויגען פנים, און ער האט זיך געשיבערט פאר פרייד אין דעם קיטעל אהין און אהער, ווען ער האט זיך צווישען די מלאכים׳לעך מיט די ווייסע פליגעלעך, אליין געפיהלט ווי א מלאכ׳ל מיט ווייסע פליגעלעך. ווענינער באצויבערענד, יא, זאגאר זעהר פראקטיש־ערענסט איז געווען זיין שילדערונג פון גיהנום. דא איז דער מאן געווען א סך מעהר אין זיין אייגענער הויט. ער האט באזונדערס געפייערט אויף די זינדיגע, וואס גלויבען שוין מעהר ניט אזוי אמת קריסטליך אין דעם אלטען פייער פון גיהנום, און גיבען אפילו אנצוהערען, אז עס האט זיך אין דער נייערער צייט אביסעל אפגעקיהלט, און מיט דער צייט וועט עס זיך אין גאנצען אויסלעשען. „און ווען אפילו — האט ער אויסגערופען — דאס גיהנום זאל האלטען ביים אויסלעשען, אזוי וואלט איך מיט מיין אטעם די לעצטע גליהענדיגע קוילען ווידער אנגעבלאזען, אזוי אז זיי זאלען אויפסניי אויפפלאקערען מיט זייערע אלטע פלאמען.“ און הערט מען זיך צו צו די דאזיגע ווערטער, וואס האבען ארויסגעברילט ווי דער צפון־ווינד, און האט מען

דערביי געזעהן דאָס ברענענדיגע פּנים, דעם רויטען, שטאַרקען האַלז ווי ביי א בופעל־אָקס, און די געוואַלדיגע פויסטען פון אָט דעם מאַן, האָט מען זיין גיהנום׳דיגע דראָהונג ניט געקענט האַלטען פאַר קיין מליצה.

— I like this Man ! — האָט געזאָגט מילײדי.

— דאָ האָט איהר רעכט. — האָב איך געענטפערט — אויך מיר געפעלט ער בעסער, ווי א טייל פון אונזערע זאַנפטע, האַמאָעאָפּאַטישע נשמה־דאָקטוירים, וואָס שיטען אריין איין־צעהנטוי־זענדסטעל פערנונפט און א עמער קאַראַל וואַסער, און פּרואווען אונז אין די זונטאָגס, מיט זייערע דרשות.

— יאָ, דאָקטאָר, פאַר זיין גיהנום האָב איך רעספּעקט; אבער צו זיין גן־עדן האָב איך ניט קיין גרויס צוטרויען; ווי איך בין שוין בכלל זעהר פריה אריינגעפאַלען אין צווייפעל מכח דעם גן־עדן. ווען איך בין נאָך געווען קליין, אין דובלין, פלעג איך אָפט ליגען מיט דעם רוקען אין גראָז און קוקען אין הימעל אריין, און פלעג איבערטראַכטען, צי דער הימעל פאַרמאָגט ווירקליך אזוי פיעל הערליכקייטען, ווי מען דערצעהלט זיך וועגען איהם. אבער, פלעג איך מיר זאָגען, ווי קומט דאָס, וואָס פון אָט די הערליכקייטען פאַלט קיינמאָל גאָר ניט אַרונטער. לאָמיר זאָגען א בריליאַנטער אויערינג אָדער א שנור פּעריל, אָדער צום וויינציגסטען א שטיקעל אַנאַנאַס־קוכען, און אז תמיד שיקט מען אונז נאָר פון דאָרטען אַרונטער האָגעל, שנעע, אָדער גלאַט א רעגען ? דאָס איז ניט אין גאַנצען ריכטיג, פלעג איך מיר טראַכטען —

— פאַרוואָס זאָגט איהר דאָס, מילײדי ? פאַר וואָס פערשווייגט איהר בעסער ניט דעם דאָזיגען צווייפעל ? אונגלויביגע, וואָס גלויבען ניט אין קיין הימעל, דאַרפען ניט זוכען אנדערע איבערצו׳שמד׳ן; וויינציגער אויסצוזעצען. יאָ, אפילו ליבענס־ווערט אין די מיסיאָנס־פּראָפּאַגאַנדע פון יענע לייט, וואָס האָבען א גן־עדן מיט כל טוב. און וועלכע ווילען פון זיין הערליכקייט ניט עגאָאיסטיש אליין געניסען, און דערפאַר פאַרבעטען זיי זייערע מיטמענשען, אין איהם אַנטייל צו נעמען, און זיי זענען ניט פריהער צופריעדען ביז אָט די גוטע איינלאַדונג זייערע ווערט אָנגענומען.

— איך האב מיך אבער אלעמאל געוואונדערט, דאקטאר, פארוואס אנדערע רייבע־לייט פון דעם מין, וואס אלס פרעזידענ־טען, וויצע פרעזידענטען אדער דירעקטארען פון די מיסיאנסגעזעל־שאפטען גיבען זיך אזוי פיעל אפ מיט דעם, כדי צו מאכען פעהיג פאר׳ן גן־עדן עפים אן אלטען בעטלערישען פארשימעלטען אידען, כדי ער זאל זיך קענען אויף שפעטער אנגרייטען עולם הבא, און דאך וועלען זיי קיינמאל ניט א טראכט טאן איהם שוין איצטער אויף דער ערד צו לאזען אנטייל נעמען אין זייערע פארגעניגענס. אט אזוי, למשל, וועלען זיי איהם זומער ניט פארבעטען אין זייערע זומער־וואוינונגען, וואו עס איז געווים פאראן א סך נאשערייען, וועלכע וואלטען דעם ארימען חברה מאן זיכער אזוי גוט געשמעקט, ווי ער וואלט איהם געניסען אין גן־עדן גופא.

— דאס לאזט זיך דערקלעהרען, מילניידי. די הימלישע פארגע־ניגענס קאסטען זיי גאר ניט. און עס איז א טאפעלט פארגעני־גען, ווען מיר קענען אונזערע מענשען באגליקען אויף אזא וואלוועי־לען אופן. צו וועלכע פארגעניגענס אבער קען דער ניט־גלויביגער עמיצען פארבעטען?

— צו גאר ניט מעהר, דאקטאר, ווי צו א לאנגען, רוהיגען שלאף, וואס קען אבער טיילמאל פאר אן אומגליקליכען זיין זעהר ווינשענסווערט, באזונדערס ווען ער איז פריהער זעהר געפלאגט געווארען מיט צודרינגליכע איינלאדונגען אין הימעל אריין.

אט דאס האט די שענע פרוי ארויסגערעדט מיט שטעכינגען, ביטערען טאן, און ניט אין גאנצען אהן ערענסט האב איך גע־ענטפערט: — ליעבע מאטהילדע, פאר מיינע מעשים אויף דער וועלט, הויבט מיך ניט אן צו ארען צו עס איז דא א גן־עדן אדער א גיהנום. איך בין צו גרוים און צו שטאלץ, אז דער פארלאנג נאך הימלישען שכר, אדער די מורא פאר דער שטראף פון גיהנום זאלען מיך קענען בעאיינפלוסען. איך שטרעב צום גוטען, ווייל עס איז שען. און עס ציהט מיך צו צו זיך, און איך פארווארף דאס שלעכטע, ווייל עס איז מיאוס און איז מיר דערווידער. נאך אלס אינגעל, ווען איך האב אמאל געלייענט פלוטארך׳ן — און איך לייען איהם נאך היינט אויף יעדען אבענד אין בעט, און מיר ווילט

זיך טייל מאָל שיער אויפשפּרינגען כאַפּען די עקסטרא פּאָסט און ווערען אַ גרויסער מאַן — שוין דעמאָלט איז מיר געפעלען געוואָרען די דערצעהלונג פון דער פרוי, וואָס איז געגאַנגען איבער די גאַסען פון אַלעקסאַנדריע, טראָגענדיג אין איין האַנד אַ לאָגעל וואַסער, און אין דער צווייטער אַ ברענענדיגען פאַקעל, און האָט געררופען צו די מענשען, אז מיט דעם וואַסער זאָלען זיי אויסלעשען דאָס גיהנום און מיט דעם פאַקעל זאָלען זיי אַנצינדען דעם גן־עדן, כדי דאָס שלעכטע זאָל מעהר ניט בלייבען ניט געטאָן, נאָר אויס מורא פאַר דער שטראָף; און דאָס גוטע זאָל מעהר ניט אויסגעפיהרט ווערען, נאָר ווייל עס ווילט זיך קריגען באַלוינונג. אַלע אונזערע מעשים, זאָלען אַרויסשפּרינגען פון דער קוואַל פון אונאייגעניציגער ליעבע, אַלץ איינס צי עס איז דאָ אונשטערבליכקייט, צי ניט.

— איהר גלויבט הייסט עס אויך ניט אין אונשטערבליכקייט?

— אַי, זענט איהר כיטרע, מיליידי! איך זאָל אין דעם צווייפלען? איך, וועמענס האַרץ עס שלאָגט די וואָרצלען אַלץ טיעפער און טיעפער אין די טויזענדער יאָהרען פון דער פערגאַנגענהייט און פון דער צוקונפט? איך, וואָס איך אליין בין איינער פון די אייביגע מענשען? וואָס יעדער אָטעם־צוג איז אַן אייביג לעבען. יעדער געדאַנק אַן אייביגער שטערן — איך זאָל ניט גלויבען אין אונשטערבליכקייט?

— איך דענק, דאָקטאָר, אז עס פאָדערט זיך אַ היבשע פּאַרציע גאווה און פרעטענזיע דערצו, אז נאָכדעם ווי מיר האָבען אויף דער וועלט שוין גענאָסען אזוי פיעל גוטס און שענס, זאָל מען נאָך אַ חוץ דעם פאַרלאַנגען פון ליעבען גאָט די אונשטערבליכקייט! דער מענש, דער אַריסטאָקראַט צווישען די חיות, וואָס האַלט זיך פאַר בעסער ווי אַלע זיינע מיט־באַשעפענישען, וואָלט אויך וועלען אויסבעטען ביי דעם טראָן פון דעם וועלט־קעניג דורך שירים ותשבחות און דורך תפלות, אויף די קניה, דאָס רעכט אויף אייביקייט, — אַ, איך וויים וואָס עס באַטייט דאָס דאָזיגע צוקען מיט די ליפּען, אונשטערבליכער הער!

קאפיטעל X.

סיניאָרא האָט אונז געבעטען, מיר זאָלען מיט איהר מיטגעהן אין קלויסטער אריין, וואו עס ליגט דער צלם, וואס באווייזט מופתים. דער מערקווירדיגסטער צלם אין גאנץ טאָסקאנא. און עס איז געווען גוט, וואָס מיר האָבען פארלאָזט דעם דאָס. וואָרים מאַטהילדעס משוגעת'ן וואָלטען אונז סוף כל סוף דאך געבראכט צו פארלעגענהייטען. זי האָט געשפרודעלט מיט היציגע קאפריזען; לוי-טער ליעבליך נאַרישע געדאַנקען, אַזוי אימערמוטיג, ווי יונגע קעצע-לעך, וואָס שפּרינגען ארום אין דער מאַיאָווער זון. ביים ארויסגאנג פון דאָס האָט זי דעם אַנווייז-פינגער דריי מאָל איינגעטונקט אינ'ם הייליגען וואסער, האָט זיך יעדעס מאָל דערמיט באַשפּרענקעלט, און געמורמעלט: דם, צפרדע, כנים. וואָס נאָך איהר באהויפּטונג איז דאָס די אראבישע פאָרמעל מיט וועלכען די כשוף-מאַכעריננס פארוואַנדלען דעם מענשען אין אַן עזעל.

אויף דער פיאצא פאַר דעם דאָס, איז פארגעקומען אַ מאַ-נעווער פון אַ גרויסע מאַסע סאָלדאַטען, כמעט אלע אין עסטרייכישע אוניפארמען און די קאָמאַנדאָ איז געווען אויף דייטש. וועניגסטענס האָב איך געהערט די דייטשע ווערטער: „פּרעזענטירט'ס געוועהר! פוס געוועהר! שולטער געוועהר! רעכטסאום! האַלט!" איך גלויב, אַז ביי אלע איטאַליענער, ווי ביי עטליכע אַנדערע איירא-פּעאישע פעלקער ווערט קאָמאַנדירט אויף דייטש. זאָלען מיר דייטשען זיך גרויסען דערמיט? האָבען מיר אַזוי פיעל צו זאָגען אין דער וועלט, אַז דאָס דייטשע איז אַזש געוואָרען די שפּראַך פון באַפעהלען? אָדער באַפעהלט מען אונז אפשר אַזוי פיעל, אַז דאָס געהאָרכזאַם זיין ווערט צום בעסטען פארשטאַנען אין דער דייטשער שפּראַך?

ווי עס ווייזט אויס, איז מילײדי ניט קיין ליעבהאבערין פון פאראדעז און רעוויועז. זי האט אונז פון דארטען אוועקגעשלעפט מיט אן איראנישען שרעק. איך האב ניט ליעב — האט זי געזאגט — צו שטעהען נאהענט לעבען אזעלכע מענשען מיט שווערדען און מיט ביקסען. באזונדערס ווען זיי מארשירען אין א גרויסער צאהל ווי ביי אויסערגעוועהנליכע מאנעווורען. וואס טוט מען ווען איינער פון אט די טויזענדער ווערט פלוצים משוגע, און דערשטעכט מיך מיט דעם כלי זיין, וואס ער האלט אין האנד? אדער ווען ער קומט פלוצלונג צום שכל און טראכט ביי זיך אזוי: „וואס האסטו דא צו ריזיקירען? צי פארלירען? ווען אפילו זיי וועלען דיר צונעמען דאס לעבען? זאל אפילו זיין אז יענע אנדערע וועלט, וואס מען זאגט אונז צו נאך דעם טויט, איז ניט אזא בריליאנטענע, ווי מען זאגט איהר נאך, זאל זיין, אז זי איז גאר שלעכט, אבער ווענינער ווי מען גיט דיר איצטער, ווענינער ווי זעקס קרייצער א טאג, קען מען דאך אויך דארט דיר ניט געבען — דערפאר מאך דיר כאטש א שפאס און דערשטעך יענע קליינע ענגלענדערין מיט דעם פאריסענעם נעזיל?“ בין איך דאן ניט אין דער גרעסטער געפאהר? ווען איך זאל זיין א קעניג, וואלט איך איינגעטיילט די סאלדאטען אין צוויי קלאסען. איין קלאס וואלט איך געלאזט גלויבען אין דער אונשטערבליכקייט, כדי זיי זאלען אין דער שלאכט האבען מוט, און ניט שרעקען זיך פאר׳ן טויט. און איך וואלט זיי באנוצט בלויז צו מלחמות. די אנדערע אבער וואלט איך באשטימט פאר פאראדען און רעוויועז. און כדי עס זאל זיי קיינמאל ניט איינפאלען, אז זיי ריזיקירען גאר ניט, ווען זיי וועלען צוליעב א שפאס אומברענגען עמיצען, וואלט איך זיי אונטער א טויט־שטראף פארבאטען, צו גלויבען אין אונשטערבליכקייט. יא, איך וואלט זיי אפילו נאך צוגעגעבען אביסעל פוטער צו זייער ברויט, כדי זיי זאלען אמת׳דיג ליעב קריגען דאס לעבען. פארקעהרט די ערשטע, יענע אונשטערבליכע העלדען, וואלט איך דאס לעבען געמאכט זעהר זויער, כדי זיי זאלען זיך גוט אויסלערנען עס צו פאראכטען, און זאלען בעטראכ־

טען די מיילער פון די קאנאנען אלס דעם אריינגאנג צו א בעסע־רער וועלט.

— מילײדי — האב איך געזאגט — איהר װאלט געװען א שלעכטער רעגענט. איהר װייסט גאר ניט װי אזוי מען רעגירט. און פון דער פאליטיק פארשטעהט איהר אודאי גאר ניט. װאלט איהר אבער געלייענט די פאליטישע אנאלען —

— איך פארשטעה זיך אין אזעלכענע זאכען אפשר בעסער װי איהר, טייערער דאקטאר. נאך יונגערהייד האב איך געזוכט עפּיס צו לערנען פון דעם. װען איך בין נאך געװען קליין, אין דובלין —

„און בין געלעגען אויפ׳ן רוקען אין גראז, — און געטראכט, אדער ניט געטראכט, װי אין ראמסגייט—"

פון מילײדי׳ס אויגען איז אויף מיר געפאלען א בליק װי א שטילער פארװאורף פון אונדאנקבארקייט. מיט אמאל אבער האט זי װידער געלאכט און האט װייטער גערעדט: װען איך בין נאך געװען קליין אין דובלין, און האב געקענט זיצען אויף א ברעג פונ׳ם פיסענבענקעלע, אויף װעלכען עס האבען גערוהט דער מא־מעס פיס, דעמאלט פלעג איך אלעמאל האבען עפּיס צו פרעגען, װאס די שניידערס און שוסטערס, בעקערס, קורץ די מענשען פון דער גאנצער װעלט האבען צו טאן. און די מאמע פלעגט מיר דער־מאלט ערקלעהרען: די שניידערס נעהען קליידער; די שוסטערס מאכען שיך, און די בעקערס באקען ברויט. און װען איך האב זי געפרעגט: און װאס טוען די קעניגע? האט מיר די מאמע געענטפערט: די קעניגע רעגירען. „װייסטו ליעבע מאמע," האב איך געזאגט, „װען איך זאל זיין א קעניג, װאלט איך אמאל ניט רעגירט א גאנצען טאג, בלויז כדי צו זעהן װי עס װאלט דאן אויסגעזעהן די װעלט," — מיין ליעב קינד, — האט די מאמע געענטפערט — אנדערע קעניגע טוען דאס אויך. און עס זעהט טאקי אזוי אויס.

— װירקליך, מילײ ! אייער מאמע האט רעכט געהאט. בא־זונדערס דא אין איטאליען זענען פאראן אזעלכענע קעניגע, און מען דערקענט עס לייכט אין פיעמאנט און אין נעאפעל —

— אַבער, ליעבער דאָקטאָר, אַזאַ איטאַליענישען קעניג איז גאָר ניט צו פאַרדאַנקען, ווען ער רעגיערט ניט אַ טאָג. שוין צוליעב דער צו גרויסער היץ. מען דאַרף גאָר מורא האָבען, אַז די קאַר־באָנאַרי׳ס קען זיך אַמאָל באַנוצען מיט אַזעלכענע טעג; וואָרים אין דער לעצטער צייט איז מיר געוואָרען באַזונדערס אויפפאַ־לענד, אַז די רעוואָלוציאָנען האָבען אַלעמאָל אויסגעבראָכען אין אַזעלכענע טעג, אין וועלכע מען האָט ניט רעגיערט. און האָבען אַמאָל די קאַרבאָנאַרי׳ס געמאַכט אַ טעות, און געמיינט, אַז דאָס איז אַ ניט־רעגיערטער טאָג, און געגען אַלע זייערע ערוואַרטונ־גען, איז דאָך רעגיערט געוואָרען, האָבען זיי פאַרלוירען די קעפּ. די קאַרבאָנאַרי׳ס קענען דאַרום קיינמאָל ניט זיין גענוג פאָרזיכ־טיג און מוזען געניי אויפפאַסען אויף דער רעכטער צייט. פאַר־קעהרט אָבער איז דאָס די העכסטע פּאָליטיק פון די קעניגע, וואָס זיי האַלטען בסוד, אין וועלכען טאָג זיי רעגיערען ניט. און אויך דאָס, וואָס אין אַזעלכענע טעג זעצען זיי זיך באַטש איינמאָל אויף דער רעגיערשטוהל און שניצען זיך אוים פּענס, אָדער פאַרזיגלען קאָנ־ווערטען, אָדער לינירען ווייס פּאַפּיער, אַלץ נאָר כדי דאָס פאָלק וואָס קוקט דורכ׳ן פענסטער אריין אין פּאַלאַץ, זאָל מיינען, אַז עס ווערט רעגיערט.

אין דער צייט, וואָס אַזעלכענע באַמערקונגען האָבען זיך ארויסגעקייקעלט אוים מילידי׳ס פיינעם מיילכעל, האָט אויף פראַנצעסקאַ׳ס ליפּען געשוועבט אַ שמייכעלדיגע צופריעדענהייט. זי האָט ווייניג גערעדט. איהר גאַנג איז פון דעסטוועגען שוין ניט געוועזען אַזוי זיפצענדיג־ זיך אַפּזאָגענדיג־גליקליך ווי אין דעם אָבענד פריהער. זי איז גיכער געגאַנגען ווי אַ זיגעַרין. יעדער טראָט ווי אַ שאַל פון טראָמפּייט; און דאָך איז דאָס מעהר געווען אַ גייסט־ליכער זיעג ווי אַ וועלטליכער, וואָס האָט זיך באַוויזען אין איהרע באַוועגונגען. זי איז געווען כמעט דאָס בילד פון אַ טריאומפירענדער קירך און איבער איהר קאָפּ האָט געשוועבט אַ אונזיכטבאַרע גלאָ־ריע. די אויגען אָבער, ווי זיי וואָלטען ארויסלאַכען פון טרעהרען, זענען שוין ווידער געווען אין גאַנצען ווי פון אַ וועלט־קינד, און אין דעם פיעלפאַרביגען מענשען־שטראָם, וואָס האָט געכוואַליעט

פאַרבײַ אונז איז קײן אײנציק מלבוש ניט פאַרלוירען געװאָרען פון איהרע פאַרשענדיגע אויגען. עקקאַ ! — האָט זי אױסגערופען— װאָס פאַר א שאַל ! דער מאַרקיז װעט מיר מוזען קױפען פונקט אזא קאַזשמיר פאַר א טורבאַן, װען איך װעל טאַנצען ראַקסעלאַנאַ. אַך, ער האָט מיר אויך צוגעזאָגט א צלם׳ל מיט דימענטען !

אַרימער גומפּעלינאַ ! צו דעם טורבאַן װעסטו דיך לײַכט לאָזען איבעררעדען. דאָך דער צלם װעט דיך נאָך קאָסטען ניט אײן זױערע שטונדע. אָבער סיניאָרא װעט דיך שוין אזױ לאַנג מאַטערן און דיר אָנטוען אזעלכענע יסורים, ביז דו װעסט ענדליך דערצו מסכים זײַן.

קאַפּיטעל XI.

די קירך וואו עס געפינט זיך דער צלם פון לוקא, וואָס באַוויזט מופתים, געהערט צו אַ קלויסטער, וועמענס נאָמען איך האָב איצט גראָד ניט אין זכרון.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין דער קירך, זענען פאַר דעם הויפּט־אַלטאַר געלעגען אויף די קניה אין אַ שטילן געבעט אַ האַלב טוץ מאַנאַכען. נאָר ווען ניט ווען האָבען זיי, ווי אינ׳ם כאָר אַרויסגערעדט עטליכע אָפּגעריסענע ווערטער, וואָס האָבען אָפּגעקלונגען אין די איינזאַמע אַקאָרדען אַביסעל מורא׳דיג. די קירך איז געווען טונקעל. נאָר דורך קליינע, געמאָלטע פענסטער, איז אַריינגעפאַלען אַ פיעלפאַרביג ליכט אויף די ליסע קעפּ און אויף די ברוינע קיטלען. גלאַנצלאָזע קופּערלאָמפּען האָבען קוים באַלויכטען די געשוואַרצטע פרעסקאָ׳ס און די בילדער אויף דעם אַלטאַר. פון די ווענט האָבען אַרויסגעטראָטען הילצערנע בילדער פון הייליגע, באַמאָלט מיט שרייענדיגע פאַרבען און ביי דעם צווייפעלהאַפטען ליכט האָבען זיי אויסגעזעהן ווי לעבעדיג — מיליידי האָט אַ געשריי געטאָן און האָט מיר אָנגעוויזען אויף אַ מצבה לעבען אונזערע פיס, פון וועלכער עס האָט בולט אַראָפּגעקוקט דאָס שטאַרע בילד פון אַ בישאָף מיט זיין מיטרא און דעם פאַסטוךשטעקען, צונויפגעלעגטע הענד און אַן אַראָפּגעלאָזטע נאָז. — אַך! האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן — איך האָב אַליין ניט ווילענדיג, אָנגעטראָטען אויף דער שטיינערנער נאָז, און איצטער וועט ער זיך צו מיר היינט ביינאַכט באַווייזען אין חלום. און איך וועל שוין זעהן אַ נאָז!

דער סאַרקיסטאַן, אַ בלייכער, יונגער מאַנאַך האָט אונז געוויזען דעם צלם וואָס באַווייזט מופתים. און ער האָט אונז דעריביי

דערצעהלט פון די אלע נסים, וואס ער האט באוויזען. א מענש פון שטימונגען ווי איך בין, האב איך אפשר ניט ארויסגעוויזען קיין אונגלויביג געזיכט. ווען ניט ווען טרעפט זיך מיט מיר, אז איך גלויב אין נסים, באזונדערס, — ווי עס איז געווען דער פאל דארטען, — ווען דאס ארט און די שעה זענען גינסטיג דערפאר. דעמאלט גלויב איך, אז די גאנצע וועלט איז א נס, און די גאנצע וועלט געשיכטע איז א לעגענדע. בין איך געווען אנגעשטעקט פון פראנצעסקא'ס גלויבען, וועלכע האט געקושט דעם צלם מיט א ווילדער באגייסטערונג? דערווידער איז מיר געווען דער ווילדער שפאט פון דער ענגלענדערין. אפשר האט מיך איהר שפאט דערפאר וועה געטאן, ווייל איך אליין האב זיך אויך ניט געפיהלט פריי פון איהם, און איך האב דאס בשום אופן ניט געהאלטען פאר לויבענסווערט. מען קען ניט לייקענען, אז דער חשק אפצולאכען די פרייד, וואס מען געפינט אין דעם ווידערשפרוך פון די זאכען, טראגט אין זיך עפּים שלעכטס, אנשטאט וואס דער ערנסט איז גיכער פארבונדען מיט די בעסערע געפיהלען — די טוגענד, דער חוש פאר פרייהייט און די ליעבע זענען זעהר ערנסט. און דאך זענען פאראן הערצער, אין וועלכע די אפלאכונג און דער ערענסט, דאס שלעכטע און דאס היילינע, דאס פייער און די קעלט פארבינדען זיך אזוי מאדנע, אז עס ווערט שווער איבער איהם ארויסצוטראגען א מיינונג. אזא הארץ האט געשטעקט אין מאטילדע'ס ברוסט; טיילמאל איז איהר הארץ געווען א געפרוירענער אינזעל פון אייז, פון וועמענס גלאטען שפיגעל בארדען, עס בליהען ארויס די פארבענקט גליהענדיגסטע פלאמען וועלדער. טיילמאל איז עס געווען אן ענטוזיאסטישער פלאמענדיגער וואולקאן, וואס איז פלוצים געווארען איבערגעשאטען פון א לאכענדיגער שנעע לאווינע. און פון דעסטוועגען מיט איהר גאנצער אויסגעלאסענקייט איז זי דאך ניט געווען דורכאויס שלעכט. זי איז אפילו ניט געווען זינליך. יא, איך גלויב פון דער זינליכקייט האט זי נאר אויפגעפאסט די וויציגע זייט. און האט פון דעם הנאה געהאט, ווי פון א נארישען שפיעל מיט ליאלקעס. אויף וויפיעל אין גאנצען אנדערש איז געווען פראנצעסקא! אין איהרע געדאנקען און געפיהלען האט

געהערשט אַ קאַטוילישע איינהייט. ביי טאָג איז זי געווען אַ שמאַכטענדיג בלאַסע לבנה. און ביי נאַכט — אַ גליהענדיגע זון.

— לבנה פון מיינע טעג! זון פון מיינע נעכט! איך וועל דיך שוין קיינמאָל מעהר ניט זעהן!

—איהר האָט רעכט — האָט געזאָגט מילַיידי — איך גלויב אויך אין מופתים פון דעם צלם. איך בין איבערצייגט, אַז ווען דער מאַרקיז זאָל נאָר ניט זיין קאַרג מיט די ברילִיאַנטען ביי דעם צו־געזאָגטען צלם׳ל, וועט ער זיך געוויס אויסבעטען ביי דער סיניאָראַ אַ ברילִיאַנטען מופת. זי וועט ענדליך פון זיי נאָך ווערען אַזוי פאַרבלענדט, אַז זי וועט זיך פאַרליעבען אין זיין נאָז. איך האָב אויך געהערט וועגען די מופתים פון געוויסע אַרדען־צלם׳לעך, וואָס האָ־בען פון אַן אַרענטליכען מענש געמאַכט אַ געמיינעם יונג.

אַזוי האָט די שענע פרוי זיך געוויצעלט איבער אַלץ. זי האָט קאָקעטירט מיט דעם אָרימען סאַקריסטאַן. האָט געמאַכט עטליכע שפּאַסען אויף דעם חשבון פון דעם בישאָף, און ווען מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם קעסעל מיט דעם ווייהוואַסער, האָט זי מיך דורך איהם ווידער געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַן עזעל.

צי דאָס איז געווען אמת׳ע שטימונג, וואָס דאָס אָרט האָט מיר פאַרשאַפט, צי האָב איך געוואָלט אָפּוואַרפען דעם דאָזיגען שפּאַס, וואָס האָט מיך אינערליך פאַרדראָסען, דאָס ווייס איך ניט. גענוג איז אַז איך בין אַריין אין דעם געהעריגען פּאַטהאָס און האָב אַזוי געזאָגט:

— מילַיידי! איך האָב ניט ליעב אַזאַ וואָס פאַראַכט די רע־ליגיאָן. שענע פרויען וואָס האָבען ניט קיין רעליגיאָן, זענען ווי בלומען וואָס האָבען ניט קיין דופט; זיי זענען געגליכען צו יענע קאַלטע, ניכטערע טולפּען, וואָס פון זייערע כינעזישע פּאָרצעלאַיענע טעפּ, קוקען זיי אויף אונז אַזוי פּאָרצעלאַיג, און ווען זיי וואָלטען געקענט רעדען, וואָלטען זיי אונז געוויס געוואָלט אויפקלעהרען, ווי אַזוי זיי זענען אַרויסגעקומען פון אַ ציבעלע. ווי עס איז גענוג, אַז מען שמעקט נאָר ניט שלעכט, און ווי, איבעריגענס, וואָס אַנבע־לאַנגט דעם ריח, דאַרף אַ בלום מיט שכל אין גאַנצען ניט האָבען קיין ריח.

שוין ביי דעם וואָרט טולפּע איז מילײדי געוואָרען אַן אויפ־געקאָכטע און ווען איך האָב גערעדט, האָט איהר ווידערווילען אַקעגען דער דאָזיגער בלום געווירקט אויף איהר אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט זיך פול מיט פאַרצווייפלונג צוגעהאַלטען די אויערען. האַלב איז עס זיכער געווען קאָמעדיע. האַלב אָבער איז געווען פאַרשטעל־טער ערנסט. און זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ ביטערען בליק און פון טיעפען הארצען האָט זי מיט אַ שאַרפען שפּאָט אַ זאָג געטאָן:

— און איהר, טייערע בלום, וועלכע פון די רעליגיאָנען איז די אייערינע?

— איך, מילײדי, איך האָב אַלע רעליגיאָנען. דער דופּט פון מיין נשמה געהט אַרויף אין הימעל אַריין און מאַכט דאָרטען שכור אפילו די אייביגע געטער.

קאפיטעל XII.

און אזוי ווי סיניאָרא האָט ניט פארשטאַנען אונזער גע־שפּרעך, וואָס מיר האָבען געפיהרט מעהרסטענטיילס אין ענגליש, איז זי געפאַלען אויף דער המצאה, — גאָט ווייס ווי אזוי — אז מיר זאָלען רעדען וועגען דעם, וועמענס לאנדסלייט עס האָבען מעהר מעלות. זי אליין האָט געלויבט אי די ענגלענדער, אי די דייט־שען. הגם ביי זיך אין הארצען האָט זי די ערשטע געהאלטען פאר ניט קלוג און די לעצטע פאר נאריש. א זעהר שלעכטע מיי־נונג האָט זי געהאט וועגען די פּרייסען, וועמענס לאנד עס ליגט — לויט איהר געאָגראפיע — נאָך ווייטער ווי ענגלאנד און דייטשלאנד. א באזונדערס שלעכטע מיינונג האָט זי געהאט וועגען דעם פּרייסישען קעניג, דעם גרויסען פעדעריגאָ, וואָס איהר פיינדין, סיניאָרא סעראפינא האָט פאר א יאָהרען געטאנצט צו איהר בענעפיץ־באַלעט. און איז דאָס ניט מאָדנע גענוג, וואָס אָט דער קעניג, פריעדריך דער גרויסער, לעבט נאָך אלץ אין די איטאַליענישע טעאַטערס און אין דעם געדעכעניש פון דעם איטאַליענישען פאָלק.

— ניין, — האָט געזאָגט מילידי, און זיך ניט צוגעהערט צו סיניאָרא'ס זיסע רייד — ניין, דעם דאָזיגען מענש דארף מען ניט ערשט פארוואנדלען אין אן עזעל. ניט נאָר וואָס ביי יעדע צעהן טריט, בייט ער זיין מיינונג און האלט זיך כסדר אין איין ווידערשפּרעכען, נאָר איצטער וועט ער נאָך ווערען א מיסיאָנער. און איך גלויב גאָר, אז ער איז א פארשטעלטער יעזואיט. פון זי־כערקייט וועגען, מוז איך איצטער אָנשטעלען א פרום פנים. וואָ־רים אז ניט וועט ער מיך נאָך איבערגעבען צו זיינע חברים די קריסטליכע צבועקעס, די הייליגע אינקוויזיציאָנס־דילעטאַנטען,

װאָרים די פּאָליציי affigie אין װאָס װילען מיך פאַרברענגען אין ערלױבט זיי נאָך ניט די פּערזאָן אַלײן אַרײַן צו װאַרפֿען אין פֿײַער. — אָך עהרװירדיגער הער! מײַנט נאָר ניט, אַז איך בין אַזױ קלוג, װי איך זעה אױס. מיר פֿעהלט ניט קײן רעליגיאָן. און איך בין ניט קײן טולפּע. ביי גאָט — נאָר ניט קײן טולפּע. איך װיל שױן ליעבער גלױבען אין אַלץ! איך גלױב שױן איצטער דעם עיקר פֿון אַלע עיקרים, װאָס שטעהט אין דער ביבעל. איך גלױב, אַז אברהם האָט געבראַכט אױף דער װעלט יצחק׳ן. יצחק — יעקב׳ן און יעקב — יהודה׳ן. פּונקט װי איך גלױב אױך, אַז יהודה האָט זײַן שנור תמר דערקענט דאָרט װאו די װעגען שײדען זיך... איך גלױב אױך, אַז לוט און זײַנע טעכטער האָבען צופֿיעל געטרונקען. איך גלױב, אַז פּוטיפר׳ס װײַב האָט איבערגעלאָזט ביי זיך אין די הענד דעם מאַנטעל פֿון דעם פֿרומען יוסף. איך גלױב אױך, אַז די צװײ זקנים, װאָס האָבען איבעראַשט שושנה׳ן אין באָד, זענען געװען זעהר אַלט. א חוץ דעם גלױב איך נאָך, אַז יעקב אבינו האָט צו־ערשט אָפּגענאַרט זײַן ברודער און דערנאָך זײַן פֿאָטער; אַז דוד המלך האָט אוריה׳ן געגעבען א גוטען פּלאַץ ביי זײַן חיל, אַז שלמה המלך האָט זיך פֿאַרשאַפֿט טױזענד װײַבער, און נאָכדעם האָט ער זיך געקלאָגט, אַז אַלץ איז נאַריש. איך גלױב אױך אין די עשרת הדברות, און האַלט זאָגאָר פֿון די מײסטע פֿון זיי. איך געלוסט ניט נאָך מײַן חבר׳ס אָקס, ניט נאָך זײַן דיענסט, אױך ניט נאָך זײַן קוה און נאָך זײַן עזעל. איך אַרבײט ניט שבת, אין דעם זיבענטען טאָג, אין װעלכען גאָט האָט גערוהט. יאָ, אױס פֿאַר־זיכטיקײט, אַזױ װי מען װײס שױן ניט װעלכער טאָג עס איז דער זיבעטער, טו איך אָפּט גאָר ניט די גאַנצע װאָך. װאָס אָבער דעם איז אַנבעלאַנגט קריסטוס׳עס געבאָטען, האַלט איך אױך דעם װיכטיגסטען: נעמליך, אַז מען זאָל אַפֿילו ליעב האָבען די פֿײַנד— װאָרים אַך! יענע מענשען װאָס איך האָב צום מײַנסטען ליעב גע־האָט, זענען אַלע מאָל געװען — און איך האָב דאָס ניט געװאוסט — מײַנע ערגסטע שונאים.

— אום גאָטעס װילען, מאַטילדע, װײַנט ניט! — האָב איך אױסגערופֿען, װען פֿון דעם לוסטיגסטען חוזק מאַכען האָט װידער

אַרויסגעקלונגען אַ טאָן פון דער שמערצליכסטער ביטערקייט, פונקט ווי אַ שלאַנג פון דעם בלומענבייט. איך האָב שוין געקענט יענעם טאָן, ביי וועלכען דאָס וויציגע קריסטאַלענע האַרץ פון דער וואונדערבאַרער פרוי, הגם עס האָט שטאַרק געציטערט, האָט עס אָבער ניט לאַנג געדויערט, און איך האָב געוואוסט, אַז פונקט אַזוי לייכט ווי ער ענטשטעהט, אַזוי לייכט וועט ער פאַרשווינדען, ווען מען וועט מאַכען פאַר איהם די ערשטע בעסטע לאַכענדיגע באַמערקונג. אָדער ווען אַזאַ באַמערקונג וועט איהר אַליין איינפאַלען. אין דער צייט, ווען זי איז געשטאַנען אָנגעלעהנט אַן דעם הויפּט טויער פון דעם קלויסטער־הויף, און האָט צוגעדריקט איהרע הייסע באַקען צו די קאַלטע שטיינער און זיך אויסגעווישט די טרעהרען פון די אויגען מיט איהרע לאַנגע האָר, דעמאָלט האָב איך געפּרוּווט אויפצואוועקען איהר גוטע שטימונג, מיט דעם, וואָס איך האָב אויף איהר אייגענעם שפּאַטישען אופן געוואָלט צו מיסטעפיצירען די אַרימע פראַנצעסקען. און איך האָב איהר דערצעהלט פון דעם זיבען־יאָהריגען קריג. און דאָס האָט זי, ווי עס ווייזט אויס, זעהר פאַראינטערעסירט, און זי האָט געמיינט, אַז דער זיבען יעהריגער קריעג האָט זיך נאָך ניט געענדיגט. איך האָב איהר דערצעהלט אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכען פון דעם גרויסען פעדעריגאָ, דעם וויציגען קאַמאַשען־גאָט, וואָס האָט אויסגעקלעהרט די פּרייסישע מאָנאַרכיע, און וועלכער האָט אין זיין יוגענד געקענט זעהר פיין שפּיעלען אויף דער פליים און האָט אויך געשריעבען פראַנצויזישע פערזען. פראַנצעסקאַ האָט מיך געפרעגט ווער עס וועט זיעגען: די פּרייסען אָדער די דייטשען? ווארים ווי עס איז שוין אויבען דערמאָנט געוואָרען, האָט זי די ערשטע געהאַלטען פאַר אַ גאַנץ אַנדער פאָלק. און דאָס איז אַ געוועהנליכע זאַך. ווארים אין איטאַליען פאַרשטעהט מען אונטער דעם נאָמען דייטשען, נאָר די עסטרייכער. סיניאָראַ האָט זיך ניט וועניג געוואונדערט, ווען איך האָב איהר דערצעהלט, אַז איך אַליין האָב אַ לאַנגע צייט געלעבט אין דער **Capitale delle Prussia** דאָס הייסט אין **Berlino** אַ שטאָדט, וואָס ליגט גאַנץ אויבען אין דער געאָגראַפיע, ניט ווייט פון נאָרדפּאָל. זי האָט אויפגעשוידערט ווען איך האָב פאַר איהר

געשילדערט די געפאהרען, וואס איינער האט דארטען אויסצו־שטעהן, ווען ער באגעגענט אן אייז בער אויפ'ן וועג. — ווארים ליעבע פראנצעסקא — האב איך איהר ערקלעהרט — אין שפיצ־בערגען ליגען צופיעל בערען אין גארניזאן, און אט די בערען קומען טיילמאל אויף א טאג קיין בערלין אוים פאטריאטיזם כדי צו זעהן דעם „בער און דעם באפסא". אדער איינמאל ביי בייערמאנ'ען אין „קאפע ראיאל" גוט צו עסען און צו טרינקען שאמפאניער. דאס קאסט זיי אפט מעהר געלד וויפיעל זיי האבען מיטגעבראכט. און אין אזא פאל האלט מען אזא בער צוגעבונדען אזוי לאנג, ביז זיינע חברים קעהרען זיך אום און באצאהלען פאר איהם. דערפון נעמט זיך אויך דאס ווערטעל: „אנבינדען א בער". א סך בערען וואוינען אין דער שטאדט גופא. יא, מען זאגט אפילו אז בערלין האט זיין ענטשטעהונג צו פארדאנקען די בערען, און דערפאר הייסט זי טאקי „בערלין". די שטאדט בערען זענען אבער איבער־ריגענס אזוי געבילדעט, אז זיי שרייבען די שענסטע טראגעדיען און קאמפאניערען די הערליכסטע מוזיק. וועלף געפינען זיך דאר־טען אויך געוונג. נאר אזוי ווי צוליעב דער קעלט טראגען זיי ווינטער־שאווער שאף־פעלצען, קען מען זיי אזוי לייכט ניט דערקענען. שנעע געגנז פליהען דארט ארום און זינגען „בראוואריען" און הירשען ליופען דארט ארום אלם קונסט מבינים. איבעריגענס לעבען די בערלינער זעהר מעסיג און פלייסיג. און די מייסטע זיצען ביז צום נאפעל אין שנעע און שרייבען דאגמאטיקען, מוסר ספרים, רע־ליגיאנס־געשיכטען פאר די טעכטער פון די געבילדעטע שטאנדען, קאטעכיזמען און דרשות פאר אלע טעג אין יאהר, און הייליגע ליעדער און דערצו זענען זיי זעהר מאראליש. ווארים זיי זיצען ביז צום נאפעל אין שנעע.

— זענען דען די בערלינער, קריסטען? — האט אויסגערופען סיניארא פול מיט פארוואונדערונג.

— עס האט עפים יא א שייכות מיט זייער אייגענעם קרים־טענטום. אין דער אמת'ן פעהלט זיי דאס קריסטענטום אין גאנצען. און זיי זענען אויך צו שכל'דיג, אז זיי זאלען די אמונה קענען האלטען ערנסטהאפט, אבער אזוי ווי זיי ווייסען, אז דאס

קריסטענטום איז נויטיג פאר דער מלוכה, כדי די אונטערטאנען זאלען מיט הכנעה געהארכען, און א חוץ דעם דארף מען דאך זעהן אז עס זאל ניט פארקומען צופיעל גנבות און צופיעל מארדען, דערפאר זוכען זיי מיט זייער גאנצער בארעדזאמקייט וועניגסטענס צו באקעהרען צום קריסטענטום זייערע מיטמענשען. זיי זוכען אין דערזעלביגער צייט **Remplacanto** און א רעליגיאן וואס זיי וואלטען וועלען אויפהאלטען, און ווען מען שטרענגע פארבאטען איז פאר זיי אליין צו שווער אפצוהיטען. ביי דער דאזיגער פארלעגענהייט נעמען זיי אן די דיענסטפארטיקייט פון די אידען. אט די אידען מוזען דאס איצט פאר זיי איצטער ווערען קריסטען. און אזוי ווי דאס דאזיגע פאלק וועט פאר געלד און פאר גוטע רייד לאזען מאכען פון זיך אלצדינג, האבען זיך די אידען שוין אזוי אריינגעמארשירט אין קריסטענטום, אז זיי מאכען שוין געוואלדען איבער די אפיקורסות און זענען גרייט צו קעמפען אויף טויט און לעבען פאר די דריי - איניקייט. און זענען אין כעס אויף די ראציאנאליסטען און שלענדערן ארום אין לאנד אלס רעליגיאנס - שפיאנען. פארשפרייטען מוסר־דרשות, אין די קירכען פארדרעהען זיי די אויגען צום בעסטען, שטעלען אן די פרוםסטע פנימ׳ער, און זענען בכלל שוין אזוי פרום, אז דא און דארטען דערוועקען זיי שוין זאגאר קנאה, און די אלטע מייסטערס פון דער מלאכה קלאגען זיך שוין שטילערהייד, אז דאס קריסטענטום ליגט איצט אין גאנצען אין אידישע הענד.

קאפיטעל XIII.

אויב סיניארא האט מיך ניט פארשטאנען, וועסטו ליעבער לעזער, מיך זיכער בעסער פארשטעהן. אויך מילעידי האט מיך פער־שטאנען. און דאס וואס זי האט מיך פארשטאנען האט אין איהר ווידער אויפגעוועקט די גוטע שטימונג. דאך ווען איך האב געוואלט באהויפטען — איך ווייס שוין ניט מעהר צי מיט אן ערענסטען גע־זיכט — אז דאס פאלק מוז האבען א באשטימטע רעליגיאן, איז ווידער צווישען אונז ענטשטאנען א שטרייט.

— דאס פאלק מוז האבען א רעליגיאן! — האט זי אויסגע־רופען. — דעם דאזיגען זאץ הער איך שטענדיג פרעדיגען פון טוי־זענד נארישע און פון איבערטוויזענד צבוע'שע ליפען —

— און דאך איז עס אמת, מילעידי. פונקט אזוי ווי א מאמע קען ניט ענטפערן אלע פראגען פון קינד מיט'ן אמת, ווייל זיין השגה וועט דאס ניט באנעהמען, אזוי מוז אויך זיין א פאזיטיווע רעליגיאן, א קירך, וואס זאל קענען פאר'ן פאלק פארענטפערן אלע גייסטיגע פראגען זיינע, אויף א גשמיות'דיגען אופן. לויט זיין השגה נאך.

— אוי וועה, דאקטאר. טאקי אייער פארגלייך, דערמאנט מיך אן א מעשה, וואס וועט צום סוף ניט גינסטיג זיין פאר אייער מיי־נונג, ווען איך בין נאך געוועז קליין, אין דובלין —

— און בין געלעגען אויפ'ן רוקען —

— אבער, דאקטאר, מען קען דאך מיט אייך קיין ווארט ניט ארויסרעדען. שמייכעלט נאר ניט אזוי אונפארשעהמט, און הערט: ווען איך בין נאך געווען קליין, אין דובלין, און בין געזעסען ביי דער מאמעס פיס, האב איך זי איינמאל געפרעגט, וואס מען טוט מיט די אלטע פולע לבנות. „ליעב קינד", האט געזאגט די מאמע, „די אלטע פולע לבנות צוהאקט דער ליעבער גאט מיט דעם צוקער־

מעסער אויף קליינע שטיקלעך און מאַכט פון זיי קליינע שטערן. מען קען אויף דער מאַמען ניט פאַראיבעל האָבן, פאַר דער דאָזיגער באַשייַנפּערליכער פאַלשער ערקלעהרונג. וואָרים מיט די בעסטע אַסטראָנאָמישע קענטענישן, וואָלט זי מיר דאָך ניט געקענט געבן צו פאַרשטעהן דעם גאַנצען זון־ און־ לבנה־סיסטעם. און די גייסטיגע פראַגען האָט זי מיר פאַרענטפערט אויף אַ גשמיות׳דיגען אופן. עס וואָלט דאָך אָבער געווען בעסער, ווען זי וואָלט די ערקלעהרונג אָפּ־געלעגט ביז יענער צייט, ווען איך וועל ווערען רייפער. אָדער ווע־ניגסטענס וואָלט זי באַטש ניט געווען אויסגעטראַכט קיין ליגען. וואָרים ווען איך בין זיך צוזאַמענגעקומען מיט דער קליינער לוסי און די פולע לבנה איז געשטאַנען אין הימעל, און איך האָב איהר ערקלעהרט, ווי אַזוי מען וועט באַלד פון איהר מאַכען קליינע שטערן, האָט זי מיך אויסגעלאַכט, און געזאָגט, אַז איהר באָבע, די אַלטע אַ׳מיערא האָט איהר דערצעהלט, דאָס די פולע לבנות ווערען אין גיהנום אויפגעגעסען אַלס פייער מעלאַנען. און אַזוי ווי דאָרט איז ניטאָ קיין צוקער, מוז מען זיי באַשיטען מיט זאַלץ און פעפער. און האָט די קליינע לוסי פריהער זיך אויסגעלאַכט פון מיין מיי־נונג, וואָס איז געווען אַביסעל נאַאיוו עוואַנגעליש, האָב איך איצ־טער נאָך מעהר געלאַכט פון דער קאַטוילישער אַנזיכט. פון דעם אויסלאַכען איז געקומען צו אַן ערנסטען שטרייט, מיר האָבען זיך דערלאַנגט בוכצעס, מיר האָבען זיך צוקראַצט ביז בלוט און פאַ־לעמיש באַשפּיגען, ביז דער קליינער אַ׳ מיערא איז געקומען פון שולע און אונז פאַנאַנדער־געריסען. דאָס אינגעל האָט שוין אין דער שולע באַקומען אַ בעסערען באַגריף פון דער הימלישער ווי־סענשאַפט, האָט געקענט מאַטעמאַטיק און האָט אונז רוהיג געגעבען צו פאַרשטעהן אונזער ביידענס טעות׳ן און וועגען די נאַרישקייט פון אונזער שטרייט. און וואָס איז געשעהן? מיר ביידע מיידלעך, האָבען דערוויַיל אונטערדריקט אונזער מיינונגס־שטרייט, און מיר האָבען זיך גלייך פאַראייניגט, כדי דעם קליינעם רוהיגען מאַטע־מאַטיקער גוט אָנצוברעכען די ביינער.

— מילייידי! מיך פאַרדריסט, וואָרים איהר זענט גערעכט. אָבער דאָס לאָזט זיך ניט ענדערן. די מענשען וועלען אַלעמאָל

שטרייטעז וועגעז די מעלות פוז יענע רעליגיאַנס־באַגריפעז. וואָס מעז האָט זיי דערצעהלט איז זייער פריהער יוגענד, און דער פאַרנינפטיגער וועט אַלע מאָל האָבעז צו ליידעז איז צווייען. אמאָל איז עס געווען אין גאַנצען אַנדערש. דעמאָלט האָט גאָר קיינעם ניט געקענט איינפאַלעז דוקא צו לויבעז די תורה און די פייערליכקייט פון זייז רעליגיאָן, אָדער זי אויף עמיצען אַרויפצוצווינגען. די רע־ליגיאָן איז געווען אַ ליעבע טראַדיציאָן, הייליגע געשיכטעז, ער־אינערונגס יום טובים און מיסטעריעז, וואָס זענעז איבערגעגאַנגען פון עלטערן צו קינדער, גלייך ווי אַ פאַמיליען סאַקראַ פון פאָלק. און פאַר אַ גריך וואָלט עס געווען אַ גרויל, ווען אַ פרעמדער וואָס איז ניט פון זיין פאָלק זאָל וועלען ווערען זיין רעליגיאָנס־גענאָסע. ער וואָלט עס נאָך מעהר געהאַלטען פאַר אַן אונמענשליכקייט, עמי־צען דורך צוואַנג אָדער דורך הינטערוועגען צו ברענגען דערצו, אַז ער זאָל אויפגעבען זיין איינגעבוירענע רעליגיאָן און אָנשטאָט איהר זאָל ער אויפנעהמען אַ פרעמדע. איז אָבער אַ פאָלק אַרויסגעקומען פון מצרים פון דעם פאַטערלאַנד פון די קראָקאָדילען און דאָס פריסטערטום, און האָט מיטגעבראַכט אַ חוץ די הויט־קראַנקהייטען און די גע'גנב'טע גאָלדענע און זילבערנע כלים, אויך אַן אַזוי גע־רופענע, פאָזיטיווע רעליגיאָן, אַ זאָגענאַנטע קירך, אַ געביידע פון דאָגמען, אין וועלכע מען זאָל גלויבען, און הייליגע צערעמאָניען, וואָס מען מוז פייערן. אַ פאָרבילד פון די שפּעטערדיגע שטאַאַטס־רעליגיאָנען. אַזוי איז ענטשטאַנען די „מענשענמעקלעריי", די נשמה־כאַפּעריי, דער גלויבענצוואַנג, און אַלע יענע הייליגע גרוילען, וואָס האָבען דעם מענשענגעשלעכט געקאָסט אַזוי פיעל בלוט און טרעהרען.

— God damn דאָס דאָזיגע פאָלק, דעם אבי אבות פון אַלע איבלען!

— אַ, מאַטילדע, דאָס פאָלק איז שוין פאַרשאָלטען פון לאַנג. און עס שלעפּט זיינע פאַרשאָלטענע יסורים דורך די יאהרהונדער־טען. אַ, דאָס מצרים, איהרע פאַבריקאַנטען טראָצען דער צייט, איה־רע פּיראַמידען שטעהען נאָך אַלץ פעסטע, איהרע מומיען זענען נאָך אַלץ ניט צושטערבאַר, און פונקט אַזוי ניט צושטערבאַר איז אויך

יענע פּאָלקסמומיע, וואָס וואנדערט איבער דער וועלט, איינגעווי־קעלט אין זיינע אוראַלטע בוכשטאבענווינדעלעך, א הארט שטיק וועלט־געשיכטע, א געשפּענסט. וואָס פון הנאה וועגן האנדעלט עס מיט וועקסלען און מיט אלטע הויזן — זעהט איהר, מילידי דאָרט יענעם מאן מיט דער ווייסער באָרד, וועמענס שפּיץ עס זעהט אוים, ווי ער וואָלט זיך ווידער אנגעהויבען צו שווארצען און מיט די גייס־טערהאפטע אויגען —

— זענען דאָרטען ניט די חורבות פון די אלטע רוימער קברים?

— יא, טאקי דאָרטען זיצט דער אלטער מאן, און, אפשר מאטילדע, טוט ער דאָרטען איצטער תפלה. דאָס איז א שוידערלי־כע תפלה, אין וועלכער ער באקלאָגט זיינע ליידען, און קלאָגט אָן די פעלקער, וואָס זענען שוין לאנג פון דער ערד פארשוואונדען, און לעבען נאָר נאָך אין די מעשה'לעך וואָס די אמען דערצעהלען— ער אָבער אין זיינע יסורים באמערקט קוים, אז ער זיצט אויף די קברים פון יענע שונאים, פאר וועמען ער בעט ביי גאָט א שלעכ־טען סוף!

קאפיטעל XIV.

אין דעם פריהערדיגען קאפיטעל האב איך גערעדט פון דער פאזיטיווער רעליגיאן נאר אויף אזוי ווייט, אויף וויפיעל זיי זע־נען קירכען, דאס הייסט: שטאטס־רעליגיאנען. באזונדערס נאך ווען זיי ווערען פון דער מלוכה פריוועליגירט. עס איז אבער פאראן אזא פרומער דיאלעקט, ליעבער לעזער, וואס וועט דיר דוקא וועלען בא־ווייזען, אז דער געגנער פון דעם קירכענטום, פון אזא שטאטס־רע־ליגיאן, איז אויך א שונא פון דער רעליגיאן און פון דער מלוכה, א שונא פון גאט און פון טראן, אדער ווי עס הייסט דאס געוועהנליכע ווערטעל: „א שונא פון טהראן און פון אלטאר“. איך אבער זאג דיר, אז דאס איז א ליגען. איך פארעהר די אינערליכע הייליקייט פון יעדער רעליגיאן און אונטערוואדף זיך אוטגער די אינטערעסען פון דער מלוכה. ווען אפילו איך הולדיג ניט זעהר דעם אנטרא־פאמארפיסמוס, גלויב איך דאך פון דעסטוועגען אין דער הערליכ־קייט פון גאט. און ווען אפילו די קעניגע זענען אזוי נאריש און שטעלען זיך געגען דעם גייסט פון פאלק, אדער ווען זיי זענען זא־גאר אזוי ניט עדעל און פייניגען דעם פאלקס ארגאנען דורך פאר־פאלגונגען, גלויב איך דאך, און בין אין מיין טיעפסטער איבערציי־גונג נאך אלץ אן אנהענגער פון קעניגטום, דאס הייסט פון דעם מאַ־נארכישען פרינציפ. איך האס ניט דעם טראן, נאר די ביטרע אדעליגע שרצים, וואס האבען זיך ארייגעבאפט אין די שפאלטען פון דעם אלטען טהראן און וועמענס כאראקטער מאנטעסקיו האט אונז אזוי גוט געשילדערט מיט די ווערטער: „עהרגייץ פאר־בונדען מיט לײדיגגעהן. די געמיינהייט פארבונדען מיט הויכמוט, דער ווילען זיך רייך צו מאכען אהן אר־בייט, די אפנייגונג פון אמת, די חניפה, דער פעראט, די געטריי־

לאָזיקייט, דאָס ניט האַלטען וואָרט, די פאַראַכטונג פון די בירגערליכע פליכטען. די מורא פאַר דער פירשטערליכער טוגענד און דער אינטערעס אז דער פירשט זאָל זיין א שלעכטער!" איך האָב ניט דעם אַלטאַר, נאָר איך האָב די שלאַנגען, וואָס ווייסען ווי אזוי צו שמייכלען אונשולדיג ווי בלומען, אין דער צייט, וואָס באַהאַלטענערהייד, שפּריצען זיי אריין זייער גיפט אין דעם בעכער פון לעבען, און רוימען איין פאַרלוימדונג אין דעם אויער פון דעם פררמער בעטער. די גלאַנציגע ווערים מיט זייערע ווייכע ווערטער:

Mel in ore verba lactis,
Fel in corde, fraus in factis.

טאַקי דערפאַר ווייל איך בין א פריינד פון דער מלוכה און פון דער רעליגיאָן, האָב איך אזוי פיינט יענע פאַרזעהעניש, וואָס מען רופט שטאַאטסרעליגיאָן. יענע חוזק באַשעפעניש, וואָס איז ענטשטאַנען דורך דעם שידוך צווישען דער וועלטליכער און דער גייסטליכער מאַכט. יענעם מויל־עזעל, וואָס איז ארויסגעקומען פון אַנטיקריסטס פערד מיט קריסטוסעס עזעלין. ווען עס זאָל ניט געווען זיין אזאַ שטאַטס־רעליגיאָן, וואָלט דייטשלאַנד געווען אייביג און שטאַרק און איהרע זיהן וואָלטען געווען הערליך און פריי. אזוי אבער איז אונזער אָרעם פאַטערלאַנד צוריסען צוליעב גלויבענס־צושפּאַלטונג. דאָס פאָלק איז צוטיילט אין פיינדליכע רעליגיאָנס־פּאַרטייען. פּראָטעסטאַנטישע אונטערטאַנען שטרייטען מיט זייער קאַטוילישען פירשט, אָדער פאַרקעהרט. אומעטום מיסטרויען, אומעטום געזינונגסשפּיאָנאַזש, פּיעטיזם, מיסטיציזם, דאָס שנאָפּלען פון קירכען צייטונגען, סעקטענהאַס, און דער חשק איבערצושמד'ן. און אין דער צייט, וואָס מיר שטרייטען וועגען דעם הימעל געהען מיר דערווייל צו גרונד אויף דער ערד. אן אינדיפערענטיזם אין רעליגיעזע זאַכען וואָלט אפשר געווען די איינציגע זאַך, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד אונז צו ראַטעווען. און וואָלט דייטשלאַנד געוואָרען שוואַכער אין דער אמונה, וואָלט זי געקענט שטאַרק ווערען פּאָליטיש.

פאַר דער רעליגיאָן אַליין, פאַר איהר הייליקייט, איז אויך שעדליך דאָס, וואָס זי איז ארומגערינגעלט מיט פּריווילעגיען. עס

איז פאר איהר שעדליך ווען איהרע דיענער ווערען באלוינט פון דער מלוכה, און כדי די באלוינונג צו קריגען, איז די רעליגיאָן פון איהר זייט פארפליכטעט צו פארטרעטען די מלוכה. און אויף אזא אופן וואשט איין האנד די צווייטע. די גייסטליכע — די וועלטליכע. און פארקעהרט, און דורך דעם ווערט אזא ווישוואַש וואס איז פאר דעם ליעבען גאָט א גארישקייט און פאר די מענשען א גרויל. האט די מלוכה געגנער, ווערען זיי שוין אויך שונאים פון דער רעליגיאָן, וואס ווערט פון איהר געשטיצט, און וועלכע איז צוליעב דער אונטערשטיצונג איהר פארבינדעטע; און אפילו דער שטילסטער גלויביגער ווערט מיסטרויאיש, ווען ער דערשמעקט אין דער רעליגיאָן אויך פאָליטישע אבזיכטען. צום דערווידערסטען אבער איז די גאוה פון די גלחים. ווארים פאר די טובות, וואס זיי דענקען, אז זיי טוען דער מלוכה, ערווארטען זיי פון איהר צוריק אונטערשטיצונג. און פאר די גייסטיגע קייטען, וואס זיי האבען דער מלוכה געליהען, כדי מיט זיי צובינדען די פעלקער, האלטען זיי זיך בארעכטיגט אויך צו קענען אויסניצען דער מלוכה'ס באיאַ־נעטען. די רעליגיאָן קען ניט טיעפער זינקען, ווי ווען זי ווערט אויף אזא אופן דערהויבען צו א שטאַטס־רעליגיאָן. ווארים אי זי פארלירט איהר אינערליכע אונשולד און אי זי ווערט עפענטליך שטאָלץ, ווי א דעקלארירטע מעטרעסע. אודאי ווייזט מען איהר דעמאָלט ארוים מעהר הולדיגונג און מעהר יראת הכבוד, זי פייערט טאָג־טעגליך נייע נצחונות און גלענצענדע פראָצעסיאָנען. ביי אזעלכענע טריאומפען טראָגען איהר די ליבט אפילו באַנאַפּארטיסטישע גענעראלען, די שטאָלצע גייסטער שווערען געטרייקייט צו איהר פאָהן, טאָג טעג־ליך ווערען אונגלויביגע באקעהרט און געטויפט — אבער אָט דאָס אויפגיסען פון א סך וואסער מאכט די זופּ ניט פעטער, און די נייע רעקרוטען פון דער שטאַטס־רעליגיאָן זענען גלייך צו יענע סאָלדאַ־טען, וואס פאָלסטאַף האט ערוואָרבען — זיי פילען אָן די קירכען. פון אויפאָפּפערונג איז גאר קיין רייד ניטאָ. פּונקט אזוי ווי קאָמי־וואיאַזשאָרען מיט זייערע מוסטער קארטען, אזוי פאָהרען ארום די מיסיאָנערען מיט זייערע טראַקטאַטלעך און זייערע באַקעהרונגס־ביכלעך. עס שטעקט שוין מעהר ניט קיין געפאַהר אין אָט דעם

געשעפט, און עס באוועגט זיך אין סוחר׳ישע עקאנאמישע פארמען.

נאר אזוי לאנג ווי די רעליגיאנען האבען צו קאנקורירען מיט אנדערע, און זענען מעהר פארפאלגט ווי זיי אליין פארפאלגען, נאר דעמאלט זענען זיי ערליך און זענען ווערט געעהרט צו ווערען. נאר דעמאלט איז פאראן באגייסטערונג, אויפאפפערונג, מארטירערטום און פאלמען. ווי שען, ווי הייליג־ליעבליך, ווי היימליך־זים איז געווען דאס קריסטענטום אין די ערשטע יאהרהונדערטען, ווען עס איז נאך אליין געווען גלייך צו איהר געטליכען גרינדער אין העלדישקייט פון ליידען. דעמאלט איז נאך געווען די שענע לעגענדע פון א הימליכען גאט, וועלכער האט אין דער געשטאלט פון א זאנפטען בחור ארומגעשפאציערט צווישען די פאלעסטינישע פאלמען און געפרעדיגט מענשען־ליעבע. און האט געגעבען יענע תורה פון פרייהייט און גלייכהייט, וועלכע עס האט שפעטער אויך דערקענט אלס אמת, דער שכל פון די גרעסטע דענקער און וועלכע באגייסטערט אונזער צייט אלס פראנצויזיש עוואנגעליום. מיט יענער רעליגיאן פון קריסטוס, פארגלייכט מען איצטער די פארשיעדענע קריסטענטומען, וואס זענען אין פארשיעדענע לענדער איינגעפיהרט געווארען אלס שטאטס־רעליגיאנען. אזוי למשל יענע רוימיש אפאסטאליש־קאטוילישע קירך, אדער גאר יענעם קאטוילי־ציזם אהן פאעזיע, וואס מיר זעהן הערשען אלס די High church of England. יענעם קלאגענדיג צופוילטען אמונה־סקעלעט, אין וועלכען יעדעס ביסעל בליהענדיגע לעבען איז אויסגעלאשען. פונקט ווי פאר׳ן האנדעל איז אויך פאר די רעליגיאנען שעדליך דער מאנאפאל־סיסטעם. דורך דער פרייער קאנקורענץ בלייבען זיי קרעפטיג. און ערשט דעמאלט וועלען זיי זיך ווידער צובליהען צו זייער אורשפרינגליכער הערליכקייט, ווען עס וועט איינגעפיהרט ווערען די פאליטישע גלייכהייט פון דעם גאטעסדיענסט, דאס הייסט ווען עס וועט אזוי צו זאגען, איינגעפיהרט ווערען די האנדעלס־פרייהייט פון די געטער.

די עדעלסטע מענשען פון אייראפא האבען שוין פון לאנג געזאגט, אז דאס איז דאס איינציגע מיטעל, מיט וועלכען מען וואלט געקענט פארהיטען, אז די רעליגיאן זאל ניט אין גאנצען אונטער־

געהן: דאָך די דיענער פון דער רעליגיאָן וועלען גיכער מקריב זיין דעם גאנצען מזבח, איידער צו פארליערען דאָס מינדסטע פון דעם, וואָס מען איז אויף איהם מקריב: פונקט אזוי ווי דער אדעל וועט גיכער לאָזען אז דער טהראָן זאָל אונטערגעהן מיט דעם צוזאמען, וואָס זיצט אזוי הויך אויף איהם, איידער ער זאָל מיט אן ערענסטען ווילען אויפגעבען די אונגערעכטעסטע פון זיינע רעכטע. ווארים אין דער אמת׳ן איז דאָך דער גאנצער געצוואונגענער אינטערעס, וואָס מען ווייזט ארויס צו דעם טהראָן און דעם אלטאָר ניט מעהר ווי א שפּאסהאפטער שפּיעל, וואָס מען ווייזט פאר דעם פאָלק. ווער עס האָט זיך גוט צוגעקוקט צו דעם צעכאָווען געהיימניש, וויים אז די גלחים רעספּעקטירען א סך ווייניגער גאָט, ווי דער פשוט׳ער בשר ודם. און זיי ווייסען ווי אזוי איהם אויסצונוצען פון ברויט און פון ווערטער פאר זייער אייגענעם נוצען. און אז די אַ־עליגע רעספּעקטירען א סך ווייניגער דעם קעניג ווי פּראָסטע מענשען, און אפילו דאָס גאנצע קעניגטום, ווען זיי וויסען אין דער עפענטליכקייט ארויס אזוי פיעל עהרפורכט, און פאר וועמען זיי ווילען געווינען אזוי פיעל עהרפורכט ביי אנדערע, איז אבער טיעף אין הארצען מאכען זיי חוזק דערפון און פארשפּאָטען עס. — ווירקליך, זיי זענען געגליכען צו יענע לייט, וואָס ווייזען פאר געלד אויף די יארידים צו דעם גאפּענדען פּובליקום א הערקולעס, א ריעז, אָדער א קאַרליק, אָדער א ווילדען, אָדער א פּייערשלינגער אָדער אנדערע מערקווירדיגע מענשען. פאר דעם עולם האלטען זיי אין איין ריהמען זייער ערהאַבענקייט, זייער מוטיקייט, אונבאשעדיגקייט, אָדער ווען ער איז א קאַרליק — זיין חכמה, און דערביי בלאָזען זיי און טראָמפּייטען און טראָגען בונטע רעק, אין דער צייט, וואָס אונטער די רעק לאכען זיי אין זייערע הערצער איבער דער לייכטזיניקייט פון דעם שטוינענדען פאָלק. און פארשפּאָטען די אָרימע, פון זיי אליין אזוי געלויבטע באַשעפּענישען, וועלכע זענען פאר זיי, ווייל זיי זעהען זיי יעדען טאָג, זעהר אונאינטערעסאנט. און ווייל זיי קענען גענוי זייערע אלע שוואכקייטען און אויסגעלערנטע קונצען.

צו דער ליעבער גאָט וועט נאָך לאנג וועלען ליידען, אז די

גלחים זאלען א הוילע סטראשידלע אויסגעבען אנשטאט איהם, און דערמיט געלד פארדיענען, דאס ווייס איך ניט; — וועניגסטענס וועל איך זיך ניט וואונדערן, ווען איך וועל אמאל לייענען אין די „האמבורגער אונפארטייאישע קארעספאנדענטען“, ווי דער אלטער יעהאווא ווארענט יעדען איינעם, אז קיינער זאל קיינעם ניט שענקען קיין גלויבען אויף זיין נאמען, ניט אפילו זיין אייגענעם זוהן. איבערצייגט בין איך אבער, אז די קעניגע וועלען מעהר ניט וועלען זיין די שווי־ליאלקעס פון זייערע ארעליגע פאראכטערס: אז זיי וועלען צוברעכען די פוסטע גאוה, וועלען אנטלויפען פון זייערע מארמארענע בודען, וועלען מיט ווידערווילען פון זיך אראפווארפען דאס גלאנצענדיגע אלטווארג, וואס אימפאנירט דעם פאלק — דעם רויטען מאנטעל, וואס דערשרעקט דעם עולם ווי א תליון, דעם די־מענטענעם רייף, וואס מען האט איהם אריבערגעצווינגען איבער די אויערן כדי ניט צו הערען די שטימען פון פאלק, דעם גאלדענעם שטעקען, וואס מען האט איהם דערלאנגט אין דער האנד אריין, כדי עס זאל זיך דאכטען, ער הערשט — און די באפרייטע קעניגע וועלען זיין פריי ווי אנדערע מענשען, און פריי וועלען זיי זיך ארומדרעהען צווישען זיי, און זיי וועלען פריי פיהלען, פריי הייראטהען, און פריי ארויסזאגען זייערע מיינונגען, און דאס וועט זיין די עמאנציפאציאן פון די קעניגע.

קאפיטעל XV.

וואס וועט אבער איבערבלייבען פאר די אריסטאקראטען, ווען זיי וועלען בארויבט ווערען פון דעם געקרוינטען מיטעל פון זייער סובסיסטענץ? ווען די קעניגע וועלען זיין דאס אייגענטום פון פאלק און זיי וועלען פיהרען אן עהרליך און זיכער רעגימענט דורך דעם פאלק, דעם איינציגען קוואל פון יעדער מאכט? וואס וועלען טוען די גלחים, ווען די קעניגע וועלען איינזעהן, אז אבי־סעל זאלבאייל קען קיין מענשליכען קאפ ניט באשיצען פון דער גילאטינע, פונקט אזוי ווי דאס פאלק וועט איינזעהן, אז פון מצות קען מען ניט זאט ווערען? נו, אוראי, דאן וועט די אריסטאקראטען און די קלעריקאלען ניט בלייבען קיין אנדערער וועג, ווי זיך צו פאראייניגען און זיך צו פארמעסטען און אינטריגירען געגען דער נייער וועלט־ארדענונג.

אן אומזיסטע טרחה! די צייט וועט זיך געהן ווייטער ווי א פלאמענדיגע ריעזין און ס'וועט איהר ניט ארען די בייזע צונגען פון די בייסיגע גלחים'לעך און יונקערלעך, דא אונטען. אי, וועלען זיי אויסשרייען יעדעם מאל ווען זיי וועלען זיך אפבריהען דעם שנוק ביי א פוס פון יענער ריעזין, אדער ווען די ריעזין וועט אמאל ניט זעהענדיג זיי ארויפטרעטען אויפ'ן קאפ, אזוי אז דער פינסטערער גיפט וועט ארויסשפריצען! זייער צארן וועט זיך דאן מיט מעהר שטארקייט ווענדען געגען איינצעלנע קינדער פון דער צייט. און ווייל אקעגען דער מאסע וועלען זיי זיין אהנמעכטיג, וועלען זיי פרואווען צו קיהלען זייער בלומרשט'ען מוט ביי יחידים.

אך! מיר מוזען מודה זיין, אז אנדערע קינדער פון דער צייט פיהלען דערפאר ניט ווניגער די שטעך, וואס די לויערענדע

גלחים און יונקערס ווייסען ווי אזוי הינטערוויילעכץ אין זיי אריינצושטעכען. און אַך! ווען אפילו ארום די וואונדען פון דעם זיעגער פארציהט זיך א גלאָריע, הערען זיי פונדעסטוועגען דאָך ניט אויף צו בלוטען, און טוען וועה! עס איז א מאָדנע מאַרטירערטום, וואָס אזא זיעגער מוז אין דער היינטיגער צייט אריבערטראָגען. דאָס וועזען פון מאַרטירערטום, מקריב צו זיין אלץ וואָס איז ערדיש פאר דעם הימלישען שפּאָס, איז נאָך אלץ דאָס זעלביגע; אבער עס האָט פיעל פארלוירען פון זיין אינערליכער גלויבענספריידיקייט. עס איז גיכער געוואָרען א רעזיגנירענדעס אויסדויערן, א ווארטענדיג איבערטראָגען, א לעבענלענגליך שטארבען. און דאָ געשעהט אמאָל אז אין גרויע, קאלטע שטונדען ווערט אפילו דער הייליגסטער מארטירער באפאלען פון ספקות. עס איז ניט פאראַן קיין שרעקליכערעס ווי יענע שטונדען, אין וועלכע א מארקוס ברוטוס האָט אנגעהויבען צו צווייפלען אין דער ווירקליכקייט פון דער טוגענד, פאר וועלכער ער האָט אלץ מקריב געוועזען. און אַך! יענער איז געוועזען א רוימער און האָט געלעבט אין דער בליהונגס־צייט פון די סטאָיקער. מיר אָבער זענען פון א מאָדערנעם ווייכערן שטאָף. און דערצו זעהען מיר נאָך ווי עס הויבט אָן הערשען א פילאָזאָפיע, וואָס גיט צו יעדער באגייסטערונג א רעלאטיווע באדייטונג, און אויף אזא אופן פארניכטעט זי די באגייסטערונג און זיך אליין, אָדער אלענפאַלס נייטראליזירט זי די באגייסטערונג צו א זעלבסטבאוואוסטער דאָן־קיכאָטעריע.

אוי, די קאלטע און קלוגע פילאָזאָפען! ווי רחמנות'דיג שמייכלען זיי אראָפּ אויף די זעלבסט מאַטערנישען און משוגעת'ן פון אן אָרימען דאָן קיכאָט, און מיט זייער גאנצער שול־חכמה באמערקען זיי ניט, אז יענע דאָן־קיכאָטעריע איז דאָך ווערט דעם פרייז פון לעבען. יאָ, דאָס לעבען אליין. און זיי באמערקען ניט אז די גאנצע וועלט, מיט אלעם, וואָס פילאָזאָפירט אין איהר, מוזיצירט, אקערט און געניצט ווערט פון אָט דער דאָן־קיכאָטעריע באפליגעלט, צו א מוטיגערן שוואונג. וואָרים די גרויסע פאָלקס־מאסע, צוזאמען מיט די פילאָזאָפען איז, דאָס אליין ניט וויסענדיג, ניט עפּיס אנדערש ווי איין קאָלאָסאלער סאַנטשאָ פאַנסאָ, וואָס טראָץ זיין גאנ־

צער ניכטערער מורא פאר קלעפּ און זיין היימיש געבאקענער פאר־שטענדיקייט, געהט ער פון דעסטוועגן נאך דעם משוגענעם רי־טער אין אלע זיינע געפעהרליכע אוועגטורען. ווארים איהם ציהט צו דער צוגעזאגטער באלוינונג, אין וועלכער ער גלויבט, ווייל ער וויל זי האבען. נאך מעהר אבער געטריעבען פון דעם מיסטישען כח, וואס די באגייסטערונג איבט אלע מאל אויס אויף דעם גרוי־סען עולם — ווי מיר קענען דאס זעהן אין אלע פאליטישע און רע־ליגיעזע רעוואלוציאנערען, און אפשר אויך יערען טאג, אין אלע קלענסטע געשעהענישען.

אזוי למשל, דו ליעבער לעזער, ביזט ניט ווילענדיג דער סאנטשא פאנסא פון דעם משוגענעם פאעט, ווענען דו געהסט נאך דורך די אלע פארדרעהטע גענג פון אט דעם בוך, אפשר מיט א שאקעלדיגען קאפ, אבער דו געהסט איהם פון דעסטוועגען דאך נאך.

קאפיטעל XVI.

מארגע „דאס לעבען און די מעשים פון דעם שארפזיניגען דאן קיכאט פון לא מאנש, באשריעבען פון דאן מיגועל דע סערוואנטעס סאאוועדרא,“ איז געווען דאס ערשטע בוך, וואס איך געלייענט, נאכדעם ווי איך בין שוין געקומען צום אינגעלשען שכל, און איך האב אנגעהויבען צו פארשטעהען זיך אויף אותיות. איך דערמאן זיך נאך גאנץ גענוי אן יענער קליינער צייט, ווען איך האב זיך אין איין פריהמארגען אוועקגעגנב'עט פון דער היים, און בין שנעל אוועק צו דעם הויף־גארטען, כדי איך זאל דארט אונגערשטערט קענען לייענען דעם „דאן קיכאט“. דאס איז געווען א שענער מאי־טאג. הארכענדיג איז אין שטילען ליכט געלעגען דער בליהענדיגער פריהלינג, און האט זיך געלאזט לויבען פון דער נאכטיגאל, זיין זיסער חונפ'טע, און זי האט איהם געזונגען איהר לויב־ליעד אזוי ליעבליך ווייך, אזוי שמעלצענדיג ענטוזיאסטיש, אז די פארשעמטס־טע קנאספען האבען זיך געעפענט און די פארבענקטע גרעזער און די דופטיגע זונשטראהלען האבען זיך האסטיגער געקושט און ביי־מער און בלומען האבען אזש געציטערט פאר ענטציקונג. איך אבער האב זיך געזעצט אויף אן אלטע מיט מאך באדעקטע שטיינערנע באנק, אין דער אזוי גערופענער „זייפצען אלעע“, ניט ווייט פונ'ם וואסערפאל און האב געקוויקט מיין קליין הארץ מיט די גרויסע אוועגטוריען פון דעם מוטיגען ריטער. אין מיין קינדערשער עהר־ליכקייט האב איך אלץ אנגענומען פאר דעם ריינעם אמת. ווי לע־כערליך דאס מזל האט מיטגעשפיעלט מיט דעם ארימען העלד, האב איך דאך געמיינט, אז דאס מוז אזוי זיין. אז דאס געהערט צו דער העלדישקייט, דאס אויסגעלאכט ווערען פונקט אזוי גוט ווי די וואונ־דען פון לייב, און דאס ערשטע האט מיך פונקט אזוי פארדראסען,

ווי איך האָב דאָס לעצטע מיטגעפיהלט אין מיין נשמה. איך בין געווען אַ קינד, און האָב נאָך ניט געקענט די איראָניע, וואָס גאָט האָט אריינגעשאפּען אין דער וועלט, און וועלכע דער גרויסער דיכ־טער האָט נאכגעמאכט אין זיין געדרוקטען קליין וועלטעלע — און איך האָב געקענט פארגיסען די ביטערסטע טרעהרען, ווען דער ערע־לער ריטער האָט פאר זיין גאַנצען ערדעלמוט נאָר געקראָגען אונ־דאַנקבארקייט און שמיץ; און אזוי ווי איך האָב, ניט זייענדיג נאָך געניט אין לעזען, ארויסגערעדט יעדעס וואָרט הויך אויפ'ן קול, האָבען די פייגעל און די ביימער, דאָס טייכעל און די בלומען אלעס צוגעהערט. און אזוי ווי אזעלכענע אונשולדיגע נאַטור־באַשעפע־נישען ווייסען, פּונקט ווי קינדער, אויך גאָר ניט פון דער וועלט־איראָניע, האלטען זיי אויך אלץ פאר ריינעם ערענסט, און זיי האָ־בען מיט מיר מיטגעוויינט איבער די ליידען פון דעם אָרימען רי־טער. אפילו אן אלטער אויסגעדיענטער דעמב האָט געוויינט. און דער וואסערפאל האָט שטארקער אָפּגעשאָקעלט זיין ווייסע באָרד און ס'האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט געשאָלטען דאָס שלעכטס־קייט פון דער וועלט. מיר האָבען געפיהלט, אז די העלדישקייט פון דעם ריטער, פארדיענט ניט וועניגער אונזער באוואונדערונג, ווען דער לייב דרעהט זיך אוים צו איהם מיט'ן רוקען און וויל זיך ניט שלאָגען. און אז וואָס שוואכער און אויסגעדאַרטער עס ווערט זיין לייב, וואָס צופוילטער עס איז דער פאַנצער, וועלכער בא־שיצט איהם, וואָס אויסגעמאָגערטער עס איז דאָס פערדיל, וואָס טראָגט איהם — אלץ מעהר זענען זיינע מעשים ווערט געלויבט צו ווערען. מיר האָבען פאראכטעט דעם נידעריגען המון, וואָס האָט דעם העלד אזוי רויה באהאנדעלט. נאָך מעהר אבער דעם הויכען המון, יענעם וואָס אויסגעפּוצט אין זיינע בונט־זיידענע מאַנט־לען, מיט די אריסטאָקראַטישע רעדענסאַרטען און הערצאָגס־טיטו־לען, האָט ער חוזק געמאכט פון דעם מאַן, וועלכער האָט זיי אזוי איבערגעטראָפען מיט דער קראַפט פון זיין גייסט. וואָס מעהר איך האָב געלייענט אין דעם וואונדערבארען בוך. — אַ זאַך וואָס איז געשעהן אלע טאָג, אזוי אז אין הערבסט האָב איך שוין געהאַט דערגרייכט דעם סוף פון דער געשיכטע — אלץ מעהר אכטונג האָב

איך געקראָגן פאַר דולצינעאַס ריטער און אַליץ מעהר און מעהר האָט ער געוואונען מיין ליעבע. — און קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסען דעם טאָג, ווען איך האָב געלייענט פון דעם טרויעריגען דועל, אונטער וועלכען דער ריטער איז אַזוי שענדליך געפאַלען.

דאָס איז געווען אַ טריבער טאָג. מיאוסע נעבעל־וואָלקענס האָבען זיך געצויגען אין הימעל, די געלע בלעטער זיינען קרענקליך אַרונטערגעפאַלען פון די ביימער, שווערע טרעהרען־טראָפּענס זענען געהאַנגען אויף די לעצטע בלומען, וואָס האָבען זעהר טרויעריג פאַרוועלקט אַרונטערגעלאָזט זייערע אָפּשטאַרבענדיגע קעפּלעך. די נאַכטיגאַלען זענען שוין פון לאַנג געווען אַוועקגעפלויגען, פון אַלע זייטען האָט מיך אַנגעקוקט דאָס בילד פון דער פאַרגענגליכקייט— און מיין האַרץ איז שיער צובראָכען געוואָרען, ווען איך האָב געלייענט ווי דער עדעלער ריטער איז געלעגען אויף דער ערד צוטומעלט און צוטראָטען, און, ניט אויפהויבענדיג דאָס וויזיער, האָט ער אַרויפגערעדט צו דעם זיעגער מיט אַ קראַנקער, שוואַכער שטים, גלייך ווי ער וואָלט אַרויסגערעדט פון קבר: „דולצינעאַ איז די שענסטע פרוי פון דער וועלט, און איך — דער אומגליקליכסטער ריטער אויף דער ערד. אָבער עס פּאַסט ניט, אַז מיין שוואַכקייט זאָל פאַרלייקענען דעם דאָזיגען אמת — דערשטעך מיך מיט דיין שפּיעז, ריטער!"

אַך! אַט דער לייכטענדיגער ריטער פון דער לבנה, וואָס האָט באַזיעגט דעם מוטיגסטען און עדעלסטען ריטער פון דער וועלט איז געווען אַ פאַרשטעלטער באַרביער.

קאפיטעל XVII.

דאס איז שוין זעהר לאנג. פון זינט דעמאלט האבען שוין ארויסגעבליהט א סך נייע פריהלינגס. און דאך האט זיי געפעהלט זייער שטארקסטער חן. ווארום אך! איך גלויב שוין ניט מעהר דעם זיסען ליגען פון דער נאכטיגאל, דער חנפ'טע פון פריהלינג. איך וויים ווי שנעל זיין הערליכקייט פארוועלקט, און ווען איך דערזעה דעם אינגסטען רויזענקנאספ, זעה איך איהם אין מיין גייסט, ווי ער בליהט אויף רויט פון יסורים, ווערט בלייך, און ווערט פארוועהט פון ווינד. אומעטום זעה איך א פארשטעלטען ווינטער.

אין מיין ברוסט אבער בליהט נאך יענע פלאמענדיגע ליעבע, וואס הויבט זיך אויף א פארבענקטע איבער דער ערד, שווערמט ארום אוואנטוריסטיש אין די ווייטע, גענעצדיגע רוימען פון הי־מעל. דארטען ווערט זי צוריק געשטויסען פון די קאלטע שטערן און זי זינקט ווידער אראפ אויף דער קליינער ערד און מיט זיפצען און מיט פריידען געשרייען מוז זי צוגעבען, אז אין דער גאנצער שאַ־פונג איז דאך ניט פאראן עפּיס שענערעס און בעסערס ווי אין דעם הארץ פון די מענשען. די דאזיגע ליעבע איז די באגייסטערונג, וואס איז אייביג געטליך, סאי ווען זי טוט אויף נארישע זאכען, סאי קלוגע. — און אזוי האט דאס קלייגע איגגעל בשום אופן ניט אומזיסט פארשווענדט זיינע טרעהרען, וואס ער האט פארגאסען איבער די ליידען פון דעם נארישען ריטער. פונקט אזוי וועניג ווי עס האט עס געטאן שפעטער דער יונגער בחור'ל, וועלכער האט ניט איין נאכט געוויינט אין זיין שטודיען שטיבעל איבער דעם טויט פון די הייליגסטע פרייהייטס־העלדען. איבער קעניג אגים פון ספארטא, איבער קאיוס, טיבעריוס גראקך פון רוים און אי־בער ראבענספיער און סען זשיוסט פון פאריז. איצטער ווען איך האב

אַנגעטאָן ווירגילס טאָגאַ און וויל אַליין זיין אַ מאַן, האָט גענומען אַ סוף צו דעם וויינען, און מען דאַרף האַנדלען ווי אַ מאַן, און נאָכ־טאָן די גרויסע פאַרגאַנגענער, און — ווען גאָט וויל — שפּעטער צו פּונקט אַזוי באַוואוינט ווערען פון אײַנגלעך און יונגע בחורים'לעך. יאָ, זיי זענען עס אויף וועמען מען קען נאָך רעכענען אין אונזער קאַלטער צייט. וואָרים זיי ווערען נאָך אָנגעצונדען פון דעם גליִ־הענדיגען הויך, וואָס וועהעט זיי אַקעגען פון די אַלטע ביכער, און דערפאַר באַגרייפען זיי אויך די פלאַמענדיגע הערצער פון דער געגענוואַרט. די יוגענד איז ניט עגאָאיסטיש אין איהר דענקען און פיהלען און דענקט און פיהלט דערפאַר די וואַרהייט צום טיעפּס־טען, און קאַרגט ניט ווען עס האַנדעלט זיך מוטיג אַנטייל צו נעמען אין וואָרט און טאַט. די עלטערע לייט זענען עגאָאיסטיש און קליינליך; זיי דענקען מעהר וועגען די אינטערעסען פון זייערע קאַפּיטאַלען, ווי וועגען די אינטערעסען פון דער מענשהייט; זיי לאָזען זייער שיפעלע רוהיג פאַרביישווימען אין דעם רינשטאָק פון לעבען און עס אַרט זיי וועניג וועגען דעם ים־מענש, וואָס קעמפט געגען די כוואַליעס אין מיטען ים; אָדער זיי קריכען אַרויף מיט אַ קריכענדיגער געדולד ביז צום שפּיץ פון בירגערמייסטערטום, אָדער ביז צו דער פּרעזידענטשאַפט פון זייער קלוב, און זיי קוועטשען מיט די פּלייצעס, ווען זיי זעהען די העראָענבילדער, וועמען דער שטורעם האָט אַראָפּגעוואָרפען פון דעם זייל פון רום. און דערביי דערצעהלען זיי זיך אפשר, אז אין דער יוגענד זענען זיי אויך אַזוי געלאָפען מיט'ן קאָפּ אין דער וואַנד אַריין, אז שפּעטער אָבער האָ־בען זיי זיך מיט דער וואַנד צוריק איבערגעבעטען. וואָרים די וואַנד איז דאָס אַבסאָלוטע, דאָס געזעצטע, דאָס זייענדיגע אַן און פאַר זיך. און ווייל עס איז, איז אויך דאָס פאַרנינפטיגע. דערפאַר איז שוין יענער ניט פאַרנינפטיג, וועלכער וויל ניט אַריבערטראָגען דעם אַלערהעכסטען פאַרנינפטיגען, אונווידערשפּרעכליך זייענדיגען, פעסטגעזעצטען אַבסאָלוטיזמוס. אוי, די דאָזיגע פאַראַכטעטע, וואָס ווילען אונז אַריינפילאָזאָפירען אין אַ לייכטער קנעכטשאַפט, זענען נאָך אַלץ מעהר ווערט געאַכטעט צו ווערען, ווי יענע פאַרוואָרפענע, וועלכע ביי דער פאַרטיידיגונג פון דעם דעספּאָטיזם, ווילען זיי זיך

אפילו ניט ארייגלאזן אין פארנינפטיגע פארנונפט ארגומענטען. נאר פארטיידיגען איהם געשיכטליך אלס א חזקה־רעכט, צו וועלכען די מענשען האבען אין לויף פון דער צייט זיך ביסלעכווייז צוגעוועהנט, און וואס איז גילטיג פאר רעכט און קרעפטיג ווי א געזעץ און לאזט זיך ניט פארענדערן.

אך! איך וויל ניט ווי חם אויפדעקען די שאנד פון דעם פאטערלאנד. אבער עס איז שרעקליך, ווי מען האט ביי אונז פארשטאנען צו פארטיידיגען די שקלאווערייי, און ווי אזוי דייטשע פילאזאפען און היסטאריקער האבען אויסגעמאטערט זייערע מוחות, כדי יעדען דעספאטיזם, מעג ער אפילו זיין ווי נאריש, צו פארטיידיגען אלס פערנינפטיג אדער אלס רעכטגילטיג. „שווייגען איז די עהרע פון די שקלאווען" — זאגט טאציטוס. יענע פילאזאפען און היסטאריקער באהויפטען דאס פארקעהרטע, און זיי ווייזען אן אויף די עהרענבענדעלעך אין זייערע קנאפלעכער.

אפשר זענט איהר דאך גערעכט. און איך בין נאר א דאן־קיכאט, און דאס לעזען פון אלערליי וואונדערליכע ביכער האט מיר דעם קאפ פארדרעהט, פונקט אזוי ווי עס האט פארדרעהט דעם קאפ דעם יונקער פון לא מאנש. און זשאן זשאק רוסא איז געווען מיין אמאדיס פון גאליען. מירבא איז געווען מיין ראלאנד אדער אגראמאנט, און איך האב צופיעל דורכשטודירט די העלדענטאטען פון די פראנצויזישע פאלאדינען און „דעם רונדען טיש פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג." אודאי, מיין שגעון און די פיקסע אידעען, וואס איך האב געשעפט פון יענע ביכער, זענען גאר פון דעם פארקעהרטען מין ווי דער שגעון און די פיקסע אידעען פון דעם מאנטשאנער. יענער האט געוואלט צוריק אויפשטעלען די ריטער־צייט, וואס האט געהאלטען ביים אונטערגעהן, איך פארקעהרט וויל אלץ, וואס איז נאך פארבליבען פון יענער צייט איצטער אין גאנצען פארניכטען. און אזוי האנדלען מיר הייסט עס מיט גאנץ פארשידענע אנזיכטען. מיין קאלעגע האט אנגענומען ווינד־מיהלען פאר ריעזען, איך, פארקעהרט, קען אין די היינטיגע ריעזען זעהן נאר גאוה'דיגע ווינד־מיהלען; יענער האט אנגענומען לעדערנע וויין־לאגלען פאר מעכטיגע כשוף־מאכערס, איך פארקעהרט זעה אין די

היינטיגע כשוף־מאכערס בלויז לעדערנע ווייז־לאגלען: יענער האט
אנגענומען בעטלער־טראקטירען פאר פאלאצען, עזעל־טרייבערס —
פאר קאוואליערען, שטאל־דיענסטען פאר הויף־דאמען. איך פאר־
קעהרט האלט אונזערע פאלאצען נאר פאר פלעצער, וואו עס האל־
טען זיך אויף לומפען, אונזערע קאוואליערען — פאר עזעל־טריי־
בערס, אונזערע הויף־דאמען — פאר געמיינע שטאל־דיענסטען;
פונקט אזוי ווי יענער האט א פופען־קאמעדיע געהאלטען פאר א
שטאאטס־אקציאן, אזוי האלט איך אונזערע שטאאטס־אקציאנען
פאר פשוטע פופענקאמעדיען. — און דאך פונקט אזוי מוטיג ווי
דער מוטיגער מאנטשאנער קעמף איך אויך מיט דער הילצערנער באַ־
לעבאטישקייט. אך! אזא העלדענטאט באקומט מיר אפט פונקט
אזוי שלעכט, ווי איהם. און איך מוז, פונקט אזוי ווי ער א סך
איבערטראגען פאר דעם כבוד פון מיין דאמע. זאג איך זיך אפ פון
איהר, אויס נארישער מורא אדער צוליעב פראקטישע געווינ־
סען, וואלט איך מיר געקענט לעבען בהרחבה אין דער דאזיגער פאר־
נינפטיגער וועלט און איך וואלט געקענט פיהרען אונטער דער חופה
א שענע מאריטארנע, זיך לאזען בענשען פון א פעטען מכשף און
וואלט געקענט פאר זיך לאזען מאכען באנקעטען פון עדעלע עזעל־
טרייבערס, און איך וואלט געבראכט אויף דער וועלט ניט גע־
פעהרליכע נאוועלען און אנדערע קליינע שקלאוועלעך. אנשטאט
דעם אבער, אויסגעפוצט אין די דריי פארבען פון מיין דאמע, מוז
איך ליגען אויף דעם קאמף־פלאץ און זיך דורכשלאגען דורך. אונ־
ערהערטע צרות. און איך קעמף ניט אויס קיין זיעג, וואס זאל מיך
ניט קאסטען אביסעל בלוט פון הארצען. טאג און נאכט בין איך
אין געפאהר, ווארים יענע שונאים זענען אזוי כיטרע, אז א טייל
פון זיי, וואס איך האב זיי צום טויט דערשלאגען, מאכען נאך אלץ
דעם אנשטעל, ווי זיי וואלטען געלעבט, און זיי פארוואנדלען זיך אין
געשטאלטען, וועלכע טוען מיר אן צרות ביי טאג און ביי נאכט.
וויפיעל שמערצען האב איך שוין געמוזט איבערטראגען פון אזעל־
כענע פאטאלע רוחות! וואו מיר בליט אויף עפים ליעבעס, פאר־
גנב'נען זיי זיך אריין אין מיטען, די געהיימע רוחות, און צוברע־
כען אפילו די אונשולדיגסטע קנאספען. אומעטום און וואו איך

האָב מיר דאָס צום װינציגסטען פאַרנעשטעלט, האָב איך ענט־דעקט שפּורען פון גיפט, און װען איך זאָל זיך ניט היטען, קען איך זיך אויסגליטשען און זיך באַשעדיגען, אפילו אינ׳ם הויז פון מײן נאָהענטסטען פרײנד. איהר קענט אײך שמײכלען, און האַלטען, אַז די דאגות זענען ניט מעהר װי אײנבילדונג, פּונקט װי די אײנ־בילדונג פון דאָן קיכאָט, אָבער אײנגערעדטע שמערצען טוען ניט װעניגער װעה. און רעדט מען זיך אײן, אַז מען האָט אײנגענומען אביסעל גיפט, קען מען דערפון קריגען די אויסצעהרונג; פעט װערט מען דערפון זיכער ניט. און אַז איך בין געװאָרען פעט, דאָס איז אַ פאַרלוימדונג. אַלענפאַלס האָב איך נאָך ניט געקראָגען קײן פעטע סינעקור, כאָטש איך װאָלט דערצו געהאַט דעם נעהעריגען טאַלענט. אויך קען מען אויף מיר ניט דערקענען דאָס פעטס פון מײנע אבות. איך רעד מיר אײן, אַז מען האָט אנגעװענדט אַלץ װאָס איז נאָר מעגליך, כדי איך זאָל זײן מאָגער. װען מיך האָט געהונגערט, האָט מען מיך אַנגעטרונקען מיט װערמוט, מען האָט מיר דעם גיהנום געגאָסען אין האַרץ אַרײן, אַזוי אַז איך האָב געװײנט מיט גיפט און געזיפצט מיט פײער. מען איז מיר נאָכגעקראָכען ביז אין די חלומות אַרײן פון מײנע נעכט — און דאָ זעה איך זײ, די גרויענ־האַפטע מאַסקען, די נאָבעלע לאַקאַיען געזיכטער מיט די פאַר־שמשירעטע צײנער, די סטראַשענדיגע באַנקיער־נעזער, די גזלנ׳ישע אויגען, װאָס קוקען אַרוים פון די קאַפּוצען, די בלײכע מאַנזשעטען הענד מיט די בלאַנקע מעסערס —

אויך די אַלטע פרוי, װאָס װאוינט לעבען מיר, מײן שכנה פון יענער זײט װאַנד, האַלט מיך פאַר אַ משוגע׳נעם, און באַהויפּ־טעט, אַז איך רעד פון שלאָף די גרעסטע משוגעת׳ן, און נעכטען בײ נאַכט האָט זי דײטליך געהערט װי איך האָב אויסגערופען: „דולציגעא איז די שענסטע פרוי אויף דער װעלט, און איך — דער אומגליקליכסטער ריטער אויף דער ערד, אָבער עס פּאַסט ניט, אַז מײן שװאַכקײט זאָל פאַרלײקענען דעם דאָזיגען אמת — דער־שטעך מיך מיט דײן שפּיז, ריטער!“

שפעטערדיגע נאכשריפט.

נאוועמבער 1830.

איך ווייס ניט. וואס פאר א מאדנער דרך ארץ עס האלט מיך אפ און לאזט מיך ניט ענדערן אויף דאס מינדסטע עטליכע אויסדרוקען, וואס זענען, ביי א שפעטערדיגען איבערקוקען פון אט די פארליגענדע בלעטער, פארגעקומען אביסעל צו שארף. דאס מאנוסקריפט איז שוין געווען פארגעלט און בלייך ווי א טויטער און איך אי־האב דערפיהלט א מאדנעם דרך ארץ און עס מורא געהאט אי־בערצואנדערשען. אלץ וואס איז געשריעבען געווארען מיט יאהרען צוריק, האט אזא איינערליך רעכט פון אונבאריהרבארקייט.

און באזונדערס אט די בלעטער, וואס געהערען אין א געוויסער מאס צו א פינסטערער פארגאנגענהייט. ווארים זיי זענען געשריעבען געווארען אונגעפעהר א יאהר פאר דער דריטער בארבאנישער העדזשירא, אין א צייט וואס איז געווען פיעל שארפער, ווי דער שארפסטער אויסדרוק, אין א צייט, ווען עס האט זיך געדאכט, אז דער זיעג פון דער פרייהייט קען נאך פארלענגערט ווערען אויף א גאנצען יאהרהונדערט. ווענינגסטענס האט מען זיך געדארפט פארטראכטען, ווען מען האט געזעהן ווי אונזערע ריטער האבען באקומען אזעלכענע זיכערע געזיכטער; ווען מען האט געזעהן ווי זיי האבען ווידער געלאזט אנפארבען זייערע אפגעריבענע הערבען, ווי זיי האבען זיך געפאכטען מיט דעם פאנצער און מיט דער שפיעז אין מינכען און אין פאטסדאם, ווי זיי זענען אזוי שטאלץ געזעסען אויף זייערע פערד, ווי זיי וואלטען זיך דאס געקליבען צו רייטען קיין קוועדלינבורג, כדי זיי זאלען זיך אויפסניי לאזען באנייען ביי גאטפריעד באסע. נאך טריאומפירענדער זענען געווען די כיטרע

אייגעלעך פון אונזערע גלחים, וואס האבן געוואוסט אזוי ביטערע צו פארשטעקן זייערע לאנגע אויערן אונטער די קאפוצען, אזוי אז מיר האבן געקענט ערווארטען די שעדליכסטע אנפאלען. מען האט גאר ניט געקענט וויסען אויף פאראוים, אז די ערעלע ריטער וועלען אזוי קלאגענדיג פאלש אויסשיסען זייערע פיילען און וועלען דערנאך צום מייסטענס אנטלויפען אנאנים, אדער וועניגסטענס ביים אנטלויפען אוועקדרעהען די פנים'ר, ווי די אנטלויפענדע באשקירען. פונקט אזוי ווייניג האט מען אין פאראוים געקענט וויסען, אז די שלאנגישע ביטרעקייט פון אונזערע גלחים וועט אזוי צו שאנד ווערען — אך! מען קריגט כמעט רחמנות ווען מען זעהט, ווי שלעכט זיי ווייסען ווי אזוי אויסצונוצען זייער שטארקסטען גיפט. ווארים אין זייער כעס האבען זיי אונז דעם ארסעניק געווארפען אין קאפ אריין שטיקערוויין, אנשטאט, וואס זיי האבען געקענט לויטווייז איהם ארייננשיטען אין אונזער זופ אריין. מען קריגט רחמנות ווען מען זעהט ווי זיי קראצען ארוים די פארעלטערטע ווינדעלעך פון זייערע שונאים, כדי דארטען צו דערטאפען עפים אהנמעכטיגעס. ווען מען זעהט ווי זיי גראבען זאגאר אוים די טאטעס פון זייערע שונאים אוים זייערע קברים, כדי נאכצוזוכען, אויב זיי זענען ניט אביסעל באשניטען — אוי, די נאראנים! זיי מיינען, אז זיי האבען ענטדעקט א נייעס, ווען זיי זאגען אז דער לייב געהערט צו דעם קאצען מין, און זיי וועלען מיט דער דאזיגער נאטור־געשיכטליכער ענטדעקונג, נאך אזוי לאנג ארומרודערן, ביז. זיי וועלען די גרויסע קאץ, די ex ungue leonem דערפיהלען אויף זייער אייגענעם לייב. אוי די פינסטערע רשעים! זיי וועלען ניט פריהער ליכטיג ווערען, ביז זיי וועלען ניט אליין הענגען אויף דעם לאמטערן. איך וואלט וועלען מיין לירע באציהען מיט סטרונעס, וואס זענען געמאכט פון־אן עזעלס געדערים, כדי זיי צו באזינגען לויט זייער ווירדע נאך, די געשווירענע טפשים!

מיך פארכאפט א שטארקע לוסט! אין דער צייט, וואס איך זיץ דא און שרייב, דערהערט זיך מוזיק אונטער מיין פענסטער און אין דעם עלעגישען צארן פון דער לאנג אויסגעצויגענער מעלאדיע, דערקען איך יענע מארסעליער הימנע, מיט וועלכער דער שענער

באַבאַרו און זיין געליעבטע האָבען באַגריסט פּאַריז. יענע הימנע פון דער פרייהייט,ביי וועמענס טענער די שווייצער האָבען אין די טואילירען זיך פאַרבענקט אהיים, יענער טריאומפּירענדער טויטענגעזאַנג פון דער זשיראָנדע, דאָס אַלטע, זיסע וויגליעד —

און וואָס פאַר א ליעד! עס שווינדערט מיך דורך מיט פייער און מיט פרייד און צינדט אין מיר אָן די גליהענדיגסטע שטערן פון דער באַגייסטערונג און די ראַקעטען פון שפּאַס. יאָ, זיי זאָלען ניט פעהלען ביי דעם גרויסען פייערווערק פון דער צייט. קלינגענדיגע פלאַמענשטראָמען פון געזאַנג זאָלען זיך צוגיסען פון די הויכען פון דער פרייהייטסלוסט, אין מוטיגע קאַסקאַדען, פּונקט אזוי ווי דער גאַנגעס לאָזט זיך אראָפּ פון דעם הימאַלאַיאַ באַרג! און דו ליעבע סאַטירע, טאָכטער פון דעם גערעכטען טהעמים און דעם ציגענפיסיגען פּאַן, גיב מיר דיין הילף. פון דער מאַמעס צד ביזט דו דאָך ארויסגעקומען פון דעם טיטאַנענגעשלעכט, און פּונקט אזוי ווי איך, האָסטו דאָך אויך פיינט די שונאים פון דיין משפּחה, די שוועכליכע אוזורפּאַטאָרען פון דעם אָלימפּ. לייה מיר דיין מאַמעס שווערד, כדי איך זאָל משפּט'ן זיי, דאָס פאַרהאַסטע געזינדעל. און גיב מיר די פליוט פון דיין טאַטען, כדי איך זאָל זיי פייפען צום טויט —

זיי הערען שוין דאָס טויטליכע פייפען און עס כאַפּט זיי אָן דער מורא'דיגער שרעק און זיי אַנטלויפען ווידער און באַהאַלטען זיך אין געשטאַלטען פון חיות, ווי דעמאָלט ווען מיר האָבען דעם פּעליאָן אויסגעצויגען אויף דער אָסאַ —

Anx armes, citoyens!

מ'איז באַגאַנגען מיט אונז, אָרימע טיטאַנען, א גרויס אומרעכט, ווען מען האָט אונז געטאַדעלט פאַר דער פינסטערער ווילדקייט, מיט וועלכער מיר האָבען זיך צולאָזט ביי יענעם שטורעם אין הימעל — אַך! דאָ אונטען אינ'ם טאַרטאַראָס איז עס געווען גרויענהאַפט און פינסטער, און דאָ האָבען מיר געהערט דאָס געשריי פון צערבערוס און דאָס קלינגען פון קייטען. און מען וועט אונז מוחל זיין, ווען מיר האָבען אויסגעזעהן אביסעל ווילד אין פאַרגלייך מיט יענע

נעטער **comme il faut** וועלכע האבען אזוי פיין און אזוי געאיידעלט געגאסען אין די סאלאנען פון דעם אלימפ אזוי פיעל ליעבליכען נעקטאר און אזעלכענע זיסע מוזענקאנצערטען.

איך קען וויטער ניט שרייבען. ווארים די מוזיק אונטער מיין פענסטער פאר'שכור'ט מיר מיין קאפ און אלץ שטארקער רייסט זיך ארוים דער רעפרעין:

Aux armes, citoyens !

שלוסוואָרט.

געשריעבען דעם 29טען נאָוועמבער, 1830.

עס איז געווען א דערשלאגענע, אפגעשטאנענע צייט אין דייטשלאנד, בעת איך האב געשריעבען דעם צווייטען באנד פון די רייזע בילדער, און האב איהם גלייכצייטיג געלאזט דרוקען. איידער דער באנד איז אבער נאך ערשיענען, האט מען שוין עפּיס געהערט פון איהם צווישען פּובליקום. עס האט דאן געהייסען, אז מיין בוך וויל ווידער אויפמונטערן דעם איינגעשלאפענעם פרייהייטסמוט, און אז מען האט אנגענומען מיטלען דאס בוך צו אונטערדריקען. ביי אזעלכענע קלאנגען איז געווען ראטזאם דאס ווערק צו פארענדיגען וואס שנעלער, און וואס שנעלער עס ארויסצואגען פון פּרעס. און אזוי ווי עס האט געמוזט ענטהאלטען א געוויסע צאהל בויגענס, כדי עס זאל קענען אויסמיידען די צענזור, בין איך דעמאלט אין יענער נויט געווען געגליכען צו בענוועגוטא טשעליני, וועלכער האט ניט געהאט גענוג מעטאל צו גיסען זיין פּערזעאוס, און כדי אויסצופילען דעם פורעם האט ער אלע צינערנע טעלער, וואס ער האט געהאט אונטער האנד, געווארפען אין שמעלצאויווען אריין. עס איז געוויס געווען לייכט צו אונטערשיידען דאס צין, באזונדערס דעם צינערנעם סוף פון דעם בוך פון די בעסערע מעטאלען. דאך ווער עס קען די מלאכה, האט דעם מייסטער ניט פארזעהן.

אזוי ווי אבער אלץ אין דער וועלט חזר'ט זיך איבער, דערפאר טרעפט אויך, אז צופעליגערווייז האט זיך אויך ביי דעם באנד ארויסגעוויזען א מאנגעל, און איך האב ווידער געמוזט אין מיין גוס אריינווארפען א מאסע צין, און איך וואלט וועלען, אז מען זאל די צינגיסעריי נאר צושרייבען צו דער צייט־נויט.

אך! דאס גאנצע בוך איז דאך ארויסגעקומען פון דער צייט נויט, פונקט אזוי ווי די פריהערדיגע שריפטען מיט אן עהנליכער

ריכטונג. די נעהענטערע פריינד פון דעם פּראָפעסער, די וואָס זענען באקאנט מיט זיינע פּריוואטע פּאַרהעלטנישען, ווייסען זעהר גוט, ווי וועניג דער אייגענער עגאָאיזם טרייבט איהם אין דער עפענטליכקייט, און ווי טרויס עס זענען די קרבנות, וואָס ער מוז ברענגען פאַר יעדען פרייען וואָרט, וואָס ער האָט זינט דעמאָלט ארויסגעזאָגט — און ווען גאָט וויל עס — ער וועט נאָך ארויסזאָגען. איצטער איז דאָס וואָרט א טאָט, וועמענס פאָלגען עס לאָזען זיך גאָר ניט אָפּמעסטען; קען דאָך קיינער ניט ווייסען, צי ער וועט ניט גאָר צום סוף נאָך מוזען אויפטרעטען אלס בלוטיגער עדות פאַר דער וועלט.

שוין יאָהרענלאַנג וואָרט איך אומזיסט אויף דעם וואָרט פון יענע מוטיגע מענער, וועלכע האָבען אמאָל אויף די פּאַרזאַמלונגען פון דער דייטשער „בורשענשאַפט" אזוי אָפּט געבעטען דאָס וואָרט און וועלכע האָבען מיך אָפּט איבערראַשט מיט זייער רהעטאָרישען טאָלענט און וועלכע האָבען גערעדט אין אזא צוזאַגענדער שפּראַך; זיי פלעגען זיין אזוי רעדעוודיג און איצטער זענען זיי אזוי שטיל. ווי זיי האָבען דאָס דעמאָלט געזידעלט די פראַנצען און דאָס נייע בבל, און דעם ניט דייטשען, פריוואָלען פאַטערלאַנדם פאַררעטער, וועלכער האָט געלויבט דאָס פראַנצויזענטום. יענער לויב איז פאַרגעקומען אין דער גרויסער וואָך.

אָך, די גרויסע וואָך פון פאַריז! דער פרייהייטסמוט וואָס האָט פון דאָרט אריבערגעוועהט קיין דייטשלאַנד, האָט געוויס דאָ און דאָרטען אומגעוואָרפען די נאַכט־ליכט, אזוי אז די רויטע גאַרדינען ביי מאַנכע טהראָנען האָבען אָנגעהויבען צו ברענען. און די גאָלדענע קרוינען זענען געוואָרען הייס אונטער די ברענענדיגע שלאָפמיצען; — אָבער די אלטע דיענער, וועמען די מלוכה־פּאָליציי געטרויט, שלעפען שוין די לעש־עמערס, און שנאָפּלען איצטער וואכזאמער, און שמיערען דערפאַר פעסטער די באהאַלטענע קייטען, און איך באמערק שוין, אז אונזיכטבאר בויט זיך נאָך א געדיכטערע תפיסה־מויער, ארום דעם דייטשען פאָלק.

אָרים געפאַנגען פאָלק! פאַרליר ניט דעם מוט אין דיין נויט!

II.

אוי, ווען איך וואלט געקענט רעדען מיט פּאטאפּאלטען! אוי, ווען איך וואלט געקענט ארויסשיסען פון מיין הארץ פאלאריקען!

פון מיין הארצען צושמעלצט זיך די אריסטאקראטישע אייז־קארע, א מאדנער אומעט נעמט מיך ארום — איז דאס ליעבע און נאר ליעבע צו דעם דייטשען פאלק! — מיין נשמה ציטערט, און עס ברענט מיר אין אויג. און דאס איז א ניט־גינסטיגער צושטאנד פאר א שריפטשטעלער, וואס דארף באהערשען דעם שטאף און בלייבען אביעקטיוו, ווי די קונסט־שולע פארלאנגט עס. און ווי געטהע האט עס געטאן — ער איז דערביי אלט געווארען אכציג יאהר און איז געוועזן מיניסטער און אן עושר — ארים דייטש פאלק! דאס איז דיין גרעסטער מאן!

עס פעהלען מיר נאך עטליכע אקטאוו זייטען, און איך וועל דערפאר נאך דערצעהלען א מעשה — שוין זינט נעכטען שוועבט זי מיר אין זכרון — דאס איז א מעשה אוים דעם לעבען פון קארל דעם פינפטען.*) עס איז שוין זעהר לאנג, ווי איך האב זי געהערט, און איך ווייס שוין ניט מעהר גענוי די באזונדערע אומשטענדען. אזעלכענע זאכען פארגעסען זיך לייכט, ווען מען קריגט ניט קיין באשטימטען געהאלט פאר לייענען אלע האלבע יאהר אלטע געשיכטען פון העפטען. וואס שאדט דען אבער, ווען מען האט פארגעסען די נעמען פון די ערטער און די יאהרען, ווען מען האט נאר באהאלטען אין זכרון די אינערליכע באדייטונג פון דער מעשה, איהר מוסר השכל? דאס איז אייגענטליך וואס שוועבט ארום אין מיין זכרון און מאכט מיך אומעטיג ביז צו טרעהרען. איך האב מורא, איך ווער קראנק.

דער ארימער קייזער איז געווארען געפאנגען פון זיינע שונאים און ער איז געזעסען אין א שווערען קערקער. איך גלויב, אז דאס איז געוועזן אין טיראל. ער איז דארט געזעסען אן איינזאמער, א באטריבטער, פארלאזען פון זיינע ריטער און זיינע הויפלייט און קיינער איז ניט געקומען איהם העלפען. איך ווייס ניט,

---

*) אין דער פראנצויזישער אויסגאבע הייסט עס „אוים דעם לעבען פון דעם קייזער מאקסימיליאן“.

III.

צי האט ער שוין דעמאָלט געהאט דאָס קעזיבלייכע געזיכט, ווי עס איז אפגעמאָלט אויף האלבייגס בילדער. אבער די מענשען פאראכ־טענדיגע אונטערשטע ליפּ, האט מסתמא נאך שטארקער ארויסגע־טראָטען, ווי אויף יענע בילדער. ווארים ער האט דאך געמוזט פאר־אכטען יענע לייט, וועלכע האבען ארומגעטאנצט ארום איהם ווען דאָס גליק האט איהם געלויכטען און איצטער האבען זיי איהם גע־לאָזט אליין אין זיין פינסטערער נויט. און פּלוצלונג האט זיך גע־עפענט די טיר פון דער תפיסה, און עס איז אריינגעקומען א פאר־הילטער מענש, און ווי נאר דער מענש האט אוועקגערוקט דעם מאנטעל, האט דער קייזער דערקענט דעם הויפנאר „קונץ פון די רוי־זען." און אט דער האט איהם געבראכט טרויסט און ראט—און גע־ווען איז עס דער הויפנאר.

אוי דייטש פאטערלאנד! טייער דייטש פאָלק! איך בין דיין „קונץ פון די רויזען", דער מאן וועמענס עובדה עס איז צו שפּאַ־סען, און וועלכער דארף דיך לוסטיג מאכען אין דיינע פרעהליכע טעג. ער דרינגט אריין אין דיין תפיסה אין דער צייט פון נויט; דא אונטער דעם מאנטעל ברענג איך דיר דיין שטארקען סצעפּטער און די שענע קרוין — דערקענסטו מיך ניט, מיין קייזער? ווען איך קען דיך ניט באפרייען, וויל איך דיך וועניגסטענס טרייסטען און דו זאלסט האבען עמיצען לעבען דיר, וועלכער פלוי־דערט מיט דיר איבער דיינע צרות און גיט דיר צו מוט, און האט דיך ליעב, און זיין בעסטער שפּאס און זיין בעסט בלוט שטעהט דיר צו דיענסט. ווארים, דו מיין פאָלק, ביזט דער אמת'ער קייזער. דער אמת'ער האר פון לאנד — דיין ווילען איז געבאט און לעגי־טימער, ווי יענעם פורפורנע **Tel est notre plaisir** וואס בא־רופט זיך אויף א געטליך רעכט. — דיין ווילען, מיין פאָלק איז די איינציגע רעכטמעסיגע קוואל פון יעדער מאכט. ווען דו ליגסט אפילו געשמידט אין קייטען, וועט דאך סוף כל סוף זיעגען דיין גוט רעכט. עס דערנעהנטערט זיך דער טאג פון דער באפרייאונג, עס הויבט זיך אן א נייע צייט — מיין קייזער, די נאכט איז פאַרביי, און דרויסען גליהט דאָס מארגענרויט.

— קונץ פון די רויזען, מיין נאר, דו האסט א טעות. א

בלאנקענדיגע האק האלסט דו מסתמא פאר דער זון, און דאס מאר־נענרויט איז ניט מעהר ווי בלוט.

— ניין, מיין קייזער, עס איז די זון. הגם זי געהט אויף אין מערב — זייט זעקס טויזענד יאהר, האט מען אלע מאל זי געזעהן אויפגעהן אין מזרח. נו איז שוין אבער צייט, אז זי זאל אמאל איבערבייטען איהר וועג.

— קונץ פון די רויזען, מיין נאר, דו האסט דאך פארלוירען די גלעקלעך פון דיין רויטען היטעלע. און עס זעהט איצטער אויס אזוי מאדנע, דיין היטעלע.

אוי, מיין קייזער, איך האב צוליעב אייער נויט אזוי כעס־דיג ערענסט געשאקעלט מיט'ן קאפ, אז די נארישע גלעקלעך זענען ארונטערגעפאלען פון היטעלע. דאס היטעלע איז אבער דורך דעם ניט געווארען ערגער.

— קונץ פון די רויזען, מיין נאר, וואס ברעכט און קראכט אזוי אין הרויסען?

— זייט שטיל! דאס איז די זעג און די האק פון דעם סטאָ־ליער, און באלד וועלען איינפאלען די טויערען פון אייער תפיסה און איהר וועט זיין פריי, מיין קייזער.

— בין איך דען ווירקליך דער קייזער? אך, עס איז דאך נאר דער נאר, וואס זאגט עס מיר.

— אוי, זיפצט ניט, מיין ליעבער הער, די לופט פון תפיסה מאכט אייך אזוי אפהענדיג. ווען איהר וועט ווידער צוריקקריגען אייער מאכט, וועט איהר ווידער דערפיהלען דאס מוטיגע קייזער־בלוט אין אייערע אדערן. און איהר וועט זיין שטאלץ ווי א קייזער, און איבערמוטיג, און גנעדיג, און אונגערעכט, און שמייכעלדיג, און אונדאנקבאר ווי דאס זענען די פירשטען.

— קונץ פון די רויזען, מיין נאר. ווען איך וועל ווידער זיין פריי, וואס וועסט דו דאן טוען?

— איך וויל מיר דעמאלט אננייהען נייע גלעקלעך אויף מיין היטעלע.

— און מיט וואס זאל איך באלוינען דיין געטרייקייט?

— אך! ליעבער הער, לאזט מיך ניט אומברענגען!

באמערקונגען:

זייט 10 טאבל ד׳ אט — אן אלגעמיינער מאלצייט אין א האטעל אדער א רעסטאראן.

„ 12 שארלאטענבורג — א פארשטאדט פון בערלין.

„ „ שפרעע — דער טייך אויף וועלכען בערלין ליעגט.

„ 13 אפטער־פאעט — פאלשער, שלעכטער פאעט.

„ „ פאלקוויץ א. ז. וו. — זענען נעמען פון דייטשע שטעדט.

„ „ קרעהווינקעל — א צוגעטראכטער נאמען פאר א שטעדטעל, ווי למשל ביי אונז: „קאבצאנסק“.

„ „ לוטהער — דער בעגרינדער פון דעם פראטעסטאנטיזם, דעם רעפארמירטען קריסטענטהום (1483־1546).

„ „ וועענער — דייטשער שריפטשטעלער אין היינע׳ס צייט.

„ 14 דער גרויסער פריץ — קעניג פריעדריך דער צווייטער (דער גרויסער) פון פרייסען. (1712־1786).

„ „ פאטסדאם — א שטעדטעל לעבען בערלין, וואו עס געפינט זיך דאס שלאס פון דייטשען קייזער.

„ „ סאנסוסי — (אהן זארג), דער נאמען פונ׳ם שלאס.

„ „ Oeuvres posthumes' — נאכ׳ן־טויט־ווערק, ארויסגעגעבענע נאך זייער פערפאסער׳ס טויט.

„ 16 די לאנגע פערוקען — פארוקען וואס זענען דעמאלט געווען אין דער מאדע.

„ 17 אטישער זאלץ — דער שארפער וויץ דורך וועלכען די בעוואוינער פון דער גריכישער פראווינץ אטיקא (הויפטשטאדט: אטהען) זענען געווען בעוואוסט.

„ 18 אספאסיא — א העטערע (אונמאראלישע פרוי), בעריהמט דורך איהר שעהנהייט און בילדונג, פריינדין פון פעריקלעס, דעם בעריהמטען אטהענישען שטאאטסמאן (ארום 450 פאר קריסטוס).

„ 19 נעקטאר — געטראנק וואס די געטער האבען געטרונקען לויט דער גריכישער מיטהאלאגיע.

„ 19 סיקאפאנטען — היפאקריטען.

„ „ אריסטאפאניש — ווי ביי אריסטאפאנעס, דעם בעריהמטען אלט־גריכישען קאמעדיען־שרייבער, וואס האט געלעבט אין דער צייט פון פעריקלעס.

„ „ דעמאסטהענעס — דער גרעסטער גריכישער רעדנער, האט געלעבט אין טהעבען און אנגעפיהרט א קאמפף געגען פיליפ פון מאקעדאניען, פאטער פון אלכסנדר מוקדון, וועלכער האט צו זיך אונטערווארפען די גריכישע שטעדט.

„ 20 סאקראטעס — דער בעריהמטעסטער גריכישער דענקער און מאראליסט, האט געלעבט אין דער צייט פון פעריקלעס.

„ „ דעמאס — הייסט א יעדער שבט, אין וועלכען די בעוואוינער פון אטיקא זענען איינגעטהיילט געווארען.

„ „ a l'enfant — ווי א קינד.

„ 21 אַרמיניוס — דער אָנפיהרער פון דייטשען שטאַם כערוסקער, האָט צוקלאַפּט די רוימישע לעגיאָנען פון קווינטיליוס וואַרוס אין טעאוטאָבורגער וואלד (אין יאָהר 9 פאר קריסטוס).

„ „ אַפּאָללאָ פון בעלוועדער — די שעהנסטע סטאַטוע פון גאָט אַפּאָלאָ.

„ „ דו יוטער יאַטט — (דו גוטער גאָט) אויף בערלינער דיאַלעקט.

„ 22 טוסנעלדא — פרוי פון ארמיניוס, דעם כערוסקער.

„ „ טהיערש — דייטשער געלעהרטער (אין גריכיש) און ערציהער.

„ 23 ליכטענשטיין — אַ שלאָס אין מיטעל־דייטשלאנד.

„ „ אַלקיביאַדעס — תלמיד פון סאָקראַטעס, שפּעטער גענעראל און פעררעטהער פון אַטהען אין 30־יעהריגער פעלאָפּאָנעזישען קריעג צווישען אַטהען און ספּאַרטא.

„ 24 פּריטאַנערטהום — דער פאָרזיץ איבער דער „בולע“ (פּארלאמענט) אין אַטהען געגעבען פאר אַ באשטימטע צייט צו יעדען שבט.

„ 36 אינסברוק — הויפּטשטאָדט פון טיראָל (עסטרייך).

„ „ Guide des Voyageurs — אַ וועגווייזער. (אַ בוך פאר רייזענדע).

„ „ רודאָלף פון האבסבורג — דער ערשטער דייטשער קייזער וואָס איז אויסגעקליבען געוואָרען אין 1218 פון די קורפירסטען.

„ 37 a fine exhibition very fine, indeed — אַ וואוילע אויסשטעלונג, באמת, אַ זעהר וואוילע.

„ 39 bonne societe — גוטע געזעלשאַפט.

„ 43 Onavis referent in mare te novi fluctus — שיף, עס טראָגט דיך אין ים ווידער אַ נייע פלוט! (דער אָנהויב פון אַ ליעד פון האראץ).

„ 45 טיראָלער בוא'ם — יונגע לייט (באָים) פון טיראָל.

„ 50 אימערמאַן (קאַרל) — אַ גע'שמד'טער איד, דייטשער דראַמען־שרייבער, צייט־גענאָסע פון היינריך היינע.

„ „ זאַמדווירטה האָפער, — אַנחרעאַס האָפער, אַ טיראָלער פּאַטריאָט האָט אָנגעפיהרט אַן אויפשטאַנד געגען נאַפּאָלעאָן (אין 1809).

„ 46 the west end of the town — די מערב זייט פון שטאָדט.

„ 51 לאַבירינטה מינאָטאור'ס, — מינאָטאור איז געווען אַ מאָנסטער אין דער גריכישער אינזעל קרעטא, וואָס האָט זיך געפונען לויט דער לעגענדע אין לאַבירינטה, וואו די מענשליכע קרבנות זיינע פלעגען זיך פערלירען און אַזוי צוקומען צו איהם און אויפגעגעסען ווערען.

„ 56 טריטאָנען — גריכישע מיטהאָלאָגישע פיגורען.

„ 59 dolce far niente — „זיס איז צו טהאָן גאָרנישט“.

„ „ וועגעטאַבעל—אַנימאַליש — ווי פלאנצונגען — ווי לעבעדיגע בעשעפּעניש׳ען.

„ 64 פעבוס, — גאָט פעבוס (פאָיבאָס) אַפּאָללאָ, גאָט פון זון און פּאָעזיע ביי די גריכען.

„ 65 קאָנציליום — דער בעריהמטער קירכען־קאָנגרעס אין טרענט צו ענטשיידען רעליגיאָנס־פראַגען. אָפּגעהאַלטען 1543-63.

„ 67 פראַנצאַ — מיטאָג מאָלצייט.

„ „ באָטעגאַ — אַ געשעפט, אַ געוועלב.

„ „ סאָרבעט — אַ געטרענק.

„ 68 אברוצער — פון אַברוצי, די פּראָווינץ אין צענטער פון איטאַליען.

„ 71 ראָסיני divine maestro — ראָסיני, דער געטליכער קאָמפּאָזיטאָר.

„ „ ראָמולוס — דער לעגענדאַרישער בעגרינדער פון רוים, 759 פאַר קריסטוס.

„ „ ראָמולוס אוגוסטוס — דער לעצטער רוימישער קייזער, 475 נאָך קריסטוס.

„ 72 הארמאָדיוס און אריסטאָגעיטאָן — צוויי אַדעליגע אַטהענער וואָס האָבען געטויט דעם טיראַן היפּאַרכוס פון אַטהען.

„ 73 פרימאָ אואָמאָ און פרימא דאָננאַ — „ערשטער" מאַן און „ערשטע" פרוי, וואָס שפּיעלען די הויפּטראָלען אין אַן אָפּערע.

„ „ אַרלעקינאָ, טאַרטאַגאַליאַ, בריגעלאַ, פּאַנטאַלאָן, — קאָמישע פיגורען פון דער איטאַליענישער קאָמעדיע.

„ 78 וועטורינאַ — פוהרמאַן פון אַ וועטורא (קאַרעטע).

„ 79 Piazza di San Marco — דער בעריהמטער סקווער סאַן מאַרקאָ אין ווענעדיג.

„ „ פּאַנדעקט — קאָדעקס פון געזעצען.

„ 80 il signor padre — דער הערר פאָטער.

„ 82 Piazza dei Signori — פּלאַץ פון די האַרען.

„ „ Scala degli Ammazati — טרעפּ פון די גע־הרג'עטע.

„ 83 טהעאָדאַריך — דער גרויסער קעניג פון אָסטראָגאָטען.

„ „ דיעטריך פון בערן — לעגענדארישער דייטשער גבור.

„ „ אלבאָאין — לאָמבארישער קעניג. האָט איינגענומען איטאַליען אין 568.

„ „ קאַראָלוס מאַגנוס — קאַרל דער גרויסער, דער ערשטער קייזער פון דייטשלאַנד (742-814).

„ 84 פיאַצצאַ דעללע ערבע — סקווער פון פלאַנצונגען.

„ „ פּאָדעסטאַ — בירגערמייסטער פון אַ שטאָדט.

„ 86 לודוואיקאָ אריאָסטאָ (1474—1533) — בעריהמטער איטאַליענישער דיכטער.

„ 86 לודוויג טיעק — בעוואוסטער דייטשער דיכטער און איבערזעצער.

„ „ קאַפּולעט — פאָרנעהמע משפחה פון וועראָנאַ.

„ „ סקאַליגער — בעריהמטע משפחה פון געלעהרטע אין איטאַליען.

" 87 טרופאלדינא און סמעראלדינא — פיגורען פון דער איטאליענישער קאמעדיע.

" " הערקולאנעום און פאמפעי — צוויי פון די שטעדט לעבען נעאפאל, וואס זענען פערשאטען געווארען אין בעריהמטען אויסברוך פון וואולקאן וועזאוויוס אין יאהר 68 נאך קריסטוס.

" 90 טיבעריום סעמפראניום — א רוימישער קייזער.

" 91 סאן גראנדע — דער גרויסער קאנאל אין ווענעדיג.

" 92 Due Torri — צוויי טורעמס.

" 95 פרוי פון סטאעל — בעריהמטע פראנצויזישע שריפטשטעלערין.

" 97 Carozza — קארעטע.

" 98 Cameriere — קעלנער.

" " Croce Bianca — ווייסער קרייץ.

" 99 boeuf a la mode — אקסען־פלייש לויט דער מאדע.

" 101 Crcciata in Egtito — קרייצצוג אין מצרים.

" " furore — פוראר, ווילדקייט.

" 102 ברענא און אמבראזיאנא — בעריהמטע ביבליאטעקען.

" " אמבראזיא — די שפייז פון די געטער לויט דער גריכישער לעגענדע.

" " יאן סטעען — בעריהמטער האלענדישער מאלער (1679-1626).

" " לאנג־ארנא — דער טייל פון פלארענץ, וואס ליגט ביים טייך ארנא.

" 103 גאלעאטא וויסקאנטי — איינער פון דער פאמיליע וויסקאנטי, וואס האט געהערשט איבער מילאן.

" 105 ברומעיר — דער חודש פעברואר אין פראנצויזישען, רעוואלוציאנערען קאלענדער.

" " מארענגא — פלאץ פון א בעריהמטער שלאכט צווישען נאפאלעאן און עסטרייך.

" 107 ultimae rationes — לעצטע טעמים.

" 111 דיעביטש — גרויסער דייטש־רוסישער גענעראל, האט אונטערדריקט דעם פוילישען אויפשטאנד פון 1830.

" " Allons enfants de la patrie „קומט קינדער פון פאטערלאנד" דער אנהויב פון דער מארסעליעזע אין פראנצויזיש.

" " טארישער פון „טארי" — די קאנסערוואטיווע פארטיי אין ענגלאנד.

" 119 נעפטון — דער גאט פון ים אין דער רוימישער מיטהאלאגיע.

" 120 סטראדא נואווא — נייע גאס.

" " פאאלא וועראנעזע — בעריהמטער איטאל. מאלער

" " רובענס — בעריהמטער פלעמישער מאלער (1577-1640)

" 121 קירמעס (קירכמעסע) — יאריד לכבוד א קריסטליכען יום־טוב.

זייט 131 בעדלאם, סט. לוזע — משוגעים הייזער אין ענגלאנד.

„ 142 עטשעלענצא — עקסצעלענץ.

„ „ לואידאָר — אַ פראנצויזישע גאָלד־מינץ אין ווערט פינף דאָלאַר.

„ 145 פּאָלי — אַמאָליגע איטאַליענישע מינצען פון קליינ־געלד.

„ „ סטראַקקינאַ — לאָמבארדישער קעז.

„ 150 אקטעאָן — אין דער גריכישער לעגענדע אַ יעגער. ער האָט געזעהן די געטין דיאנא ביים באָדען, האָט זי איהם פארוואנדעלט אין אַ הירש, און ער איז פון זיינע אייגענע הינד צוריסען געוואָרען.

„ 151 האָפמאַן און קאַמפּע — אַ באוואוסטער דייטשער פערלאג. ער האָט ארויסגעגעבען היינע'ס ווערק.

„ „ אינאַמאָראַטאַ — געליעבטע.

„ 154 דיאָניזאָס אָדער באקכוס — דער גאָט פון וויין אין דער גריכיש־רוימישער מיטהאָלאָגיע.

„ „ אריאדנע — זי האָט ארויסגעהאָלפען טהעזעאוס פון מינאָטאַור.

„ „ עוואָע באַקכע! ⇐ הא, באַקכוס!

„ „ פּאַטיטאַ — געליטענער.

„ 155 סעלאַדאָן — ליעבהאָבער.

„ 157 דיאבל באַאטע — דער הינקענדיגער טייוועל.

„ 162 קאָרסאַרען — ים־רויבער.

„ „ אבאַטע — אויבערשטער פון מאָנאַכען.

„ 164 קאַנאָווא — גרויסער איטאַליענישער סקולפּטאָר אין אָנהויב פון 19טען יאָהרהונדערט.

„ 166 Dottore — דאָקטאָר.

„ 167 Bella Cosa — אַ שעהנע זאך.

„ 170 פרענקלין (בנימין פרענקלין) — דער בארימטער אַמעריקאנער פריוהייטס־קעמפּפער און ערפינדער פון דעם בליץ־אָפּלייטער.

„ 171 מעדוזא (גריכישע מיטהאָל.) — — האָט געהאט שלאנגען אנשטאָט האָר אויף איהר קאָפּ. ווער עס האָט זי אָנגעקוקט איז געוואָרען אַ שטיין. פּערזעאוס'ן האָט זיך איינגעגעבען איהר קאָפּ אָפּצושניידען.

„ 175 פראנטשעסקאָני — אַן אַמאָליגע איטאַליענישע מטבע.

„ 177 פּלעזיר — פארגניגען.

„ 184 דיאָגענעס — אַ גריכישער פילאָזאָף, באגרינדער פון דער צינישער שולע.

„ 185 דיאַררעטיקוס, אנטיפּאָדעקס — פארדרעהטע לאטיינישע ווערטער: ריכטיג איז טהעאָרעטיקוס, (דיאררעטיקוס האָט אַיכות מיט דיאררהעאַ, אַ לויזער מאָגען), שטאט אַנטיפּאָדעקס דארף זיין אַנטיפּאָד (וואָס בעדייט „דער היפוך", פּאָדעקס באדייט: דער הינטער־חלק פון קערפּער).

„ 187 Sal mirabile Glauber — דער לאטיינישער נאָמען פון ביטער זאלץ.

„ 189 בראַבאַנט — אַ נאָמען פון אַ טייל פון האָלאנד און בעלגיען.

„ 196 עלדאָראַדאָ — גן־עדן אין שפּאניש.

„ 197 אולטרא־פאפיסט — עקסטרעמער קאטהאליק.

„ 200 au desespoir — ביז צו פערצווייפלונג.

„ „ גראף פאן פלאטען — א באוואוסטער דייטשער פאעט אין היינע'ס צייט.

„ 203 גאזעלען אדער גהאזעלען — א פערזישע פארם פון פאעזיע, א מוסטער ווערט געגעבען אויף זייט 202.

„ 211 ערלאנגען — א באוואוסטע שטאדט אין צענטראל דייטשלאנד.

„ 216 קלאורען, שלעגעל — דייטשע שריפטשטעלער אין היינע'ס צייט.

„ 217 ראמלער — א באוואוסטער דייטשער פאעט אין 18־טען יאהרהונדערט.

„ „ אריאן — א באריהמטער פאעט און מוזיקער אין גריכענלאנד, לעגענדאריש.

„ 218 Chacun a son gout — יעדער לויט זיין געשמאק.

„ 219 Cta denique spectata quae *et in femina nex operit — אלעס איז צו ערווארטען (זעהען) וואס די נאכט טהוט אויף אין דער פרוי.

„ 200 פאליאנדריע — פיעל־מענערשאפט.

„ 222 קראניאן — איז זעאוס, דער גרעסטער גריכישער גאט, זיין טאכטער איז פאללאס אטהענע.

„ 225 „די נאטירליכע טאכטער" — א דראמע פון געטהע, „די כלה פון מעסינא", א דראמא פון שילער.

„ 226 רופיאנא — אין איטאליען א פערמיטלער פון זונות.

„ 232 a posteriori — פון הינטען ארום.

„ 235 איימענידען — די פוריען, די געטינען פון נקמה אין דער גריכישער מיטהאלאגיע.

„ 236 דאן קיכאטע דע לא מאנטשא — דער וועלט־באריהמטער ראמאן פון שפאנישען שרייבער סערוואנטעס.

זייט 240 ארפעאוס — לעגענדארישער מוזיקער און היכטער פון דער גריכישער מיטהאלאגיע.

„ 241 אטלאנטים — לעגענדארישע אינזעל אין אטלאנטישען ים לויט דער גריכישער לעגענדע.

„ „ היעראפאנטען — פריעסטער אין פארצייטיגען מצרים.

„ 245 לינגע — באריהמטער שוועדישער זאאלאג.

„ 247 טאסקאנא — איטאליענישע פראווינץ.

„ „ Caro Cecco — ליעבער טשעקא (פארקירצט פון פראנטשעסקא).

„ „ Occhie stele Mertali — אויגען שטערבליכע שטערען.

„ 251 הינדוסטאן — — פראווינץ אין אינדיען.

„ „ סאקונטאלא, וואזאנטאסענא — נעמען פון אלטע אינדישע דראמען.

„ 252 „יונגפרוי פון ארלעאנס" — נאמען פון שיללער'ס א טראגעדיע.

„ „ געזעניוס, — באריהמטער דייטשער פערפאסער פון א העברעאישע גראמאטיק און ווערטערבוך.

„ „ מופטים — מחמד׳אנישע גלחים.

„ „ דאמיניקאנער — אָרדען פון מאָנאַכען אין דער קאטהאָלי־שער קירכע.

„ 258 קאפוצינער — קאטהאָלישער אָרדען פון מאָנאַכען.

„ „ דענאָ, בעלזאָני — אויספאָרשער פון מצרים.

„ 263 דאלאראזא — די לוידענדע.

„ 265 Croce del Matto — צלם פון מאַטטאָ.

„ 266 vita della mia vita — לעבען פון מיין לעבען.

„ 267 פאלעסטרינא — גרויסער איטאַליעניש ער קאָמפּאָזיטאָר פון קירכען מוזיק.

„ 269 Delightful — ענטציקענד.

„ „ קאטאלאני — אַ באוואוסטע זינגערין.

„ 270 מאקיאוועלי — איטאַליעניש ער שטאַאטסמאַן און שריפט־שטעלער.

„ „ סאלוסט — רוימישער היסטאָריקער.

„ „ דעל סארטא — באריהמטער איטאַליענישער מאָלער.

„ 273 un bon dieucitoyen׳ — אַ גוטער גאָט, בירגער.

„ 274 סטאלא — גלח׳ישער טראכט.

„ 277 I like this man — מיר געפעלט דער מאַן.

„ 278 פלוטארך — באריהמטער גריכישער ביאָגראף.

„ 280 פיאצצא — סקווער, פּלאץ.

„ 282 פיעדמאנט — פּראָווינץ אין צפון־מערב אין איטאַליען.

„ 283 קארבאנארי — איטאַליעניש ע רעוואָלוציאָנערען פון יענער צייט.

„ 284 עקקאַ — אָט דאָ איז!

„ 285 סאַקריסטאַן — בעאמטער פון דער קאטהאָלישער קירכע.

„ 290 in effigie — אין בילד.

„ 290 Capitale della Prussia — הויפּטשטאָדט פון פּרייסען.

„ 293 remplacant — פארנעהמענדיג דעם פּלאַץ פון

„ 298 סאַקרא — הייליגטהימער.

„ „ God damn — גאָט פערדאמט.

„ 299 אנטראפּאָמארפיסמוס — פאָרשטעלונג אין מענשען־גע־שטאַלט.

Mel in ore verba lactis

Fel in corde fraus in factis

האָניג אין מויל — ווערטער פון מילך

גאָל אין הארץ — בעטרוג אין די טהאָטען.

„ 301 High church of England — הויכע קירכען פון ענגלאנד.

„ 305 מארקוס ברוטוס — אַ רוימישער נאָבעלער, האָט געהאָל־פען ערמאָרדען צעזאר׳ן.

„ „ סאַנטשאָ פאַנסאָ (סאנטשאָ „בויך") — באגלייטער פון דאָן קיכאָט, אין ראָמאַן מיגועל סערוואנטעס דע סאָאוועדראָ; דולציענאָ — דאָס מיידעל פאר וועלכער דאָן קיכאָט האָט זיך איינגעבילדעט, אַז ער געהט קעמפען לויט׳ן ריטערליכען מנהג.

„ 311 ווירגיל׳ס טאָגאָ — דאָס געוואַנד פון דעם לאטייניש ען פּאָעט ווירגיל.

" 312 אמאדים פון גאליען (פראנקרייך) — נאמען פון א העלד אין א ריטערליכען ראמאן פון מיטעלאלטער. ראלזאן — א מאנט — נעמען וואס זענען דערמאנט אין יענעם ראמאן.

" 316 ex ungue leonem — פון'ם נאגעל (דערקענט מען) דעם לייב.

" 317 זשיראנדע — פארטיי אין פראנקרייך אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואלוציאן.

" 317 אוזורפאטארען פון אלימפ — פערכאפערס פון דער מאכט אויפ'ן בארג אלימפ, וואו די געטער וואוינען לויט דער גריכישער מיטהאלאגיע.

" " פעליאן און אסא — נעמען פון אנדערע בערג לעבען דעם אלימפ.

" " Comme il faut — ווי עס דארף צו זיין.

" " Aux armes citoyens ! — צו די וואפען בירגער! (פון דער מארסעליעזע).

" " טהעמים און פאן — האלב־געטער אין דער גריכישער מי־טהאלאגיע.

" " סאלאנען — אלטע חכמים, פון סאלאן, דעם קלוגען געזעצגע־בער פון ראטהען.

שלוסווארט.

זייט 1 בענווענוטא טשעליני — באריהמטער איטאליענישער אוואנטוריסט און סקולפטאר אין 16טען יאהרהונדערט.

" 2 קארל דער פינפטער — קייזער פון דייטשלאנד, אין דער צייט פון דער רעפארמאציאן.

" 3 tel est notre plaisir — אזוי געפעלט אונז, אזוי איז אונזער ווילען.

פעהלער־אויסבעסערונגען:

זייט 14 סאנסאקי דארף זיין: סאנסוסי.
" 17 פוט ווייס ביער — גוט ווייס ביער.
" 22 קוויטיניוס וואַכום — קוויטינליוס וואַכום.
" 33 אינדיאנער — הינדוסען.
" 43 ספאַטאַקער — ספארטאַנגער.
" 73 אודאָמע — אואָמאָ.
" 88 גלאיאטארען — גלאדיאטאָרען.
" 97 Carrozza — Corrzza
" 103 גאלעאדא — גאלעאטאָ.
" 121 פאול וועראנעא'ס — פאול ווערײַנעזע'ס.
" 126 עקסצעלענצא — עטשעלענצא.
" 140 לעטיצא — לעטיציא.
" 143 דיסקרעציאָן — אינדיסקרעציאָן.
" 150 בארווישט — איבעראשט.
" 151 באלאנא — באָלאָניא.
" 164 אבאט — אַבאַטע.
" " אבא — אַבאַטע.
" 184 לואיסדאר — לואידאָר.
" 220 פאַליאנדרע — פאַליאנדריע.
" 223 „איימעניד" — „איימענידען".
" 251 סאקאנטאלא — סאקונטאלא.
" " צניאות — צניעות.
" 259 גרויזע — גרייז־גרויע.
" 285 סארקיסטאן — סאקרעסטאָן.
" 289 פעדעריגא — פרעדעריגאַ.

אינהאלט:

זייט

די רייזע פון מינכען ביז גענוא — — — — — — — — 9
די בעדער פון לוקא — — — — — — — — — — 131
די שטאדט לוקא — — — — — — — — — — — 239
שפעטערדיגע נאכשריפט — — — — — — — 315
שלוסווארט.

אידיש: ר. אייזלאנד.

באמערקונגען.